STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11285

DI GESHIKHTE FUN TSIYENIZM

Barukh Ben-Yehudah

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ברוך בן־יהודה

די געשיכטע פון ציוניזם

א.

פון די ערשטע טעג ביזן
דערשיינען פון ד״ר הערצל

„יסודות״ — אַרויסגעגעבן פון דער „מחלקת החלוץ״
ביי דעם ועד הפועל פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל

כל הזכויות שמורות
נדפס בישראל
Printed in Israel

איבערדרוקן אָדער איבערזעצן דאס בוך אדער טיילן פון
אים — איז פארוועט אָן דער הסכמה פון דעם מחבר.
דאס בוך איז ניט צום פארקויפן.

דפוס קואופרטיבי „הפועל־הצעיר" בע"מ, תל־אביב.

* * *

די דאָזיקע „געשיכטע פון ציוניזם" איז אַן איבערזעצונג פון דעם העברעאישן בוך „תולדות הציונות, תנועת התחיה והגאולה בישראל" פון ד"ר ב ר ו ך ב ן ־ י ה ו ד ה, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „מסדה". דאָס בוך אַנטהאַלט די געשיכטע פון ציוניסטישן געדאַנק און טאַט, פון זייערע ערשטע שפּראָצונגען און אַנטפּלעקונגען ביז צום דערשיינען פון בנימין זאב הערצל.

מיר דריקן אויס אונזער דאַנקבאַרקייט דעם מחבר פון בוך, ד"ר ברוך בן־יהודה, ווי אויך דעם פאַרלאַג „מסדה" פאַר זייער דערלויבעניש אַרויסצוגעבן דאָס בוך אין יידיש פאַר דער חלוצישער יוגנט אין די גלות־לענדער.

דאָס בוך איז איבערגעזעצט געוואָרן דורך ב. מ ר ד כ י.

אינהאלט פון די קאפיטלען:

א. די דורות־בענקעניש צו ציון 7
ב. משיחיזם 14
ג. ציוניסטישע פאליטיק אין אלע דורות 26
ד. דער ציוניסטישער טאט אין אלע דורות 34
ה. די געבורטס־ווייען פון דער ציוניסטישער באוועגונג 47
ו. די אנזאגער פון ציוניזם אין מערב־און מיטל־אייראפע . . . 53
ז. די באגרינדער פון ציוניזם אין רוסלאנד 67
ח. גאולה־בשורות פון ציון 73
ט. אין ווענדעפונקט 91
י. פון יחידים צו מאסן 110
יא. די ערשטע עליה 123
יב. אַ גואל און גואלים 144
יג. חיבת־ציון בארג־אראפ 168
יד. אחד העם און די „כהנים פון פאלק" 188
טו. חיבת־ציון אין אויפשטייג 201
טז. שטרעמונגען און ווערטן 230

דער כותל מערבי

א. די דורות־בענקעניש צו ציון

אִם אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם, תִּשְׁכַּח יְמִינִי!
תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי!
(תהלים קל״ז).

דער ציוניזם — די שליחות פון אונזער תקופה.

שוין צענדליקער יאָרן ווי מיר ווענדן אָן אונזער גאַנצע ענערגיע און מי צו איין ציל: אומקערן זיך צו אונזער אַלטער פאָטערלאַנד, ארץ־ישראל. די מי פון אַ סך יאָרן איז ניט פאַרלאָרן געגאַנגען: מיר האָבן געלייגט יסודות פאַר אונזער פּאָליטישער, ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער אויפֿלעבונג אין ארץ־ישראל. די העבּרעאישע שפּראַך, וועלכע איז צוויי טויזנט יאָר געווען באַהאַלטן אין ביכער און שריפטן, האָט אויפגעלעבט אין אונזער מויל; גרויסע וויסטע שטחים אין ארץ־ישראל זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בליענדע גערטנער; מיט זיבעציק יאָר צוריק האָבן מיר געציילט אין לאַנד ניט מער ווי 20 טויזנט נפשות — און היינט זיינען מיר דאָ אַ קיבוץ פון 700 טויזנט. מיר האָבן אַריינגעבלאָזן האָפענונג אין די יידישע פאַריתומטע

קיבוצים, און זייער לעבן האָט באַקומען אַ נייעם אינהאַלט, נייע כוחות און אויסדויער אין זייער ליידן; מיר האָבן דערלעבט צו זען, ווי דער גרויסער הערלעכער חלום פון אַלע דורות געפייניקטע יידן ווערט פאַרווירקלעכט. אָבער די איבערוויגנדע מערהייט פון פאָלק איז נאָך אין גלות, און די גרעס־טע טייל פון אונזער לאַנד איז נאָך ניט אויסגעלייזט, דעריבער איז נאָך די ציוניסטישע שטרעבונג — דער ציל פון אונזער דור, פון אונזער תקופה.

די ציוניסטישע באַוועגונג און דער ציוניסטישער געדאַנק

די ציוניסטישע באַוועגונג איז פאַרהעלטניסמעסיק אַ יונגע באַוועגונג, וועלכע ציילט אין גאַנצן 65—75 יאָר; אָבער דער ציוניסטישער געדאַנק איז אַלט ווי די יאָרן פון יידישן פאָלק. די פאַרבינדונג פון פאָלק ישראל מיט ארץ ישראל גייט דורך ווי אַ רויטער שנור די גאַנצע געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, אָנהויבנדיק פון די ערשטע טעג פון זיין אור־אַלטער עקזיסטענץ.

אברהם אבינו האָט געהערט גאָטס שטים וואָס האָט גערעדט צו אים:

וְנָתַתִּי לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ
אֵת אֶרֶץ מְגֻרֶיךָ, אֵת כָּל אֶרֶץ כְּנַעַן
לַאֲחֻזַּת עוֹלָם.

[און איך וועל געבן דיר און דיינע קינדער נאָך דיר דיין וווין־לאַנד, די גאַנצע לאַנד פון כנען פאַר אַן אייביקן אייגנטום.]

די זעלבע שטים האָט אויך געזאָגט יצחקן:

וְנָתַתִּי לְזַרְעֲךָ אֶת כָּל הָאֲרָצוֹת הָאֵל
וַהֲקִמֹתִי אֶת הַשְּׁבוּעָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לְאַבְרָהָם אָבִיךָ.

[און איך וועל געבן דיינע קינדער די אַלע לענדער. און איך וועל ערפילן די שבועה וואָס כ׳האָב געשוואָרן אברהמען דיין פאָטער.]

און אויך צו יעקבן האָט גערעדט די שטים:

וְאֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לְאַבְרָהָם וּלְיִצְחָק לְךָ אֶתְּנֶנָּה,
וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ אֶתֵּן אֶת הָאָרֶץ.

[און דאָס לאַנד וואָס כ׳האָב געגעבן אברהמען און יצחקן, וועל איך געבן דיר, און דיינע קינדער נאָך דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד.]

אין איין צייט זיינען אין אונזער פאָלק צייטיק געוואָרן דאָס נאַציאָ־נאַלע באַוווסטזיין, די אמונה אין איין גאָט אין די דערקענטניש אין ציון אַלס פאָטערלאַנד.

אין דעם טאָג, ווען ס׳איז חרוב געוואָרן דער בית־המקדש און ס׳איז

פאַרלאָשן געוואָרן דער אש־התמיד אויפן מזבח, איז ניט פאַרטונקלט געוואָרן צוזאַמען מיט אים דאָס ליבע־געפיל צו אונזער לאַנד. פאַרקערט: אין דעם טאָג איז אָנגעצונדן געוואָרן אין די הערצער פון אונזערע אור־עלטערן דער אש־תמיד, די פייערדיקע שטרעבונג צו ציון. די גאַנצע ליטעראַטור, פון די עלטסטע צייטן און ביז היינט, איז באַלויכטן מיט דער פייער־ליבע צו ציון. דער תלמוד, די ליטעראַטור וואָס ס׳איז באַשאַפן געוואָרן דורך די גאונים און די רבנים, די פיוטים, די קבלה און די חסידות, ווי אויך די נייע שאַפונגען אין עברית — אַלץ איז אָנגעזאַפּט מיט בענקעניש און שטרעבונגען צו ארץ־ישראל. דער ציוניסטישער געדאַנק איז געוואָרן דער עיקר פון יידנטום, און אונזערע חכמים ז״ל האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון אונזער לעבן:

ישיבת ארץ־ישראל שקולה כנגד כל המצוות שבתורה.
[די מצוה פון וווינען אין ארץ־ישראל איז חשוב ווי אַלע מצוות פון דער תורה צוזאַמען].

כל המהלך ארבע אמות בארץ־ישראל מובטח לו שהוא בן עולם הבא.
[דער וואָס גייט פיר איילן אין ארץ־ישראל, איז פאַרזיכערט מיט עולם הבא].

כל הדר בארץ־ישראל דומה שיש לו אלוה.
[דער וואָס וווינט אין ארץ־ישראל האָט אַ גאָט].

כל הדר בחוץ לארץ כאילו עובד עבודה זרה.
[דער וואָס וווינט אין חוץ־לארץ — איז אַזוי ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה].

אין השכינה שורה אלא בארץ־ישראל.
[די שכינה רוט נאָר אין ארץ־ישראל].

ציון אין די תפילות.

כדי צו היטן, אַז די ליבע צו ארץ־ישראל זאָל ניט פאַרלאָשן ווערן אין גלות, האָבן אונזערע חכמים מתקן געווען תקנות און מנהגים. דריי מאָל אין טאָג ווענדט זיך יעדער ייד מיטן פּנים צו ירושלים און איז מתפלל אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות. די וויכטיקסטע תפילה — שמונה עשרה — איז דורכגעפלאָכטן אינגאַנצן מיט בענקעניש צו ציון. זעקס פון די ניינצן תפילות אין שמונה עשרה זיינען געווידמעט ארץ־ישראל:

רְאֵה נָא בְעָנְיֵנוּ וְרִיבָה רִיבֵנוּ ואאז״וו.
תְּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל לְחֵרוּתֵנוּ ואאז״וו.
הָשִׁיבָה שׁוֹפְטֵינוּ כְּבָרִאשׁוֹנָה ואאז״וו.
וְלִירוּשָׁלַיִם עִירְךָ בְּרַחֲמִים תָּשׁוּב ואאז״וו.
אֶת צֶמַח דָּוִד עַבְדְּךָ מְהֵרָה תַצְמִיחַ ואאז״וו.
וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים.

נאָך יעדער עסן ביים בענטשן בעט דער ייד:

רַחֶם נָא, ה׳ אֱלֹהֵינוּ, עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ
וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ וְעַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ או״ו.
וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

אויך אין די יומטובים געדענקט מען ירושלים און מען דערמאָנט זי אין בענקעניש און אומעט: פסח, ביים אָנהויב „סדר״, עסט מען געקאָכטע אייער אַלס „זכר לחורבן״, און ביים סוף „סדר״ שטייען אַלע אויף פון זייערע ערטער און שרייען אויס:

לַשָּׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם!

און אפילו אין יום הכפורים, דער הייליקסטער טאָג אין יאָר, איז מען מתפלל:

אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה
בִּרְאוֹתִי כָּל עִיר עַל תִּלָּהּ בְּנוּיָה
וְעִיר אֱלֹהִים מֻשְׁפֶּלֶת עַד שְׁאוֹל תַּחְתִּיָּה.

[איך דערמאָן זיך און איך וויין,
ווען איך זע יעדע שטאָט שטייט גאַנץ
און גאָטס שטאָט (ירושלים) איז דערנידערט ביז צום תהום].

דער תענית ענדיקט זיך מיט שופר־בלאָזן און מיט אַ תפילה־געשריי פון ציטער און האָפענונג:

לַשָּׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם!

טרויער־טעג נאָכן חורבן.

באַזונדערע טעג אין יאָר זיינען באַשטימט געוואָרן אַלס טרויער־טעג אויפן חורבן פון אונזער לאַנד: עשרה בטבת — אין דעם טאָג האָט נבוכדנצר, דער קעניג פון בבל, באַלאַגערט צו ערשט ירושלים. שבעה עשר בתמוז — נבוכדנצר האָט איינגענומען ירושלים. צום גדליהו (ג׳ תשרי) — אין דעם טאָג איז געהרגעט געוואָרן גדליהו בן אחיקם, דער לעצטער שריד פון דער יהודה־הערשאַפט אין לאַנד; און איבער אַלע — תשעה באב — אין דעם גרויזאַמען טאָג זיינען חרוב געוואָרן דער ערשטער און צווייטער בית־המקדש. אין די טעג איז מען מתפלל און מען זאָגט פאַרשיידענע פיוטים, געווידמעט די „אַמאַליקע טעג״, ווען דאָס פאָלק איז געזעסן אין זיין לאַנד. די „דריי וואָכן״, צווישן י״ז בתמוז און תשעה באב, זיינען טרויער־טעג



ירושלים

אויפן חורבן פון ירושלים. באַזונדער איז שווער דער טרויער אין די „ניין טעג" צווישן ראש־חודש אב און תשעה באָב. אין די טעג טאָר מען נישט עסן קיין פליייש, טרינקען וויין, אָנטאָן אַ נייעם בגד אָדער עסן אַ פרוכט וואָס ווערט ערשט צייטיק. תשעה באב אַליין איז דער גרעסטער טרויער־טאָג: מען פאַסט, מען באַוויינט דעם חורבן פון בית־המקדש און מען זאָגט קינות (טרויער־תפילות), וועלכע פאַרענדיקן זיך:

הֲשִׁיבֵנוּ, ה', אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה,
חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם!

[קער אונז אום, גאָט, צו דיר, באַניי אונזערע טעג ווי אַמאָל!]

זכר לחורבן

אָבער ניט נאָר אין געוויסע טעג אין יאָר, נאָר יעדן טאָג און יעדע שעה האָט דער ייד דערמאָנט ירושלים און אין יעדער שמחה זיינע אַריינגעטריפט אַ טראָפּן טרויער. ביי דער חופה צעברעכט מען אַ גלאָז — אַלס זכר לחורבן. אין אַ נייער שטוב לאָזט מען איבער אויפן וואַנט אַן אייל נישט־פאַרקאַלכט אָרט — אַלס זכר לחורבן. און די אבלי ציון, די פרומע יידן פלעגן אויפשטיין אין מיטן נאַכט און פראַוון „תקון חצות" — וויינען און קלאָגן אויף חורבן ירושלים, זיצנדיק אויף דער ערד און זאָגנדיק קינות. אויך נאָכן טויט פלעגט מען צוקאָפּנס דעם טויטן אַוועקלייגן אַ זעקל ארץ־ישראלדיקע זאַמד. דער יתום זאָגט קדיש:

„— — — וְיָקְרֵב מְשִׁיחֵהּ בְּחַיֵּיכוֹן וּבְיוֹמֵיכוֹן וּבְחַיֵּי דְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל וכו'"

[און ער זאָל ברענגען משיח'ן אין אייער לעבן און אין אייערע טעג און אין לעבן פון דאָס גאַנצע הויז ישראל...].

מיט אמתער געטריישאַפט האָבן יידן געהיט די שבועה, וועלכע זיי האָבן געשוואָרן אויף די טייכן פון בבל:

„אִם אֶשְׁכָּחֵךְ, יְרוּשָׁלָיִם, תִּשְׁכַּח יְמִינִי!
תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי!"

[אויב כ'וועל דיר פאַרגעסן, ירושלים, זאָל פאַרגעסן ווערן מיין רעכטע האַנט!
זאָל מיין צונג צוגעקלעבט ווערן צו מיין גומען, אויב כ'וועל דיר ניט געדענקען!].

אויף איין טאָג, אויף איין שעה האָבן זיי ניט פאַרגעסן זייער לאַנד. אַלע מנהגים און טאַטן האָבן זיי אַרומגעפלאָכטן מיט די זכרונות פון עבר אין ארץ־ישראל און מיטן גלויבן אומצוקערן זיך צו איר. און אַזוי איז די יידישע אמונה געוואָרן דער זאַמלפונקט פאַר דעם טרויער אויף אונזער פאַרלאָרענער היים און פאַרן גלויבן אין איר ווידעראויפלעבונג.

די תפילות און די מנהגים האָבן טיף איינגעקריצט אין די יידישע הערצער די ליבע צו ירושלים און ארץ־ישראל. פון צייט צו צייט פלעגט דאָס פאָלק דורך דער שטאַרקער בענקעניש צו ציון אויפברויזן ווי אַ שטורעם־ווינט, זוכנדיק וועגן פון גאולה און דערלייזונג.

דורך דריי וועגן האָט דאָס פאָלק געפּרווט, אין משך פון לאַנגן פינצטערן גלות, צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם: דורכן משיחיזם, דורך פּאָליטישער טעטיקייט און דורך עליה קיין ארץ־ישראל. די לאַנגע יידישע געשיכטע איז פול מיט גרויסאַרטיקע העראָישע פּרוון אומצוקערן זיך אין ארץ־ישראל. די געשעענישן זיינען פאַרפלאָכטן איינע מיט דער אַנדערער, און ניט תמיד איז לייכט אונטערצושיידן צווישן משיחישע געשעענישן, פּאָליטישע און פּראַקטישע. אַמאָל פלעגט טרעפן אַז אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע דערשיטערונג אין דער וועלט פלעגט אויפוועקן אַן עליה־שטראָם קיין ארץ־ישראל, און די דאָזיקע עליה פלעגט בילדן אַ פּאָליטישע געשעעניש און אַרויסרופן אויך אַ משיחישע באַוועגונג. און אַמאָל פלעגט דער „משיח" אַליין אָננעמען פּאָליטישע מיטלען מיטן צוועק צו דערגרייכן דעם ציל — און די וויסט ניט: צי איז ער אַ „משיח" אָדער אַ שטאַטסמאַן? דאָך לאָזן זיך אונטערשיידן די דריי ריכטונגען: די משיחישע, פּאָליטישע און פּראַקטישע. אָבער זיי אַלע האָבן געהאַט איין ציל: פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם.

ב. משיחיזם

כִּי עוֹד חָזוֹן לַמּוֹעֵד, וְיָפֵחַ לַקֵּץ וְלֹא יְכַזֵּב.
אִם יִתְמַהְמָהּ חַכֵּה לוֹ, כִּי בֹא יָבֹא, לֹא יְאַחֵר.
(חבקוק ב׳ ג׳)

דער משיח — אַלס אויסלייזער פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

דער משיחישער געדאַנק איז געבאָרן געוואָרן אין ארץ־ישראל, אין דער צייט ווען יידן זיינען נאָך געזעסן אויף זייער ערד. די נביאים, וועלכע האָבן געזען די שליטה פון אומרעכט און די ירידה פון מוסר און גערעכ־טיקייט אין זייערע טעג, האָבן נביאות געזאָגט וועגן א הערלעכן מאָרגן, ווען די פעלקער וועלן צעברעכן זייערע שווערדן און מאַכן פון זיי אַקעראייזנס און „ווען אַ וואָלף וועט וווינען מיט אַ שעפּס״. דער וועלט־צענטער פון גערעכטיקייט וועט זיין ציון, און פון איר וועט אַרויס די לערע פון אמת פאַר דער גאַנצער וועלט.

און אַז ס׳איז חרוב געוואָרן ירושלים — איז געוואָרן דער משיחיזם די אידייע וואָס דאַרף דערלייזן דעם יידישן פאָלק און ממילא — אויך די גאַנצע מענטשהייט. אונזער גרעסטע בענקעניש איז געווען צו משיחן. יעדער דור האָט געשאַפן נייע אמונות און געחלומט נייע גאולה־חלומות וועגן משיחן. יעדער פאָטער פלעגט איבערגעבן זיין זון, יעדע מוטער — איר טאָכטער, יעדער לערער — זיין תלמיד, און אַזוי פלעגן זיי איבערגעבן אין משך פון די לאַנגע גלות־דורות דעם סוד פון אונזער בטחון אין די צוקונפט, דעם סוד וואָס וועט זיך אַנטפּלעקן אין דעם סוף פון די טעג (באחרית הימים). יעדער דור האָט צוגעגעבן נייע טרוימען צום גרויסן טרוים לויט די באַדערפענישן פון דער צייט, כדי צו מוטיקן און צו שטאַרקן דאָס פאָלק אין זיינע צרות. אין משך פון דורות איז די אמונה אין משיחן געווען דער יידישער חלום אויף אַ בעסערן מאָרגן, און איז געוואָרן פאַררעכנט אַלס איינע פון די דרייצן עיקרים פון דער יידישער אמונה לויטן רמב״ם:

אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ,
וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ —
עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם שֶׁיָּבֹא.

[איך גלויב מיט אַן אמתער אמונה אין משיחס קומען, און כאָטש ער זאַמט זיך —
וואַרט איך יעדן טאָג ער זאָל קומען.]

עס באַטייט: דער וואָס לייקנט אין משיחן — איז אַ כופר בעיקר.

משיח וועט אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק און אויך די גאַנצע מענטש־הייט. ער וועט שטאַמען פון דוד המלך׳ס משפחה. עד וועט דערשיינען ווי אַ פּאָלקס־מענטש אויף אַ ווייסן אייזל און וועט פירן אַלע יידן קיין ארץ־ישראל. ציון וועט דאַן אויפגעבויט ווערן אַלס צענטער פון אמת און גערעכ־טיקייט, און איר ליכט וועט לייכטן אויף דער גאַנצער וועלט און וועט קיין מאָל שוין מער ניט הרוב ווערן.

די ליידן פון משיחן

משיח וועט דערשיינען פּלוצעם, אָבער פּאַר זיין קומען וועלן יידן ליידן אַ געוויסע צייט פון שרעקלעכע צרות. די ליידן הייסן: „חבלי משיח". די גאַנצע וועלט וועט זיין דאַן אין גרויסע סכנות פון הונגער, עפּידעמיעס און מלחמות. די גערעכטיקייט וועט דערנידערט ווערן ביז צו דער ערד, דער אמת וועט געטראָטן ווערן מיט די פיס. אָבער דערהויפּט וועט ליידן שרעק־לעך דאָס יידישע פאָלק. ס׳וועט זיך דוכטן, אַז אָט־אָט שטייט עס פאַר אַבסאָלוטן אונטערגאַנג — און דאַן וועט קומען משיח.

צו ערשט וועט קומען אליהו הנביא מבשר צו זיין די בשורה פון משיחן. ער וועט שטיין אויף די בערג פון ארץ־ישראל, וויינענדיק און קלאָגנדיק אויף זיי, און ער וועט זאָגן:

הָרֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!
עַד מָתַי אַתֶּם עוֹמְדִים בְּחֹרֶב, צִיָּה וּשְׁמָמָה?
וְקוֹלוֹ נִשְׁמָע מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ.

[בערג פון ארץ־ישראל!
ביז וואַנען וועט איר שטיין אין טרוקעניש און וויסטעניש?
און זיין קול וועט גיין פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן].

נאָך אים וועט קומען משיח בן יוסף, ער וועט מלחמה האַלטן מיט די יידישע שונאים. די גאַנצע וועלט וועט זיין קעגן אים. שרעקלעכע מלחמות וועלן אויסברעכן, די וועלט האָט נאָך אַזוינע ניט געזען — די מלחמות צווישן גוג און מגוג:

כָּל מַלְכֵי אֻמּוֹת הָעוֹלָם מִתְגָּרִים זֶה בָּזֶה,
וְכָל אֻמּוֹת הָעוֹלָם מִתְרַעֲשִׁים וּמִתְבַּהֲלִים
וְנוֹפְלִים עַל פְּנֵיהֶם
וְאוֹחֲזִים אוֹתָם צִירִים כְּצִירֵי יוֹלֵדָה.

[אַלע מלכים פון דער וועלט קריגן זיך איינער מיטן צווייטן,
און אַלע פעלקער ווערן צעטומלט און דערשראָקן
און פאַלן אויף זייערע געזיכטער צו דער ערד
אין גרויסע ווייטיקן, ווי די ווייטיקן פון אַ פרוי אין געבורט].

משיח בן־יוסף וועט שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס און וועט פאַריאָגן זיינע שונאים אין אַלע זייטן, אָבער ער אַליין וועט פאַלן אין קריג. דאַן וועט קומען משיח בן־דוד; ער וועט צונויפזאַמלען אַלע יידן און זיי פירן אין ארץ־ישראל.

און דוקא די הערלעכע פאַנטאַזיע אין אמונה, וועלכע דאַרף פאַר־ווירקלעכט ווערן דורך נסים, האָט געבראַכט צו מעשים. היות אַז ס׳איז ניט באַוווסט געווען דער טאָג פון משיחס קומען, דעריבער וואַרט מען אויף אים יעדן טאָג, און דעריבער קאָן יעדער טאָג זיין דער טאָג פון זיין קומען; און היות אַז ס׳איז ניט באַוווסט ווער ס׳שטאַמט פון בית דוד — קאָן יעדער ייד, וואָס זיין האַרץ איז דורכגעדרונגען מיט די צרות פון פאָלק, זען זיך אַליין אַלס משיח!

פאַלשע משיחים

דעריבער זיינען פון צייט צו צייט אויפגעשטאַנען מענטשן, וועלכע האָבן זיך געקרוינט אַלס משיחים. באַזונדערס איז עס געשען אין שווערע צייטן פאַרן פאָלק, ווען די צרות און די גזירות האָבן זיך פאַרשטאַרקט. און שטענדיק זיינען המונים, דורשטיקע נאָך גאולה, געגאַנגען נאָכן רוף פון די משיחים. זייער אַ סך משיחים זיינען אויפגעשטאַנען אויסלייזן דאָס פאָלק אין משך פון גלות, און זיי אַלעמען רופט די יידישע געשיכטע: „פאַלשע משיחים", היות זיי האָבן ניט דערגרייכט זייער ציל. און באמת, זיינען אַ טייל פון זיי געווען פשוטע אַוואַנטוריסטן, וועלכע האָבן גענאַרט דאָס פאָלק. אָבער צווישן זיי זיינען אויך געווען גייסטיקע ריזן, וועלכע האָבן געפלאַמט מיט אַן אמתן פייער צו גאולה. זיי האָבן געגלויבט אין זייער מיסיע אויסצו־לייזן דאָס פאָלק פון גלות און זיינען געפאַלן אין מיטן וועג. זיי זיינען געקומען פאַר דער צייט, זיי האָבן דוחק געווען דעם קץ, און מיט זייער פאַלן האָט אומעט און יאוש באַהערשט גרויסע טיילן פון פאָלק. אַ טייל האָבן אויסגעקליבן דעם טויט און געפאַלן אויף קידוש השם, און אַ טייל האָט פאַרלאָזן דעם פאָלקס־שטאַם און איבערגעגאַנגען צום מחנה פון די גויים.

שוין אין די לעצטע יאָרן פון צווייטן בית־המקדש זיינען אויפ־געשטאַנען משיחים, וועלכע האָבן צוגעזאָגט דעם פאָלק אויסצולייזן אים פון רוימס יאָך. תּודש האָט געפירט זיינע גלויביקע צום ירדן און האָט פאַרזיכערט צו שפּאַלטן אים פאַר זיי, אַזוי ווי אין יהושע׳ס צייטן, און דער־טרינקן אין אים די רוימער. תּודש מיט זיינע אָנהענגער זיינען צום סוף אומגעקומען דורך די הענט פון די רוימער. אַנדערע משיחים האָבן געפירט זייערע מאמינים אין מדבר יהודה, כדי צו ווייזן דאָרט נסים און נפלאות. אויך זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די רוימער.

אויך בר־כוכבא איז געקרוינט געוואָרן דורך רבי עקיבא׳ן אַלס משיח. זיין טויט האָט געבראַכט צו אַ טיפן יאוש, וועלכער האָט באַהערשט די יידישע הערצער, און אין משך פון לאַנגע יאָרן איז די אמונה אין משיחן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אומגעפער דריי הונדערט יאָר שפּעטער, האָט איינער אַ משיח, מיטן נאָמען משה, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אינזל קרעטא, געפירט זיינע אָנהענגער צום ים און זיי פאַרזיכערט אַז ער וועט שפּאַלטן פאַר זיי דעם ים און זיי פירן אין דער טריקעניש אין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אין די יום־טוב־טעג פון פסח. אַ טייל פון זיינע מאמינים זיינען דערטרונקען געוואָרן שפּרינגענדיק אין ים, און די וועלכע זיינען ניצל געוואָרן — האָבן זיך געשמדט פון אַנטוישונג. משה אַליין איז פאַרשוווּנדן.

די משיחים אין מיטלאַלטער

מוחמד און דער איסלאַם, וועלכער איז דערשינען אין זיבעטן יאָר־הונדערט און די דעראָבערונג פון ארץ־ישראל דורך די אַראַבער, האָבן ווידער אויפגעוועקט די באַהאַלטענע האָפענונגען אין די יידישע הערצער.

אין סוריע האָט זיך דערקלערט אַלס משיח איינער שׂריני, וועלכן ס׳איז געלונגען צו שאַפן אַ גרויסע באַוועגונג. ער האָט אָפּגעשאַפט פאַרשיי־דענע דינים, מבטל געמאַכט אַ סך מנהגים און געשאַפן אַ נייע רעליגיעזע סעקטע. זיינע אָנהענגער האָבן פאַרקויפט זייער פאַרמעגן און געוואַרט אויף די גאולה. צום סוף איז ער געהרגט געוואָרן דורך דער רעגירונג, און זיינע מאמינים האָבן זיך טיילוויז צוריקגעקערט צום יידנטום און טיילוויז זיך אויסגעשמדט.

נאָך אים האָט זיך דערקלערט אַלס משיח אַבו־עיסי פון פּרס. אים איז געלונגען צונויפצוזאַמלען אַרום זיך מאַסן אָנהענגער, אויך ער האָט איינ־געפירט פאַרשיידענע רעפאָרמעס אין דער יידישער אמונה. זיינע אָנהענגער האָט ער פאָרמירט אין מיליטערישע גרופּן און מורד געווען אין חליף. ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר נצחונות אויף דעם חליף׳ס מיליטער, אָבער צום

סוף איז ער אומגעקומען אין מלחמה. זיינע תלמידים האָבן געגלויבט, אַז ער וועט אויפשטיין תחית המתים און אַ לאַנגע צייט געלעבט אַלס אַ באַזונדערע סעקטע. אַ סך פון זיי האָבן אַנגענומען צום סוף דעם איסלאַם.

אין דרייצנטן יאָרהונדערט איז אויפגעשטאַנען אין פּרס אַ נייער משיח, דוד אַלרואי. ער האָט אויך מורד געווען אין פּערסישן קעניג און געוואָלט מיט זיינע אַנהענגער גיין אין ארץ־ישראל און איינעמען דאָס לאַנד. דער פּערסישער קעניג, וועלכער האָט מורא געקריגן פאַר דער מאַסן־באַוועגונג, האָט אונטערגעקויפט דודס שווער, און יענער האָט אים געטויט ביינאַכט אויף זיין געלעגער. זיינע אַנהענגער האָבן נאָך אַ סך יאָרן געלעבט אַלס אַ באַזונדערע סעקטע אין פּרס.

תימן אַלס לאַנד פון משיחים

וואָס מער ס׳האָבן זיך געמערט די יידישע צרות, אַלץ מער משיחים זיינען אויפגעשטאַנען ביים פאָלק. און דעריבער זיינען אין תימן, דאָס לאַנד ווו יידן האָבן געלעבט אין אומאויפהערלעכע ליידן און שטענדיקער אָרעמקייט, אויפגעשטאַנען אַ סך משיחים. צווישן זיי — אויפריכטיקע מענטשן, וועלכע האָבן באמת געגלויבט אין זייער שליחות, און אַ טייל — רמאים, וועלכע האָבן אויסגענוצט די גרויסע אמונה פון פאָלק אין גאולה. דער רמב״ם האָט געשריבן אַ ספּעציעל בוך, „אגרת תימן״, איבער די פאַלשע משיחים און עס געשיקט צו די ליידנדע אין תימן.

די קבלה — אַ גורם צו משיחישע באַוועגונגען

אויך די קבלה איז געווען אַ שטיץ־פּונקט פאַר די משיחישע באַוועגונגען. די מקובלים האָבן געגלויבט אין געהיימע כוחות, וואָס מיט זייער הילף קאָן מען ברענגען די גאולה. דער גרונט־ספר פון קבלה איז דער זוהר, וועלכער איז לויט דער אמונה פון פאָלק געשריבן געוואָרן דורך רבי שמעון בן־יוחאי. אַ סך מקובלים האָבן געגלויבט, אַז זיי זיינען געשיקט געוואָרן צו ברענגען משיחן און האָבן געשאַפן גרויסע משיחישע באַוועגונגען אין פאַרשיידענע לענדער.

די יידישע צרות און די יידישע מיסטיק — זיי ביידע זיינען געווען די הויפּט־פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געבראַכט צו דער אַנטשטייאונג פון די משיחישע באַוועגונגען, און האָבן גורם געווען דערצו, אַז דער משיחיזם און זיין השפעה אויף די מאַסן איז געוואַקסן.

די גאולה־אַנזאָגער נאָכן גירוש־ספרד

אין פופצעטן יאָרהונדערט איז דאָס יידישע פאָלק געשטעלט געוואָרן

ביים תהום פון אונטערגאַנג. די אינקוויזיציע מיט די גזרות און גירוש־ספרד, וועלכער איז אויך אויסגעפאַלן אין דעם פינצטערן טאָג תשעה באב, האָבן פאַרניכטעט גרויסע טיילן פון פאָלק; אַ טייל איז אומגעקומען אין מדבריות און אין די ימען, אַ טייל איז פאַרקויפט געוואָרן אַלס שקלאַפן און דינסטן. די מקובלים האָבן געזען אין די שרעקלעכע צרות די חבלי גאולה, די טריט פון משיחן און האָבן געגומען טרייסטן דאָס וויטאָגדיקע פאָלק און גרייטן אים צו דער גאולה וואָס דערנענטערט זיך.

דאָן יצחק אברבנאל, דער ראש פון די גולי ספרד און דער פינאַנץ־מיניסטער פון ספרד, האָט אין זיינע ספרים מבשר געווען, אַז דער סוף פון יידישן גלות איז שוין נאָענט.

אשר לעמלין פון עסטרייך איז געווען דער אָנזאָגער פון קומענדן משיח. ער האָט געהייסן זיינע אָנהענגער תשובה טאָן דורך תעניתים און סיגופים, טאָן צדקה און זיך רייניקן צום טאָג פון משיחן. אויך פיל קריסטן האָבן געגלויבט אין אים.

דוד הראובני און שלמה מולכו

און אָט איז דערשינען משיח אין געשטאַלט פון אַ דאַרן קליין־געוויקסיק יידן מיט אַ געזיכט פון אַ געפייניקטן, אין אַראַבישע מלבושים, און האָט גערעדט נאָר עברית. זיין נאָמען איז געווען דוד הראובני. פלוצעם איז ער דערשינען אין ווענעציע, אין אַ שיף וועלכע איז געקומען פון אַ וויטן מזרח־לאַנד. ער האָט דערציילט, אַז ער שטאַמט פון שבט ראובן, וועלכער לעבט ערגעץ טיף אין האַלב־אינזל אַראַביע צוזאַמען מיט די שבטים גד און מנשה. זיי האָבן דאָרט אַן אייגענע מלוכה, זיין ברודער איז דער קעניג איבער זיי; און ער איז געשיקט געוואָרן קיין אייראָפּע צו פאַרבינדן זיך מיטן פויפּסט, ער זאָל דעראָבערן ארץ־ישראל פון טערקיי מיט דער הילף פון דעם יידישן מיליטער וואָס איז אין אַראַביע. אַלס אַ סימן האָט ער געוויזן אַ פאָן, וועלכע ער האָט געבראַכט פון אַראַביע. ער האָט נאָר געבעטן שיפן מיט געווער, ווייל מלחמה־לייט זיינען דאָ גענוג אין דער יידישער מדינה אין אַראַביע.

דער פויפּסט האָט אים אויפגענומען, געגלויבט און געגעבן אַ בריוו צום פּאָרטוגעזישן קעניג, ער זאָל באַוואָפענען דוד הראובני מיט שיפן און געווער. דערווייל איז דער נאָמען פון דוד הראובני באַוווסט געוואָרן צווישן אַלע יידן אין דער וועלט, און אַ משיחישע התלהבות האָט אַרומגענומען די מאַסן. טויזנטער זיינען געקומען אין ליסאַבאָן צו דודן און געקושט זיינע טריט. אומזיסט האָט דוד הראובני פאַרזיכערט, אַז ער איז ניט משיח נאָר אַ מיליטער־מאַן, וועלכער איז געשיקט געוואָרן מיט אַ דיפּלאָמאַטישער

שליחות. ער האָט אויך זיך געהיט ניט צו קומען צווישן די אנוסים, כדי ניט אויפצושטעלן קעגן זיך די קריסטלעכע גייסטלעכע. אָבער ס'האָט גאָר־נישט געהאָלפן. דאָס פאָלק האָט אים אַרומגערינגלט און געהיט יעדן טריט זיינעם. דאָס פאָלק האָט געגאַרט נאָך משיחן.

און אָט איז דערשינען „משיח" אין געשטאַלט פון אנוס שלמה מולכו, אַ הויכער באַאַמטער ביי דער פאָרטוגעזישער רעגירונג, וועלכער האָט זיך אומגעקערט צום יידנטום אונטער דער השפעה פון הראובני'ס דערשיינונג. מורא האָבנדיק פאַר דער אינקוויזיציע איז ער אַנטלאָפן קיין ארץ־ישראל, זיך באַזעצט אין צפת און געלערנט תורה ביי די מקובלים. זייענדיק פון נאַטור אַ טרוימער מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע האָט ער גענומען פאַרשפּרייטן די אידייע פון משיחס נאָענסטער אַנטפּלעקונג. זייער פיל מענטשן האָבן געגלויבט אין אים. ווען דער קייזער קאַרל דער פינפטער האָט איינגענומען רוים, האָט מולכו געזען דערין דעם אָנפאַנג פון גאולה און איז גלייך געקומען קיין רוים און דרייסיק טעג געזעסן צווישן די אָרעמעלייט און בעלי־מום ביים טייך אונטערן בריק. זיין נאָמען און די נביאות, וועלכע ער האָט געזאָגט, זיינען באַוווּסט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד. יידן און קריסטן האָבן אין אים התלהבותדיק געגלויבט. דער פּויבסט אַליין פלעגט אים אויפ־נעמען ביי זיך און פירן מיט אים לאַנגע געשפּרעכן. ער האָט אים אויך געגעבן אַ שוץ־בריוו, וועלכער האָט אים געראַטעוועט צוויי מאָל פון אינ־קוויזיציע־פייער.

שלמה מולכו האָט זיך ווידער געטראָפן מיט דוד הראובני און צוזאַמען האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו ווענדן צום קייזער קאַרל דעם פינפטן און אים פאָרלייגן זייער פּלאַן. אָבער קאַרל האָט נאָך אַ קורצן געשפּרעך מיט זיי איבערגעבן זיי צו דער אינקוויזיציע. שלמה מולכו איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן, און דוד הראובני איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין שפּאַניע און דאָרט געשטאָרבן אין תפיסה.

און ווידער — קבלה און גזירות

אין זעכצנטן יאָרהונדערט איז די קבלה און איר השפעה אויפן פאָלק דערגאַנגען צו איר קולמינאַציע־פּונקט. איז צפת האָט דאַן געלעבט דער האר"י הקדוש, רבי יצחק לוריאָ, וועלכער האָט געלערנט זיינע תלמידים קבלה מעשית: דאָס הייסט, אַז דורך תעניתים, פאַרשיידענע זעלבסט־פּיי־ניקונגען, תפילות און השבעות קאָן מען איבעראַנדערשן דעם גאַנצן וועלט־סיסטעם און ברענגען די גאולה. דעם אר"יס השפעה איז געווען געוואַלטיק גרויס: אַלע האָבן געגלויבט, אַז אָט איז געפונען געוואָרן דער שליסל צו דער גאולה.

אויך די צרות האָבן זיך דאַן געשטאַרקט אומגעהייער. דער בלוט־דורשטיקער באַגדאַן כמעלניצקי, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון די אויפשטענדיקע אוקראַינער קעגן די פּאָליאַקן, האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף די יידישע שטעטלעך און שטעט. ער האָט געשאָכטן און געמאָרדעט ווו נאָר זיין האַנט האָט דערגרייכט. הונדערטער טויזנטער יידן זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אין די שרעקלעכסטע יסורים. ס'איז נאָך ניט געווען ביז דאַן אַזאַ חורבן, וועלכער איז באַצייכנט אין אונזער בלוטיקער געשיכטע אַלס „גזרות ת״ח ות״ט״.

די גרויסע בענקעניש צו גאולה, וועלכע איז געקומען פון צפת, האָט זיך באַהעפט מיט דעם יאוש־אויסגעשריי פון חורבן־אוקראַינע און האָט אויפגעבראַכט אַ שטורמישע משיחישע באַוועגונג, וועלכע האָט ניט געהאַט איר גלייכן אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע.

שבתי צבי

דער משיח האָט זיך אַנטפּלעקט אין טערקיי, אין דער שטאָט איזמיר און האָט געהייסן שבתי צבי. זיין געבורטסטאָג איז געווען תשעה באב — אין דעם טאָג, אין וועלכן, לויט דער אמונה, דאַרף געבוירן ווערן משיח. זיין שיינער אויסערלעכער אויסזען, זיינע צויבערנדע שוואַרצע אויגן, זיין אויסערגעוויינטלעכע שיינע שטים און זיינע טיפע ידיעות אין דער פּראַקטישער קבלה האָבן צוגעצויגן צו אים מאַסן תלמידים, וועלכע האָבן אין אים געזען אַן אויסערגעוויינטלעכע קראַפט, און דאָס האָט אים צוגעגעבן אמונה אין זיך אַליין.

זייענדיק אַזוי פאַרטאָן אין קבלה און אין תעניתים, זיינען צו שבתי צבי דערגאַנגען די שרעקלעכע ידיעות פון אוקראַינע. דאָס יידנטום אומעטום האָט אויפגעציטערט. דאָס יידישע האַרץ איז צעבראָכן געוואָרן, און אַלע האָבן געוואַרט אויף אַ נס, אויף משיחן.

און אָט האָבן געפונען די מקובלים אין זוהר געשריבן, אַז אין יאָר ת״ח וועט קומען משיח, לויט אַ רמז פון דער תורה: בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחוזתו (ויקרא כ״ה). די צאָלן פון די אותיות הזאת זיינען גלייך צו די צאָלן פון די אותיות ה ת ״ח. דאָס הייסט, אַז די גזרות ת״ח זיינען די „חבלי משיח״: און אויך די צאָלן פון „חבלי משיח״ זיינען גלייך צו ת״ח.

איצט איז דער וועג געווען קלאָר פאַר שבתי צבי. לויט דער עצה פון זיינע תלמידים, איז ער איין טאָג אַרויף אויף דער בימה, אין איינעם פון די שולן אין איזמיר, און זיך דערקלערט אַלס משיח.

דער שטורעם איז אויסגעבראָכן, און די מאַסן זיינען אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אים. די רבנים זיינען אַרויס קעגן שבתי צבי, און ער האָט

געמוזט אַנטלויפֿן פֿון איזמיר און עטלעכע יאָר האָט ער געוואַנדערט אין די שטעט פֿון די מזרח־לענדער. אָבער זיין וואַנדערן איז געוואָרן פֿאַר אים אַ טריאומף־רייזע. אין יעדן אָרט האָט ער באַצויבערט די מאַסן מיט זיינע מעשים און רעדעס. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געוואָרן זיינער אַן אָנהענגער אַ באַוווסטער מקובל אברהם היכיני, וועלכער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַלטע מגילה, אין וועלכער ס'איז לויט זיינע רייד, געווען אַ נבואה אויף שבתי צבי'ס דערשיינען. אין סאַלאָניקי האָט שבתי צבי געפּראַוועט אַ חתונה־צערע־מאָניע, ווו ער איז דערשינען אַלס חתן און די תורה אַלס כלה. אין קאַהיר האָט דער יידישער פֿינאַנץ־מיניסטער געעפֿנט פֿאַר אים זיינע אוצרות, און אין עזה האָט דער מקובל נתן העזתי אים דערקלערט אַלס מלך ישראל. דערווייל איז זיין נאָמען פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע יידישע קיבוצים אויף דער וועלט.

קומענדיק אין ירושלים האָט שבתי צבי זיך דערוווּסט, אַז קריסטלעכע געלערנטע האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט דאָקומענטן, אין וועלכע זיי זיינען מודיע אַז דער יידישער משיח וועט קומען אין יאָר 1666. אַזוי ווי דער יאָר ת״ח איז שוין פֿון לאַנג פֿאַריבער, לאָזט דעריבער שבתי צבי אויסרופֿן אַז ער וועט זיך אַנטפּלעקן אַלס משיח פֿאַר דער וועלט ערשט אין יאָר 1666.

דערווייל האָבן שבתי צבי'ס נביאים, נתן העזתי און זיינע חברים, געשיקט בריוו און אויפֿרופֿן וועגן דער נאָענטער אַנטפּלעקונג פֿון משיחן אין אַלע יידישע קבוצים אויף דער וועלט. אין יעדן אָרט, ווו די בשורה איז דערגאַנגען, האָבן די מאַסן זי אויפֿגענומען מיט התלהבות. אין אָנהייב זיינען נאָך געווען קעגנער, וועלכע האָבן ניט געגלויבט אין שבתי צבי. אָבער די התלהבות האָט מיט דער צייט אַרומגענומען אַלע יידישע גרויסע קבוצים אין איטאַליע, דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך, האָלאַנד, ענגלאַנד און פּוילן. באַ־זונדערס איז די אמונה אין משיחן געווען גרויס אין אַמסטערדאַם און אין האַמבורג, די צוויי גרויסע יידישע צענטערס דאַן. זייער פֿיל יידן האָבן ליקווידירט זייערע געשעפֿטן, פֿאַרקויפֿט האָב און גוטס און באַשטעלט ערטער אין שיפֿן, וועלכע גייען קיין ארץ־ישראל. רבנים, גאונים און די פּרנסי הדור — אַלע זיינען צוגעשטאַנען צו דער שבתי צבי־באַוועגונג.

דערווייל האָט שבתי צבי חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, מיטן נאָמען שרה, וועלכע איז אַנטלאָפֿן פֿון אַ קלויסטער ווו זי האָט געלעבט, נאָכדעם ווי אירע עלטערן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך כמעלניצקיס באַנדעס. לויט דער לעגענדע איז געקומען איר פֿאָטער איר צום חלום און געהייסן אַנטלויפֿן פֿון קלויסטער. יאָרן האָט שרה געוואַנדערט דורך פֿאַרשיידענע לענדער און דערקלערט אַלעמען, אַז זי איז משיחס כלה. ווען שבתי צבי האָט זיך דערוווּסט פֿון איר, האָט ער זי געלאָזט ברענגען צו זיך אין קאַהיר

און דאָרט מיט איר חתונה געהאַט. די מאַסן האָבן געזען אין דעם אַ סימבאָל פון אַ פאַרייניקונג פון משיחן מיט די יידישע צרות, פון קבלה מיט יידישן אומגליק.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דאָס יאָר 1666, און שבתי צבי אין דער באַגלייטונג פון זיינע נביאים און תלמידים איז אַרויס פון קאַהיר אין וועג קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צום סולטאַן, כדי אַראָפּזעצן אים פון טראָן. אין יעדן אָרט, ווו ער איז נאָר דורכגעפאָרן, האָט מען אים אויפגענומען ווי אַ מלך. ביז וואַנען ער איז געקומען קיין איזמיר, זיין געבורטס־שטאָט. דאָ איז ער געבליבן וואַרטן אַ מאָנאַט צייט, דעם לעצטן מאָנאַט פון יאָר 1665.

אין דעם מאָנאַט איז די משיח־באַוועגונג דערגאַנגען צו איר העכסטן פונקט. דער גאַנצער מאָנאַט איז אַריבער אין איזמיר ווי אַ גרויסער יום־טוב. טאָג־טעגלעך זיינען פאָרגעקומען פּראָצעסיעס אין די גאַסן. מענטשן האָבן געטאַנצט און געזונגען אין די הייזער און גאַסן. די אויסערגעוויינטלעכע התלהבות איז אַריבער יעדן גרענעץ. מענטשן זיינען געווען ווי משוגע. פיל פלעגן פאַלן ווי אין חלשות און זאָגן נביאות. צווישן די גלויביקע זיינען אויך געווען קריסטן און מוזולמענער. די קאָנסולן האָבן מודיע געווען זייערע רעגירונגען וועגן די אַלע געשעענישן. שבתי צבי האָט געחתמעט זיינע בריוו מיט אַ קעניגלעכן שטעמפּל און האָט צעטיילט צווישן זיינע מקורבים די ערשאַפּט אויף דער וועלט. ער האָט געהייסן דעם תענית פון עשרה בטבת אין יענעם יאָר פּראַוון אַלס אַ טאָג פון שמחה. ער האָט מבטל געמאַכט פאַרשיידענע תפילות און אויף זייער אָרט פאַרפאַסט אַנדערע, צווישן זיי אַ באַזונדערע תפילה: „פאַר אונזער האַר און קעניג, סולטאַן שבתי צבי, דער משיח פון יעקב ירום הודו".

דעם דרייסיקסטן דעצעמבער 1665 האָט זיך שבתי צבי אַריינגעזעצט אין אַ שיף און איז אָפּגעפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי אַראָפּצוזעצן דעם סולטאַן פון זיין טראָן. ווען ער איז אַרויף אויפן ברעג אין קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל, האָבן זעלנער אים אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין גאַליפּאָלי־פעסטונג אין געפענגעניש.

די געשעעניש האָט ניט אָפּגעשוואַכט דעם גלויבן אין שבתי צבי. פאַרקערט — די מאַסן האָבן געזען אין דעם די לעצטע מלחמה משיחס מיטן שטן. די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט, און המונים האָבן גענומען שטראָמען קיין גאַליפּאָלי. טאָג־טעגלעך האָבן שיפן געבראַכט צו גאַליפּאָלער פאָרט הונדערטער יידן פון אַלע יידישע קיבוצים מיט מתנות, גאָלד און זילבער און ברילאַנטן פאַרן משיח. די פעסטונג האָט באַקומען דעם אויסזען פון אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ, פול פון אַלדאָס גוטס. מאַסן האָבן געלאַגערט אַרום אים טאָג און נאַכט. אינעווייניק איז געזעסן שבתי צבי ווי

אַ קעניג, אַרומגערינגלט מיט זיינע האַרן און דינער. דאָ פלעגט ער אויפ־נעמען דעלעגאַציעס פון אַלע עקן וועלט, וועלכע פלעגן קומען אָנקוקן משיחס פנים און קושן זיינע פיס. פון דאַנען איז אַרויס אַ באַפעל צו אַלע יידן אין דער וועלט פייערן דעם קומענדן תשעה באב אַלס יום־טוב און דאַוונען אין דעם טאָג די תפילות פון די יום־טובים. אויך דעם תענית פון שבעה עשר בתמוז האָט ער געהייסן מאַכן פאַר אַ יום טוב. דעם דרייאונ־צוואַנציקסטן טאָג אין תמוז, וועלכער איז אויסגעפאַלן אין דער וואָכן, האָט ער געלאָזט אויסרופן אַלס „שבת הגדול". צענדליקער טויזנטער יידן האָבן אין יענעם יאָר געפּראַוועט תשעה־באב אַלס אַ יום־טוב און געפייערט דעם „שבת הגדול".

אָבער אָט איז איין טאָג געקומען קיין גאַליפּאָלי דער גרויסער מקובל נחמיה הכהן פון פוילן. נאָך אַ לאַנגן געשפּרעך מיט שבתי צבי, וועלכער האָט געדויערט דריי טעג און דריי נעכט, איז נחמיה געקומען צו דער מסקנה, אַז שבתי צבי איז ניט דער משיח. שבתי צבי'ס אָנהענגער האָבן געוואָלט נחמיה הרגענען. נחמיה איז דאַן אַנטלאָפן צו די מוזולמענישע זעלנער, וועלכע האָבן געהיט ביים אַריינגאַנג, און האָט אָנגעטאָן אַ טורבאַן אויפן קאָפּ. די מוזולמענער האָבן געזען אין דעם אַ באַווייז, אַז נחמיה האָט אָנגענומען זייער גלויבן. די געשעעניש האָט געווירקט שלעכט אויף שבתי צבי און ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם גלויבן אין זיך.

דער סולטאַן האָט דערווייל געקוקט מיט אומרו אויף שבתי צבי'ס באַוועגונג, וועלכע האָט אָנגענומען אומגעהייערע פאַרמען. הרגענען שבתי צבי האָט ער ניט געוואָלט, כדי ער זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קדוש ביי זיינע אָנהענגער. דעם סולטאַנס מקורבים האָבן אים געראַטן, אַז עס זאָל משפיע זיין אויף שבתי צבי אָנצונעמען די מוזולמענישע רעליגיע, און אַזוי איז געווען. שבתי צבי, וועלכער איז שוין געווען נידערשלאָגן און געפאַלן ביי זיך נאָכן ויכוח מיט נחמיה הכהן, איז דערשראָקן געוואָרן פון דעם סולטאַנס דראָונגען, און ווען ער איז גערופן געוואָרן צום הערשער, האָט ער אַריינגייענדיק צו אים אַראָפּגעוואָרפן זיין הוט פון קאָפּ און אָנגעטאָן אַ טורבאַן. דער סולטאַן האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס חסד. ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן: מוחמד עפענדי. אויך שרה, זיין פרוי, און זיינע מקורבים האָבן אָנגענומען דעם מוזולמענישן גלויבן.

מיט דעם איז די שבתי־צבי־באַוועגונג ניט פאַרשוווּנדן. אַ טייל פון זיינע גלויביקע האָבן געזען אין זיין טאַט אַ פאַרבאָרגענע כוונה און זיינען אויך אַריבער צום מוזולמענישן גלויבן. שבתי צבי אַליין האָט גענומען ווידער באַזוכן בתי כנסיות און דרשה'נען פאַרן קהל, אָבער איצט האָט די טער־קישע רעגירונג לאַנג נישט געוואַרט און אים פאַרטריבן אין אַ וייטן דאָרף

אויפן גרענעץ פון אַלבאַניע, דאָלציניאָ. דאָרט האָט שבתי צבי געלעבט איינזאַם נאָך ניין יאָר. פאַר זיין טויט האָט ער געבעטן, מען זאָל אים ניט ברענגען צו קבורה אין מוזולמענישן בית־הקברות, נאָר גראָבן אים אַ קבר ביים ברעג פון ים. דער טאָג פון זיין טויט איז אויסגעפאַלן אין יום־כפור, און זיין לעצטע בקשה איז דערפילט געוואָרן.

מיט שבתי צבי׳ס טויט איז זיין באַוועגונג נישט אָפּגעשטאָרבן. זיינע גלויביקע, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם איסלאַם, האָבן זיך פאָרמירט אַלס אַ באַזונדערע סעקטע, וועלכע עקזיסטירט נאָך ביז היינטיקן טאָג אין טערקיי. זי הייסט „דאָנמע". זיינע גלויביקע צווישן די יידן האָבן נאָך יאָרן־לאַנג געשטורעמט און האָבן גורם געווען צו אַ גרויסער מחלוקת אין דעם יידנטום.

שבתי צבי׳ס באַוועגונג איז די גרעסטע צווישן די משיחישע באַוועגונגען, און פון איר קאָן מען לערנען, ווי גרויס איז די יידישע בענקעניש צו גאולה. ניט משיח איז דער הויפּט־העלד אין די אַלע באַוועגונגען, נאָר די יידישע מאַסן, וועלכע זיינען גרייט אָנצוכאַפּן יעדע האַנט, וואָס וויל זיי פירן צו אויסלייזונג פון גלות.



מטבעות פון דער מכבי־תקופה

ג. ציוניסטישע פאליטיק אין אלע דורות

אֵין בֵּין הָעוֹלָם הַזֶּה לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ,
אֶלָּא שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת בִּלְבָד.
(ברכות לב)

די אמונה אין משיחן און אין גאולה דורך נסים האָט ניט אָפּגעשוואַכט דעם ווילן צו פּרוּוון אומקערן זיך אין ארץ־ישראל מיטן כוח פון געווער אָדער דורך פאַרשיידענע פּאָליטישע וועגן.

דער אויפשטאַנד קעגן טראַיאַנוסן

פינפאונפערציק יאָר נאָכן חורבן איז אויסגעבראָכן אין אַלע לענדער אַרום ארץ־ישראל אַן אויפשטאַנד פון אַלע יידן קעגן רוים. אין מצרים, לוב, בבל, קפריסין האָבן צענטליקער טויזנטער יידן געפּרוּווט זיך באַפרייען פון רוימס יאָך. דער קייזער טראַיאַנוס האָט געשיקט קעגן די אויפשטענדיקע אַלע מיליטערישע כוחות זיינע, און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעהאַלטן דעם נצחון איבער די יידן, האָט ער חרוב געמאַכט אַלע יידישע ישובים: ער האָט פאַרניכטעט דעם יידישן ישוב אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים, אויסגעהרגעט אַלע יידן אין קפריסין, און אָנגעטאָן פיל צרות אויך די יידן אין ארץ־ישראל.

רבי עקיבא און בר־כוכבא

אָבער אין צוואַנציק יאָר אַרום שפּעטער איז ווידער אויסגעבראָכן אַן אומגעהייערער אויפשטאַנד קעגן רוים. דער קייזער אדריאַנוס האָט געוואָלט פאַרשווערכן די הייליקייט פון ירושלים און אויפבויען אויף איר אָרט אַ געצנדינערישע שטאָט. דער נידערטרעכטיקער באַשלוס האָט אויפגע־

שטעלט דאָס גאַנצע פאָלק קעגן רוים, און דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן. בראש פון פאָלק האָט זיך געשטעלט דער יונגער גבור בר־כוזיבא, וועלכן רבי עקיבא האָט גערופן בר־כוכבא, לויטן פסוק: דרך כוכב מיעקב (אַ שטערן האָט אויפגעשיינט ביי יעקב׳ן). רבי עקיבא האָט אַרומגערייזט אַלע יידישע ישובים אין ארץ־ישראל, בבל און קליין־אַזיע און אַלעמען גערופן שטעלן זיך צום רוף פון בר־כוכבא׳ן, דעם משיח. הונדערטער טויזנטער יונגע יידן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אונטער בר־כוכבא׳ס פאָן. מיט זייער הילף האָט בר־כוכבא אַרויסגעטריבן די רוימער פון ארץ־ישראל, באַפרייט ירושלים און באַנייט אין איר די יידישע מלוכה. צום אָנדענקונג פון באַפרייאונג האָט ער געלאָזט גיסן נייע מטבעות מיט אויפשריפטן אין עברית. רוים האָט געשיקט קעגן אים די בעסטע לעגיאָנען אירע, און אַלע זיינען געפאַלן פאַר בר־כוכבא׳ן און זיין מיליטער. צום סוף האָט אדריאַנוס געשיקט קעגן די יידן זיין בעסטן מיליטער־אָנפירער, יוליוס סעווערוס מיט זייער אַ סך מיליטער. נאָך לאַנגע און שווערע קאַמפן האָט בר־כוכבא געמוזט אָפּטרעטן פון ירושלים און זיך באַפעסטיקן אין דער פעסטונג ביתר. זייער לאַנג האָט געדויערט דער קאַמף אויף ביתר, וועלכע איז איינגענומען געוואָרן דורך די רוימער נאָכדעם ווי פאַררעטער האָבן אויסגעגעבן די רוימער די געהיימנישן פון דער פעסטונג. די רוימער האָבן מיט אכזריותדיקייט אויסגעשאָכטן אַלע יידן. בר־כוכבא איז געפאַלן אין שלאַכט, און רבי עקיבא איז געהרגעט געוואָרן דורך די רוימער. ירושלים איז אין גאַנצן חרוב געוואָרן און איז פאַראַקערט געוואָרן אַלס פעלד, און די יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן זיך צו דערנענטערן צו איר.

צענדליקער טויזנטער יידן זיינען געפאַלן אין מלחמה און פאַרקויפט געוואָרן אַלס קנעכט. די איבערגעבליבענע זיינען אַנטלאָפן אין גליל און זיך דאָרט באַזעצט. די אָנפירער פון פאָלק זיינען געהרגעט געוואָרן אָדער זיינען זיך צעלאָפן פון לאַנד. אין משך פון צוויי הונדערט יאָר האָבן יידן שוין מער ניט געפרוווט מורד זיין אין רוים. אָבער אויך אין דער תקופה האָבן די יידן באַטראַכט ארץ־ישראל אַלס דעם צענטער פאַר דער גאַנצער יידישער צעשפּרייטונג. די נשיאים, וועלכע זיינען געזעסן אין ארץ־ישראל און האָבן געשטאַמט פון הלל הזקן, זיינען געווען אָנערקענט דורכן גאַנצן יידנטום.

דער אויפשטאַנד אין צפורי

אין פערטן יאָרהונדערט איז אויסגעבראָכן אַ נייער אויפשטאַנד קעגן רוים. די רוימישע הערשער האָבן דאַן אָנגענומען דעם קריסטנטום און אונטער זיין השפעה האָבן זיך פאַרשטאַרקט די רדיפות אויף יידן. דער צענטער פון אויפשטאַנד איז איצט געווען צפורי, און פון דאָרט האָט ער

זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן גליל. די אויפֿשטענדער האָבן צעשלאָגן די רוימישע קאָרפּוסן און צוגענומען זייער געווער. ווידער האָט רוים געשיקט מאַסן מיליטער, וועלכע האָבן אין טייכן בלוט דערשטיקט דעם אויפֿשטאַנד. איצט איז חרובֿ געוואָרן אויך דער גליל. אַ סך דערפֿער זיינען פֿאַרניכטעט געוואָרן, און דער יידישער ישובֿ אין לאַנד האָט זיך שטאַרק פֿאַרקלענערט.

בנימין פֿון טבריה

דער אויפֿשטאַנד אין צפּורי איז געווען דער לעצטער יידישער אויפֿשטאַנד קעגן רוים. דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט אַליין נישט קענען אַרויסטרייבן די רוימער פֿון לאַנד. מען מוז וואַרטן ביז אַ טאָג, ווען די מערדערישע רעגירונג פֿון רוים וועט אָפּגעשוואַכט ווערן, דאַן ערשט וועט ער אויפֿשטיין און ווידער פֿאָדערן זיין פֿאָטערלאַנד. די געלעגנהייט איז געקומען. אין ערשטן העלפֿט פֿון זיבעטן יאָרהונדערט האָט זיך שטאַרק אַ וואַקל געטון דער טראָן פֿון דער מזרח־רוימישער אימפּעריע, און צו דער הערשאַפֿט פֿון די רוימער אין ארץ־ישראל איז געקומען אַ סוף. דער קייזער העראַקליוס האָט מלחמה געהאַלטן מיט כּוזרו, דעם קעניג פֿון פּרס, און פֿאַרלאָרן די מלחמה. די פּרסים האָבן זיך דערנענטערט צו ארץ־ישראל. צענדליקער טויזנטער יידן האָבן זיך געשטעלט צום רוף פֿון די פּרסים, וועלכע האָבן צוגעזאָגט זיי צו באַנייען דעם יידישן ישובֿ אין ירושלים. דער אָנפֿירער פֿון די אויפֿשטענדיקע איז געווען בנימין פֿון טבריה. מיט דער הילף פֿון די יידן איז געלונגען די פּרסים צו פֿאַרטרייבן די רוימער פֿון לאַנד. פֿערצן יאָר האָבן זיי געהערשט אין ארץ־ישראל, אָבער זיי האָבן ניט מקיים געווען זייערע הבטחות צו די יידן.

ערשט איצט האָט זיך רוים איבערצייגט אין דער באַדייטונג פֿון דעם יידישן כּוח. דערוויסנדיק זיך אַז די יידן האָבן זיך אַנטוישט אין פּרס, האָט העראַקליוס זיך געווענדעט צו בנימין פֿון טבריה, צוגעזאָגט אים און געשוואָרן באַנייען די יידישע רעכט אין ירושלים און אין גאַנצן לאַנד. מיט דער הילף פֿון די יידן האָט העראַקליוס ווידער דעראָבערט ארץ־ישראל. אָבער אָנגערעדט דורך די קריסטלעכע גלחים האָט העראַקליוס געבראָכן זיין שבֿועה און מפֿקיר געווען די יידן פֿאַר דעם קריסטלעכן המון. די קריסטן האָבן דאַן אָרגאַניזירט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם אויף די יידן אין ארץ־ישראל. צענדליקער טויזנטער זיינען געפֿאַלן אונטער די רוצחישע הענט, אַ טייל האָט זיך געשמדט, און אַ טייל איז זיך צעלאָפֿן אין די אַרומיקע לענדער.

דער סוף צו דער רוימישער הערשאַפֿט אין ארץ־ישראל

דער פֿאַראַט פֿון רוימישן אָדלער האָט געבראַכט אויך צום סוף פֿון

דער רוימישער הערשאַפט אין לאַנד. נאָר נייַן יאָר האָבן די רוימער נאָך געהערשט אין ארץ־ישראל. פון אַראַבישן האַלב־אינזל האָבן זיך דער־נעענטערט אַרמייען, וועלכע האָבן ערשט אָנגענומען די נייַע אמונה פון מוחמדן — דעם איסלאַם. איצט האָבן געפעלט הערצאַקליוסן יידישע זעלנער, וועלכע זאָלן אים העלפן אין זייַן קאַמף קעגן די אַראַבער. פאַרקערט, די יידישע פליטים וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אין די אַאַזיסן אין די מדבריות ווי אויך אין די אַרומיקע לענדער, האָבן געהאָלפן די אַראַבער פאַרטרייבן די בלוטיקע פאַררעטערישע רוימער אויף אייביק פון ארץ־ישראל.

די אַראַבער האָבן דערלויבט די יידן זיך צו באַזעצן אין ירושלים, נאָכדעם ווי פינף הונדערט יאָר איז זיי עס געווען פאַרבאָטן.

די חרובע ארץ־ישראל אַלס צענטער פון גאַנצן יידנטום

אונטער דער אַראַבישער הערשאַפט איז דאָס לאַנד נאָך מער חרובער געוואָרן. דער יידישער ישוב איז געוואָרן ווייניקער. די גרויסע פּאָליטישע שינויים וועלכע זייַנען פאָרגעקומען אין לאַנד, ווי די מאָנגאָלן א. אַנד., האָבן געבראַכט דעם יידישן ישוב אין לאַנד ביז צו אַ מינימום. דאָך האָט ארץ־ישראל אָפּגעהיט די רעליגיעזע העגעמאָניע אין יידנטום, ניט קוקנדיק אויף דעם זייער קליינעם ישוב אין פאַרגלייַך מיט חוץ־לארץ.

אין צענטן יאָרהונדערט האָט בן־מאיר, דער ראש הישיבה אין ארץ ישראל, זיך קעגנגעשטעלט די יידישע אָנפירער פון בבל און געפאָדערט, אַז אַלע זאָלן אָנערקענען זייַן ישיבה אַלס סנהדרין פאַרן גאַנצן פאָלק, וועלכע האָט דאָס רעכט מתקן צו זייַן פאַרשיידענע תקנות, וואָס זייַנען נוגע דעם לוח און די יום־טובים. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע מחלוקת, און פיל קהילות האָבן זיך גענומען ווענדן צו בן־מאיר׳ן מיט פאַרשיידענע שאלות און אָנגענומען זייַנע פסקי־דין.

אין זעכצנטן יאָרהונדערט איז ארץ ישראל אייַנגענומען געוואָרן דורך די טערקן. טערקיי האָט נאָך פריער אויפגעעפנט אירע טויערן פאַר די גולי ספרד און אויך פאַר יידן פון אַנדערע לענדער. דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל האָט זיך פאַרמערט, און ווידער האָבן זיך פאַרשטאַרקט די פּאָליטישע האָפענונגען פון פאָלק.

יעקב בירב, דער רב פון צפת, האָט פאַרגעלייגט באַנייען אין צפת די סנהדרין, וועלכע וועט האָבן דאָס רעכט צו פסק׳ענען אין אַלע רעליגיעזע פראַגן, ווי אויך דאָס אייַנציקע רעכט צו געבן סמיכה אויף רבנות פאַרן גאַנצן יידנטום. ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ועד פון פינפאונצוואַנציק מאַן מיט יעקב בירב בראש. זיי האָבן געשיקט בריוו צו אַלע יידישע צענטערס

אָנצוזאָגן די גרויסע בשורה. אָבער דער פּרווו איז ניט געלונגען. די רבנים פון ירושלים האָבן ניט איינגעשטימט מיט בירבס פּלאַן, אין אויך די טערקישע מאַכט האָט געקוקט מיט אַ שלעכט אויג אויפן פּרווו פון ווידער־אויפלעבן די יידישע אויטאָנאָמיע אין לאַנד. בירב האָט געמוזט אַנטלויפן פון צפת, און פון פאָרשלאַג איז גאָרנישט געוואָרן.

טבריה אַלס אויטאָנאָמער קרייז פאַר יידן

אָבער דאָס וואָס ס'איז ניט געלונגען בירב'ן צו דערגרייכן דורך אי־בערלעכער פּאָליטיק, האָבן געפּרווט דערגרייכן דאָנאַ גראַציע מענדעס און איר איידעם יוסף נשיא דורך אויסערלעכער פּאָליטיק.

די משפּחה מענדעס איז געווען אַ אנוסים־משפּחה פון פּאָרטוגאַל, וועלכער איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דער אינקוויזיציע קיין אַנטווערפּן, און פון דאָרט קיין טערקיי. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיי זיך אומגעקערט פריי צום יידנטום.

די משפּחה מענדעס איז געווען זייער אַ רייכע, און אַלע אייראָפּעאישע הערשער האָבן געמוזט אָנקומען צו אירע בענק. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז זייער רייכטום געוואַקסן און מיט דעם אויך זייער השפּעה אויפן סולטאַן און זיין הויף. באַזונדערס האָט אויפגעשיינט דער שטערן פון יוסף נשיא, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן אין פינאַנסן, אין מלוכה־ענינים, ווי אויך מיט זיין שאַרפן שכל, פאַרשטאַנד און ידיעות. ער האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיטן קרוין־פּרינץ, סעלים דעם צווייטן. דער סולטאַן האָט אים באַשטימט אַלס גרויס־וויזיר און האָט אים געגעבן אַלס מתנה די שטאָט טבריה, וועלכע איז לאַנגע יאָרן געווען וויסט, און נאָר לעצטנס מיט דער פאַרמערונג פון יידישן ישוב אין לאַנד האָבן זיך אין איר באַזעצט עטלעכע יידישע משפּחות. דער סולטאַן האָט אים אָפּגעגעבן טבריה מיט נאָך זיבן דערפער אַרום אויף אייביק. אויף דער מתנה האָבן זיך געחתמעט חוץ דעם סולטאַן אויך זיין זון און אייניקל.

דאַן האָט דאָנאַ גראַציע באַשלאָסן אויפצובויען טבריה און איר סביבה אַלס יידישן אויטאָנאָמען קרייז.

דאָנאַ גראַציע און יוסף נשיא האָבן געשיקט קיין טבריה ר' יוסף בן־אַרדוט מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן: בויען הייזער אין שטאָט, אַרומרינגלען זי מיט אַ מויער, פלאַנצן אַרום איר פּרוכט־גערטנער און אויפשטעלן אין איר אַן אינדוסטריע. יוסף האָט געהאַפּט צו אַנטוויקלען אין איר אַ זייד־און וואָל־אינדוסטריע. צו דעם צוועק האָט ער געלאָזט פלאַנצן אַ סך תות־בוימער פאַר דער זייד־אינדוסטריע, ווי אויך געבראַכט אַ באַרימטן מין שעפּסן פון שפּאַניען. בן־אַרדוט האָט געבראַכט מיט זיך אַ קעניגלעך באַפעל, וואָס גיט

אים די רעכט אַרויפצולייגן צינזן אויף דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווי אויך אַ באַפעל צו אַלע איינוווינער אין דער סביבה קומען און העלפן בויען די שטאָט. ער האָט אויך געבראַכט אַ סך געלט פון מענדעס און סולטאַנס אוצרות.

אין משך פון אַ קורצער צייט האָט די שטאָט אויפגעלעבט. דער מויער אַרום טבריה איז פאַרענדיקט געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר. אויך נייע און שיינע הייזער זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין שטאָט. דאַן האָט יוסף זיך געווענדעט מיט בריוו צו די יידישע קהלות אין איטאַליע און אַנדערע ערטער, זיי זאָלן קומען און זיך באַזעצן אין טבריה און אין איר סביבה. ער האָט אויך געשיקט שיפן קיין איטאַליע צו ברענגען די עולים קיין ארץ־

טבריה

ישראל. און טאַקע האָבן אַ פּאָר שיפן געבראַכט עולים צו באַוווינען טבריה און איר אומגעגנט. אויך צווישן די יידן, וועלכע זיינען פון לאַנג געזעסן אין לאַנד, זיינען אַ טייל געקומען זיך באַזעצן אין דער באַנייטער שטאָט. אין אַ קורצער צייט האָט דער ישוב אין טבריה אויפגעבליט.

אָבער דער פאַרזייטער קערנדל האָט ניט געשלאָגן טיפע וואָרצלען און ניט געגעבן קיין פרוכט. דאָס פאָלק האָט ניט געוווסט אויסצונוצן די זעל־טענע געגעבענע געלעגנהייט. זיין אמונה און אויפמערקזאַמקייט זיינען געווען געווענדעט צו דער קבלה מעשית, דורך איר הילף האָט דאָס פאָלק געגלויבט אויסגעלייזט צו ווערן און באַקומען דאָס גאַנצע לאַנד, און דעריבער האָט

ער ניט געלייגט קיין גרויסע אַכט אויף דעם „קליינעם" פּרוּוו פון דאָנאַ גראַציע מענדעס און יוסף נשיא. נאָר ווייניקע האָבן זיך אָפּגערופן אויף יוסף׳ס רוף, און אויך די האָבן ניט געקאָנט גובר זיין די שוועריקייטן אויף זייער וועג. די אַרומיקע אַראַבער, אָנגעהעצט דורך אַ שריף — אַ טערקישן הויכן באַאַמטן, האָבן פאַרשאַפט צרות די נייע קאָלאָניסטן. פלעגן זיי באַפאַלן, פאַרניכטן די פּרוכט פון די גערטנער און שטערן די יידן אין זייער אַרבעט. ניט איין מאָל האָבן די יידן פון טבריה געמוזט זיך ראַטעווען און אַנטלויפן קיין צפת. דערווייל איז געשטאָרבן דאָנאַ גראַציע מענדעס, וועלכע האָט געלעבט באמת מיט דעם גרויסן אידעאַל. איר איידעם יוסף, וועלכער האָט אין דער צייט געקראָגן פון סולטאַן, סעלים דער צווייטער, צוועלף אינזלען אין עגייאישן ים ווי אויך דעם טיטל: דער דוכּס פון נאַקסוס, האָט ניט אָפּגע־שאַצט דעם ווערט פון דער געגעבענער היסטאָרישער געלעגנהייט. ביי אים איז טבריה געווען נאָר איין טייל פון זיין גרויסן פאַרמעגן. אָבער דער ישוב פון טבריה האָט עקזיסטירט ווייטער, און צען יאָר נאָך יוסף הנשיא׳ס טויט האָט דער סולטאַן אָפּגעגעבן טבריה שלמה אבן יעיש. אויך ער — אַ געוועזענער אנוס, וועלכער האָט זיך אומגעקערט צום יידנטום. ער איז אויך געווען אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן און אַ גרויסער מלוכה־מאַן. זיין זון יעקב האָט זיך אַליין באַזעצט אין טבריה און געבויט אין איר נייע בנינים. אָבער שלמה אבן יעיש, ווי יוסף נשיא בשעתו, האָט ניט אָפּגעשאַצט דעם כוח וואָס איז געגעבן געוואָרן אין זייערע הענט, אַלס אָנפאַנג־גאולה פאַר זייער פאָלק. אַכציק יאָר נאָך איר ווידער־אויפבוי איז טבריה ווידער חרוב געוואָרן.

גראַציע מענדעס און יוסף נשיא׳ס פּרוּוו איז געווען דער לעצטער פּאָליטישער אויפטו פון יידן אין ארץ־ישראל ביז דער לעצטער תקופה. די אומאויפהערלעכע פּרוּוון פון יידן אויפצולעבן ארץ־ישראל האָבן איבער־צייגט די וועלט, אַז יידן זיינען ניט קיין רעליגיעזע סעקטע, ניט קיין גרופּן וואַנדערער, וואָס האָבן פאַרלאָרן דאָס היימאַטס־געפיל, נאָר אַ לעבעדיק פאָלק וואָס פּרוּווט פון צייט צו צייט אויפלעבן זיין אַלטע היימלאַנד, וועלכע איז שטענדיק געבליבן אים טייערער פון אַלץ.

דאָס איז אויך געווען קלאָר פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט. אויך צווישן זיי באַווייזן זיך פון צייט צו צייט מענטשן, וועלכע שטרעבן אויפצו־שטעלן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל. פיל געלערנטע, פילאָזאָפן, שריי־בער, מיניסטאָרן און גענעראַלן ביי די אומות העולם פלעגן פון צייט צו צייט דערשיינען מיט פּאָליטישע פּלענער וועגן ארץ־ישראל אַלס יידיש לאַנד. אַ טייל פון זיי האָבן געוואָלט אויסנוצן די יידישע שטרעבונג צו ציון פאַר זייערע אייגענע צילן. אויך נאַפּאָלעאָן האָט געוווּסט פון דעם גרויסן יידישן

חלום און געוואָלט אים אויסנוצן פאַר זיין טובה וועגן: ווען ער האָט באַ־לאַגערט עכו, האָט ער זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די יידן, זיי זאָלן אים העלפן איינעמען ארץ־ישראל און דערפאַר וועט ער זיי העלפן „אויפ־בויען צוריק ירושלים“. מיט דעם האָט ער געוואָלט משפיע זיין אויפן יידישן אָנפירער פון פעסטונג, חיים פרחי, ער זאָל פאַרראַטן טערקיי און איבער־געבן די פעסטונג אין זיינע הענט. אָבער פרחי איז טריי געבליבן זיין פאָן. דער יידישער פּאָליטישער חוש האָט אים מן הסתם אונטערגעזאָגט אַז נאַפּאָלעאָן איז נאָר אַ פאַרבייגייענדער שאָטן, און מען טאָר ניט אָפּהענגיק מאַכן פון אים די יידישע האָפענונגען. די יידישע גאולה וועט קומען מיט דער צייט, און דאָס פאָלק דאַרף זיין גרייט און וואַרטן אויף איר.

ד. דער ציוניסטישער טאַט אין אַלע דורות

עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אוֹתָהּ.
(במדבר י״ג. ל׳)

ווען האָט זיך אָנגעפאַנגען די עליה קיין ארץ־ישראל ?

די שטענדיקע דערוואַרטונג אויף אַ נאָענטע גאולה דורך משיחן און די פאַרשיידענע פּרוּוון צו דעראָבערן ארץ־ישראל מיטן שווערד אָדער דורך פּאָליטישע וועגן האָבן ניט אָפּגעשוואַכט דעם אומאויפהערלעכן ווילן אויפצולעבן דאָס לאַנד דורך פּראַקטישע אַרבעט און מי. דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז ניט גענוג וואַרטן אויף משיחן, נאָר יעדער ייד וועלכער האָט ליב דאָס לאַנד איז מחוייב עולה זיין קיין ארץ ישראל.

די עליה פון יחידים, אָדער המונים, וועלכע האָבן עולה געווען מיטן בפירושדיקן ציל צו באַזעצן זיך און באַנייען דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, האָט זיך אָנגעהויבן בערך אין צוועלפטן יאָרהונדערט. אויך פריער, אין די צייטן פון תלמוד און גאונים, זיינען געווען איינצלנע פאַלן פון עליה קיין ארץ־ישראל, אָבער דאָס האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון געוויינטלעכע נסיעות פון איין לאַנד אין צווייטן. אין די ערשטע יאָרהונדערטער נאָכן חורבן האָט געלעבט אין לאַנד אַ גרויסער קבוץ יידן, און די באַדערפעניש אין אַ עליה פון חוץ־לארץ האָט זיך כמעט ניט געפילט.

צום אמתן חורבן פון לאַנד האָט געבראַכט די אַראַבישע הערשאַפט. די שטענדיקע אומאויפהערלעכע מלחמות צווישן די אַראַבישע דינאַסטיעס, הערשער און שבטים, האָבן חרוב געמאַכט די שטעט און די דערפער. די קרייצלער האָבן דערגאַנצט דעם חורבן. רציחות, הריגות און געצוווּנגענער שמד האָבן פאַרניכטעט די יידישע ישובים אין לאַנד. דער יידישער רייזנדער, בנימין פון טאָדעלאַ, וועלכער האָט באַזוכט ארץ־ישראל אין סוף פון עלפטן יאָרהונדערט, האָט געפונען אין לאַנד מער ניט ווי 1053 יידישע משפחות, ד. ה. בסך־הכל — פיר־פינף טויזנט יידן!

דאָן איז געווען אַ שרעקלעכער מאָמענט אין דער יידישער געשיכטע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט רייסט זיך איבער דער לעבעדיקער בונד צווישן פאָלק און לאַנד.

אָבער די יידישע געשיכטע האָט ניט אַנטוישט: אין דעם דעצידירנ־דיקן מאָמענט האָבן זיך אויפגעוועקט די לעבנס־קרעפטן פון פאָלק; און פון אַלע זייטן, ניט קוקנדיק אויף די גרויסע סכנות אַריינצופאַלן אין די אכזריותדיקע הענט פון די קרייצלער און אין די הענט פון ים־רויבער וועלכע האָבן געלויערט אויף די וועגן, האָבן יידן גענומען עולה זיין אין ארץ־ישראל. אין צוועלפטן יאָרהונדערט האָט אויפגעהערט דער פּראָצעס פון „ירידה" און ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּראָצעס פון „עליה" און באַנייאונג פון ישוב, וועלכער ציט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

רבי יהודה הלוי

אַלס סימבאָל פאַר די ערשטע עולים אין יענער תקופה קאָן דינען דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער רבי יהודה הלוי. זיינע שאַפונגען זיינען פאַרהייליקט געוואָרן ביים פאָלק און זיינען אַריין אין די קינות פון תשעה באב: „...לבי במזרח ואנכי בסוף מערב"... „ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך" אאז"וו. אויך איז באַוווסט זיין גרויס פילאָזאָפיש בוך „הכוזרי" אין וועלכן ער ווייזט דעם אייביקן בונד צווישן יידישן פאָלק, זיין תורה און ארץ־ישראל.

יהודה הלוי האָט געפילט די סכנה, אַז ארץ־ישראל וועט בלייבן חס ושלום אָן יידן, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער מוז דינען אַלס אַ מוסטער פאַר זיין פאָלק. ניט קוקנדיק אויף זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, האָט ער אין עלטער פון זעכציק יאָר פאַרלאָזן זיין היים און זיין גוטס, זיין איינאונ־איינציקע טאָכטער און זיינע געליבטע תלמידים און זיך געלאָזן אין סכנות־דיקן וועג. דריי מאָנאַטן האָט געדויערט די נסיעה אין אַ זעגל־שיף. קומענ־דיק אין מצרים, האָבן אים די דאָרטיקע יידן אויפגענומען מיט ליבע און כבוד. פון מצרים איז ער געפאָרן קיין ירושלים, וועלכע איז דאַן געווען די הויפטשטאָט פון די קרייצלער, און דאָ זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען זיינע שפורן. די לעגענדע דערציילט, אַז קומענדיק קיין ירושלים און שטייענדיק ביים כותל המערבי, האָט רבי יהודה הלוי צעריסן זיינע קליידער, געפאַלן מיטן פנים צו דער ערד, געקושט די זאַמד און די שטיינער פון הייליקן אָרט און געזונגען זיין ליד... „ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך..." אין דער צייט איז פאַרביי געריטן אַן אַראַבער אויף אַ פערד, און זעענדיק די התלהבות און דבקות פון רבי יהודה הלוי, איז ער פון קנאה אַרויף מיט זיין פערד אויף אים און צעטראָטן אויף טויט.

אַזוי האָט די בלוט פון ערשטן גרויסן עולה געחתמעט דעם אייביקן בונד צווישן פאָלק און לאַנד. רבי יהודה הלוי האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר אַ סך יידן, עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

באַרימטע עולים נאָך רבי יהודה הלוי

דרייסיק יאָר נאָך רבי יהודה הלוי האָט באַזוכט ארץ ישראל דער באַוווסטער רייזנדער רבי בנימין פון טאָדעלאַ. זיינע איינדרוקן פון לאַנד האָט ער באַשריבן אין זיין בוך „מסעות רבי בנימין מטודלה".

נאָך אים האָט באַרייזט דאָס לאַנד רבי פתחיה פון רעגענסבורג. זיין באַשרייבונג איבער ארץ ישראל הייסט „סבוב העולם".

אין יענער צייט האָט באַזוכט ארץ־ישראל דער רמב"ם, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין מצרים, אָבער געבעטן אַז מען זאָל נאָך זיין טויט ברענגען זיין קערפּער צו אייביקן רו אין ארץ־ישראל. זיינע תלמידים האָבן דערפילט די צוואה, און זיין קבר געפינט זיך אין טבריה.

אַ קורצע צייט נאָך אים האָט באַזוכט דאָס לאַנד רבי יהודה אלחריזי, וועלכער האָט אויך געשריבן בענקעניש־לידער צו ארץ־ישראל.

די ערשטע עליה

אין יענער צייט האָט זיך געשאַפן אַ באַוועגונג אין פראַנקרייך און ענגלאַנד עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. בראש פון די ערשטע עולים, וועלכע זיינען געפאָרן זען דאָס לאַנד און די מעגלעכקייטן צו באַזעצן זיך אין אים, איז געשטאַנען רבי יונתן פון לוניל פון פראַנקרייך. אַ יאָר שפּעטער זיינען אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישראל אַ גרופּע פון דריי הונדערט מאַן, רבנים און פאַרמעגלעכע יידן. די עולים האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים און אין איר אומגעגנט. די גרופּע קאָן מיט רעכט גערעכנט ווערן אַלס די ערשטע גרעסערע עליה נאָכן חורבן.

דער רמב"ן — דער גרינדער פון נייעם ישוב

די רעליגיעזע ויכוחים אין אייראָפּע צווישן יידן און קריסטן האָבן פאַרשאַפט זייער פיל צרות די יידן. נאָך אַזאַ „ויכוח" האָבן געמוזט אַנטלויפן קיין ארץ־ישראל: רבי יחיאל בן יוסף, דער ראש הישיבה פון פאַריז, און רבנו משה בן נחמן פון ספרד, וועלכער איז באַוווסט מיטן נאָמען דער רמב"ן.

דער רמב"ן איז געקומען אין לאַנד אַ פּאָר יאָר נאָכן חורבן פון ירושלים דורך די מאָנגאָלן. ירושלים איז געווען אינגאַנצן חרוב, און נאָר צוויי יידן האָבן געלעבט אין איר.

צוערשט האָט דער רמב"ן זיך באַמיט צענויפזאַמלען אין ירושלים

די אַלע יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון איר און זיך באַזעצט אין אַנדערע ערטער. אין משך פון אַ קורצער צייט איז אויפגעשטאַנען אין ירושלים אַ קליינע יידישע קהילה, וועלכע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. זיי האָבן אויסגעקליבן אַ חורבה פון די פילע ירושלימער חורבות און זי אויסגעבויט אַלס בית־כנסת. די ידיעה, אַז דער רמב״ן האָט באַנייט דעם ישוב אין ירושלים, האָט זיך פאַרשפרייט אין אַלע יידישע קבוצים אין דער וועלט, און פון אַלע לענדער האָבן יידן גענומען שטראָמען קיין ארץ־ישראל, אַ טייל פון זיי כדי צו לערנען תורה ביים רמב״ן. אַזוי אַרום האָט זוכה געווען דער רמב״ן צו זיין דער גרינדער פון נייעם ישוב אין לאַנד.

די עליה פון די אשכנזים

באַזונדערס האָט זיך פאַרשטאַרקט די עליה פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך, ווייל די רדיפות אויף די יידן האָבן זיך דאָרט געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. צוואַנציק יאָר נאָך דעם רמב״נס עליה האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרופּע יידן פון דייטשלאַנד מיטן ציל עולה צו זיין אין ארץ־ישראל. זייער אָנפירער איז געווען דער גאון רבי מאיר פון רוטענבערג, וועלכער איז באַוווסט אַלס המהר״ם מרוטנברג. דער מהר״ם האָט ניט זוכה געווען צו זען דאָס לאַנד. ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דייטשן קייזער און איז געשטאָרבן אין תפיסה. אָבער זיינע תלמידים האָבן עולה געווען און פאַרגרעסערט דעם ישוב.

צווישן די עולים אין יענער תקופה איז געווען אויך רבי אשתורי הפרחי, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין בית־שאן און האָט געשריבן דעם ערשטן געאָגראַפישן בוך איבער א״י: „כפתור ופרח״.

צוויי הונדערט יאָר, פון צוועלפטן יאָרהונדערט ביזן פערצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך געצויגן די עליה אין ארץ־ישראל. אָפּגעשוואַכט איז זי געוואָרן נאָר אין פערצנטן יאָרהונדערט, ווייל די ווענעציאַנישע רעגירונג האָט אויף אירע שיפן פאַרבאָטן צו נעמען יידן קיין ארץ־ישראל, און ווענעציע איז דאַן געווען דער הויפט־פּאָרט פאַר די רייזנדע אין די מזרח־לענדער. די גזירה איז אַרויס צוליב אַ בלבול פון די קריסטן, אַז די יידן האָבן גורם געווען דערצו, אַז דוד המלך׳ס קבר וואָס איז פאַרהייליקט אויך ביי די קריסטן זאָל אַריבערגיין צו מוזולמענישע הענט. לויט זייער ווענדונג צום פּויפּסט אין רוים און צו דער ווענעציאַנישער רעגירונג איז די גזירה אַרויסגעגעבן געוואָרן.

אָבער אין זעכציק יאָר אַרום האָט זיך באַנייט די עליה מיט גרעסערער התלהבות. טערקיי, וועלכע האָט געירשנט די ביזאַנטישע אימפּעריע אין גאַנצן מזרח, האָט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס די יידישע פליטים,

וועלכע האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אין די לענדער פון דער טערקישער אימפּעריע. איינער פון די דייטשע פּליטים, יצחק צרפתי, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין טערקיי, האָט זיך געווענדעט מיט אַ קול־קורא צו די יידן אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, זיי זאָלן עולה זיין דורך טערקיי קיין ארץ־ישראל. דער אויפרוף האָט געווירקט, און פיל יידן פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָבן גענומען עולה זיין דורך דעם נייעם וועג. צווישן די עולים איז אויך געווען רבנו עובדיה פון באַרטנורא, וועלכער האָט געשריבן אַ פּירוש אויף משניות. ווי דער רמב״ן מיט צוויי הונדערט יאָר פאַר אים, האָט ער זייער אַ סך געטון צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן דעם יידישן ישוב אין ירושלים. ער האָט געגרינדעט שולן און פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, ווי אויך מתקן געווען פאַרשיידענע תקנות צו פאַרשטאַרקן דעם ישוב.

די עליות האָבן פאַרמערט דעם יידישן ישוב אין לאַנד און אים צוגעגרייט צום טאָג, ווען ער וועט אויפגעפאָדערט ווערן צו אַ גרויסער נאַציאָנאַלער רעטונגס־אַקציע. און דער טאָג האָט ניט פאַרזאַמט אָנצו־קומען.

די עליה פון די ספרדים

פיר יאָר נאָך דער עליה פון רבנו עובדיה מברטנורה, האָט דאָס יידנטום געטראָפן דער גרויסער אומגליק — גירוש ספרד. תשעה באב 1492 זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן אַלע יידן פון ספרד. נאָר אַ קליינער טייל, וועלכער האָט אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה, איז פאַרבליבן אין שפּאַניע. אַ טייל פון די אַרויסגעטריבענע איז געלונגען נאָך פיל מאַטערנישן צו דער־גרייכן ארץ־ישראל, וועלכע איז אין יענער צייט אַריבער פון די אַראַביש־מצרישע הענט צו די הענט פון טערקיי. דער וועג פאַר אַ גרויסער און פרייער עליה האָט זיך געעפנט.

צפת — דער צענטער פון יידנטום

די עליה פון די ספרדים איז געווען די גרעסטע עליה ביז אונזער תקופה. זי האָט זיך געצויגן צענטליקער יאָרן און געבראַכט אין לאַנד מאַסן עולים, און מיט זיי — רייכטום, תורה און חכמה. דער רוב פון די עולים האָט זיך באַזעצט אין גליל, ווייל אין ירושלים האָט זיך געשפּירט די שטאַרקע האַנט פון די קריסטלעכע גייסטלעכע. די ספרדים האָבן אויפ־געלעבט צפת, וועלכע איז מיט איר תורה און מסחר געוואָרן דער צענטער פון ארץ־ישראל און אין משך פון אַ געוויסער צייט — אויך פון גאַנצן יידנטום. אין צפת האָבן זיך באַזעצט אַ סך באַוווסטע גרויסע מענטשן, וועלכע האָבן משפּיע געווען אויף אַלע יידישע קיבוצים אין דער וועלט. אין איר



צפת

האָבן געלעבט די גרויסע דיכטער ישראל נג׳רה און שלמה אלקבץ, וועלכע האָבן געזונגען נייע ציון־לידער. באַזונדערס איז באַוווּסט דאָס גרויסע ליבע־ליד צו ארץ־ישראל פון שלמה אלקבץ „לכה דודי“, וועלכע איז אַריין אין די שבתדיקע תפילות. אין צפת האָבן זיך אויך באַזעצט די מקובלים ר׳ משה קאָרדאָווערא און דער ר׳ יצחק לוריא (האר״י הקדוש), וועלכער האָט געשאַפן די לערע פון קבלה מעשית. הונדערטער יאָרן איז די השפעה פון צפת שטאַרק געווען אויפן יידנטום. דאָ האָט אויך געלעבט ר׳ יוסף קאַרו, דער מחבר פון „שולחן ערוך“ — דער דינים־בוך פאַרן גאַנצן יידנטום. אויך שלמה מולכו, וועלכער האָט געפילט דעם אָטעם פון קומענדיקן משיח, האָט געלעבט אַ געוויסע צייט אין צפת און דאָ האָט ער זיך געגרייט אַרויסצוגיין צו די יידישע קיבוצים אין אייראָפּע מיט דער גרויסער בשורה. דאָ האָט געלעבט יעקב בירב, וועלכער האָט געוואָלט מחדש זיין די סנהדרין. און אין דער נאָענטסטער סביבה האָבן דאָנאַ גראַציע מיט יוסף הנשיא געפּרוּווט בויען אַ יידישן אויטאָנאָמען מרכז. צוויי הונדערט און פופציק יאָר האָט עקזיסטירט דער מרכז אין צפת, וועלכער האָט געשאַפן גרויסע ווערטן פאַרן פאָלק און אַרומגערינגלט דעם גליל מיט אַ רוים פון ליכט און הייליקייט.

דער של״ה הקדוש

אין משך פון דער צייט ווען די עליה פון די ספרדים האָט באַנייט און פאַרשטאַרקט דעם יידישן ישוב אין גליל, האָט אויך ניט אויפגעהערט די עליה פון די אשכנזים. צווישן די עולים איז געווען ר׳ ישעיהו

הורביץ (השל״ה) פון פּראָג, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ירושלים. אָבער אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון שטאָט, צוליב די רדיפות פון אכזריותדיקן אַראַבישן הערשער פון ירושלים. אַ געוויסע צייט האָט ער געוווינט אין צפת און צולעצט אַריבער אין טבריה, ווו ער איז געשטאָרבן. פון ארץ־ישראל האָט ער געשיקט צו זיינע קינדער אין חוץ־לארץ אַ צוואה, וועלכע איז דערשינען אין פאָרם פון אַ ספר מיטן נאָמען „שני לוחות הברית״; די ראשי־תיבות פון דעם איז של״ה, פון דאַנען איז דער צונאָמען פון מחבר. דאָס בוך איז דערגאַנגען צו אַלע יידישע קיבוצים, און דער מחבר איז פאַרהייליקט געוואָרן (דער הייליקער של״ה).

רבי יהודה החסיד מיט זיינע חברים

די משיחישע באַוועגונג פון שבתי צבי, וועלכע האָט זיך געענדיקט אַזוי טראַגיש און געבראַכט אַזוי פיל אַנטוישונג די מאמינים זיינע, האָט אויפגעוועקט אַ מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל. דער צענטער פון דער עליה איז געווען פוילן. בראש פון איר האָבן זיך געשטעלט צוויי מקובלים, וועלכע האָבן געגלויבט אין שבתי צבי אויך נאָך זיין טויט: ר׳ יהודה חסיד און חיים מלאך. רבי יהודה חסיד האָט געגרינדעט אַ סעקטע, וועלכע האָט זיך גערופן „חסידים״. זיי האָבן געגלויבט, אַז דורך סיגופים און זעלבסט־פּייניקונג קען מען דערנענטערן משיחס קומען. די חסידים האָבן געגלויבט אין רבי יהודה חסיד און האָבן ליקווידירט זייערע געשעפטן, פאַרקויפט זייערע הייזער און געלאָזן זיך מיט זייער רבי צו פוס קיין ארץ־ישראל. אָנגעטאָן אין ווייסע מלבושים, מיט בלייכע פּנימער פון תעניתים, זיינען זיי געגאַנגען דורך דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע. זייער דערשיינען אין יעדן אָרט האָט אויפגעוועקט כבוד און אַכטונג צו זיי, און אַ סך יידן האָבן דורך דער השפּעה פון זייער דערשיינונג און רעדעס, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין בתי־מדרשים, פאַרלאָזן האָב און גוטס און מיטגעגאַנגען מיט זיי. די גרופּע עולים האָט געציילט טויזנט פינף הונדערט מאַן, אָבער נאָר טויזנט פון זיי איז געלונגען נאָך שווערע נסיעות און סכנות אויפן ים צו דערגרייכן זייער ציל. קומענדיק אין ירושלים, האָבן יהודה חסיד מיט זיינע חסידים געקויפט אַ הויז פאַר אַ שול מיט וווין־דירות פאַר זיך. די שול איז באַוווסט מיטן נאָמען „חורבת רבי יהודה החסיד״. אָבער דער אכזריותדיקער גורל האָט צעשטערט דעם גרויסן אויפטו גלייך ביים אָנפאַנג. צוויי טעג נאָכן אָנקומען קיין ירושלים איז געשטאָרבן ר׳ יהודה חסיד, און זיין גרופּע חסידים איז זיך צופאַלן, נישט געפינענדיק אַ מנהיג וואָס זאָל זיך שטעלן אויפן אָרט פון געשטאָרבענעם. אייניקע חסידים זיינען אַריבער צום איסלאַם און זיך באַהעפט מיט דער „דאָנמע״, די סעקטע פון שבתי צבי־אָנהענגער, אַ

טייל האָבן זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע, און נאָר אַ קליינער טייל איז געבליבן אין ירושלים.

די עליה פון ר׳ יהודה חסיד האָט אָבער משפּיע געווען אויף פיל יידן, און צוויי יאָר שפּעטער האָבן עולה געווען פינפאונצוואַנציק רייכע יידן פון איטאַליע מיטן רייכן מקובל ה׳ אברהם רביגו בראש. זיי האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים און צוזאַמען מיט די איבערגעבליבענע חסידים פון ר׳ יהודה חסיד געגרינדעט די ישיבה פון די מקובלים אין ירושלים.

די ווידעראויפלעבונג פון טבריה

אין פערציק יאָר אַרום האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט די עליה. דער וועקער און רופער צו עולה זיין איז געווען ר׳ חיים אבואלעפיה, וועלכער איז גערופן געוואָרן דורכן נייעם הערשער פון גליל, שייך דהר איל עומר, צו באַנייען די שטאָט טבריה. ר׳ חיים׳ס זיידע רבי יעקב אבואלעפיה איז געווען רב אין טבריה מיט זיבעציק יאָר צוריק, ווען זי איז חרוב געוואָרן נאָך איר ווידעראויפלעבונג דורך דאָנע גראַציע מענדעס און יוסף נשיא. דער שייך דהר איל עומר, וועלכער האָט פאַרטריבן די באַנדעס רויבער פון גליל און געבראַכט דאָרט רו און אָרדענונג, האָט גערופן ר׳ חיים׳ן פון איזמיר ער זאָל אויפבויען צוריק טבריה. ר׳ חיים האָט עולה געווען בראש פון אַ גרויסער גרופּע יידן, געבויט הייזער, שולן און געפלאַנצט גערטנער אין טבריה. ער האָט אויך געשיקט קול־קורא׳ס צו די יידן אין דער וועלט, זיי זאָלן קומען און זיך באַזעצן אין לאַנד.

ר׳ חיים בן עטר. שלמה עבאדי. דער רמח״ל

די אויפרופן זיינען דערגאַנגען אין אַלע מזרח־לענדער און געבראַכט אַ פאַרשטאַרקטע עליה אין לאַנד. צווישן די עולים איז געווען ר׳ חיים בן עטר. אונטער דער השפּעה פון רבי חיים אבואלעפיה׳ס אויפרופן, האָט ער זיך אַליין געווענדעט צו די יידישע קהילות אין טערקיי און איטאַליע מיט אַ קול־קורא. פיל יידן האָבן זיך אָפּגעענטפערט אויף ר׳ חיים בן עטר׳ס רוף און זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום אים, מיטן ציל עולה צו זיין אין ירושלים און דאָרט גרינדן אַ ישיבה. אָבער קומענדיק אין לאַנד האָט ר׳ חיים זיך באַזעצט צייטווייליק אין עכו, ווייל אין ירושלים און אין יפו האָט געהערשט א מגפה. דערווייל האָט ר׳ חיים באַרייזט דעם גליל און מתפלל געווען אויף די קברים פון די צדיקים. ער איז געווען אין צפת, מירון, פּקיעין און טבריה, דאָ האָט ער זיך אויך געטראָפן מיט ר׳ חיים אבואלעפיה. ווען די מגפה האָט זיך איינגעשטילט, איז ר׳ חיים בן עטר אַריבער אין ירושלים און דאָרט געגרינדעט די ישיבה „כנסת ישראל“. זיין השפּעה אויף דער יידישער קהילה

אין ירושלים איז געווען אומגעהייער גרויס, און אַ סך האָבן געזען אין אים אַ ניצוץ פון משיחן.

אין יענער צייט האָט עולה געווען אין לאַנד ר׳ שלמה עבאדי און מיט דער הילף פון שייך דהר איל עומר, באַנייט דעם יידישן ישוב אין כפר יסיף. די יידן אין כפר יסיף, לויט ווי ר׳ חיים עטר האָט זיי געטראָפן באַזוכנדיק דעם דאָרף, זיינען געווען ערד־אַרבעטער וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט זייען און שניידן די תבואה, געלעבט בשלום איינער מיטן צווייטן אָן קנאה און שנאה, און יעדער איינער פון זיי איז געזעסן „אונטער זיין ווייַנשטאָק און פייגנבוים״.

אין יענער צייט האָט אויך עולה געווען דער גרויסער דיכטער, ר׳ משה חיים לוצאַטאָ (רמח״ל), דער פאָטער פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, און דער שטורמדיקער טרוימער פון גאולה, וועלכער האָט גע־האָפט געפינען דאָ זיין רו. ער האָט געוווינט אין צפת עטלעכע יאָר און אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע פון אַ מגפה אין עכו.

דער בעש״ט און דער גר״א

אין יענער תקופה האָבן זיך אויך פאַרשטאַרקט די עליות קיין ארץ־ישראל פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער: פוילן, גאַליציע, עסטרייך, ליטע א. אַ. צוויי פאָלקסטימלעכע רעליגיעזע באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך קעגנ־זייטיק באַקעמפט, האָבן אויפגעשטורעמט די יידישע גאַס, אָבער ביידע באַ־וועגונגען זיינען געווען געאייניקט אין דער מצוה עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

רבי ישראל בעל שם טוב (דער בעש״ט) האָט געגרינדעט דעם חסידיזם, וועלכער האָט געלערנט מקיים זיין די מצוות פון דער תורה דורך שמחה און התלהבות, ניט אַזוי ווי די רבנים, וועלכע זעען דעם עיקר אין לערנען תלמוד, אָדער ווי די מקובלים, וועלכע צערן דעם גוף דורך תעניתים און סיגופים. די חסידישע באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט אין פוילן, גאַ־ליציע, אוקראַינע און איז אויך אַריינגעדרונגען אין ליטע.

קעגן חסידיזם איז אַרויס דער גדול הדור, דער גרויסער גאון פון ווילנע, רבי אליהו (הגר״א). דער ווילנער גאון האָט געזען אין דער חסידי־שער באַוועגונג אַ סכנה פאַרן יידנטום און האָט זיך געשטעלט בראש פון די „פרושים״ אָדער „מתנגדים״, וועלכע האָבן מלחמה געהאַלטן מיט דעם חסידיזם.

און די ביידע גדולי הדור האָבן געפּרוווט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, און ביידע האָבן ניט זוכה געווען צו דערגרייכן דאָס לאַנד.

די חסידישע מסורת דערציילט, אַז דער בעש״ט צוזאַמען מיט זיין

טאָכטער און באַגלייטער האָבן זיך געלאָזן אין וועג צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיי געדונגען אַ שיף און אַרויס מיט איר אין ים. אָבער אַ שטורעמווינט האָט זיי פאַרוואָרפן אויף אַ אינזל, און זיי זייַנען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון רויבער. נאָר אין זכות פון בעש״ט, וועלכער האָט באַוויזן אַ סך נסים אין וועג, זייַנען זיי ניצול געוואָרן און זיך אומגע־קערט צוריק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער בעש״ט האָט אָנגענומען זיינע איבערלעבענישן אַלס אַ צייכן פון הימל, ער זאָל נישט פאָרזעצן זיין רייזע און דעריבער האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים.

די ליטווישע מסורת דערציילט, אַז דער גאון, וועלכער איז געזעסן אַלע טעג זייַנע אין טלית און תפילין און ניט אויפגעהערט לערנען, האָט זיך צו דער עלטער פּלוצעם אויפגעהויבן און אַרויס אין וועג קיין ארץ־ישראל. ער איז געקומען אין קעניגסבערג, און פון דאָרטן געשיקט צו זיינע קינדער אַ בריוו, וועלכער איז באַוווסט אַלס „צוואת הגר״א״. אָבער פּלוצעם האָט ער זיך אומגעקערט פון וועג אַהיים. זיינע תלמידים האָבן דערציילט אין נאָמען פון גאון, אַז פון הימל האָט מען מעכב געווען זיין נסיעה. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז אין גאון׳ס נשמה איז געווען אַ פונק פון משה רבנו׳ס נשמה, און ער האָט ניט זוכה געווען אריינצוגיין אין לאַנד.

און דאָס וואָס ס׳איז ניט געלונגען די צוויי גדולי הדור — האָבן פאַרווירקלעכט זייערע תלמידים.

די עליה פון די חסידים

דער בעש״ט און זיינע תלמידים האָבן געוועקט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, און אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די עליה פון די חסידים. צוערשט האָט עולה געווען רבי אברהם גרשון פון קיטאָוו, דעם בעש״ט׳ס שוואָגער. זעקס יאָר האָט ער געוווינט אין חברון און דערנאָך איז ער אַריבער וווינען אין ירושלים. דאָ האָט ער מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. נאָך אים איז געקומען רבי נחמן פון האָראָדענקא, בראש פון אַ גרוי־סער גרופּע עולים. דיביידע האָבן אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר אַ גרויסער עליה פון חסידים.

דרייצן יאָר נאָך רבי נחמנס עליה האָבן עולה געווען רבי מנחם־מענדל פון וויטעבסק און רבי אברהם פון קאַליסק, בראש פון דריי הונדערט חסידים. זיי האָבן זיך באַזעצט אין טבריה, וועלכע איז געווען אונטער דער השפעה פון ר׳ חיים פרחי, דער באַוווסטער יידישער וויזיר, וועלכער האָט געשטיצט דעם אשכנזישן ישוב אין גליל. אַזוי אַרום איז טבריה געוואָרן דער צענטער פון די חסידים אין לאַנד, אונטער דער אָנפירונג פון רבי מנחם־מענדל פון וויטעבסק. נאָך זיין טויט האָט פאַרנומען זיין אָרט ר׳ אברהם

פון קאַליסק. היות ווי דער ציל פון די עולים איז געווען נאָר אַ רעליגיעזער, האָבן זיי ניט געזוכט צו שאַפן פאַר זיך אין לאַנד קוואַלן פון פרנסה און זיך פאַרלאָזט אויף די תרומות פון די יידן אין חוץ־לארץ. ר׳ זלמן־שניאור פון לאַדי און רבי לוי־יצחק פון בערדיטשעוו, די ביידע צדיקים, האָבן אויף זיך גענומען דעם עול צו שאַפן די געלדער פאַר די חסידים אין טבריה. יאָר־יערלעך פלעגן זיי איבערשיקן גרויסע סכומים געלט, וועלכע זיינען גע־זאַמלט געוואָרן פאַר די וואָס זיצן אין הייליקן לאַנד. אַזוי אַרום איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער חלוקה (יעדע פאַמיליע פלעגט באַקומען אַ געוויסע סומע געלט).

אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט די עליה פון רבי נחמן פון בראַצלאַוו, וועלכער איז געווען אַן איניקל פון בעש״ט און פון ר׳ נחמן פון האָראָ־דענקא. ער האָט געזוכט קוואַלן צו שעפּן פון זיי גייסטיקע כוחות, און די קוואַלן האָט ער געהאָפט צו געפינען אין ארץ־ישראל. ער פלעגט זאָגן: „זיין אַ ייד קען מען נאָר דורך ארץ־ישראל״. ער האָט אויך מחבר געווען אַ באַזונדערע תפילה אויף דער עליה אין ארץ־ישראל.

אין עלטער פון זעקס און צוואַנציק יאָר האָט ר׳ נחמן עולה געווען. דאָס איז געווען אין די טעג, ווען נאַפּאָלעאָן האָט מלחמה געהאַלטן אין לאַנד, און גרויסע סכנות האָבן געדראָט יעדן עולה. אַ האַלב יאָר איז ר׳ נחמן געזעסן אין לאַנד, — די מערסטע צייט אין טבריה. דאָ האָט ער געלערנט קבלה, פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסגיין מתפלל זיין אויף די קברים פון די צדיקים. זיין נאָמען איז באַרימט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד, און אַ סך פלעגן קומען צו אים הערן זיין תורה.

אומקערנדיק זיך אין חוץ־לארץ, איז ר׳ נחמן געוואָרן ווי אַן אַנדער מענטש. זיינע תלמידים האָבן דערציילט, „אַז זיין גאַנצע חיות איז נאָר אַ דאַנק זיין נסיעה אין ארץ־ישראל, און אויך זיין תורה און חכמה איז נאָר מכוח זיין ווינען אין לאַנד, ווייל דער עיקר חכמה איז נאָר אין ארץ־ישראל״. דעריבער האָט ער פאַרזאָגט זיינע תלמידים עולה צו זיין, ניט קוקנדיק אויף מכשולים און יסורים.

„ווער ס׳וויל באמת קומען קיין ארץ־ישראל, דאַרף גיין אויך צופוס, אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט אברהם׳ען: לך־לך, גיי דוקא!״.

זיינע ווערטער האָבן געהאַט זייער פּעולה, און אַ סך פון זיינע תלמידים האָבן עולה געווען.

די עליה פון די מתנגדים

אויך דער ווילנער גאון מיט זיינע תלמידים האָבן געשטעלט די מצוה פון ווינען אין ארץ־ישראל בראש פון אַלע מצוות: „ישיבת ארץ־ישראל

שקולה ככל התורה" — ווינען אין ארץ־ישראל איז חשוב ווי די גאַנצע תורה.

צען יאָר נאָכן גאון׳ס טויט האָבן עולה געווען רבי מנחם־מענדל פון שקלאָוו מיט אַ גרויסער גרופּע עולים פון ליטע. נאָך זיי האָבן עולה געווען אַ סך יידן מיט ר׳ ישראל פון שקלאָוו בראש, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן דער אָנפירער פון די מתנגדים אין גאַנצן לאַנד.

די מתנגדים האָבן זיך באַזעצט אין צפת, וועלכע איז געוואָרן דער צענטער פון די מתנגדים אין לאַנד. אויך זיי האָבן געלעבט פון די געלט־שטיצע, וועלכע די יידן פון חוץ־לארץ האָבן זיי געשיקט. און היות אַז די מחלוקת צווישן די מתנגדים און די חסידים האָט ניט אויפגעהערט אויך אין לאַנד, האָבן דעריבער די מתנגדים געגרינדעט אַ באַזונדערע חלוקה־קופּה. אַזוי אַרום האָבן זיך פאַרברייטערט די געלט־זאַמלונגען פאַר דער חלוקה און אַרומגענומען אויך ליטע און ווייסרוסלאַנד.

דער גורל פון די מתנגדים איז געווען זייער אַ שלעכטער. זיי זיינען געפּרוווט געוואָרן מיט אַ סך שווערע נסיונות: הונגער, מגפות, ערד־ציטער־נישן און אַנדערע יסורים. אָבער די יסורים האָבן געשטאַרקט זייער ווילן און זיי צוגעשמידט מער און מער צו ארץ־ישראל.

מער פון אַלעמען איז אויסגעשטאַנען יסורים דער רבי זייערער, ר׳ ישראל פון שקלאָוו. גלייך נאָכן אָנקומען אין לאַנד, האָט ער געמוזט נעמען אין האַנט דעם וואַנדערשטעקן און אומקערן זיך קיין רוסלאַנד, אַלס משולח צו זאַמלען געלט כדי צו פאַרזיכערן דעם קיום פון די מתנגדים אין לאַנד. אין צוויי יאָר אַרום האָט ער זיך אומגעקערט קיין צפת, אָבער דאָן איז אויסגעבראָכן דאָרט אַ שרעקלעכע מגפה, און אין אַ קורצער צייט זיינען אָפּגעשטאָרבן זיין פאָטער, מוטער, פרוי, צוויי טעכטער, צוויי זין און איידעם. ער אַליין איז אויך געווען שטאַרק קראַנק און איז ניצל געוואָרן בנס פון דער מגפה. פונדעסטוועגן איז ער ניט געפאַלן אין מוט און געפירט ווייטער זיין געמיינדע מיט דער הילף פון וויזיר חיים פרחי, וועלכער האָט געשטיצט די מתנגדים. אָבער אַ נייע צרה איז אָנגעקומען: חיים פרחי איז געטויט געוואָרן דורך דעם טערקישן הערשער, און רבי ישראל איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה און זיך געמאַטערט דאָרט אַ לאַנגע צייט. פונדעסטוועגן האָבן די מתנגדים ניט פאַרלאָזן צפת ביז — ביז ס׳איז געקומען דער שרעק־לעכער טאָג כ״ד טבת תקצ״ז. יענעם טאָג האָט אַ גרויסע ערדציטערניש אויפגעטרייסלט דאָס לאַנד. צפת איז אינגאַנצן חרוב געוואָרן, און דריי טויזנט יידן זיינען אומגעקומען. דאָן איז ר׳ ישראל, מיט די לעבן־געבלי־בענע מתנגדים, אַריבער קיין ירושלים. די קליינע יידישע קהילה אין ירושלים, וועלכע האָט שטאַרק געליטן פון די אַראַבער, איז באַנייט און פאַרשטאַרקט

געוואָרן. אַזוי אַרום האָט די עליה פון די מתנגדים באַנייט דעם ישוב אין ירושלים.

די חלוקה און רבי מאיר בעל־הנס פושקע

די עליות פון די חסידים און די מתנגדים זיינען געווען די לעצטע עליות פון אייראָפּע ביז דער תקופה פון ציוניזם. זיי האָבן פרשטאַרקט און באַפעסטיקט דעם אשכנזישן ישוב אין לאַנד. זיי האָבן אַנטוויקלט דעם חלוקה־סיסטעם און געשאַפן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט צווישן ארץ־ישראל און חוץ־לארץ. אין יעדן יידישן הויז איז געהאַנגען די מאיר־בעל־הנס פושקע, און פון צייט צו צייט פלעגט מען אַריינוואַרפן אַ פרוטה פאַר ארץ־ישראל. יעדן פרייטיק פאַר ליכט־צינדן פלעגט די יידישע מוטער תורם זיין איר תרומה פאַרן הייליקן לאַנד.

*

זייער אַלט איז דער ציוניסטישער געדאַנק. ער האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויפן גאַנצן יידישן לעבן אין גלות, אויף די יידישע תפילות און מנהגים. ער האָט ניט אָפּגעלאָזן פון אונזערע עלטערן אויף איין מינוט. אומעטום האָט דער ייד געפילט די פרעמדקייט פון גלות. די צרות האָבן פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון פרעמדקייט אויף פרעמדער ערד. אונזערע שונאים האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז דער בעסטער געווער קעגן יידן איז באַזייטיקן דאָס פרעמדקייטס־געפיל און שטעלן דעם ייד אין נסיון פון גלייכע רעכט מיט אַלע בירגער פון לאַנד, אין וועלכן ער וווינט.

און אָט זיינען געקומען אויך אַזעלכע טעג, אין וועלכע די גלות־לענדער האָבן גענומען שמייכלען מיט אַ פרילינגס־שמייכל צו די יידן, און האָבן גענומען זיך אָנגעבן פאַר זיי אַלס ליבע און געטרייע שוץ־היימען. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. זייער פיל האָבן צוזאַמען מיט די געוויסע בירגער־רעכט, וועלכע זיי האָבן באַקומען (דאָס רוב נאָר אויפן פּאַפּיר), אויך אָנגענומען די לאַנד־שפּראַך, איר קולטור און פאַרלאָזן אינגאַנצן דעם יידישן פאָלקס־שטאַם. אָבער אין דער גרויסער סכנה פאַרן יידנטום האָט זיך אויפגעוועקט די אומגעהייערע יידישע לעבנס־קראַפט און געשאַפן די גרויסע פאָלקס־רעטונג־באַוועגונג, וואָס איר גלייכן איז ניט געווען זייט דעם חורבן פון בית־המקדש, און וועלכע האָט זיך געשוואָרן צו פאַרווירקלעכן די אומאויפהערלעכע גרויסע שטרעבונג פון אַלע דורות יידן. עס איז געשאַפן געוואָרן — די ציוניסטישע באַוועגונג.

ה. די געבורטס־ווייען פון דער ציוניסטישער באוועגונג

אֵין בֶּן דָּוִד בָּא עַד שֶׁיִּתְיָאֲשׁוּ
מִן הַגְּאֻלָּה.
(סנהדרין, צז)

די השכלה און די גלייכבארעכטיקונג

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט באַפרייט די מאַסן פון דעם דעספּאָטישן יאָך פון די מלכים, פון דעם יאָך פון די רייכע גוטבאַזיצער און קירך, און האָט אויפגעשריבן אויף איר פאָן די דריי ווערטער: פרייהייט, גלייכהייט, ברודערשאַפט, האָט אויך אויפגעטרייסלט די מויערן פון געטאָ, ווו יידן האָבן זיך פאַרשלאָסן פון צוויי טעמים: איינס — כדי צו קאָנען אָפּהיטן אין אים זייער אייגנטימלעכע קולטור און מנהגים; און צווייטנס — כדי צוזאַמען זיך קאָנען קעגנשטעלן דער פרעמדער פיינטלעכער גאַס. די ביידע טעמים האָבן איצט אָנגעווירן זייער ווערט.

די פרייהייטס־אידעען זיינען אַריינגעדרונגען אין געטאָ, ווו די חומרה׳ס פון די רבנים האָבן געהערשט. פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען הערן שטימען, וועלכע האָבן גערופן: קומט אַרויס פון געטאָ, קומט לערנען די שפּראַך פון לאַנד, בילדונג און חכמה!

דער פאָטער פון נייעם שטראָם אין דער יידישער געשיכטע, פון דער דער השכלה — איז געווען משה מענדעלסאָן. ער האָט געהיט אַלע יידישע מצוות, און אין דער זעלביקער צייט געווען באַפריינדעט מיטן פּרייסישן קעניג און מיט די בערלינער פילאָזאָפן און שרייבער. משה מענדעלסאָן האָט איבערזעצט דעם תנ״ך אויף דייטש. די איבערזעצונג האָט געדאַרפט דינען אַלס „ערשטער שריט צו דער השכלה" פאַר אַ גרויסן טייל פון יידנטום. און באמת האָט זי געשאַפן אַ נייע ווענדונג אין דער יידישער געשיכטע, אַזוי ווי די אַמאָליקע ערשטע איבערזעצונג פון תנ״ך אויף גריכיש (תרגום השבעים).

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויך געבראַכט צו דער גלייכבאַ־

רעכטיקונג פון די יידן. דאָס ערשטע מאָל אין אייראָפּע זיינען יידן אָנערקענט געוואָרן ניט אַלס פרעמדע, נאָר אַלס בירגער ווי אַלע בירגער פון לאַנד, און זיי האָבן באַקומען גלייכע רעכט אין אַלע מערב־און מיטל־אייראָפּעאישע לענדער.

די סנהדרין אין פּאַריז

אָבער זייער אַ גרויסן פּרייז האָט מען געפאָדערט ביי די יידן פאַר די בירגער־רעכט. זיי זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן, נאָך שווערע וויכוחים אין פאַרשיידענע לענדער, צו ענטפערן אויף דער פראַגע: צי זיינען די יידן אַ פאָלק, וואָס האָט אַ פאָטערלאַנד און דעריבער דאַרפן זיי זיך רעכענען ווי פרעמדע בירגער אין די לענדער, אָדער זיי זיינען נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע און געהערן צום פאָלק פון לאַנד, אין וועלכן זיי לעבן?

דער ערשטער, וועלכער האָט געפאָדערט אַ קלאָרע תשובה אויף די פראַגן, איז געווען נאַפּאָלעאָן. ער האָט גערופן אין פּאַריז איינאונזיבעציק רבנים און פרנסים פון די קהילות צו אַ באַזונדערער אסיפה, וועלכע ער האָט גערופן „סנהדרין". זיי זיינען געזעסן אָנגעטאָן אין מהודרדיקע קליידער, אויסגעזעצט אין אַ האַלבן ראָד, אַרום דעם „נשיא" און „אב בית־דין", פּונקט ווי אַ מאָל אין ירושלים. נאַפּאָלעאָנס שליח האָט זיי געשטעלט צוועלף פראַגן בנוגע דער שטעלונג פון די יידן צו פראַנקרייך און איר קאָנסטיטוציע. פאַרשכורט פון די רעכט, האָט דער סנהדרין אָנגענומען אַ שאַנד־באַשלוס, פּונקט ווי די קאָנפערענץ פון די יידן־פאַרשטייער אין פראַנקרייך פאַר אים: אַז די יידן זיינען ביים היינטיקן טאָג נישט קיין פאָלק, נאָר „פראַנצויזן פון יידישן גלויבן", פראַנקרייך איז זייער פאָטערלאַנד, און קיין אַנדער פאָטערלאַנד אויסער איר האָבן זיי ניט.

די כפירה אין די לאַנגע דורות־האָפענונג און אין דער איינהייט פון יידישן פאָלק האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע יידישע קיבוצים אין אייראָפּע, דאָרט ווו די פראַנצויזישע זיגרייכע אַרמיי איז דערגאַנגען און געבראַכט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן און צוזאַמען מיט איר — די פאַרלייקענונג אין עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק.

זיי צו הילף זיינען געקומען מענדעלסאָנס תלמידים, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז אַ דאַנק זייער רוף צו בילדונג האָבן יידן באַקומען גלייכ־באַרעכטיקונג. איצט האָבן זיי געפאָדערט פולקאָמע אַסימילאַציע מיט די שכנים, אין שטוב און אין גאַס. זיי האָבן אויסגעמעקט פון סידור די נעמען פון „ציון" און „ירושלים" ווי אויך די תפילות אויף שיבת ציון. אין פיל בתי־מדרשים האָט מען גענומען דאַוונען אין דייטש אָדער פראַנצויזיש. אַ סך רבנים האָבן אין זייערע קאָנפערענצן באַשלאָסן איינצופירן רעפאָרמען

אין יידישן דת. ס'איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו איינצופירן זונטיק אַלס רו־טאָג אַנשטאָט שבת.

די אַסימילאַציע און איר פּרוכט

זייער שטאַרקט איז געווען דער קלאַפּ וואָס די אַסימילאַציע האָט געגעבן דעם יידנטום. אין משך פון אַלע דורות האָבן יידן געהאָפט אויסגע־לייזט צו ווערן פון גלות און בויען צוריק דאָס אייגענע לאַנד. אָבער די, וועלכע האָבן מוותר געווען אויפן באַפרייאונג פון גלות, האָבן שוין מער ניט געפונען פאַר זיך קיין אָרט אין יידנטום און האָבן פאַרלאָזן אין גאַנצן די יידישע אמונה. צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך געטויפט, האָבן זיך געפונען: משה מענדעלסאָנס זון און טעכטער, און נאָך זיי האָט דער שמד אַרומגענומען פיל משפחות אין בערלין און אין גאַנץ דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע. הונדערט צוואַנציק טויזנט יידן האָבן זיך געשמדט אין מערב־אייראָפּע, פון מענדעלסאָנען ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה (לויט ד״ר א. רופּין), חוץ פון די טויזנטער אַסימילאַנטן, וועלכע זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען פאַרן יידנטום, ניט פאַרלאָזנדיק אָפיציעל די יידישע אמונה.

אַזוי אַרום האָבן די תלמידים פון מענדעלסאָנען און די קנעכט פון דער גלייכבאַרעכטיקונג געבראַכט אומגעהייערן שאָדן דעם יידנטום. און נאָך אַ מאָל איז באַשטעטיקט געוואָרן דער כלל, אַז די האָפענונג אומצוקערן זיך קיין ציון איז דער חוט־השדרה פון יידישן פאָלק, און יעדער איינער וואָס לייקנט אין ציון — לייקנט אויך אין יידנטום.

די מלחמה קעגן דער אַסימילאַציע

אָבער אויך דאַן האָבן זיך געפונען קעמפער, וועלכע האָבן אויסגע־רופן אַ קאַמף פאַרן ציון און קעגן דער אַסימילאַציע און אידעען, וואָס זיינען אַרויס פון מענדעלסאָנס חדר.

איינער פון די גרעסטע קעמפער קעגן דער השכלה און פאַר די ציוניסטישע אידעאַלן איז געווען רבי משה סופר, דער פּרעסבורגער רב פון הונגאַרן, וועלכער איז באַוווסט אונטערן נאָמען חת״ם סופר (אויפן נאָמען פון זיין ספר חדושי תורה משה סופר). ער האָט אויפגעשטעלט אַ גרויסע באַוועגונג פון קעמפער קעגן דער השכלה־אַסימילאַציע, „וועלכע ווילן פאַרגעסן מאַכן דעם אָנדענק פון ירושלים און לשון הקודש ביי יידן״. ער האָט אויפגעוועקט אין די הערצער פון זיינע תלמידים ליבע צו ארץ־ישראל, און אַ סך פון זיי האָבן, לויט דער פאָדערונג פון חת״ם סופר, עולה געווען אין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט דוקא אין ירושלים און ניט אין

צפת, ווּהין ס׳האָבן זיך געווענדעט אַלע עולים דאַן. פון די עולים זיינען אַרויס די גרינדער פון די ערשטע קאָלאָניעס אין לאַנד. אַ סך פון חת״ם סופרס תלמידים זיינען געווען צווישן די ערשטע חובבי ציון.

אָבער אויך צווישן די משכילים זיינען געווען פיל, וועלכע האָבן נאָר געוואָלט לערנען פון די פעלקער, זיך אויסגלייכן מיט זיי אין בילדונג און רעכט — אָבער ניט אַסימילירן זיך. להיפך, די זיינען געווען צווישן די באַנייער פון דער העברעאישער ליטעראַטור און שעפער פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג. אַזוי אַרום האָט די השכלה מיט איין האַנט געפירט אַ סך פון אירע אַנהענגער צו שמד און אַסימילאַציע, און מיט דער אַנדערער האַנט — געזייט אין הערצער די אמונה אין ציון.

דער בלוט־בלבול אין דמשק

אָבער אַט איז די יידישע וועלט אויפגעציטערט געוואָרן פון בלוט־בלבול אין דמשק, וועלכער האָט געוויזן דעם אמתן ווערט פון די אַזוי־גערופענע בירגער־רעכט פאַר יידן.

אין דמשק, וועלכע איז אייגעגנומען געוואָרן מיט דער הילף פון אייראָפּעאישע מדינות דורכן מצרישן פּאַשאַ מוחמד עלי, וועלכער האָט רע־וואָלטירט קעגן טערקישן סולטאַן, איז אין יאָר 1840 ערב פסח פאַרשווּנדן געוואָרן אַ קריסטלעכער גייסטלעכער מיט זיין דינער. גלייך איז אַרויפ־געלייגט געוואָרן די שולד אויף די יידן, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט די צוויי קריסטן, כדי צו באַנוצן זייער בלוט צו די מצות. דער פּאַשאַ פון דמשק און דער פראַנצויזישער קאָנסול האָבן געשטיצט די בלוט־בלבול־מאַכער. צום אָנפאַנג האָט מען אַרעסטירט עטלעכע יידן און זיי געפּייניקט מיט אכזריותדיקע פּייניקונגען, זיי זאָלן אַרויסגעבן די נעמען פון די רוצחים. צוויי יידן זיינען געשטאָרבן פון די עינויים. דערנאָך איז אַרעסטירט געוואָרן אַ יידישער פריזירער, וועלכער איז געפּייניקט געוואָרן שרעקלעך און צום סוף „זיך מודה געווען״ אין זיין זינד און אַרויסגעגעבן די נעמען פון זיבן אָנגעזעענע יידן אַלס „שותפים אין מאָרד״. די זיינען תיכף אַרעסטירט גע־וואָרן. צוויי פון זיי זיינען געשטאָרבן פון די עינויים, איינער האָט זיך געשמדט, און די איבעריקע האָבן זיך צום סוף אויך „מודה״ געווען אין זייער שולד. אויך זעכציק יידישע קינדער זיינען אַרעסטירט געוואָרן און געפּייניקט געוואָרן מיט הונגער לאַנגע טעג. דער פראַנצויזישער קאָנסול האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט דעם און גענומען העצן קעגן די יידן אויך אין פראַנקרייך, און די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים געשטיצט.

אַ שרעק האָט אַרומגענומען די אייראָפּעאישע יידן, און די יידישע פּרנסים פון פאַרשיידענע לענדער האָבן זיך מאָביליזירט כדי צו ראַטעווען

די יידן פון דמשק. בראש האָבן זיך געשטעלט יצחק אַדאָלף קרעמיע פון פראַנקרייך (שפּעטער דער געריכטס־מיניסטער אין דער פראַנצויזישער רעגירונג) און משה מאָנטיפיאָרי פון ענגלאַנד. געשטיצט דורך דער ראָט־שילד־משפּחה האָבן דיביידע יידישע פּערזענלעכקייטן איינגעשטעלט זיך זייער לעבן, געפאָרן קיין מצרים און נאָך לאַנגע השתדלותן ביי מוחמד עלי און די קאָנסולן פון פאַרשיידענע רעגירונגען, באַזונדערס מיט דער הילף פון ענגלאַנד און עסטרייך, איז זיי געלונגען צו באַפרייען די אַרעסטירטע יידן אין דמשק און אַרויסבאַקומען אַן עפנטלעכע דערקלערונג פון טערקישן סולטאַן, וועלכער האָט בינתים איינגענומען צוריק סוריע, קעגן בלוט־בלבולים אין גאַנץ טערקיי.

דער בלוט־בלבול אין ראָדאָס

איידער עס זיינען נאָך באַפרייט געוואָרן די אַרעסטירטע אין דמשק, איז אויסגעבראָכן אַ נייער בלוט־בלבול אין ראָדאָס, וועלכער האָט דאַן געהערט צו טערקיי. דאָרט איז געפונען געוואָרן אַ געהרגעט גריכיש יינגל, און די גריכן, די איינוווינער פון אינזל, האָבן תיכף געוואָרפן די שולד אויף די יידן. די פרעמדע קאָנסולן און באַזונדערס דער פראַנצויזישער קאָנסול האָבן געשטיצט די העצער. די פּני פון דער יידישער קהילה זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה, און אין גאַנץ טערקיי האָט זיך פאַר־שפּרייט דער קלאַנג, אַז יידן באַנוצן בלוט צו זייערע ריטועלע צוועקן. אָנגעהעצטע המונים, גריכן און טערקן, האָבן גענומען באַפאַלן, הרגענען און רויבן יידישע האַב און גוטס. מאָנטעפיאָרע, קרעמיע און ראָטשילד האָבן זיך גלייך געווענדעט צום סולטאַן, און ער האָט באַפוילן אַריבערפירן די באַשולדיקטע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי זיי צו שטעלן צום געריכט. און דאָרט האָט ער זיי באַפרייט.

די געשעעניש מיט דער פאַמיליע מאָרטאָראַ

אין עטלעכע יאָרן אַרום איז ווידער אויפגעציטערט געוואָרן די יידישע וועלט. אין דער שטאָט באָלאָניע אין איטאַליע, וועלכע האָט געהערט דאַן צום פּויבסט, זיינען געקומען גלחים צו דער פאַמיליע מאָרטאָראַ און צוגענומען זייער זעקס־יאָריקן זון עדגאַר. די קריסטלעכע דינסט פון דער משפּחה האָט, בעתן ווידוי פאַרן גלח, דערציילט אַז זי האָט געטויפט דאָס קינד ווען ער איז שטאַרק קראַנק געווען, וועלנדיק ראַטעווען זיין נשמה. און עס איז געפונען געוואָרן אַן אַלט געזעץ פון דער קריסטלעכער קירך, אַז יעדער קריסט מעג טויפן אַ יידן אין זיין קראַנקהייט, כדי אים צו ראַטעווען פון גיהנום.

דער ווייגעשריי פון די אומגליקלעכע עלטערן האָט דערוועקט פּראָ־טעסטן קעגן דעם באַרבאַרישן אַקט אין דער גאַנצער וועלט. משה מאָנטע־פיאָרע האָט זיך געטראָפן מיטן פּויבסט און געפאָדערט פון אים באַפרייען דאָס קינד. די יידישע אָנפירער האָבן זיך געווענדעט צו די אייראָפּעאישע קעניגן און געבעטן זיי אינטערווענירן אין דעם ענין. נאַפּאָלעאָן דער דריטער און פראַנץ־יאָזעף פון עסטרייך האָבן געראָטן דעם פּויבסט אומצוקערן דאָס קינד צו זיינע עלטערן. אָבער ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן. דאָס קינד מאָרטארא האָט זיך דערצויגן אין אַ קלויסטער אין שנאה צום יידנטום, און ביז זיין לעצטן טאָג איז ער געבליבן אַ פאַנאַטישער קאַטוילישער גלח.

דאָס יידנטום דערוואַכט

די בלוט־בלבולים פון דמשק און ראַדאָס און די מעשה מאָרטארא האָבן געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף אַלע יידן. מיט איין מאָל האָבן די אַסימילאַנטן געזען דעם תהום, פאַר וועלכן זיי זיינען געשטעלט געוואָרן. דוקא פראַנקרייך, די וויגעלע פון דער רעוואָלוציע און די פרייהייטס־אידעען, האָט געשטיצט די אַנטיסעמיטן. דער געשריי פון די יידן אין דמשק האָט אויפגערודערט אַלע יידישע קיבוצים, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט זייער הילף. אַ באַווייז — אַז אַלע יידן בילדן איין פאָלק און זיינען ניט קיין טיילן פון די פעלקער ביי וועלכע זיי וווינען. באַזונדערס האָבן די געשעענישן משפּיע געווען אויף דער יוגנט, און אַ סך האָבן זיך אַ קער געטאָן צו ציון.

אַזוי אַרום האָבן די פאַרשיידענע געשעענישן: די השכלה וועל־כע האָט אויפגעוועקט ביים פאָלק דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות; די ווידער־אויפלעבונג פון די קליינע פעלקער ווי גריכנלאַנד, סערביע, בול־גאַריע, רומעניע, בעלגיע און אַנדערע, וועלכע האָבן דאַן באַקומען צוריק זייער פרייהייט, נאָך דעם ווי זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון פרעמדער הערשאַפט; די צעפאַלונג פון טערקיי; די בלוט־בלבולים — אַלץ צוזאַמען האָט געבראַכט צו דער אויפוואַכונג פון דעם נאַציאָנאַלן באַ־ווסטזיין און צו דער אַנטשטייאונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די באַוועגונג גייט אין די זעלבע וועגן, אין וועלכע ס׳איז ביז איצט געגאַנגען דאָס פאָלק, וועלכער האָט געשטרעבט דערגרייכן זיין ציל. די באַוועגונג ברענגט התלהבות און אמונה אין די מאַסן, זי אַנטוויקלט אַ גרויסע פּאָליטישע טעטיקייט און ס׳געלינגט איר צו שטעלן די יידן־פראַגע און ארץ־ישראל צווישן די וועלט־פּראָבלעמען, וועלכע וואַרטן אויף זייער לייזונג. זי ברענגט אַריין המונים אין לאַנד און שאַפט אַ שטאַרקן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

ו. די אנזאגער פון ציוניזם אין מערב־און מיטל־אייראפע

רִאשׁוֹן לְצִיּוֹן הִנֵּה הִנָּם
וְלִירוּשָׁלַיִם מְבַשֵּׂר אֶתֵּן.
(ישעיהו מ״א)

נאָך פאַרן בלוט־בלבול אין דמשק האָבן זיך געפונען יחידים, וועלכע האָבן גענומען רופן דאָס פאָלק צו נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, אָבער היות אַז קיינער פון זיי האָט ניט געבראַכט קיין ממשותדיקן פּלאַן, זיינען דעריבער זייערע פאָרשלאָגן געבליבן נאָר חלומות.

נח און אררט

מרדכי עמנואל נח, אַ געבאָרענער אין אַמעריקע, האָט געקויפט באָדן אין ניו־יאָרקער שטאַט און פאַרגעלייגט צו גרינדן אַ יידישן שטאַט מיטן נאָמען אררט (אַ רמז צו זיין נאָמען נח), וועלכער וועט מיט דער צייט אָנערקענט ווערן אַלס איינער פון די פאַרייניקטע שטאַטן. אין קעגנוואַרט פון פיל פּערזענלעכקייטן האָט ער געלייגט דעם גרונטשטיין צו זיין מדינה, אויף וועלכן ער האָט געלאָזט אויסקריצן דעם פּסוק: „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד״ אין עברית, ווי אויך „אררט — אַ עיר מקלט פאַר יידן״ אין ענגליש. אויפן רוף צו יידן זיי זאָלן זיך קומען באַזעצן אין דער נייער „מדינה״ האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן, און נח אַליין האָט צום סוף געגומען ווענקן דאָס פאָלק עולה צו זיין קיין ציון.

בנימין דישראלי

אין יענע יאָרן האָט באַזוכט ארץ־ישראל בנימין דישראלי פון ענגלאַנד. זיינע עלטערן האָבן אים אַריבערגעפירט צום קריסטלעכן גלויבן ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. בנימין דישראלי, וועלכער איז שפּעטער געשטעלט געוואָרן בראש פון דער ענגלישער רעגירונג און אונטערן נאָמען לאָרד ביקאָנספילד געווען איינער פון די, וועלכע האָבן פאַרברייטערט און

פאַרגרעסערט די ענגלישע אימפּעריע, איז באַצויבערט געוואָרן פון ירושלים, און אין זיין געדאַנק האָט ער געזען זיך אַליין אַלס אויסלייזער פון די יידן. די מחשבות זיינע האָט ער פאַרעפנטלעכט אין אַ בוך אונטערן נאָמען „די צויבער־לעגענדע וועגן דוד אלרואי“. אין דוד אלרואי, דעם קעמפער פאַר יידישער אומאָפּהענגיקייט, האָט דישראלי געזען זיין לעבנס־אידעאַל. אין פופצן יאָר שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין בוך „טאַנקרעד“, וועלכער אַנטהאַלט דישראלי׳ס גרויסן חלום וועגן אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

קריסטן — ציוניסטן

פיל קריסטן שרייבער און מלוכה־לייט האָבן געזען אין דער גרינדונג פון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל אַ לייזונג פון דער פאַרפּלאָנטערטער יידן־פראַגע ווי אויך פון נאָענטן מזרח. איינער פון זיי, דע־לין, האָט פאַר־פאַסט אַ מעמאָריאַל, וווּ ער גלויבט אויסצוראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם דורך דער באַזעצונג פון יידן אין זייער לאַנד. אַ ענגלישער אַדוואָקאַט, לואיס ווי, האָט פאָרגעלייגט אַ פּלאַן די הערשער פון רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן — איבערצופירן די יידן קיין ארץ־ישראל, און די דריי מלכים האָבן אויסגע־דריקט זייער סימפּאַטיע צו דעם. איינער אַ קריסט פון דייטשלאַנד האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס קעניג פון ירושלים און האָט געשיקט בריוו און אויפ־רופן צו די יידן צו באַנייען די יידישע קעניגרייך, ער האָט אפילו געלאָזט אָפּדרוקן בלאַנקן און געשטעמפּלט פּאַפּירן מיטן שטעמפּל פון ירושלים.

באַזונדערס האָבן די ענגלענדער אַרויסגעוויזן אַ סך טעטיקייט אין דער ריכטונג. אין „טיימס“ זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן צענדליקער מאמרים וועגן אומקערן יידן אין זייער לאַנד. גייסטלעכע האָבן געזען אין דעם פּלאַן די פאַרווירקלעכונג פון די נבואות פון תנ״ך, פּאָליטיקער — אַ לייזונג פון פאַרפּלאָנטערטע מזרח־פּראָבלעמען, שרייבער און דענקער — אַ גרויסן הומאַניסטישן ציל. ס׳זיינען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געגלויבט ברענגען דורך דעם די יידן צום קריסטנטום און לכל הפחות, אַז אין ציון וועט זיך געפינען אַ סינטעז צווישן דעם יידנטום און קריסטנטום.

ערנעסט לאַראַן

ערנעסט לאַראַן, נאַפּאָלעאָן דעם דריטנס סעקרעטאַר, האָט פאַרעפנט־לעכט אַ בראָשור אונטערן נאָמען „די נייע מזרח־פראַגע“, וווּ ער פאָדערט פון די יידן אויסצונוצן די גינסטיקע פּאָליטישע סיטואַציע און זיך אומקערן אין זייער לאַנד. ערנעסט לאַראַן, דער קריסט, גרייפט אָן די רבנים, וועלכע האָבן אויסגעמעקט דעם נאָמען פון ציון און ירושלים פון סידור און פאַר־זיכערן אַז זיי האָבן נאָר איין פאָטערלאַנד — דאָס לאַנד וווּ זיי וווינען.

ערנסט לאראַן גלויבט, אַז די אייראָפּעאישע פעלקער וועלן העלפן די יידן אויפצושטעלן צוריק זייער מלוכה אין די פאַרברייטערטע גרענעצן „פון סועץ קאַנאַל ביזן ברעג פון איזמיר"...

די קירכע פון משיחן

ס'האָבן זיך אויך געפונען קריסטן, וועלכע האָבן געוואָלט אַליין אויס־טרעטן דעם וועג פאַר יידישער גאולה און מכפר זיין דורך דעם די גרויסע זינד פון קריסטנטום לגבי דעם יידישן פאָלק. אין ניו־יאָרק האָט זיך גע־גרינדעט אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „די קירך פון משיחן", מיטן ציל פריי צו מאַכן דעם וועג צו דעם צוריקקער פון די יידן אין ארץ־ישראל. שרייבער, סוחרים און געלט־מאַגנאַטן זיינען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג. זייער ערשטער טריט איז געווען — שיקן דרייסיק משפחות אין לאַנד צו גרינדן אַ קאָלאָניע אַלס מוסטער פאַר יידן. די אויסדערוויילטע משפחות זיינען גע־קומען אין לאַנד מיט עטלעכע און אכציק יאָר צוריק און האָבן זיך באַזעצט אויפן באָדן ניט ווייט פון יפו. די קאָלאָניסטן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן: הונגער, מגפות, קראַנקייטן אאז"וו. אָבער זיי זיינען ניט געפאַלן אין מוט. פון יפו האָבן זיי געשיקט אַן אויפרוף, אין וועלכן זיי האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן אויפנעמען יעדן ייד, וועלכער וועט קומען צו זיי, און זיי וועלן אים שטיצן מיט אַלע זייערע מעגלעכקייטן. דער אויפרוף האָט זיך געענדיקט אַזוי:

„קומט, יידן ברידער! ס'איז געקומען די שעה, אַז יידן זאָלן זיך אומקערן צו זייער לאַנד פון אַלע וועלט־טיילן. געקומען די צייט אַז ציון, די הייליקע שטאָט, זאָל אויפגעבויט ווערן, און משיח וועט קומען אינגיכן".

אַז די ידיעה וועגן זייערע גרויסע ליידן האָט זיך פאַרשפּרייט אין אייראָפּע, האָט זייער פּרעזעס פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין די אויסלענדישע צייטונגען, ווו ער איז מודיע, אַז זיי האָבן ניט חרטה אויף זייער טאַט, זיי וועלן ווייטער בלייבן אויף זייערע ערטער, מיט דער האָפענונג צו הערן דעם קול פון שופר, אין טאָג ווען ער וועט רופן דאָס יידישע פאָלק אומצו־קערן זיך אין זיין לאַנד. אָבער די ליידן האָבן זיך פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג. אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען געשטאָרבן אַ סך פון הונגער און מחלות, די איבעריקע האָבן זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע.

דאָן זיינען אויפגעשטאַנען יידישע מנהיגים, וועלכע האָבן מקריב געווען זייערע כוחות צו פאַרטיפן און פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק צווישן פאָלק.

איינער פון די פאָטערס פון ציוניזם איז געווען הרב צבי קאַלישער, דער רב פון טאָרן אין פרייסן. נאָך אין זיין יוגנט האָט ער זיך פאַרנומען מיטן געדאַנק פון ארץ־ישראל, און שפּעטער זעענדיק ווי די איטאַליענער, פּאָליאַקן, הונגאַרן האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייער לאַנד, האָט ער זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן דעם געדאַנק פון ציון. אין זיין ספר „דרישת ציון" פּאָלעמיזירט ער הן מיט די אַסימיליאַנטן און הן מיט די פאַנאַטישע רבנים, וועלכע גלויבן אַז די גאולה וועט קומען נאָר צוזאַמען מיט משיחן.



הרב צבי קאַלישער

הרב קאַלישער ווייזט אויף מיט ראיות פון תנ"ך און תלמוד, אַז דער אומקערן זיך פון יידן קיין ארץ־ישראל דאַרף פאָרקומען איידער משיח וועט דערשיינען, און דעריבער דאַרפן יידן זיך באַמיען מיט אַלע מעגלעכקייטן צו באַזעצן זיך אין לאַנד און באַאַרבעטן זיין באָדן.

כדי צו פאַרגרעסערן דעם ישוב אין לאַנד, לייגט ער פאָר צו גרינדן אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „חברת ארץ נושבת". איר ציל וועט זיין קויפן באָדן אין לאַנד, בויען אויף אים דערפער און שטעט און באַזעצן אין זיי יידן

פון רוסלאַנד, פוילן און דייטשלאַנד. די געזעלשאַפט וועט זאָרגן פאַר דער עקזיסטענץ פון די נייע קאָלאָניסטן, ביז זיי וועלן קאָנען ציען זייער חיונה פון דער ערד. זי וועט אויך שטעלן שומרים מיט געווער, כדי די אַראַבער זאָלן ניט אָנפאַלן און פאַרניכטן די פעלדער און די גערטנער.

אליהו גוטמאַכער און דוד גאָרדאָן

קאַלישערס ספר האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, און אַ סך זיינען צו־געשטאַנען צו זיין פּאַן. צווישן זיי — דער צדיק ר' אליהו גוטמאַכער, וועלכער איז געווען אַ גדול אין קבלה און חסידות, און דער משכיל דוד גאָרדאָן, דער רעדאַקטאָר פון „המגיד" אין פּריסן. א. גוטמאַכער האָט געפונען אויך אין קבלה ראיות, אַז די באַזעצונג פון יידן אין ארץ־ישראל איז אַ הקדמה פאַר משיחס קומען. ער האָט געפירט אַ ברייטע אַגיטאַציע צווישן זיינע חסידים עולה צו זיין קיין ציון און איז געוואָרן איינער פון הרב קאַלישערס אָנהענגער און העלפער.

דוד גאָרדאָן האָט געזען די שווערע לאַגע פון די יידן אין פוילן אין דער צייט פון דעם פוילישן אויפשטאַנד, ווען ביידע צדדים, אי די רוסן אי די פאָליאַקן האָבן געפאָדערט פון זיי טריישאַפט. די טראַגעדיע פון דער יידישער לאַגע האָט זיך אָנטפּלעקט פאַר אים מיט איר גאַנצער מוראדיקער געשטאַלט. ער האָט ניט געפונען קיין תקנה פאַרן פאָלק, אַ חוץ ווי אומצוקערן זיך אין ארץ־ישראל. דאַן האָט ער געשריבן זיינע באַוווסטע מאמרים וועגן ישוב ארץ־ישראל, ווי „בשובה ונחת תושעון" און „דבר בעתו". אין משך פון פינפאונצוואַנציק יאָר אָן אויפהער האָט ער געדינט מיט זיין צייטונג „המגיד" דעם ציוניסטישן געדאַנק.

די ערשטע חברה פאַר ישוב א"י.

ד"ר חיים לוריא, אַן אור־אייניקל פון רבי יצחק לוריא (האר"י הקדוש פון צפת), האָט דאַן געגרינדעט אין פראַנקפורט די ערשטע ציוניסטישע געזעלשאַפט צו קאָלאָניזירן ארץ־ישראל. הרב קאַלישער מיט זיינע חברים זיינען גלייך צוגעשטאַנען צו דער געזעלשאַפט. אין עטלעכע יאָר שפּעטער זיינען צוגעשטאַנען צו זיי חברים פון ברלין און צוזאַמען האָבן זיי געגרינ־דעט אַ צענטראַלן קאָמיטעט פאַר ארץ־ישראל.

הרב קאַלישער און „כל ישראל חברים"

אָבער הרב קאַלישער האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט דער אַרבעט פון די געזעלשאַפטן. ער האָט געשטרעבט צו גרויסע און גיכע אויפטוען. דער־ווייל האָבן זיך פאַרמערט די יידישע צרות און באַזונדערס אין סערביען,

ווּ ס'זיינען אויסגעבראָכן פּאָגראָמען. איין קהילה, שאַבאַץ, האָט זיך געווענ־דעט צום וועלט־יידנטום און בפרט צו הרב קאַלישער און געפאָדערט מען זאָל זיי איבערפירן קיין ארץ־ישראל.

אין יענע יאָרן האָט זיך געגרינדעט אין פּאַריז, אונטערן איינדרוק פון די געשעענישן אין דמשק, ראָדאָס און באַלאַניע, אַ יידישע געזעלשאַפט צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד און פאַרשפּרייטן צווישן יידן וויסנשאַפט און מלאכה. איר נאָמען איז געווען: „כל ישראל חברים" (אָדער „אַליאַנס"). בראש פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך געשטעלט די יידישע געלט־מאַגנאַטן און די טאָן־געבער פון יידנטום אין מערב־אייראָפּע.

הרב קאַלישער האָט זיך גענומען באַמיען, אַז „כל ישראל חברים" זאָל זיך דערנענטערן צו ציוניסטישער אַרבעט. אָבער די אָנפירער פון „אַליאַנס" האָבן דערפון נישט געוואָלט וויסן. ערשט ווען בראש פון דער געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט יצחק אַדאָלף קרעמיע — איז געקומען אַן ענדערונג צום גוטן. ער האָט מסכים געווען צו פאַרברייטערן די טעטיקייט פון „כל ישראל חברים" אויך אויף ארץ־ישראל און האָט געשיקט יעקב קאַרל נעטערן אין לאַנד צו זען וואָס די חברה קאָן דאָרט אויפטאָן.

דאַן האָט הרב קאַלישער גענומען פירן אַ גרויסע אַגיטאַציע פאַר „כל ישראל חברים". ער האָט געשיקט שליחים אין אַלע לענדער, צוזאַמענ־גערופן אספות פון רבנים און סוחרים, געשריבן בריוו און מעמאָריאַלן און געפאָדערט אומעטום שאַפן מיטלען פאַר דער חברה, כדי זי זאָל קאָנען זיך פאַרנעמען מיט פּאָזיטיווער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

דערווייל איז צוריקגעקומען נעטער פון ארץ־ישראל און פאָרגעלייגט צו גרינדן אין לאַנד אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שול, כדי צוגעוויינען די איינ־וווינער פון לאַנד צו ערדאַרבעט. די חברה האָט אָנגענומען זיין פאָרשלאַג און געגרינדעט אין יאָר 1870 די אַגריקולטור־שול מקוה ישראל. אַזוי אַרום האָט זוכה געווען „כל ישראל חברים" צו גרינדן דעם ערשטן אַרבעטנדן יידישן ישוב אין לאַנד.

אָבער הרב קאַלישער איז געווען אומצופרידן פון „אַליאַנס", וועלכע האָט זיך באַגרענעצט אין דעם איינציקן קאָלאָניזאַציע־אויפטו פון מקוה־ישראל, אין דער צייט ווען די רדיפות אויף יידן אין רוסלאַנד האָבן זיך פאַרשטאַרקט. ער האָט דעריבער זיך געווענדעט צו קרעמיע מיט אַ ביטע, ער זאָל משפיע זיין אויף דער „חברת כל ישראל חברים", זי זאָל באַזעצן די יידן פון רוסלאַנד אין ארץ־ישראל. קרעמיע האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון „אַליאַנס" געהאַלטן אַ וואַרימע ציוניסטישע רעדע, אָבער די פראַנצוי־זיש־דייטשע מלחמה, וועלכע איז אויסגעבראָכן דאַן, האָט צושטערט קרע־מיעס פּלענער.

הרב קאַלישער האָט זיך אין גאַנצן אַנטוישט אין „אַליאַנס", אָבער ניט אין זיינע פּלענער. ער האָט ווייטער געקלאַפּט אין אַלע טירן, זיך געווענדעט צום ראש הרבנים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועגן קויפן ערד אין ארץ־ישראל און געוועקט דאָס פאָלק צו ציון.

זיינע בעסטע יאָרן האָט אָוועקגעגעבן הרב קאַלישער פאַר דער ציוניסטישער אַרבעט. צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער ניט גערוט טאָג און נאַכט; געפאָרן אויף אסיפות, געשריבן בריוו, געקומען אין קאָנטאַקט מיט פערזענלעכקייטן און פאַרעפנטלעכט פּאָלעמישע מאמרים אין ה„מגיד", וווּ ער האָט געוואָלט איבערצייגן די קעגנער אין דער גערעכטיקייט פון זיינע פּלענער. ער איז אויך געשטאַנען אין קאַמף מיט די גרויסע רבנים, און אַ טייל פון זיי, בראש מיטן באַוווּסטן ר' משה סופר, האָבן צום סוף מודה געווען אין דער גערעכטיקייט פון זיינע געדאַנקען און אַליין צוגעשטאַנען צו ציו־ניסטישער אַרבעט.

הרב קאַלישער האָט ניט זוכה געווען צו זען ארץ־ישראל מיט זיינע אויגן. ווען ער איז אַלט געווען זעקס און זיבעציק יאָר, האָט מען אים פאַר־געלייגט אָנצונעמען די שטעלע פון אַ רב אין מקוה־ישראל. מיט גרויס שמחה האָט ער אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. אָבער לויט דער פאָדערונג פון די דאָקטוירים האָט ער געמוזט רעזיגנירן פון דעם.

אין עלטער פון אַכט און זיבעציק יאָר איז געשטאָרבן הרב צבי קאַלישער. דער ערע־נאָמען „ראשון לציון", דער ערשטער פאַר ציון, האָט אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

הרב אלקלעי

הרב קאַלישער איז געווען דער פאָטער פון „חיבת ציון", דער אָנזאָגער פון ממשותדיקער ציוניסטישער קאָלאָניזאַטארישער אַרבעט. דאַקעגן הרב שלמה יהודה חי אלקלעי, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט אים, איז געווען דער אָנזאָגער פון פּאָליטישן ציוניזם.

הרב אלקלעי האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט אין אַ ישיבה פון מקובלים אין ירושלים. דאָרט, צווישן די מויערן פון אַלטשטאָט, האָט ער איינגעזאַפּט די בענקעניש צו גאולה. דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין זעמלין אין סערביע. דאָ האָט ער דערקאָנט די יסורים פון גלות. אין זיין האַרץ איז צייטיק געוואָרן די דערקענטניש פון דער נאָענטער גאולה. די דערקענטע־ניש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן פאַרווירקלעכונגס־פּלאַן, וועלכער איז געקומען צום פולן אויסדרוק אין זיינע ספרים.

הרב אלקלעי זאָגט, אַז יעדער אָרט ווו ס׳שטייט געשריבן „תשובה“ ביי אונזערע חכמים — אין דער מיין, אַז יידן זאָלן זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל. ער אונטערשיידט צווישן משיח בן דוד, וועלכער וועט געשיקט ווערן פון הימל און דורך נסים און צווישן משיח בן יוסף, וועלכער איז אַן „ערדישער משיח“ און וועט אויסגעקליבן ווערן דורכן פאָלק, כדי פירן אים צו דער גאולה. די גאולה פון יידישן פאָלק איז אָפּהענגיק אין אים אַליין.

הרב אלקלעי

מען דאַרף גלייך זיך נעמען צו ממשותדיקער אַרבעט אין ארץ־ישראל. די יידישע שליחים פון דער גאַנצער וועלט דאַרפן זיך צוזאַמענקלייבן אויף אַן אסיפה און אויסקלייבן פון זיך אַ ועד „זקנים משגיחים“, וועלכער וועט פאַרווירקלעכן דעם גאולה־פּלאַן. דער אויסגעקליבענער נשיא, וועלכער וועט שטיין בראש פון אַלעמען — איז משיח בן יוסף.

דער עיקר אַרבעט פון דעם ועד דאַרף זיין אַ פּאָליטישע. ער וועט זיך ווענדן צום סולטאַן מיט אַ פאָדערונג אומצוקערן ארץ־ישראל דעם יידישן

פאָלק. ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן העלפן אין דעם. דאַן וועלן טויזנטער און צענער־טויזנטער זיך אומקערן אין לאַנד.

כדי אויסצופירן דעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, לייגט פאַר אלקלעי צו גרינדן דריי געלט־פאָנדן: א. „צדקה כללית״, פון תרומות און זאַמלונגען, כדי אויסצולייזן דעם באָדן פון לאַנד און בויען ירושלים; ב. אַ שטענדיקער אָפּצאָל פון אַלע יידן, וועלכער וועט שטיצן די עולים און די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען; ג. מחצית השקל אויסצוהאַלטן די תורה־אַנשטאַלטן.

דער עיקר דאַרף זיין ערדאַרבעט, אָבער מען וועט דאַרפן אויך אַנטוויקלען די אינדוסטריע און מסחר. דעריבער לייגט אלקלעי פאָר צו גרינדן אַקציען־געזעלשאַפטן צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע, בויען אייזנבאַן־ליניעס א. אַ. וו.

דער וועד פון די „זקנים משגיחים״ וועט דאַרפן זיך באַמיען שאַפן פון אַלע פאָלקס־גרופּן: אשכנזים, ספרדים און אַנדערע — איין יידיש פאָלק וואָס וועט ריידן איין שפּראַך — עברית.

אַט דער מערקווירדיקער פּלאַן איז געשאַפן געוואָרן מיט ניינציק יאָר צוריק, פערציק יאָר פאַר הערצלען, און ער אַנטהאַלט אין זיינע גרונטליניען דעם עיקר פון די גערדאַנקן און ווערק, וועלכע מיר פאַרווירקלעכן איצט: קאָנגרעס, שקל, עליה, באָדן־אויסלייזונג, ערד־אַרבעט, די ווידעראויפלעבונג פון עברית, קרן־קימת, קרן־היסוד, און אפילו קרן תרבות!

אלקלעי ווידמעט זיין לעבן פאַר ציון

כדי צו רעאַליזירן זיין פּלאַן, לאָזט זיך אלקלעי אַרויס אין עלטער פון פינף־און־פופציק יאָר אויף אַ רייזע איבער אייראָפּע. ער פאַרלאָזט זיין רבנות־פּאָסטן, זיין היים און פאַמיליע, און במשך פון זיבן יאָר רייזט ער אַרום דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך, ענגלאַנד און האָלאַנד. אין יעדן אָרט רופט ער אסיפות, דרוקט בראָשורן און אַגיטירט פאַר זיין פּלאַן.

די גרינדונג פון „כל ישראל חברים״ האָט באַגייסטערט אלקלעי׳ען, אָבער זעענדיק אַז דער פאַרנעם פון זייער ארץ־ישראל אַרבעט באַגרענעצט זיך נאָר אין מקוה־ישראל — אַנטוישט ער זיך אין איר.

די פילע נסיעות און די אַנטוישונגען ברענגען אים צום געדאַנק, אַז אפשר וועט זיין פּלאַן פאַרווירקלעכט ווערן גיכער, אויב די התחלה וועט זיין אין ארץ־ישראל און דער רוף צום פאָלק וועט אַרויס פון ירושלים.

און אלקלעי באַשליסט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אין עלטער פון דריי און זיבעציק יאָר נעמט ער אויף זיך די ים־און יבשה־טלטולים און לאָזט זיך אין וועג.

דריי מאָנאַטן זיצט אלקלעי אין ירושלים און באַמיט זיך צו שאַפן

אַ חברה צו באַזעצן יידן אויף לאַנד. די ספרדים נעמען אָן מיט באַגייסטע־רונג זיין פּלאַן, אָבער די אשכנזים, וועלכע האָבן מורא אַז דער פּלאַן וועט שאַדן די „חלוקה״, שטעלן זיך קעגן. אלקלעי שלאָגט אָפּ די טירן בײַ די פילע רבנים אין ירושלים, ער פּאָרט קיין יפו צו געווינען די דאָרטיקע יידן פּאַר זיינע פּלענער און צום סוף געלינגט אים צו אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען: „כל ישראל חברים למען ישוב ארץ־ישראל״. בראש פון דער געזעלשאַפט שטעלן זיך די פּני פון יידישן ישוב. איצט קאָן אלקלעי זיך אומקערן צו זיין קהילה און זיין היים.

זייענדיק אין וועג צוריק פון לאַנד, באַקומט ער אַ בריוו פון הרב קאַלישער, וועלכער בעט אים ער זאָל פאָרן קיין פּאַריז אין אַ ציוניסטישער שליחות. אלקלעי איילט אויסצופירן די שליחות. ער טרעט ניט אָפּ אפילו צו זיך אין דער היים און פּאָרט גלייך קיין פּאַריז. אין משך פון אַ חודש פירט ער פאַרשיידענע אונטערהאַנדלונגען, וועלכע גיבן ניט קיין פרוכט, און צום סוף קערט ער זיך אום אַהיים.

אָבער אינדערצייט האָבן די ״חלוקה״־לייט צעשטערט זיין בנין, וועלכן ער האָט געבומען בויען אין ירושלים. זיי האָבן געשיקט בריוו אין חוץ־לארץ, אַז אלקלעי׳ס חברה וויל צעברעכן די אמונה, און די מיטגלידער פון דער חברה זיינען מזלזל אין די מצוות פון דער תורה, און אַז אלקלעי אַליין האָט מועל געווען אין די געלטער פון דער חברה.

דערשלאָגן און מיד נעמט ווידער אלקלעי דעם וואַנדערשטעקן און וואַנדערט ווידער איבער איראָפּע, כדי צו געווינען אָנהענגער פאַר זיינע פּלענער, און אין דריי יאָר שפּעטער, אין עלטער פון זעקס און זיבעציק יאָר, קערט ער זיך אום קיין ארץ־ישראל צו באַזעצן זיך אין איר אויף שטענדיק.

פיר יאָר האָט נאָך געלעבט אלקלעי אין ירושלים, ניט אויפהערנדיק אויף איין טאָג צו אַגיטירן פאַר זיינע רעיונות.

אלקלעי און הערצל

זיין דור האָט ניט פאַרשטאַנען ניט אים און אויך ניט קאַלישערן. אָבער ווער ווייסט דעם וועג פון גייסט? אין זעמלין, ווו הרב אלקלעי איז געזעסן אויפן שטול פון רבנות, האָט געלעבט אַ ייד מיטן נאָמען שמעון יהודה הערצל, וועלכער איז געווען אַן אַריינגייער בײַ אלקלעי׳ן אין הויז און איז געווען איינער פון זיינע אָנהענגער. שמעון יהודה׳ס אייניקל איז געווען בנימין זאב הערצל. ער האָט געקאָנט זיין זיידן און פלעגט מיט אים פיל שמועסן. איז דאָס מער ניט ווי אַ צופאַל, וואָס הערצל׳ס פּלאַן איז ענלעך צו דעם זעלבן, וועלכן הרב אלקלעי האָט פאָרגעלייגט?

אויך צווישן די משכילים האָבן זיך געפונען וועקער פאַרן ציון־געדאַנק.

אין יאָר 1840 האָט דער סטודענט משה שטיינשניידער, וועלכער איז שפּעטער מפורסם געוואָרן אַלס פאָרשער פון דער העברעאישער ליטעראַטור, געגרינדעט אין פּראַג אַ סטודענטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר ציל איז געווען צו פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון גרינדן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל.

פערדינאַנד לאַסאַל האָט געשריבן אין זיין טאָגבוך, אַז ער וואָלט געוואָלט זיך שטעלן בראש פון אַ באַוואָפנטן מיליטער און אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק. דערנאָך איז לאַסאַל געוואָרן דער גרינדער פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג און איינער פון די זיילן פון סאָציאַליזם.

שמואל דוד לוצאַטאָ (שד״ל), אַ דיכטער און פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור, האָט ניט איינמאָל אויסגעדריקט אין זיינע שריפטן זיין גלויבן אין דער יידישער ווידעראויפלעבונג אין ארץ־ישראל. ער האָט אויך אַגיטירט צו שטיצן דעם ישוב אין לאַנד.

אויך דער יידישער געלערנטער יוסף סאַלוואַדאָר האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך „פאַריז, רוים און ירושלים״, ווו ער שרייבט אַז דאָס יידנטום וועט נאָך שאַפן נייע גרויסע קולטורעלע ווערטן, און דער צענטער פון דער נייער קולטור וועט זיין ירושלים, וועלכע וועט אויפגעבויט ווערן אויף דאָס ניי דורכן וועלט־יידנטום.

משה העס

אָבער צום פולן אויסדרוק איז געקומען די ציוניסטישע אידייע אין בוך „רוים און ירושלים״ פון משה העס. משה העס איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1812 אין דייטשלאַנד ביי רעליגיעזע עלטערן. זיין זיידע האָט איינגע־פלאַנצט אין זיין האַרץ אַן אויסערגעוויינטלעכע ליבע צום יידישן עבר. אין די ניין טרויער־טעג פון אב פלעגט ער ברענגען די אייניקלעך צו טרערן מיט זיינע סיפּורים וועגן חורבן בית־המקדש. ביי משפּחה־באַראַטונגען פלעגט ער זאָגן: „נאָך וואָס צו קלערן איצט וועגן עתיד? מיר זיינען דאָך אין גלות — און די גאולה איז נאָענט״. איין מאָל האָט ער געבראַכט זיין אייניקל איילבירטן און טייטלען און האָט אים געזאָגט מיט לייכטנדע אויגן: „זע, די פּירות וואַקסן אין ארץ־ישראל״. אויך העס׳ס מוטער האָט אין אים איינגעפלאַנצט ליבע צום יידנטום.

העס האָט באַקומען זיין בילדונג אין גימנאַזיע און אוניווערסיטעט. ער שטעלט זיך צום קאַמף פאַר די רעכט פון די אַרבעטער, און אין זיינע



משה העס

פילאָזאָפיש־סאָציאַליסטישע ווערק קעמפט ער פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט.

דער בלוט־בלבול אין דמשק אין יאָר 1840 וועקט אין אים אויף זיינע יידישע געפילן. ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען קעגן די יידן, וועלכע באַהאַלטן זייער נאַציאָנאַליטעט און חנפענען זיך צו די גויים. אָבער העס אַליין ווערט ווידער אַריינגעצויגן אין זיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט, נעמט אָנטייל אין פאַרשיידענע צייטונגען, שרייבט ביכער און באַטייליקט זיך אין אַרבעטער־אויפשטאַנד אין באַדען. דער אויפשטאַנד ווערט אונטערדריקט, העסן געלינגט צו אַנטלויפן אין חוץ־לארץ, און אונטער די אויגן ווערט ער פאַרמשפט צום טויט.

אין אויסלאַנד לעבט ער אין אָרעמקייט. אין משך פון עטלעכע יאָר באַשעפטיקט ער זיך מיט פאָרשונגען פון די פעלקער־שטאַמען, און ער בלייבט שטיין ביים פּראָבלעם פון יידישן שטאַם. דערווייל קומען אָן ידיעות פון העראָישן באַפרייאונגס־אויפשטאַנד פון איטאַליע, וועלכער מאַכט אַ

גרויסן איינדרוק אויף דער וועלט ווי אויך אויף העס׳ן. די ליבע־קערנער צו ציון, וועלכע ס׳האָבן פאַרזייט אין זיין האַרץ זיין זיידע און זיין מוטער, וואַכן איצט אויף. אין זיינע העגט פאַלן אויך אַרייך די ביכער „די נייע מזרח־פראַגע״ פון לאַהאַראַן און „דרישת־ציון״ פון הרב קאַלישער, און אויך זיי ווירקן אויף אים אין דער נייער ריכטונג פון זיין לעבן.

„רוים און ירושלים״

דאַן שרייבט העס זיין באַוווּסטן בוך „רוים און ירושלים״, אין אַ פאָרם פון בריוו צו אַ פריינדין. אין די בריוו פאַרהערלעכט העס דאָס יידנטום און די יידישע מנהגים. ער פּאַלעמיזירט שטאַרק מיט די אַסימילאַ־טאָרן, וועלכע מיינען אַז דורך פאַרנאַכלעסיקן אָדער פאַרלאָזן אין גאַנצן די יידישע אמונה, וועלן זיי געהאָלפן ווערן. די שנאה פון די דייטשן איז ניט קעגן דער יידישער אמונה — שרייבט העס — נאָר קעגן יידישן שטאַם. און קעגן דעם וועלן ניט העלפן תיקונים אין דת און אפילו שמד, ווייל דער יידישער שטאַם איז זייער לעבנסשטאַרק, און אין משך פון דורות קאָן מען ניט אָפּווישן זיינע צייכנס. ער לאַכט פון די אַסימילאַטאָרן, וועלכע שטייען לאַנג פאַרן שפּיגל און באַמיען זיך צו פאַרגלעטן זייערע געקרייזלטע האָר. זיי אַנטקעגן שטעלט ער פאַר די יידן פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע היטן די אַלטע מנהגים און מצוות און גלויבן אין דער ווידעראויפלעבונג פון זייער אַלטער היים.

און היות ווי ס׳איז נישטאָ קיין האָפענונג פאַר יידן אין די גלות־לענדער, מוזן זיי זיך באַמיען אומקערן קיין ארץ־ישראל. ווייל די צוקונפט פון די גרויסע מענטשהייט־אידעאַלן איז נאָר אין ציון. דאָס יידישע פאָלק איז אַן אויסדערוויילט פאָלק; ער האָט אין זיין לאַנד געשאַפן די געזעצן פון מוסר און גערעכטיקייט — און פון ציון וועט אַרויס דערלייזונג פאַר דער גאַנצער וועלט.

העס גלויבט, אַז די פעלקער און באַזונדערס פראַנקרייך, וועלן העלפן די יידן אומקערן זיך אין זייער לאַנד.

קיין קאָנקרעטן פּלאַן לייגט העס ניט פאָר. דאָ און דאָרט רעט ער אין זיין בוך וועגן יידישע קאָלאָניעס, וועגן אויפלעבן עברית אאַז״וו. וועגן דער עצם אַרבעט דרוקט ער איבער קאַלישערס פּלאַן וואָרט ביי וואָרט.

אָבער די חשיבות פון העס׳ס בוך איז בעיקר אין דער אַנאַליזירונג פון דער יידן־פראַגע און פון דער דייטשער שנאה צו אונז. נאָך היינט, אַכציק יאָר נאָכן דערשיינען פון בוך, שטייען מיר פאַרוווּנדערט פון טיפן און קלאָרן בליק מיט וועלכן העס האָט אַרומגענומען די יידן־פראַגע; ער האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דער אַסימילאַציע און טיף באַגרינדעט די ציוניסטישע פּראָב־

לעמען. אויך היינט ווערט „רוים און ירושלים" פאַררעכנט אַלס גרונט־בוך פון ציוניזם.

נאָכן דערשיינען פון זיין בוך האָט העס זיך אומגעקערט צו זיין פריערדיקער טעטיקייט. ער איז געשטאָרבן אין פאַריז אין עלטער פון דריי־אונזעכציק יאָר. קיינער האָט ניט דערמאָנט העסן דעם ציוניסט. אויף זיין מצבה איז אויסגעקריצט: „פון די שעפער פון דער דייטשער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג". נאָר מיט דער דערשיינונג פון הערצלען און פון פאָליטישן ציוניזם איז „רוים און ירושלים" ווידער אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער העלער שיין, איצט אין אַ איבערזעצונג אויף עברית, און העס האָט פאַרנומען זיין אָרט צווישן די באַגרינדער פון ציוניזם.

ליליען ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים

ז. די באגרינדער פון ציוניזם אין רוסלאנד

וְקוֹל דְּבָרָיו כְּקוֹל הָמוֹן
(דניאל י.)

דער תחום המושב אין רוסלאַנד

אין יענער תקופה איז די מערהייט פון יידישן פאָלק געזעסן אין רוסלאַנד און אין לענדער וועלכע זיינען געוועזן אונטער איר הערשאַפט: פּוילן, ליטע, לאַטוויע, עסטאָניע, פינלאַנד, בעסאַראַביע. נאָר אין אַ טייל פון רוסלאַנד האָבן יידן געהאַט וווין־רעכט. דער „געטאָ", וועלכער האָט אַרומגענומען אַ סך שטעט און שטעטלעך, האָט געהייסן „תחום המושב" און האָט געהאַט אין זיך אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אייגנשאַפטן פון יידישן געטאָ אין מערב־אייראָפּע. דאָ האָבן די יידן געשאַפן אַן אייגנאַרטיקן לעבן, וועלכער האָט זיי אָפּגעטיילט פון דער אַרומיקער וועלט. עס האָט דאָ געהערשט אַ גרויזאַמע גלות־אָרעמקייט, און צוזאַמען מיט די רדיפות האָט זי געדראָט די יידישע קיבוצים מיט אונטערגאַנג און פאַרקריפּלונג. און פּונקט ווי דער פרייהייטס־שטורעם פון מערב־אייראָפּע האָט איבערהיפּט אויף רוסלאַנד, אַזוי איז אויך די השכלה פון מערב־אייראָפּע ניט אַריינגע־

דרונגען אין דעם תחום המושב, וועלכער איז דאָן געווען פאַרנומען מיט דער מלחמה צווישן די מתנגדים און חסידים.

דער תחום המושב איז ניט געווען דער פּאַסנדער באָדן פאַר דער השכלה: פון איין זייט — די טאָג־טעגלעכע גזירות פון רוסישן צאַר און זיינע משרתים, און פון צווייטער זייט — די צדיקים און די רבנים, וועלכע האָבן געמאַכט די ניט־געזעענע מויערן פון תחום המושב פאַר ניט דורכ־דרינגבאַר פאַר דער השכלה.

ריב״ל און דער אָנפאַנג פון השכלה אין רוסלאַנד

דער פאָטער פון השכלה אין רוסלאַנד איז געווען דער שרייבער יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל), וועלכער האָט געפאָדערט אין זיין בוך „תעודה בישראל״, אַז יידן זאָלן לערנען עברית, אייראָפּעאישע שפּראַכן און וויסנ־שאַפט און באַזונדערס פאַך־אַרבעט אַנשטאָט מסחר. אָבער זיין רוף האָט ניט געהאַט קיין אָפּקלאַנג. ערשט אין אַ סך יאָרן אַרום, ווען אין מערב־אייראָפּע האָבן זיך שוין פיל אַנטוויקלט אין השכלה, האָט זי גענומען שלאָגן וואָרצלען אין צוויי יידישע צענטערס אין רוסלאַנד: ווילנע און אָדעס. אין ווילנע האָט דער גרויסער דיכטער י. ל. גאָרדאָן געווידמעט זיינע שאַפונגען דער מלחמה מיט דער יידישער „אומוויסנהייט״. זיין לאָזונג איז געווען: „היה אדם בצאתך ויהודי באהלך״ („זיי אַ ייד אין דער היים און אַ מענטש אין גאַס״). דורכדעם וואָס דער ייד וועט זיך באַמיען צו פאַרגלייכן אין אַלץ, מחוץ זיין אינעווייניקסטער הויז־פירונג, צו דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וועט ער באַקומען אַלע בירגער־רעכט. אויך אברהם מאַפּו האָט זיך באַמיט צו באַ־ווייזן אין זיין בוך „עיט צבוע״ די איבערהאַנט פון די משכילים אויף די קעגנער פון דער השכלה. אין אָדעס איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון פעטערבורגער „חברת מפיצי השכלה״, וועלכע האָט זיך באַמיט מיט גאָר גרויסע מיטלען צו פאַרשפּרייטן די רוסישע קולטור צווישן די יידן אין תחום המושב.

די השכלה אין רוסלאַנד — אַ ליבע־קוואַל צו ציון

די השכלה אין רוסלאַנד האָט ניט געבראַכט צו אַסימילאַציע ווי אין דייטשלאַנד. להיפך, די השכלה־דיכטער און שרייבער האָבן געווידמעט זייערע שאַפונגען ארץ־ישראל און די בענקעניש צו איר געשטעלט אין צענטער פון זייערע ווערק. מיכה יוסף לעבענזאָן (מיכ״ל) האָט גערופן זיינע לידער־ביכער: „שירי בת ציון״ און „כנור בת ציון״. אברהם מאַפּו האָט מיט זיין בוך „אהבת ציון״ אָנגעצונדן די ליבע צו ארץ־ישראל אין טויזנטער הערצער, און י. ל. גאָרדאָן (יל״ג) האָט געשריבן לידער און פּאָעמען אויף

די אַלטע העלדן פון תנ״ך: שאול, דוד, די מכבים און שמעון בן־גיורא.

דעריבער האָט זוכה געווען די השכלה אין רוסלאַנד צו זיין אַ שטאַפּל אין דער פאַרשפּרייטונג פון ציוניסטישן געדאַנק. זי האָט געשאַפן די נייע העברעאישע ליטעראַטור, וועלכע האָט אָנגעצונדן אין די מאַסן ליבע און בענקעניש צו ציון און געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג.

סמאָלענסקין, דער שעפער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג

פּרץ בן משה סמאָלענסקין איז געווען איינער פון די ערשטע גרינ־דער פון דער באַוועגונג. ער איז אַרויס אין קאַמף מיט די פאַנאַטישע צדיקים און רבנים.

אין זיין רייזע איבער מערב־אייראָפּע האָט ער דערקאַנט די משכי־לים, וועלכע האָבן גערופן דאָס פאָלק צו אַסימילאַציע און רעפאָרמען אין דער יידישער רעליגיע. סמאָלענסקין הויבט אָן קעמפן אויך קעגן די בערלינער משכילים. אין מאמרים וואָס ער פאַרעפנטלעכט באַמיט ער זיך צו באַווייזן, אַז יידן זיינען אַ פאָלק און ניט קיין רעליגיעזע סעקטע, אַזוי ווי מענדלסאָן מיט זיינע תלמידים האָבן געזאָגט. דאָן גרינדעט סמאָלענסקין דעם „השחר״, וועלכער איז געדרוקט געוואָרן אין ווין, נאָר זיינע לעזער זיינען געווען איבערהויפּט יידן פון רוסלאַנד. אין משך פון די צוועלף יאָר פון זיין עקזיס־טענץ איז „השחר״ געווען דער אָרגאַן פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. ער האָט געוועקט דאָס פאָלק צום נאַציאָנאַלן אויפקום, צו אויפלעבונג פון עברית, צו שיבת ציון.

אליעזר בן־יהודה

אין „השחר״ האָט אויך געדרוקט זיינע אַרטיקלען אליעזר בן־יהודה. זיין פריערדיקער נאָמען איז געווען אליעזר פּערלמאַן. ער איז געבאָרן גע־וואָרן אין ליטע און געלערנט אין חדר און אין ישיבה. שפּעטער טרעט ער אַריין אין אַ מיטל־שול אין דווינסק. אין שול איז ער צוגעטראָטן צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און גיט זיך איר איבער מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה. ווען ער ענדיקט די מיטל־שול פאָרט ער אין פאַריז און טרעט אַריין אין אוניווערזיטעט.

אין פאַריז איז געווען די טאָג־טעמע די באַפרייאונג פון די באַלקאַן־פעלקער. בולגאַריע האָט דאַן געקעמפט פאַר איר באַפרייאונג. בן־יהודה האָט זיך געפרייט גלייך מיט אַלע אויף דער באַפרייאונג פון בולגאַריע. אָבער אין מיטן פון דער שמחה האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע, פאַרוואָס זאָל דער גורל פון ישראל זיין ערגער ווי דער גורל פון אַלע פעלקער?

אין יענער צייט איז אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט דאָס בוך „דניאל

דעראָנדאַ״ פון דער באַוווסטער ענגלישער שריפטשטעלערין מערי אַן־אי־וואַנס, וועלכע איז באַוווסט מיט איר ליטעראַרישן פסעוודאָנים: דזשאָרדזש עליאָט. די קריסטלעכע שריפטשטעלערין האָט קאָנצענטרירט אין דעם בוך די בעסטע געדאַנקען פון די יידן־פריינד צווישן די ענגלענדער. די צוויי העלדן פון בוך, מרדכי און דניאל, רעדן וועגן דער יידישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל, וועלכע וועט ווערן „דאָס לאַנד פון שלום פאַר אַלע פעלקער״. דאָס בוך האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם און איז פאַרשפּרייט געוואָרן



אליעזר בן־יהודה

אין אַ סך אויפלאַגעס. עס איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין עברית. פיל פון דער יידישער יוגנט האָבן גענומען גלויבן אין ציוניזם אונטער דעם איינדרוק פון „דניאל דעראָנדאַ״.

אויך צווישן די פראַנצויזישע שרייבער האָבן זיך געפונען פיל, וועלכע האָבן געחלומ׳ט וועגן דער יידישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל. אַלעכסאַנדער דיומאַ (דער זון) האָט פאַרעפנטלעכט אַ דראַמע, ווו דער

העלד אירער פאָדערט אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל. ס׳איז גאַנץ מעג־לעך, אַז בן־יהודה האָט געלייענט אויך די דראַמע.

אין דעם ערשטן אַרטיקל זיינעם זאָגט זיך בן־יהודה אָפּ פון זיינע אַלע פריערדיקע אידייען. ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז יידן זיינען אַ פאָלק. דעריבער איז מחויב דאָס יידישע פאָלק מיט אייגענע כוחות פאַרנעמען אַן אָרט צווישן אַלע פעלקער. כדי צו דערגרייכן דאָס, דאַרפן די יידן אַנט־וויקלען זייער נאַציאָנאַלע דערקענטעניש, אויפבויען זייער לאַנד און אויפ־לעבן זייער אַלטע שפּראַך, עברית, מיט איר ליטעראַטור.

בן־יהודה׳ס אַרטיקלען האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם מיט זייער אַרגומענטאַציע און מיט דער פאָלקסטימלעכקייט פון זיין שפּראַך.

דער ויכוח צווישן סמאָלענסקין און בן־יהודה

סמאָלענסקין האָט ניט געגלויבט אין בן־יהודה׳ס פּלענער. ער פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „השחר״ און וויל אויפווייזן אין אים, אַז יידן זיינען נאָר אַ גייסטיק פאָלק און זיין צענטער איז די תורה. ער גלויבט ניט אין שיבת־ציון און האַלט, אַז יידן קאָנען פאַרפעסטיקן זייערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן אויך אין גלות.

בן־יהודה ענטפערט סמאָלענסקין און ווייזט אויף די סתירה צווישן סמאָלענסקינס איצטיקן אַרטיקל און זיינע פריערדיקע אַרטיקלען („עם עולם״), ווו ער גלויבט יאָ אין ציון און איר באַנייאונג. בן־יהודה באַטאָנט, אַז די צוריקקערונג פון ישראל קיין ארץ־ישראל מוז זיין פאַרבונדן מיט דער ווידעראויפלעבונג פון עברית. אויף דער פראַגע, ווי אַזוי קאָן מען אויפלעבן אַ טויטע שפּראַך — ענטפערט בן־יהודה: „דאָס יידישע פאָלק קאָן אַלץ באַווייזן. פון זיין געבורט אָן ביזן היינטיקן טאָג ווייזט ער וווּנדער. ווונדערבאַר זיינען די טעג פון זיין געשיכטע און זיין אמונה. ס׳איז אַ ווונ־דערלעך פאָלק — און דעריבער וועט ער קאָנען אויך דעם נס באַווייזן, אַזוי ווי ער האָט אים באַוויזן אין די צייטן פון כורש. ער וועט ווידער אויפלעבן נאָך זיין אָפּשטאַרבן, און וועט אויפלעבן מיט זיך זיין טויטע שפּראַך״.

אויף דעם ענטפערט סמאָלענסקין, אַז ער האָט טאַקע געשריבן וועגן יידישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל, אָבער זיין כוונה איז געווען נאָר די האָפענונג אויף דער גאולה און ניט איר באַלדיקע פאַרווירקלעכונג. ער לייגט פאָר גרינדען אין ארץ ישראל דערפער פאַר אָרעמע יידן — אָבער דאָס וועט נאָך ניט פירן צו דער גאולה. די אויפלעבונג פון עברית איז אין זיינע אויגן אַ נאַרישער געדאַנק, ווייל די שפּראַך איז אַ טויטע און וועט נאָר עקזיסטירן אַלס ליטעראַטור־שפּראַך.

מיט דעם איז איבערגעריסן געוואָרן דער ויכוח אין „השחר״ צווישן

בן־יהודה׳ן און סמאָלענסקין. אָבער סמאָלענסקינען איז אויסגעקומען צו שניידן תבואה מער, ווי ער האָט פאַרזייט. אין יאָר 1881 באַזוכט ער פעטער־בורג. דאָרט האָט ער זוכה געווען צו אַן ענטוזיאַסטישער אויפנאַמע מצד די סטודענטן־ציוניסטן, וועלכע האָבן געדענקט זיין מוטיקן קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע און פאַרן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. זיי האָבן אים געגעבן אַ מתנה אַ גאָלדן פעדער מיט דער אויפשריפט: „ופדויי ה׳ ישובון, ובאו לציון ברינה". זיין באַגעגעניש מיט דער יידישער יוגנט האָט געשטאַרקט סמאָ־לענסקינס גלויבן אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, ער באַגנוגנט זיך שוין מער ניט מיט אַ סתם־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, און איז שוין גייסטיק פאַר־באַרייטעט אויפצונעמען דעם ציוניסטישן באַוווסטזיין.

בן־יהודה פאָדערט און איז מקיים

בן־יהודה איז מקיים אויף זיך דאָס וואָס ער פאָדערט פון אַנדערע — און איז עולה קיין ארץ־ישראל. זייענדיק אין וועג, האָבן געקומען אָנקומען צו אים די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אין ווין טרעפט ער זיך מיט סמאָלענסקינען, וועלכער איז מודה פאַר בן־יהודה׳ן אין זיין טעות און זאָגט אים: „ווייל איז דיר, וואָס דו רעדסט און ביסט מקיים!".

קומענדיק אין לאַנד, פאַרברענט בן־יהודה אַלע בריקן הינטער זיך. ער וואַרפט אויך אַראָפּ פון זיך זיין גלות־נאָמען און רופט זיך „בן־יהודה". ער פירט איין אין זיין הויז עברית אַלס טאָג־טעגלעכע שפּראַך. זיינע קינ־דער זיינען געווען די ערשטע יידישע קינדער, נאָך טויזנטער יאָרן, וועלכע עברית איז געווען זייער מוטער־שפּראַך.

ח. גאולה־בשורות פון ציון

עַל הַר גָּבֹהַּ עֲלִי לָךְ, מְבַשֶּׂרֶת צִיּוֹן!
(ישעיהו מ׳).

אין גאַנץ ארץ־ישראל זיינען דאַן געזעסן פון צען ביז פופצן טויזנט יידן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פיר שטעט: ירושלים, חברון, צפת און טבריה. די פיר שטעט האָבן געהייסן „די פיר הייליקע שטעט" (ארבע הארצות הקדושות). געלעבט האָבן אַלע פון „חלוקה", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך די תלמידים פון דעם ווילנער גאון און פון רבי ישראל בעל שם טוב. די געלטער פלעגן אָנקומען פון פאַרשיידענע לענדער און פלעגן צעטיילט ווערן נאָר צווישן די לאַנדסלייט. די „חלוקה"־נעמער זיינען געווען צעטיילט אויף „כוללים", לויט זייער אָפּשטאַם פון חוץ־לארץ, אָדער אָנגעהעריקייט צו אַ געוויסער רעליגיעזער גרופע.

די „חלוקה" האָט איינגעוואוינט די ארץ־ישראל יידן צו אַ לעבן פון בטלה און פוילקייט. זייער גאַנצע צייט פלעגן זיי פאַרברענגען אין דאַוונען און באַזוכן הייליקע קברים. די אַלטע דיקע מויער פון ירושלימער אַלט־שטאָט פלעגט פאַרשליסן אירע טויערן יעדן אָוונט. פיל פון די יידן האָבן זיך גערופן „שומרי החומות" און זיך קעגנגעשטעלט מיט אַלע זייערע כוחות קעגן יעדן רעפאָרם אָדער נייס אין זייער לעבן, וועלכע האָט געדראָט דעם חלוקה־סיסטעם.

די ערשטע שול אין ירושלים

דאָך זיינען אויך צווישן די ירושלימער יידן אויפגעשטאַנען קעמפער פאַרן ציוניזם און מיט אומגעהייערע שוועריקייטן איז זיי געלונגען צו פאַר־ווירקלעכן זייערע רעיונות. אַזוי אַרום איז אויך געשאַפן געוואָרן די ערשטע קינדער־שול אין ירושלים — די אַזויגערופענע „לעמעל־שול".

מיט קרוב נייַנציק יאָר צוריק האָט איינע אַ פרוי אין ווין געשענקט אַ סומע געלט צו גרינדן אין ירושלים אַ קינדער־שול אויפן נאָמען פון איר

פּאָטער שמעון לעמעל. די געלט האָט זי איבערגעגעבן די ווינער קהלה, כדי זי זאָל שיקן אין ארץ־ישראל איר סעקרעטאַר גרינדן די שול.

דער סעקרעטאַר פון דער ווינער קהילה איז דאַן געווען אברהם אלי־עזר פראַנקעל, אַ שרייבער און אַ דיכטער אין דער דייטשער שפּראַך און אַ נאַציאָנאַלער ייד. מיט פרייד האָט ער אויף זיך גענומען די שליחות פון „ברענגען הילף און ליכט די ירושלימער יידן". ער געזעגנט זיך מיט זיין שטאַרק־קראַנקער פרוי און לאָזט זיך אין וועג, נעמענדיק מיט זיך המלצה־בריוו און לערן־מכשירים פאַר דער שול.

פערציק טעג האָט פאַרבראַכט פראַנקעל אין ירושלים. און די טעג זיינען פאַר אים געווען טעג פון יסורים, פּיין און אומאויפהערלעכן קאַמף. פראַנקעל האָט אין ירושלים פאַרשפּרייט אַ בראָשור וועגן די צילן פון דער שול: „לערנען די ירושלימער קינדער גיין אין גאַטס וועגן, היטן די מצוות און ליב האָבן אַרבעט, וועלכע גיט פרנסה די וואָס טוען זי". און די פּראַג־ראַם האָט אַרויסגערופן אַ ביטערן קעגנשטאַנד פון אַ טייל חלוקה־לייט.

די ספרדים האָבן אַנגענומען מיט שמחה דעם פּלאַן פון דער שול. די חסידים זיינען אויך פון אָנפאַנג נישט געווען קעגן איר, נאָר די מתנגדים, וועלכע זיינען געווען אַ מינדערהייט אין ירושלים זיינען אַרויס מיט אַ גע־וואַלדיקן קאַמף קעגן איר.

גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין ירושלים האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף. ווען פראַנקעל איז געשטאַנען נעבן כתל המערבי צווישן דעם קהל מתפללים, איז צוגעגאַנגען צו אים דער חזן און געזאָגט: „דו ביסט אַהער געקומען איינפירן נייע זאַכן! כל זמן ירושלים איז חרוב, וועט דאָ גאָרנישט געבויט ווערן! מיר ווילן נישט קיין שולן! גענוג, און איבער גענוג איז פאַר אונדז די תורה, אַלץ דאַרף בלייבן ווי ס'איז היינט ביז משיח וועט קומען. און מיר וואַרטן מיט ווײ־געשריי אויף אים!"

פראַנקעל האָט דערפילט דעם שטורם וואָס דערנענטערט זיך צו אים און ער האָט געפאָדערט פון הויפּט־רב צעגויפרופן אַלע אָנפירער פון דער קהילה אויף אַן אסיפה. אין דער אסיפה האָבן זיך באַטייליקט 28 זקנים, די פּני פון די אשכנזים און ספרדים. דער פאָרשטייער פון די מתנגדים איז אַרויס אויף דער אסיפה מיט אַ שאַרפער רעדע קעגן דעם בית־ספר, אָבער די ספרדים, וועלכע זיינען געווען דער רוב אויף דער אסיפה, צוזאַמען מיט צוויי אָנגעזעענע אשכנזים, ר' יהוסף שוואַרץ, אַ באַוווסטער ארץ־ישראל פאָרשער און ר' ניסן באַק, דער ערשטער דרוק־אינהאַבער אין לאַנד, האָבן געשטימט פאַר דער שול.

די קעגנער זיינען אַרויס פון דער אסיפה און גלייך גענומען קעמפן מיט היץ קעגן דער זאַך. זיי האָבן געשיקט פאַמפלעטן אין חוץ־לארץ, ווו

זיי האָבן באַשמוצט פראַנקעלס נאָמען. זיי זיינען געגאַנגען אויך צום הויפּט־רב און געפאָדערט פון אים, ער זאָל ניט באַשטעטיקן די פּראָגראַם פון דער שול, אָבער דער עסטרייכישער קאָנסול האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין, און אַזוי אַרום איז די שול געעפנט געוואָרן.

אין דעם טאָג, ווען די שול האָט זיך געעפנט, האָבן זיך די קנאים פאַרזאַמלט אין חורבת רבי יהודה חסיד און ביים כותל המערבי. דאָ האָבן זיי געבלאָזן שופר, געוויינט, געזאָגט קינות און דערנאָך געשיקט בריוו אין חוץ־לארץ קעגן פראַנקלען און קעגן די ספרדים.

אָבער די שול איז געעפנט געוואָרן און עקזיסטירט ביז היינט.

די ליכט האָט מנצח געווען די פינצטערניש.

די באַנייער פון יידישן לעבן אין ירושלים

שווער איז געווען דער קאַמף פון באַנייען דאָס לעבן פון די יידן אין ירושלים. זייער ווייניק זיינען געווען די ערשטע צווישן די אשכנזים, וועלכע האָבן געוואָגט זוכן נייע וועגן. צווישן זיי זיינען באַוווסט די משפחות פון ריוולין, סאַלאָמאָן, יעלין און אַנדערע.

רבי הלל ריוולין האָט עולה געווען אין לאַנד צוזאַמען מיט דעם ווילנער גאונס תלמידים. זיין אייניקל, יוסף ריוולין, האָט זוכה געווען צו זיין דער גרינדער פון ניי־ירושלים. דער רעיון צו באַזעצן זיך אויסער די מויערן פון אַלט־ירושלים האָט אים ניט געלאָזט רוען שוין אין זיין יוגנט. חתונה האָבנדיק האָט ער געשטעלט אַ תנאי זיין פרוי, זי זאָל מסכים זיין צו באַזעצן זיך מחוץ דער אַלט־שטאָט. נאָך אַ סך ליידן איז אים געלונגען משפיע צו זיין אויף זעקס פון זיינע חברים צו קויפן באַדן אויסער די מויערן און גרינדן אַ שכונה וועלכע וועט זיך רופן נחלת שבעה. אָבער צווישן די חברים האָט זיך ניט געפונען אפילו איינער, וועלכער זאָל מסכים זיין צו בויען דאָרט זיין הויז, צוליבן פּחד פון די אַראַבישע רויבער און די וויסטעניש אַרום. דאַן האָט ריוולין געטאָן אַ דרייסטן טאַט. ער האָט זיך געשטעלט בויען אַליין זיין הויז, און ווען דער בנין איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער איבערגעלאָזט זיין פרוי אין אַלט־שטאָט און אַליין אַרויס וווינען אין זיין הויז. אין אָוונט פלעגט מען פאַרשליסן די טויערן פון אַלט־ירושלים, און ריוולין איז געבליבן אַליין אין זיין נייעם הויז הפקר פאַר רויבער און מערדער, אַליין אין דער גרויסער וויסטעניש פון אַרום. די איינוווינער פון אַלט־שטאָט האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם און באַוויינט אים ווי מען באַוויינט אַ מענטש, וועלכער גייט אויף אַ זיכערן טויט. אַ לאַנגע צייט האָט ריוולין געוווינט אַליין. ערשט שפּעטער זיינען צוגעשטאַנען צו אים די איבעריקע חברים זיינע און אויך אויפגעשטעלט זייערע הייזער

אין דער שכונה. דאָן איז ריוולין צוגעטראָטן אויפשטעלן די נייע שכונה, מאה שערים און נאָך שכונות.

דער פאָטער פון דער משפחה סאָלאָמאָן איז געווען זלמן צורף, וועל־כער האָט עולה געווען אין לאַנד מיט הונדערט און צוואַנציק יאָר צוריק בערך. ער האָט אויפגעבויט צוריק די חורבת רבי יהודה החסיד, און איז דערפאַר דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַראַבער. זיין זון, מרדכי סאָלאָמאָן, האָט זיך באַזעצט אין אַ אַראַביש דאָרף און געלערנט ערד־אַרבעט, שפּעטער האָט ער געגרינדעט אַ וועבעריי אין ירושלים. מרדכי'ס זון יואל משה סאָלאָמאָן, האָט זוכה געווען צו זיין צווישן די בויער פון דעם נייעם ישוב. אין דער ערשטער העברעאישער צייטונג „הלבנון" האָט ער גערופן דעם יידישן ישוב צו פּראָדוקטיווער אַרבעט און צו ערדאַרבעט.

יהושע יעלין האָט געשטרעבט צו באַזעצן זיך אויף ערד. צו דעם ציל האָט ער געקויפט באָדן ניט ווייט פון ירושלים, ביי דעם אַראַבישן דאָרף קאָלאָניע, און געוואָלט אויפבויען אַ גאַסט־הויז פאַר די עולים קיין ירושלים. אָבער צוליב פאַרשיידענע מניעות איז אים ניט געלונגען אויס־צופירן זיין פּלאַן. אין יאָרן שפּעטער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דעם באָדן די מושבה מוצא. אויך ער איז געווען צווישן די גרינדער פון דער שכונה נחלת־שבעה.

די דריי זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן גענומען באַנייען דאָס יידישע לעבן אין ירושלים, זיי זיינען אויך געווען צווישן די גרינדער פון דער ערשטער יידישער קאָלאָניע אין לאַנד. אָבער זייער אַרבעט וואָלט ניט געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג אָן דער מיטהילף פון גרויסן ייד אין יענער תקופה — משה מאָנטיפיאָרי, וועלכער האָט געשטעלט זיין גאַנצן לעבן אין דינסט פון זיין פאָלק און פון ארץ־ישראל, און נאָך אין זיין לעבן איז זיין נאָמען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וווּנדערבאַרער לעגענדע ביי יידן אין דער גאַנצער וועלט.

משה מאָנטיפיאָרי

משה מאָנטיפיאָרי איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1785 ביי רעליגיעזע עלטערן אין ענגלאַנד. ער איז דערצויגן געוואָרן אין ליבע צו די גייסטיקע אוצרות פון זיין פאָלק, און זיין גאַנצן לעבן האָט ער אָפּגעהיט אַלע יידישע מנהגים. עלטער ווערנדיק האָט ער מצליח געווען אין זיינע געשעפטן, וועלכע ער האָט געפירט צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, נתן מאיר ראָטשילד, דער פאָטער פון דעם ענגלישן צווייג פון משפחה ראָטשילד. ער שענקט גרויסע סומען געלט פאַרשיידענע צדקה־אַנשטאַלטן, און זיין נאָמען ווערט מפורסם אין ענגלאַנד. ער ווערט באַפריינדעט מיט דער קעניגין וויקטאָריא

און פאַרנעמט הויכע פּאָסטנס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ענגלאַנד. גלייכ־צייטיק היט ער אָפּ די יידישע מנהגים, ביי באַנקעטן הייסט ער זיך ברענגען נאָר כשר עסן. ביי פּראָצעסיעס גייט ער צופוס שבת, און איין מאָל אפילו האָט ער אָפּגעלייגט אַ אָפיציעלע שטאָט־פייערונג אין לאָנדאָן, ווו ער האָט געמוזט אָנטייל נעמען, ווייל זי איז אויסגעפאַלן אום יום כפור. זיין איבער־געבנקייט די מנהגים פון זיין פאָלק האָט אַרויסגערופן צו אים רעספּעקט מצד אַלע גדולים אין ענגלאַנד, און די קעניגין וויקטאָריא האָט אים דער־לויבט אויסצוקריצן אויף זיין אַדל־עמבלעם דעם נאָמען „ירושלים" אין עברית.

אויך זיין אויסערלעכער אויסזען האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זיין סעקרעטאַר, ד"ר אליעזר הלוי, דערציילט, אַז ווען ער האָט דערזען מאָנטיפיאָרין דאָס ערשטע מאָל, „האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז יהודה המכבי איז אויפגעשטאַנען פון זיין קבר און שטייט לעבעדיק אַ קעגן זיינע אויגן". מאָנטיפיאָרי האָט אויך זוכה געווען צו אריכות ימים און געלעבט הונדערט מיט איין יאָר.

זיין גאַנצן לעבן האָט ער געווידמעט זיינע ברידער, זיין פאָלק און זיין אַלטע פאָטערלאַנד. זיין לעבנס־געשיכטע איז אויך די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין משך פון פינפאונזעכציק יאָר.

ער איז געווען דער ראש פון דער ספרדישער עדה אין לאָנדאָן און שפּעטער דער פּרעזידענט פון „ועד שליחי הקהילות היהודיות" אין ענגלאַנד. אַ דאַנק זיין הויכן פּאָסטן און דעם גרויסן כבוד, וועלכן ס'האָבן אים געוויזן די פּני פון דער ענגלישער געזעלשאַפט ווי אויך די קעניגין וויקטאָריאַ, איז אים געלונגען צו ברענגען הילף פאַרשיידענע יידישע קיבוצים אין דער וועלט.

ער האָט אויך געפירט די מלחמה פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין ענגלאַנד.

צוזאַמען מיט קרעמיע איז ער געפאָרן קיין מצרים און משפּיע געווען אויפן הערשער מוחמד עלי צו באַפרייען די יידן פון דמשק, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אַ בלוט־בלבול. פון דאָרט פאָרט ער קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל און ווירקט אויפן סולטאַן אַרויסצוגעבן אַ באַפעל, וועלכער פאַר־ווערט באַשולדיקן יידן אין באַנוצן בלוט צו זייערע ריטועלע צוועקן.

פון דאָרט פאָרט ער קיין רוים און געלינגט צו פועלן ביים פויבסט אָפּצומעקן פון דער מצבה, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן קבר פון דערמאָרדעטן גלח די ווערטער: „געשאָכטן געוואָרן דורך יידן".

ער איילט זיך צו הילף פון די יידן אין ראָדאָס און העלפט זיי פון די גריכיש־טערקישע מערדערישע הענט.

ער פאָרט קיין גריכנלאַנד צו באַמיען זיך וועגן די יידן אין קאָרפו, וועלכע האָבן געליטן פון די דאָרטיקע איינוווינער.

ער פאָרט קיין מאַראָקאָ צו ראַטעווען די דאָרטיקע יידן פון אַ בלוט־בלבול, און עס געלינגט אים צו באַפרייען די אַרעסטירטע יידן, ווי אויך צו משפיע זיין אויפן מאַראָקאַנישן סולטאַן ער זאָל שיצן די יידן פון זיין לאַנד.

ער פאָרט קיין רוים, כדי צו ראַטעווען דאָס קינד מאָרטאַראָ פון שמד. ער ווערט אויפגענומען דורכן פויבסט — אָבער ס'געלינגט אים ניט אומצו־קערן דאָס קינד זיינע עלטערן.

ער פאָרט קיין רומעניע און ס'געלינגט אים צו משפיע זיין אויפן יונגן פירשט לטובת די רומענישע יידן, אָבער צולעצט מוז ער אַנטלויפן פון רומעניע צוליב די דראָונגען פון אַנטיסעמיטישן המון קעגן אים.

צוויי מאָל איז ער געפאָרן קיין פעטערבורג צום רוסישן צאַר צו באַמיען זיך לטובת די רוסישע יידן. אין די וועגן איז ער אויסגעשטאַנען גרויסע סכנות. אָבער זיי האָבן אים ניט אָפּגעהאַלטן פון צו איילן ברענגען הילף זיינע ברידער.

די מערהייט פון זיינע נסיעות איז ער געפאָרן אין זיין קאַרעטע, ווו די פאָן „ירושלים" האָט געפלאַטערט איבער איר און אַ ספר־תורה און אַ ארון קודש איז געשטאַנען אין איר. אַזוי איז ער געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד. און דאָס פאָלק האָט געוועבט לעגענדעס איבער דעם „שר, דעם צדיק און העלפער". אין יעדן אָרט האָט מען אים אויפגענומען מיט התלהבות און גרויס כבוד.

די זיבן רייזעס קיין ארץ־ישראל

אָבער זיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשענקט ארץ־ישראל. זיבן מאָל האָט ער באַזוכט דאָס לאַנד, נישט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן אין די וועגן און אויף פאַרשיידענע סכנות.

די ערשטע רייזע זיינע האָט ער געמאַכט אין יאָר 1827 צוזאַמען מיט זיין פרוי יהודית — וועלכע האָט אים באַגלייט אין דאָס רוב רייזעס זיינע. פינף חדשים זיינען זיי געווען אין וועג. פיר טעג האָט געדויערט די רייזע, אויף די רוקנס פון קעמלען, פון יפו ביז ירושלים. אָבער זייער התלהבות פון ירושלים איז אַריבער אַלע גרענעצן. ירושלים האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן שענער פון אַלע שטעט אין דער וועלט.

צוועלף יאָר שפּעטער, צוויי יאָר נאָכן ערדציטערניש אין צפת, באַזוכט מאָנטיפיאָרי מיט זיין פרוי צום צווייטן מאָל דאָס לאַנד. דער ציל פון דעם באַזוך איז געווען צו זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פּראָדוקטיוויזירן דעם ישוב. צו דעם צוועק באַזוכט ער צפת, טבריה, ירושלים, חברון; טרעפט

זיך מיט פאַרשיידענע יידישע פערזענלעכקייטן און קומט צום באַשלוס צו באַזעצן יידן אויף ערד, ווי אויך צו גרינדן וואַרשטאַטן און צוגעוווינען יידן צו פאַרשיידענע מלאכות. פופציק יאָר פון זיין לעבן האָט געווידמעט מאָנטי־פיאָרי כדי צו פאַרווירקלעכן די פלענער זיינע. אַ טייל פון ירושלימער יידן העלפן אים אין דעם, צווישן זיי — מרדכי סאַלאָמאָן, וועלכער האָט דערלאַנגט אים אַ באַזונדער מעמאָריאַל וועגן איבערפירן דעם ישוב צו מלאכה און לאַנדווירטשאַפט. פיל פון ירושלימער יידן טרעטן אַרויס קעגן זיינע פלענער, אָבער מאָנטיפיאָרי גייט זיך אין זיין וועג.

ער פרוווט באַזעצן זעכציק משפחות פון צפת און טבריה אויפן באָדן ביי די אַרומיקע אַראַבישע דערפער און שטיצט זיי לאַנגע יאָרן מיט אַ סך געלדער. נעבן יפו קויפט ער אַ פרדס כדי צו באַשעפטיקן אין אים יידן און צוגעוווינען זיי צו פיזישער אַרבעט. דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער פרדס אין לאַנד. אויף זיין באָדן איז אויפגעבויט געוואָרן די שכונת מאָנטי־פיאָרי אין תל־אביב. אין ירושלים בויט ער אַ ניי־אַנשטאַלט פאַר אלמנות און יתומים, ער גרינדעט דאָרט אַ אַרבעטס־שול פאַר מיידלעך, אַ וועב־פאַבריק, אַ ווינט־מיל, אַ בית־חולים און שטיצט די ערשטע דרוקעריי אין לאַנד, שיקנדיק איר פון לאָנדאָן אַ דרוק־מאַשין. מיט די געלטער פון אַן אַמע־ריקאַנער נדבן יהודה טורא בויט ער די ערשטע הייזער אויסער די שטאָט־מויערן, די „משכנות שאננים", און שטיצט אין משך פון פיל יאָרן די איינוווי־נער פון די הייזער, כדי זיי זאָלן מסכים זיין וווינען אויסער די שטאָט־מויערן. חוץ דעם טיילט ער אַ סך צדקה פאַר די אָרעמע איינוווינער. צוערשט שיקט ער אַ דאָקטאָר, וועלכער זאָל היילן אומזיסט, און שפּעטער בויט ער בתי־חולים פאַר די ירושלימער יידן. ער האָט אויך פאַרריכט דעם קבר־רחל און אויפגעבויט אויף אים דעם בנין, וועלכער שטייט דאָרט ביז היינט. יעדע נסיעה זיינע האָט געבראַכט כבוד דעם ישוב.

דאָס לעצטע מאָל איז ער געווען אין לאַנד אין יאָר 1875, אין עלטער פון ניינציק יאָר. מיט גרויס התלהבות האָבן די ארץ־ישראל יידן אויפגענו־מען דעם ישיש, וועלכער האָט מסכן געווען זיין לעבן כדי נאָך אַמאָל צו באַזוכן דאָס לאַנד.

און שטענדיק, אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן איז ארץ־ישראל געווען אין זיינע געדאַנקען. אונטער זיין קישן צוקאָפּנס איז געלעגן אַ שטיין, וועלכן ער האָט געבראַכט פון ירושלים און אויף אים איז געווען אויסגעקריצט דער פסוק: „כי רצו עבדיך את אבניה ואת עפרה יחוננו". אויפן קבר פון זיין פרוי יהודית, וועלכע איז געשטאָרבן א סך יאָרן פאַר אים, האָט ער אויפגעשטעלט אַ מצבה ענלעך צום קבר־רחל.

דאָס פאָלק האָט אָפּגעשאַצט מאָנטיפיאָריס איבערגעבנקייט פאַרן פאָלק און לאַנד. ווען ער איז אַלט געווען ניינציק יאָר, האָט דער „ועד שליחי הקהילות" אין ענגלאַנד אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו אַלע יידישע קיבוצים אין דער וועלט, צו שאַפן אַ פאָנד וואָס זאָל פאַראייביקן מאָנטיפיאָריס נאָמען אין ארץ־ישראל. יידן און אויך קריסטן האָבן תורם געווען גרויסע געלט־סומען פאַר פאָנד, וועלכער האָט געהייסן „מזכרת משה".

מאָנטיפיאָריס הונדערטער געבורטסטאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס יום־טוב אין גאַנץ ענגלאַנד. וויקטאָריע און דער קרוין־פּרינץ זיינען געקומען צו מאָנטיפיאָרין אים באַגריסן צו זיין געבורטסטאָג. אָבער פאַרן יידנטום איז עס געווען אַן אמתער יום־טוב. דער ווונדער, וואָס דער יידישער גרויסער פּרנס האָט דערלעבט צו אַזאַ טיפן עלטער, האָט אַרויס־גערופן אנטציקונג און פאַרווונדערונג.

די „חובבי ציון" אין וואַרשע האָבן זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו אַלע יידישע קהילות פייערן מאָנטיפיאָריס געבורטסטאָג ווי אויך צו זאַמלען געלט אויף זיין נאָמען פאַר ארץ־ישראל. זיין בילד צוזאַמען מיט זיין פאָן „ירושלים" און אַ שיר פון י. ל. גורדון איז אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן אין צענערטויזנטער עקזעמפּלאַרן און אויפגעהאָנגען געוואָרן אין די יידישע הייזער. די ברכות וואָס די יידישע קהילות האָבן אים געשיקט זיינען געבונדן געוואָרן אין איין בוך. און אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע מיט ר' דוד גאָרדאָן בראש — איז געפאָרן עס איבערגעבן מאָנטיפיאָרין. געצירט ביז טרערן האָט דער אַלטער כלל־טוער אויפגענומען די דעלעגאַציע, וועלכע האָט אים געדאַנקט אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק.

אין זיין געבורטסטאָג איז צונויפגערופן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר אין קאַטאָוויץ פון אַלע „חובבי־ציון"־אגודות. דער צוזאַמענפאָר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער חיבת־ציון באַוועגונג. דאָן איז אויך באַשלאָסן געוואָרן שאַפן אַ געלט־פאָנד פאַרן ארץ־ישראל אויפבוי: „יסוד מזכרת משה מונטיפיורי בארץ הקדושה". אַזוי אַרום האָט מאָנטי־פיאָריס געבורטסטאָג געדינט אַלס אַ ווענדע־פונקט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

עטלעכע חדשים שפּעטער איז געשטאָרבן משה מאָנטיפיאָרע, און אין זיין קבר, וועלכער איז געגראָבן געוואָרן נעבן דעם קבר פון זיין פרוי יהודית, איז אַריינגעלייגט געוואָרן דער ירושלימער שטיין, וועלכער איז שטענדיק געלעגן אים צוקאָפּנס; און אויך אַ צווייג פון אַן איילבירט־בוים, וועלכן מאָנטיפיאָרי האָט אָפּגעבראָכן אויפן הר הכרמל און נאָך תכשיטים

פון ירושלים. זיין ארון איז באַשאָטן געוואָרן מיט ערד, וועלכע ס'איז געבראַכט געוואָרן פון קבר־רחל.

דאָס פאָלק האָט פאַראייביקט זיין אָנדענק, און אַ סך שכונות און גאַסן אין ארץ־ישראל טראָגן זיין נאָמען, באַזונדערס אין ירושלים: ימין־משה, זכרון־משה, קרית־משה, אהל־משה, מזכרת־משה אאז״וו. אין מוזעאום ביי „בצלאל" שטייט נאָך ביז היינט מאָנטיפיאָריס קאַרעטע.

מאָנטיפיאָריס אַרבעט איז ניט געווען אומזיסט. זיין געדאַנק צו באַזעצן יידן אויפן באָדן האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַ סך הערצער. אין זיינע לעצטע יאָרן האָבן צוויי יונגע מענטשן, איינער אַ משכיל און דער צווייטער אַ רב, גענומען פאַרווירקלעכן די פּלענער צו אומוואַנדלען די יידן אין ערדאַרבעטער.

יעקב נעטער

דער משכיל איז געווען יעקב קאַרל נעטער, דער גרינדער פון מקוה־ישראל. ער איז געבאָרן געוואָרן אין עלזאַס אין אַ משכילישע רבנים־משפחה, וועלכע האָט אין אים איינגעפלאַנצט ליבע צו אַלע ווערטן פון יידנטום.

עלטער ווערנדיק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן דער אומגליקלעכער יידישער לאַגע צווישן די פעלקער פון דער וועלט. דער ענין מאָרטאַראַ האָט געבראַכט נעטערן, ווי אַ סך יידישע יונגעלייט, צו פאַרטראַכטן זיך איבער דער יידישער אומגליקלעכער לאַגע אין דער וועלט, ווי אויך צו זוכן מיטלען צו פאַרגרינגערן די ליידן פון די יידישע מאַסן. אַזוי אַרום איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט „כל ישראל חברים" („אליאנס"). נעטער איז געווען איינער פון די גרינדער, און אין משך פון 20 יאָר איז ער געווען דער אַלגעמיינער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט.

נעטער האָט זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן דער אַרבעט פון „כל ישראל חברים". ער באַרייזט רומעניע, סערביע, מאַראָקאָ, גאַליציע, טערקיי און אַנדערע לענדער. אומעטום עפנט ער שולן, גרינדעט „גמילות־חסדים"־קאַסעס און שטיצט אָרעמע. אָבער באַזונדערס גיט ער זיך איבער דער ארץ־ישראל אַרבעט, וועלכע ווערט פאַרוואַנדלט אין זיין לעבנס־אַרבעט.

נעטער שטיצט הרב קאַלישערס פּראָיעקט צו באַזעצן יידן אויפן באָדן, און דורך זיין השפּעה ווערט דער דאָזיקער פּראָיעקט אָנגענומען דורך „כל ישראל חברים". דאַן פאָרט ער קיין ארץ־ישראל. אין משך פון זעקס וואָכן באַזוכט ער ירושלים, חברון, יפו, און פון זיינע געשפּרעכן מיט פאַר־שיידענע מענטשן קומט ער צום באַשלוס, אַז אַלע, אַ חוץ אַ קליינער גרופּע פון חלוקה־נעמער, זיינען גרייט אַריבערגיין צו לאַנדווירטשאַפט און בכלל

צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. אין ירושלים זאַמלט ער המונים אויפן הר ציון און רעדט פאַר זיי איבער דער מעגלעכקייט, אַז „כל ישראל חברים" וועט זיי העלפן איבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. זיינע ווערטער ווערן אויפ־גענומען מיט התלהבות. אַ סך מענטשן פאַלן אים אויפן האַלז און קושן אים מיט טרערן אין די אויגן. דער מעמד אויפן הר ציון איז געווען דעצידירנדיק פאַר נעטערן. ער שווערט פאַרן המון, אַז ער וועט אייביק ניט פאַרגעסן דעם טאָג.

די גרינדונג פון מקוה־ישראל

נעטער באַשליסט פאַרלייגן דער געזעלשאַפט צו גרינדן אַ לאַנד־ווירטשאַפטלעכע שולע אין ארץ־ישראל. אין געדאַנק זעט ער די המונים, וועלכע וועלן לערנען ערדאַרבעט, די וועלט וועט זיך איבערצייגן אַז יידן קאָנען אויך זיין ערדאַרבעטער. אַלע יידן, וועלכע וועלן מוזן אַנטלויפן פון אייראָפּע צוליב דער גרויסער שנאה צו זיי, וועלן געפינען רו אין לאַנד וועלכע וואַרט אויף זיי, און אַזוי אַרום וועלן יידן פאַרנעמען דאָס לאַנד וועלכע געהערט זיי.

נעטער איילט צוריק קיין פּאַריז און לייגט פאַר „כל ישראל חברים" זיין פּלאַן. זיינע רייד באַגייסטערן די צוהערער. קרעמיע רעדט נאָך אים: „אויב באמת וועט זיך די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט פאַרברייטערן אין ארץ־ישראל, וועלכע גאָט האָט אויסגעקליבן פאַר יידן, דאַן וועלן מיר נאָך זוכה זיין צו זען די באַנייטע ירושלים".

דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען. אַ קול־קורא ווערט אַרויסגעלאָזט צו אַלע יידן אין דער וועלט צו שאַפן די מיטלען פאַר דער שולע.

ק. נעטער קערט זיך אום קיין ארץ־ישראל און בלייבט דאָ פיר יאָר. ער קלייבט אויס דעם באָדן פאַר דער שול, באַטייליקט זיך אין בויען די ערשטע הייזער, אין פאַרצעלירונג פון באָדן און אַזוי. ער אַליין קלייבט אויס די תלמידים פאַר דער שולע און געפינט פאַר איר אַ נאָמען „מקוה ישראל". אים קומט אויס צו קעמפן מיט אַ סך שוועריקייטן. דער אַראַבישער שכנישער דאָרף באַפאַלט די איינוווינער פון מקוה ישראל. די פאַנאַטישע רבנים אין ירושלים דראָען אים צו לייגן אין חרם. אָבער נעטער גייט ווייטער זיין וועג און ברייטערט אויס זיינע פּלענער און טרוימען. ער באַגנוגנט זיך ניט מיט דער שולע און ער פאָדערט פון „כל ישראל חברים", זי זאָל קויפן באָדן און באַזעצן אויף אים די תלמידים וועלכע וועלן ענדיקן די שולע. ער לייגט פאָר די ירושלימער עסקנים צו זאַמלען געלט אין דער גאַנצער וועלט צו קויפן באָדן פאַר די יידן, וועלכע וועלן עולה זיין פון חוץ־לארץ, און וועלן ווערן ערדאַרבעטער. אין מקוה ישראל וועלן אַלע באַקומען די געהעריקע

אין מקוה־ישראל

בילדונג און אָנווייזונגען, אַזוי אַרום וועט מקוה ישראל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ הכשרה־צענטער פאַר אַלע עולי־ציון.

די פיר יאָר שווערע אַרבעט שוואַכן אָפּ נעטערס געזונטצושטאַנד און ער פאָרט צוריק אין פאַריז, אָבער דאָרט געפינט ער מער ניט קיין רו. פינף מאָל פאָרט ער קיין ארץ־ישראל הין און צוריק. אין זיינע לעצטע יאָרן איז ער זוכה צו זען די גרויסע עליה פון רוסלאַנד, די ערשטע עליה אין דער תקופה פון חבת־ציון.

ר׳ עקיבא־יוסף שלעזינגער

דער רב וואָס האָט געטרוימט צו באַזעצן יידן אויפן באָדן איז געווען ר׳ עקיבא־יוסף שלעזינגער, וועלכער האָט עולה געווען אין יאָר 1870, אין גרינדונגס־יאָר פון מקוה־ישראל, אין עלטער פון 32 יאָר. ער איז שוין געווען מפורסם אין דער יידישער וועלט מיט זיין ספר „הלב העברי״.

ער איז געבאָרן געוואָרן אין פרעסבורג. ביי זיין פאָטער, אַ ראש־

ישיבה און אויך נאָענט צו פעלדאַרבעט, האָט ער געלערנט ליב האָבן די נאַטור אין די ערדאַרבעט. זיין פאָטער און זיין רבי זיינען ביידע געווען תלמידים פון ר׳ משה סופר, און זיי האָבן אים ערצויגן אין גייסט פון פאַנאַטישע אמונה און אין שטאַרקער ליבע צו ארץ־ישראל. זיין שווער איז געווען דער נשיא פון כולל הונגריה און פלעגט זאַמלען געלטער פאַר ארץ־ישראל. עקיבא־יוסף האָט געלערנט אַ סך קבלה און אין זיינע ציוניסטישע פלענער זיינען זאַכלעכקייט און חלום צוזאַמענגעמישט.

אין עלטער פון צוויי־און־דרייסיק יאָר באַשליסט ער עולה צו זיין אין ארץ־ישראל. זיין פאַמיליע איז קעגן דעם, און דאַן גנבעט ער זיך אַרויס פון זיין הויז און לאָזט זיך אין וועג. אין די שטעט און שטעטלעך אויפן וועג דרשנט ער אין די קלויזן און שולן. איין קהילה האָט אים געוואָלט פאַר־האַלטן ביי זיך און אים פאָרגעלייגט אַ כתב רבנות. אָבער ער ענטפערט: „כ׳האָב שוין געשריבן תנאים מיט אַן אַנדער כלה, מיט ארץ־ישראל — און כ׳קאָן זי ניט פאַרשעמען״. צום סוף האָט אויך זיין משפחה מסכים געווען צו זיין עליה.

אין ירושלים דינגט עקיבא־יוסף אַ דירה נאָענט צום כותל המערבי, אין אַזאַ פּלאַץ וווּ קיין ייד פאַר אים האָט נישט געוואַגט צו וווינען. דאָ לעבט ער אין איינזאַמקייט אַ לענגערע צייט. ער עפנט אין זיין דירה אַ בית־מדרש און שטייענדיק אין דער שטענדיק־אָפענער טיר, וועלכע איז געווען געווענ־דעט אַ קעגן דעם אָרט פון בית־המקדש, דאַוונט ער מיט אויסגעשפּרייטע הענט. יעדע נאַכט פּראַוועט ער „חצות״ דורך תפילות און געוויין אויף גלות־ישראל. אין יעדער ערב־שבת בלאָזט ער שופר, כדי צו דערנענטערן די גאולה. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסרייטן פון ירושלים אויף אַן אייזעלע, כדי צו זען דאָס לאַנד. אין משך פון קורצע מאַנאַטן האָט ער קענען געלערנט ארץ־ישראל. די איינדרוקן, וועלכע דאָס לאַנד האָט אויף אים געמאַכט, זיינען געווען געוואַלדיקע און ער האָט זיי אויסגעדריקט אין לידער.

דערווייל איז עקיבא־יוסף מפורסם געוואָרן אין ירושלים, און פיל פון כולל הונגאַריע פלעגן אים באַזוכן. וויסנדיק אַז ער איז מקורב צו דער אָנפירונג פון כולל, פלעגן זיי אויסגיסן פאַר אים זייערע שווערע הערצער און באַקלאָגן זיך אויף די גבאים פון כולל, וועלכע נעמען צו פאַר זיך די גרעסטע טיילן פון די חלוקה־געלטער און לאָזן איבער פאַר די אָרעמע־לייט נאָר גראָשנס. עקיבא־יוסף האָט זיך גענומען צוקוקן צו דער פירונג פון די חלוקה־געלטער און געקומען צום באַשלוס, אַז דער „חלוקה־סיסטעם״ דאַרף בטל ווערן. נאָר אַ קליינער טייל, וועלכע זיינען פעאיק צו לערנען תורה, דאַרפן באַקומען „חלוקה״, און די איבעריקע דאַרפן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט און אַנדערע פּראָדוקטיווע פאַכן.

עקיבא־יוסף ווענדעט זיך מיט זיין פּלאַן צו די אָנפירער פון די כוללים און צו די ירושלימער רבנים, זייענדיק זיכער אַז זיי וועלן מסכים זיין מיט אים. אָבער זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע זיינע פאָרשלאָגן און גע־וואָרנט אים ער זאָל אויפהערן חלומען וועגן איבעראַנדערשן דאָס לעבן פון די ירושלימער יידן. אויב ניט — וועלן זיי מוזן אַרויפלייגן אויף אים אַ חרם.

די חברה „מחזירי עטרה ליושנה"

עקיבא־יוסף איז פאַרווונדערט געוואָרן הערנדיק דעם ענטפער פון די ירושלימער פּרנסים. אָבער ער זאָגט זיך ניט אָפּ פון זיינע פּלענער. ער באַראַט זיך מיט אַ פּאָר פון זיינע אָנהענגער, און זיי בשליסן צו גרינדן אַ געהיימע חברה אונטערן נאָמען: „מחזירי עטרה ליושנה" (המעל"ה) אָדער „כולל העברים". דער ציל פון דער נייער חברה דאַרף זיין: מלחמה האַלטן מיט דער „חלוקה" און שאַפן נייע געזונטע עקזיסטענץ־מיטלען פאַרן ישוב. די חברים פון דער נייער אָרגאַניזאַציע האָבן געשווירן קעמפן פאַר זייערע אידייען ביז צום נצחון. זיי האָבן געשאַפן תקנות, וועלכע ס׳האָבן געדאַרפט געהאַלטן ווערן בסוד ביז וואַנען ס׳וועט קומען די צייט זיי צו פאַרווירקלעכן אין לעבן.

אין צוויי יאָר שפּעטער האָט עקיבא־יוסף פאַרעפנטלעכט דעם פּלאַן און די תקנות פון דער חברה, אין אַ ספּעציעלן בוך, וועלכן ער האָט גע־לאָזט אָפּדרוקן פאַר זיינע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס אונטערן נאָמען: „חברת מחזירי עטרה לישנה" (המעל"ה) או כולל העברים". דאָס בוך אַנט־האַלט אַ גענויע ציוניסטיש־פּאָליטישע פּראָגראַם.

לויט דעם פאָרשלאָג פון דער חברה דאַרפן אַלע „כוללים" בטל ווערן, און אויף זייער אָרט וועט געגרינדעט ווערן איין „כולל" אונטערן נאָמען „כולל העברים", וואָס זיין ציל וועט זיין צו אָרגאַניזירן אַלע געטרייע צום געדאַנק צו באַנייען דעם אַמאָליקן יידישע אָרט־לעבן אין ארץ־ישראל. די מיטגלידער פון דעם „כולל" וועלן זיין יידן פון ארץ־ישראל און פון חוץ־לארץ, וועלכע וועלן אָרגאַניזירט ווערן אין צוויי באַזונדערע קערפּער־שאַפטן.

די מיטגלידער פון חוץ־לארץ וועלן זיין אָרגאַניזירט אין צוועלף שבטים. בראש פון יעדן שבט וועט שטיין אַ נשיא, און ביי זיין זייט אַ בית־דין גדול, מנהיגים און פּרנסים. יעדער שבט וועט ווערן צעטיילט אין גרופּעס פון הונדערט מאַן, וועלכע וועלן הייסן „דגלים". יעדער „דגל" וועט איינגעטיילט ווערן אין צוויי בתי־אב, יעדער בית־אב אין פינף עדות און בראש פון יעדער עדה וועט שטיין אַ מנהיג. די אָנפירערשאַפט פון אַלע

שבטים וועט באַשטיין פון צוועלף נציבים — און איר זיץ־פּלאַץ וועט זיין אין ירושלים.

אַלע מיטגלידער פון כולל וועלן דאַרפן פירן זייער אַרט לעבן לויט די חוקים פון דער תורה און לויט די אַלטע מנהגים פון דער צייט ווען יידן זיינען געזעסן אין זייער לאַנד. שבת און יום־טוב וועלן זייריידן צווישן זיך נאָר עברית. אויך אין דער וואָכן וועלן זיי זיך דאַרפן באַמיען ריידן עברית. אַלע אסיפות וועלן געפירט ווערן נאָר אין עברית; אויך וועלן געשריבן ווערן אין עברית אַלע בריוו, וועקסלען און דאָקומענטן. אַזוי אַרום וועט דער יונגער דור זיך איינגעוווינען צו באַנוצן זיך אין טאָג־טעגלעכן לעבן נאָר מיט עברית.

זייערע קינדער וועלן אַלע חברים דערציען אין שולן מיט איין לערן־פּראָגראַם פאַר אַלע. ביז אַכצן יאָר געפינט זיך דער יוגנטלעכער אין די שולן. אין דער עלטער ווערט יעדערער אַ מיטגליד אין דער חברה. פאַר ניט פעאיקע צו בילדונג ווערן געגרינדעט פאַך־שולן. אַלע לערן־ביכער ווערן געשריבן אין עברית.

אויך די פרויען וועלן זיך אָרגאַניזירן. זיי וועלן דאַרפן עפענען צדקה־און הילפס־אַנשטאַלטן און פאַרנעמען זיך באַזונדערס מיט די שולן פאַר מיידלעך. אויך אין די שולן וועלן געלערנט ווערן די פאַרשיידענע לימודים: לעזן, שרייבן, פאַך־אַרבעט און עברית, כדי זיי זאָלן קאָנען שפּע־טער דערציען זייערע קינדער אין דער שפּראַך.

אַלע חברים צאָלן די פאָלגנדע אָפּצאָלונגען: 1) איין פּראָצענט פון זייערע רווחים אַלס דירעקטע אָפּצאָלונג; 2) אומדירעקטע אָפּצאָלונגען: פון בגדים, תכשיטים, חתונות אאַז״וו; 3) פאַרשיידענע תרומות און נדבות.

דעם צווייטן טייל פון זיין פּלאַן ווידמעט עקיבא־יוסף דעם ווידער־אויפבוי פון ארץ־ישראל.

אויפבויען ארץ־ישראל הייסט: בויען ירושלים און גרינדן לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין גאַנצן לאַנד. צו דעם צוועק דאַרף מען זאַמלען גרויסע סומעס געלט דורך פאַרשיידענע וועגן, דורך אַקציען־גע־זעלשאַפטן און דורך גרויסע געלט־זאַמלונגען אין דער גאַנצער וועלט.

די גאולה פאַרן לאַנד וועט געבראַכט ווערן דורך אַ געניען פּלאַן. דאָס לאַנד וועט צעטיילט ווערן לויט די שבטים ווי אַמאָל. צוערשט וועט אויסגעלייזט ווערן דער טייל פון יהודה, דערנאָך דער גליל און צום סוף — עבר־הירדן. עס איז געווונטשן פריער אויסלייזן די היסטאָרישע ערטער ווי אויך די באַדנס וועלכע ליגן ביי די הייליקע קברים. אָבער מען טאָר ניט באַזעצן איין שבט מער פון אַנדערע.

דעם געקויפטן באָדן וועט דער כולל אַליין צוגרייטן צו קאָלאָניזאַציע:

ער וועט באַפּלאַנצט ווערן מיט פּרדסים, מען וועט האָדעווען אויף אים זייד־ווערים און שעפּסן צו וואָל, און דערנאָך וועט געבויט ווערן אויף אים אַ מושבה. אין יעדער מושבה וועלן זיין הונדערט הייזער, וועלכע וועלן געבויט ווערן אין אַ קרייז. אין מיטן קרייז וועלן שטיין: אַ שול און די הייזער פאַרן ראש־הדגל, פאַרן רב, שוחט, לערער, דאָקטאָר, קרעמער, פּאָסט־אַמט א. א. ווען דאָס אָרט וועט זיין פערטיק צו באַזעצן זיך אויף אים, וועט דער כולל איבערגעבן אים צו הונדערט משפחות, וועלכע וועלן בילדן צוזאַמען אַ דגל. אויב דאָס אָרט איז געבויט געוואָרן דורך פּריוואַט־קאַפּיטאַל וועט ער אָפּגעגעבן ווערן די, וועלכע האָבן געקויפט די אַקציעס, און אויב דאָס אָרט איז געבויט מיט געלטער פון שפּענדונגען — וועלן זיך אויף אים באַזעצן אָרעמע חברים. אַלע קאָלאָניסטן וועלן זיין באַוואָפנט, „כדי גאָטס פּחד זאָל פאַלן אויף דער גאַנצער סביבה".

אין די מושבות וועלן וווינען נאָר יידן. אויך אין די שטעט וועלן זיין באַזונדערע יידישע שכונות. יעדער דגל וועט זיין צעטיילט אין צען משמרות, און אין יעדן מאָנאַט וועט אַן אַנדער משמר היטן אויפן אָרט. זיי וועלן אין זייער מאָנאַט־שמירה ניט באַאַרבעטן זייער באָדן, און דער כולל וועט זיי אויסהאַלטן אין משך פון דער צייט. דער משמר וועט צעטיילט ווערן אויף שומרים אין דער מושבה, וועלכע וועלן הייסן שומריאל, און אויף שומרים אויף פערד מחוץ דער מושבה און וועלן הייסן לוחמיאל. דער כולל וועט עפענען אין חוץ־לארץ משרדים, וועלכע וועלן דינען די עולים, ווי אויך בתי־מלון אין די פּאָרטשטעט. ער וועט דינגען באַזונדערע שיפן אויף איבערצופירן די עולים קיין ארץ־ישראל. אויף זיי וועט פלאַטערן די יידישע פאָן: ווייס־גרין־פּורפּור־העלבלוי. פאַר די, וועלכע וועלן בלייבן אין גלות, וועט איינגעאָרדנט ווערן עליה לרגל דריי מאָל אין יאָר: פּסח, שבועות און סוכות.

אַלע באַשלוסן פון כולל וועלן באַשטעטיקט ווערן פון אַ יידישן קאָנגרעס, וועלכער וועט הייסן: „המועצה הכוללת". ער וועט אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען אין ירושלים און וועט אויסגעוויילט ווערן דורכן וועלט־יידנטום. יעדע טויזנט יידן וועלן שיקן דריי דעלעגאַטן. די מועצה וועט געעפנט ווערן שטענדיק דינסטיק. אַ טאָג פאַר דער עפענונג פון דער מועצה, מאָנטיק, וועלן פאַסטן אַלע דעלעגאַטן, ווי אויך אַלע יידן אין חוץ־לארץ. אין מיטן נאַכט וועלן די דעלעגאַטן גיין צום כותל המערבי, און אין דער פרי וועט געעפנט ווערן די מועצה. זי וועט באַשליסן וועגן דער אַרבעט פון כולל און וועט אויסקלייבן דעם „נשיא הכולל" און דעם בית־דין הגדול. דער נשיא הכולל דאַרף זיין פון דודס המלך משפחה און זיין זיץ־אָרט וועט זיין אין ירושלים. אין בית־דין הגדול וועלן אַריין די גדולי התורה פון

פאָלק. און ביז וואַנען ס׳וועט געווען דער קאָנגרעס, וועלכער וועט אויסקלייבן די פריער־דערמאָנטע אָרגאַנען, ערקלערט זיך עקיבא־יוסף אַלס מנהיג הכולל.

עקיבא־יוסף׳ס פּלאַן האָט אויפגעשטעלט קעגן אים די גבאים פון די כוללים. זיי האָבן געזען אין זיין פּלאַן צו פאַרוואַנדלען די חלוקה־געלטער אין אַ נאַציאָנאַלן פינאַנס־אינסטרומענט אַ סכנה פאַר זיך. יעצט זיינען זיי ארויס קעגן אים מיט אַלע זייערע מלחמה־געצייג. באַשולדיקנדיק אים אין כפירה און אויך אין דעם אַז ער וויל זיך דערקלערן אַלס משיח — האָבן זיי אויסגערופן אויף אים אַ חרם. זיינע ספרים זיינען פאַרברענט געוואָרן, און אַ טייל פון זיינע חברים האָבן זיך געמוזט פון אים דערווייטערן. אָבער אַ סך פון זיינע פריינט האָבן אים ניט פאַרלאָזן. יעדע נאַכט פלעגן זיי זיך פאַרשטעלטערהייט דורכגנבנען צו עקיבא־יוסף׳ס וווינונג ביים כותל המערבי.

ווען די תקיפים האָבן געזען, אַז דער חרם איז ניט משפיע אויף עקיבא־יוסף׳ן, האָבן זיי באַשלאָסן אים צו דערדריקן מיט געוואַלט־מיטלען. עקיבא־יוסף האָט זיך דערוווּסט פון דעם — און אין משך פון אַ לענגערע תקופה פאַרלאָזט ער ניט זיין וווינונג, און זיינע פריינט האָבן געהיט זיין הויז אין צוויי משמרות, טאָג און נאַכט. אין יענער צייט האָט באַזוכט ירושלים מאָנטיפיאָרי, און גייענדיק צום כותל המערבי איז ער פאַרבייגעגאַנגען שלעזינגערס הויז און שול, אָבער עקיבא־יוסף איז ניט אַרויס צו אים צוליבן פּחד פאַר די, וועלכע האָבן אים געוואָלט באַפאַלן, און ער האָט זיך באַנוגנט מיטן שיקן מאָנטיפיאָרן זיינע ביכער דורך פּאָסט.

עקיבא יוסף׳ס מוט איז אָבער ניט געפאַלן. ער זאָגט זיך אָפּ פון דער שוץ וואָס דער עסטרייכישער קאָנסול שלאָגט אים פאָר, און אויפן בריוו פון זיינע עלטערן, וועלכע בעטן אים אומצוקערן זיך קיין אונגאַרן ווו זיי האָבן אָנגעגרייט פאַר אים אַ רבנות שטעלע, ענטפערט ער: „בעסער צו שטאַרבן אין ירושלים ווי צו קעניגן אין מצרים“.

זיין אַרבעט הויבט אָן צו ברענגען פרוכט. אין יענער צייט קומען אָן קיין ירושלים נייע עולים, און זיי שטאַרקן עקיבא־יוסף׳ן און זיינע אָנהענגער.

די גרינדונג פון פתח־תקוה

צו ערשט איז געקומען פון אונגאַרן דער ענטוזיאַסטישער יונגערמאַן יהושע שטאַמפער. ער האָט געלערנט אין ישיבה און גימנאַזיע און אונטער דער השפעה פון דער מאַדיאַרישער אויפלעבונג, און באַזונדערס אונטער דער השפעה פון די וואַלן צום ערשטן אונגאַרישן פאַרלאַמענט, וועלכער האָט פאַרפלייצט דאָס לאַנד מיט אומגעהייערן ענטוזיאַזם, האָט ער באַשלאָסן

עולה צו זיין אין ארץ־ישראל און מקריב זיין דאָס לעבן אויף איר ווידער־אויפבוי, כדי זוכה צו זיין צו זען דעם ערשטן יידישן פּאַרלאַמענט. זיינע עלטערן זיינען קעגן די פּלענער פון עליה. דאַן נעמט שטאַמפּער דעם וואַנדערשטעקן אין האַנד און לאָזט זיך אַרויס אין וועג. אויסגעמאַטערט אינגאַנצן קומט ער אָן קוים מיטן לעבן קיין סאַלאָניקי. דער חכם־באשי (הויפּט־רב) קריגט פאַר אים אַ אומזיסטע שיפס־קאַרטע קיין איזמיר. פון דאַנען זעצט ער פאָר צו פוס זיין וועג דורך קליין־אַזיע, סוריע און קומט אָן אינגאַנצן אָן כוחות קיין צפת. שפּעטער גייט ער איבער קיין ירושלים. דאָ באַקענט ער זיך מיט עקיבא־יוסף שלעזינגער און יואל משה סאַלאָמאָן און ווערט אַ טיכטיקער חבר אין זייער גרופּע. צו זיי איז אויך צוגעשטאַנען ר׳ דוד גוטמאַן, אַ רייכער עולה פון אונגאַרן.

איצט ווערט צייטיק דער פּלאַן פון פאַרווירקלעכן דעם חלום צו באַזעצן זיך אויף דער ערד. פון צייט צו צייט גייען זיי אַרויס שטילערהייט פון ירושלים צו זוכן אַ פּאַסנדן באָדן פאַר זייערע פּלענער. צוערשט ווערט זיי פאָרגעלייגט ערד ביי חברון. עקיבא־יוסף מיט זיינע חברים באַשליסן צו פאָרן אָנקוקן דאָס אָרט. כדי צו באַהאַלטן זייער פּלאַן פון די ירושלימער תקיפים, דערציילן זיי אַז זיי פאָרן מתפלל זיין אין חברון אין דער מערת המכפלה. אַזוי אַרום קומען זיי אָן קיין חברון, זיינען מתפלל אין דער מערת המכפלה און דערנאָך גייען זיי זען דעם פאָרגעלייגטן באָדן. אַ גאַנצן טאָג פאַרברענגען זיי מיט גרויס התלהבות אויפן אָרט און באַשליסן דאָ צו גרינדן זייער מושבה, אָבער אומקערנדיק זיך צוריק קיין ירושלים דראָט זיי אַ לעבנס־געפאַר. די חלוקה־לייט האָבן זיך דערוווּסט פונם אמתן ציל פון זייער רייזע און האָבן באַשלאָסן זיי הרגנען. זייערע פריינט וואָרענען זיי פאַר דער געפאַר, וועלכע דראָט זיי; שטילערהייט גנבענען זיי זיך אַריין אייניציקווייז אין שטאָט, און דוד גוטמאַן פאַלט באמת אַריין אין די הענט פון די פאַנאַטיקער, אָבער אַ דאַנק זיין רעוואָלווער געלינגט אים זיך צו ראַטעווען. דערווייל זיינען די גבאים פון די כוללים געגאַנגען מיט אַ מסירה צו דער רעגירונג, און די קניה איז בטל געוואָרן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום ווערט פאָרגעלייגט דער גרופּע צו קויפן ערד ביי יריחו. זיי קויפן דעם באָדן און גיבן אים אפילו אַ נאָמען „פּתח־תקוה“. אָבער אויך די קניה איז בטל געוואָרן. דער ירושלימער פּחה ווענדעט זיך צום סולטאַן, ער זאָל ניט דערלויבן יידן קויפן ערד אין לאַנד. און דער באָדן ווערט פאַרשריבן אַלס דעם סולטאַנס אייגנטום.

אָבער די טרוימער פון ירושלים לאָזן ניט אַראָפּ די הענט. אין יאָר 1878 לייגט מען זיי פאָר צו קויפן דעם באָדן פון דאָרף מעלאַבעס ביים ירקון. דער באָדן איז פול מיט זומפּן. קדחות־קראַנקע אַראַבער גייען אַרום

ווי שאָטנס צווישן שוואַרצע געצעלטן. קיין עוף זעט מען ניט אין דער גאַנצער סביבה, די לופט איז פול מיט מחנות פליגעלעך. אָבער סאַלאָמאָן, גוטמאַן און שטאַמפּער — די דריי שליחים פון פאָלק, וועלכער לעכצט צו גאולה, „זעען" דאָס ניט, אין זייער פאַנטאַזיע זעען זיי צענדליקער יידישע ישובים אין דער סביבה, ביי די ברעגעס פון ירקון ביז צו די ווייטע בערג פון אפרים.

דער גורל איז געפאַלן. דער באָדן איז געקויפט געוואָרן — און ס'איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע מושבה: פּתח־תקוה.

עקיבא־יוסף האָט פאַרויסגעזען די באַדייטונג פון דער גרינדונג פון פּתח־תקוה. אין דעם טאָג ווען ס'איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער קניה־אַקט פאַסט ער און דאַוונט אַ יום־טובדיקן דאַוונען לויט די תפילות פון הושענא רבה. ער באַטייליקט זיך אין דער עליה אויפן באָדן. די ערשטע טעג פון פּתח־תקוה זיינען ביי אים טעג פון שמחה און דערהויבונג. ער זעט מיט זיינע אויגן דעם אָנפאַנג פון דער גאולה. מיט זיינע געשפּרעכן און שמחה דערהויבט ער דעם מוט פון די מתישבים, וועלכע מוזן אויסשטיין אַ סך ליידן אין די ערשטע צייטן.

אָבער עקיבא־יוסף בלייבט ניט לאַנג אין פּתח־תקוה. ער קערט זיך אום קיין ירושלים, און פון דאָרט פאָרט ער קיין איראָפּע צו אַגיטירן פאַר זיין פּלאַן. זיין גאַנצן לעבן פירט ער אַ קאַמף מיט די גבאים פון די פאַר־שיידענע חלוקה־כוללים, וועלכע דערגייען אים זיין לעבן און נעמען פון אים צו אפילו זיין בית־מדרש און הויז ווי אויך זיין נחלה אין פּתח־תקוה. ביז צו זיינע לעצטע טעג זיצט עקיבא־יוסף אין אַלט־שטאָט פון ירושלים. ער איז זוכה אויפגענומען צו ווערן דורך הערצלען, צו זען דעם אָנפאַנג פון פאַרווירקלעכונג פון זיינע פּלענער נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע און צו בענטשן „שהחיינו" אויפן ערשטן נציב, דעם ייד הערבערט סעמיואל.

*

אַזוי אַרום איז אויסגעטראָטן געוואָרן דער וועג צו אונזער ווידער־אויפלעבונג. די מאַסן האָבן געעקנט שוין טרעטן אויף אים, זיי האָבן נאָר געוואַרט אויפן צייכן, ער זאָל געגעבן ווערן. דער צייכן איז געגעבן גע־וואָרן — און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע תקופה פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, די תקופה פון חיבת־ציון.

ט. אין ווענדעפונקט

בְּדָמַיִךְ חֲיִי. (יחזקאל ט״ז).

דער אַנטיסעמיטיזם

גרויס איז געווען דאָס פעלד, וועלכן ס׳האָבן צעאַקערט די אבות פון ציוניזם. דער ציוניסטישער געדאַנק האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַלע יידישע קיבוצים אין דער וועלט. יידן און קריסטן, פרומע און פרייע, האָבן זיך אָפּגעגעבן דעם ציון־אידעאַל, דאָ און דאָרט האָבן זיך אויך געפונען גרופּעס יידן וואָס זיינען עולה געווען און גענומען אויפלעבן ארץ־ישראל מיט זייער מי און שווייס.

אָבער די אַלע זיינען נאָר געווען ווייניקע. דער כלל ישראל האָט זיך נאָך ניט אויפגעוועקט פון זיין טיפן גלות־שלאָף. די יידן אין מערב־אייראָפּע האָבן גענאָסן פון די בירגער־רעכט וואָס ס׳איז זיי ערשט געגעבן געוואָרן, נאָך אַ סך הונדערטער יאָרן פון צרות און ליידן, און די יידן פון רוסלאַנד האָבן געלעבט אין האָפענונג צו קריגן בירגער־רעכט.

אָבער איבער די יידישע קיבוצים האָבן זיך גענומען זאַמלען שווערע פינצטערע וואָלקנס. אין דייטשלאַנד איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע טעאָריע צו פאַרפאָלגן יידן: דער אַנטיסעמיטיזם. ביז איצט האָבן די פעלקער גע־רודפט יידן פון רעליגיעזע טעמים, כלומרשט צוליבן אַלטן חטא, ווייל זיי האָבן געקרייצט ישוע הנוצרי, אָדער ווייל זיי ווילן ניט אָננעמען די קריסט־לעכע רעליגיע. איצט האָבן זיי „געוויזן״ מיט אותות ומופתים, אַז די יידן וועלן ניט קענען זיין קיין גוטע בירגער אין די לענדער וווּ זיי וווינען, ווייל זיי געהערן צו אַ פרעמדער ראַסע, צו דער סעמיטישער, און קאָנען זיך בשום אופן ניט גלייכן מיט זייערע אייגנשאַפטן, געוווינהייטן און קולטור צו די אַרישע פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע, און אומעטום האָט זיך אָנגעהויבן אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן די יידן, וועלכע האָבן ערשט באַקומען בירגער־רעכט.

גאָר שטאַרק איז געווען דער אָפּקלאַנג פון דער נייער טעאָריע אין רוסלאַנד. די יידן, וועלכע האָבן געגלויבט אַז זיי זיינען צו ווייניק קולטורעל און טוען ניט גענוג צו פאַרשפּרייטן השכלה צווישן יידן און דאָס איז די איינציקע סיבה וואָס האַלט אָפּ די רעגירונג פון געבן זיי גלייכע בירגער־רעכט, האָבן זיך מיט אַ מאָל געפונען פּנים אל פּנים מיט די גיפטיקע פיילן פון אַנטיסעמיטיזם. די צייטונגען זיינען פול געוואָרן מיט שנאה־אַגיטאַציע קעגן די יידן. דורך בלבולים און שקרים האָבן זיי געווירקט אויף דעם המון קעגן זייערע יידישע שכנים. און אָט איז אויך געקומען די געהעריקע געלעגנהייט פאַר די שונאים. אין יאָר תרמ״א איז דערמאָרדעט געוואָרן דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער. די רעגירונג, כדי צו באַהאַלטן פון המון אַז ס׳עקזיסטירט אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קעגן איר, האָט זיך באַמיט אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק אין אַן אַנדער ריכטונג. און גלייך איז געפונען געוואָרן דער קרבן — די יידן. די צייטונגען האָבן גענומען רופן צו פּאָגראָמען. די ערשטע פּאָגראָמען זיינען אויסגעבראָכן אין יעליסאַוועטגראַד און שפּעטער אויך אין קיעוו. יידישע האָב און גוטס איז צערויבט און פאַרניכטעט געוואָרן.

די פּאָגראָמען האָבן זיך פאַרשפּרייט אין גאַנץ דרום־רוסלאַנד. דאָ האָבן זיך די מערדער ניט באַנוגנט מיטן באַרויבן דאָס יידישע פאַרמעגן, נאָר אויך פאַרגאָסן יידיש בלוט. אין משך פון אַ גאַנץ יאָר האָבן געווילדע־וועט די באַנדעס, געהרגעט צענדליקער יידן און פאַרוווּנדעט טויזנטער. צוויי הונדערט יידישע ישובים זיינען פאַרברענט געוואָרן, און די קהילות זיינען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

די רעגירונג האָט כלומרשט געזעצט אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, און זי איז נאָך לאַנגע „פאָרשונגען״ געקומען צום באַשלוס „אַז די עקספּלואַטאַציע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג דורך די יידן — זי האָט עס אַרויסגערופן דעם צאָרן פון פאָלק און געבראַכט צו פּאָגראָמען, און אַז די רעגירונג האָט געטאָן אַלעס לטובת די יידן און האָט זיי שטאַרק באַשיצט קעגן זייערע איבערפאַלער״, און דעריבער איז גאַנץ פאַרשטענדלעך און יושרדיק, „אַז איצט, נאָך די פּאָגראָמען, זאָל זי אויך טאָן פאַר דער טובה פון די בירגער און זיי היטן פון די יידישע הענט״.

דער גרויסער קריזיס

דורך נאַכט איז אַוועק מיטן רויך די האָפענונגען פון אַ גאַנצן דור, וועלכער האָט געגלויבט אין דעם גאָלדענעם מאָרגן וואָס האַלט ביים אָנקומען.

געשלאָגענע און פאַרלאָזענע זיינען געשטאַנען די יידישע מאַסן אויף די חורבות פון היימען און געפרעגט: וווהין?

מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אַנטלויפעניש פון רוסלאַנד, מען איז געלאָפן אין די טויזנטער ניט וויסנדיק אַליין וווהין. אין בראָד, אַ שטאָט אין עסטרייך נאָענט צום רוסישן גרענעץ, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין אַ קורצער צייט צען טויזנט פליטים. אַלע האָבן געשריען: אַנטלויפן, עמיגרירן, אָבער קיינער האָט ניט געוווסט: וווהין?

די פראַגע האָט געפאָדערט איר באַלדיקן ענטפער. אַ גרויסער טייל האָט געקלערט וועגן אַמעריקע, וואָס אירע טויערן זיינען געווען אָפן פאַר אַלעמען. אָבער דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט קולות, וועלכע האָבן געררופן קיין ציון. און דאַן איז אויסגעבראָכן דער לאַנגער ויכוח צווישן די אָנהענגער פון אַמעריקע און צווישן די וואָס האָבן געזען ארץ־ישראל אַלס רעטונגס־פונקט. דער ויכוח האָט פאַרברייטערט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסט־זיין און געבראַכט צום פאַרטיפן זיך איבער די פראָבלעמען פון גלות און פאַטערלאַנד.

דער ויכוח האָט אַנטפּלעקט דעם גרויסן קריזיס, וועלכן ס׳האָבן דאַן איבערגעלעבט די יידישע שרייבער און דענקער. דער קריזיס האָט געלאָזן זיינע סימנים אין דער יידישער געשיכטע, אין דער געשיכטע פון דער העברעאישער ליטעראַטור, אין דער געשיכטע פון ציוניזם אאַז״וו. אַלע האָבן מודה געווען אין די פעלערן פונם עבר און געזוכט וועגן פאַרן צוקונפט פון פאָלק.

י. ל. גאָרדאָן רעאַגירט

דער גרויסער דיכטער יהודה־לייב גאָרדאָן איז מודה אין זיינע לידער, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט אין זיין גלויבן, אַז „די השכלה וועט אונדז ראַטעווען". גרויס איז געווען זיין שמחה זעענדיק ווי די השכלה פאַר־שפרייט זיך צווישן פאָלק, און צוליב דער השכלה איז ער גרייט געווען איבערצוטראָגן צרות און ליידן, אָבער איצט קען ער שוין מער ניט פאַר־טראָגן זיין אַנטוישונג און ער שרייט צום פאָלק: „קום, מיין פאָלק, לאָמיר גיין, אַלט און יונג לאָמיר אַלע גיין!" מיט טיפער אמונה אין דער אחדות פון פאָלק און אין זיינע כוחות רופט ער אים צו גיין, אָבער וווהין? יל״ג טרעט אויף ביידע שוועלן, דאָ לויבט ער אַמעריקע און וויל ווענדן די יידישע מאַסן אַ הין, און שפּעטער וועקט זיך אויף אין אים די ליבע צו ציון און ער רופט דאָס פאָלק גיין אין ארץ־ישראל. שווער איז צו באַשליסן צווישן אַמעריקע און ארץ־ישראל.

סמאָלענסקין רעאַגירט

פּרץ סמאָלענסקין, וועלכער האָט נאָך פריער געפּרעדיקט די נאַ־ציאָנאַלע אויפלעבונג פון יידישן פאָלק און איז געשטאַנען נאָענט צום ציוניסטישן געדאַנק, — פאַר אים איז איצט געווען קלאָר דער וועג וואָס דאָס פאָלק דאַרף אין אים גיין. ער איז מודה, אַז בן־יהודה איז געווען גערעכט און ער נעמט אַגיטירן מיט התלהבות פאַר ארץ־ישראל. אין זיין בוך „נקם ברית" שפּיגלט ער אָפּ געגנוי דעם קריזיס, וועלכן ס'לעבט איבער די יידישע יוגנט אין רוסלאַנד. כאָטש ער אַליין איז געווען ווייט פון יידישן טאָג־טעגלעכן לעבן אין רוסלאַנד, האָט ער מיט זיין טאַלאַנט אַרומגענומען די שאַטנס פון דאָרטיקן יידישן לעבן. זיינע מאמרים אין „השחר" ווידמעט ער דער ווידער־אויפלעבונג פון פאָלק, לאַנד און שפּראַך. ווי אַ פּראַקטישער מענטש וואָס זוכט „תכלית" — פאָדערט ער בויען פאַבריקן און אַנטוויקלען אינדוסטריע אין לאַנד און אַזוי אַרום דערמעגלעכן די עליה פון צענדליקער טויזנטער יידן, דעריבער גיט ער פאָרצוג דער אינדוסטריע איבער דער לאַנדווירטשאַפט. ער פאַרעפנטלעכט אין „השחר" אַ פאָרשלאַג „וועגן גרינדן פאַבריקן אין ארץ־ישראל". דער פאָרשלאַג איז געווען פאַר די אויגן פון די דעלעגאַטן פון דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ. ער אַגיטירט, אַז די עולים קיין ארץ־ישראל זאָלן גלייך אָננעמען די בירגער־שאַפט פון לאַנד (דאַן טערקישע בירגערשאַפט) און ניט זוכן די שוץ פון די פרעמדע קאָנסולן.

סמאָלענסקין שיקט אויך אַ מעמאָריאַל צו דער „חברת כל ישראל חברים", ווו ער פאָדערט אויף די געזעלשאַפט זיך שטעלן בראש פון דער ציון־אַרבעט. ווען זיין רוף האָט ניט געהאַט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג, גייט ער אַרויס אין קאַמף קעגן דער געזעלשאַפט און רופט דאָס פאָלק אַליין נעמען טאָן פאַר זיך. ער שטיצט די געזעלשאַפט „אהבת ציון" אין ווין, און שפּעטער, ווען זי צעפאַלט זיך, גרינדעט ער צוזאַמען מיט יונגע סטודענטן די געזעל־שאַפט „קדימה", וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַ סך טוער פאַר ארץ־ישראל און איז געווען די ערשטע צו שטיצן הערצלען.

משה־לייב ליליענבלום

משה־לייב ליליענבלום'ס לעבנס־געשיכטע איז די געשיכטע פון זיין תקופה. אין זיין יוגנט האָט ער געלערנט אין אַ ישיבה אין ליטע און געווען שטאַרק פרום. שפּעטער אונטער דער השפעה פון לעזן פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק, בייט ער אום זיינע מיינונגען און ווערט פרייגעזאָננען. דאַן פאַרעפנטלעכט ער מאמרים אין „המליץ", ווו ער פאָדערט פון די רבנים צו רופן אַן אסיפה און באַשטימען אַ נייעם „שולחן ערוך".

די מאמרים זיינע שטעלן אויף קעגן אים די פרומע פון זיין שטעטל. זיי יאָגן אים, לייגן אים אַריין אין חרם און צום סוף מוז ליליענבלום פאַרלאָזן דאָס אָרט און ער פאָרט אַריבער קיין אָדעס. דאָ נעמט ער אַגיטירן פאַר דער השכלה, און ער אַליין נעמט זיך גרייטן צו עקזאַמענעס אין אַ גימנאַזיע. אָבער גאָר גיך אַנטוישט ער זיך אין דעם ווערט פון השכלה אונטער דער השפעה פון אייניקע רוסישע דענקער. ער פאַרעפנטלעכט דאַן מאמרים ווו ער רופט דאָס פאָלק צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. ער שטייט אויך

מ. ל. ליליענבלום

אין קאָנטאַקט מיט יידישע און רוסישע סאָציאַליסטן. אַזוי לעבט איבער ליליענבלום אַ קריזיס נאָך אַ קריזיס, ביז וואַנען ער קומט צו דעם ריכטיקן וועג.

די פּאָגראָמען פון יאָר תרמ״א האָבן געטראָפן ליליענבלומען אין אָדעס. ער פילט די גאַנצע אימה פון אַ פאָלק וואָס איז הפקר פאַר אַלע אויסוואורפן. ער נעמט אַריינטראַכטן: פאַרוואָס קומט עס אונז?

און אין איין נאַכט, ליגנדיק אויפן געלעגער, בליצט אים פלוצעם אויף אַ געדאַנק, און זיינע אויגן עפענען אים זיך אויף. ער געפינט די סיבה פון

אַנטיסעמיטיזם: מיר זיינען פרעמדע אומעטום און אייביק וועלן מיר זיין פרעמד. און פון דער מחשבה — איז נאָר איין טריט צום ציוניזם. די ערשטע צייט ווייס ער נאָך ניט צו באַשליסן אויב ס'איז כדאי צו קאָנצענטרירן די יידישע מאַסן אין אַמעריקע אָדער אין ארץ־ישראל. אָבער נאָר אַ קורצע צייט איז ער אין ספק. ער ווייסט גלייך זיין וועג. ער פאָדערט אָפּצוקויפן ביים טערקישן סולטאַן ארץ־ישראל, איבערפירן אַהין אַלע יידן וואָס נויטיקן זיך אין אַהיים, גרינדן אַ יידישע רעגירונג אין ארץ־ישראל און זיך ניט באַגנוגענען נאָר מיט גרינדן קאָלאָניעס. ער רייסט איבער זיין לערנען און גיט זיך איבער אינגאַנצן דעם ציון־אידעאַל. ער פאַרעפנטלעכט מאמרים וועגן דער „ווידעראויפלעבונג פון ישראל" און וועגן דער „צוקונפט פון יידישן פאָלק". ער ווייזט אויף אין זיי די פרעמדקייט פון יידן אין משך פון אַלע דורות צווישן אַלע פעלקער. ער קעמפט קעגן די אַסימילאַנטן און זעט נאָר איין וועג פאַרן פאָלק: די קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל. זיינע אַרטיקלען געפינען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין אַ סך הערצער. און ווען ס'נעמען זיך גרינדן די ציוניסטישע קערפערשאַפטן און שאַפן די ציוניסטישע באַוועגונג — שטייט ליליענבלום אין מיטן פון דער אַרבעט. אין משך פון דרייסיק יאָר אָן אויפהער אַרבעט ער פאַרן ציוניסטישן אידעאַל. ער האָט כסדר געפּרעדיקט פּראַקטישע מעשים אין ארץ־ישראל. ער האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויף דער באַוועגונג, וועלכע האָט געשטעלט זיך אַלס ציל די פּראַקטישע אַרבעט אין לאַנד מיטן לאָזונג, אַז „נאָך איין ייד און נאָך איין דונאַם באָדן" דערנענטערן אונז מיט נאָך אַ טריט צו דער גאולה.

ד"ר יהודה־לייב פינסקער

אָבער דער, וועלכער האָט פאַראייניקט אַלע געטרייע צו ציון און איז געוואָרן זייער מנהיג, איז געווען יהודה־לייב פינסקער. אים איז געלונגען אויסצודריקן אין אַ קליינער בראָשור דעם גרונט־געדאַנק פון ציוניזם. אַ דאַנק אָט דער בראָשור איז ער אָנערקענט געוואָרן אַלס שעפער און פאָטער פון דער נייער באַוועגונג: חיבת־ציון.

יהודה־לייב פינסקער האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער משפחה. זיין פאָטער שמחה פינסקער האָט פאַרעפנטלעכט לידער אין עברית ווי אויך ספרים אין חכמת ישראל. ער האָט געגרינדעט די ערשטע העבּרעאישע פאָלקס־שול אין אָדעס. דרייסיק יאָר איז ער געווען לערער אין דער שול און געפירט אַ קאַמף מיט די אַסימילאַטאָרישע לערער. זיינע קינדער האָט ער דערצויגן אין ליבע צום פאָלק און צו זיינע גייסטיקע ווערטן.

איין מאָל, אַלס קינד נאָך — האָט דערציילט י. ל. פינסקער — האָט מיר דער פאָטער גענומען אין שול ערב ראש־השנה צו סליחות. בשעת דעם

דאַוונען איז מיין פאָטער אויסגעבראָכן אין געוויין. כ׳האָב אים געפרעגט פאַרוואָס וויינט ער, און ער האָט מיר איבערגעזעצט די תפילה: יהי רצון, אַז דאָס יאָר וואָס קומט אויף אונז זאָל זיין... אַ סוף צו די צרות פון יידישן פאָלק, אַ סוף צום גלות און צו אונזער טרויער... מיר ווערן געפאַלענער פון טאָג צו טאָג, און אין משך פון די יאָרן ווערן מיר ווייניקער און אָפּגע־שוואַכט אַלס פאָלק, און מיר האָבן נישט ווער ס׳זאָל אונז פירן און שטאַרקן. און פינסקער גיט צו: אייביק וועל איך ניט פאַרגעסן דעם דערשיטערנדן רושם וואָס אויף מיר האָט געמאַכט יענער געוויין.

י. ל. פינסקער

די דאָזיקע דערציונג האָט איינגעפלאַנצט אין זיין האַרץ ליבע צום פאָלק אויף שטענדיק.

אָבער אויך דער גוטער ווילן פון זיין פאָטער האָט ניט געקאָנט זיך קעגנשטעלן אינגאַנצן דער אַסימילאַציע, און ווען יהודה־לייב האָט געענדיקט זיין פאָטערס שולע זיינען זיינע ידיעות אין עברית געווען גאַנץ שוואַכע. און שטענדיק באַקלאָגט ער זיך: „כ׳האָב געענדיקט צוויי פאַקולטעטן און

כ׳קאָן ניט לעזן די ביכער פון מיין פאָטער״. און ניט לייכט פלעגט אים אָנקומען צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון אַ העברעאישן בריוו.

ענדיקנדיק די גימנאַזיע נעמט ער אָן דעם פּאָסטן אַלס לערער פון רוסיש אין אַ יידישער שולע אין קישענעוו. אָבער איבערצייגנדיק זיך אַז זיין אָרט איז ניט דאָ — פאַרלאָזט ער אין אַ יאָר אַרום זיין לערער־פּאָסטן און טרעט אַריין אין אַ יוריסטישער הויך־שול. אָבער אַלס ייד קאָן ער זיך ניט באַשעפטיקן מיט אַדוואָקאַטור און דעריבער טרעט ער אַריין אין מעדי־צינישן פאַקולטעט און ענדיקט אים אַלס דאָקטאָר־מעדיצין.

פינסקער נעמט אַרבעטן אין זיין פאַך מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה. אין זיין האַרצן האָט געברענט אַ שטאַרקע ליבע צו יעדן מענטש. נאָך זייענדיק אַ סטודענט איז אויסגעבראָכן אַ כאָלעריע־עפּידעמיע אין רוסלאַנד. ער שטעלט זיך גלייך צו דער אַרבעט אין די שפּיטאָלן און ווייזט אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכע מסירות־נפש. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די טערקיש־רוסישע מלחמה, גייט ער אַלס פריוויליקער אַרבעטן אומזיסט אין די מילי־טערישע האָספּיטאַלן און באַקומט דערנאָך אַ הויכע אויסצייכנונג פאַר זיין קרבנות־גרייטקייט. זיין נאָמען ווערט גיך מפורסם אין אָדעס אַלס אַן איבערגעגעבענער דאָקטאָר. ער באַזוכט די אָרעמע קוואַרטאַלן און גיט הילף די נויטבאַדערפטיקע.

מיט דער זעלבער מסירות־נפש גייט ער אַרויס צו דער אַרבעט פאַר זיין פאָלק. ער זעט אין דער השכלה די הילף פאַרן פאָלק, און אין זיינע מאמרים אין צייטשריפט „ציון״ רופט ער דאָס פאָלק צו בילדונג און צו לערנען די רוסישע שפּראַך און קולטור. פון זיין יוגנט אָן האָט פינסקער איינגעזאַפּט אין זיין פאָטערס הויז די אידעע פן השכלה צוזאַמען מיט דער ליבע צום פאָלק און ער זעט ניט קיין סתירה צווישן זיי. דעריבער קאָן ער רופן צו השכלה דורך דער צייטונג „ציון״.

ווען ס׳גרינדעט זיך אין אָדעס אַן אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט „מפיצי השכלה״, ווערט פינסקער אויסגעקליבן אַלס חבר פון ועד, און היות אַז דער ציל פון דער חברה איז געווען, אַז „יידן דאַרפן זיך אַסימילירן צווישן די איינוווינער און נאָר היטן זייער רעליגיע״, דאַרפן אויך די יידישע רעליגיעזע ספרים איבערגעזעצט ווערן אויף רוסיש. כדי צו פאַר־ווירקלעכן דעם פּלאַן ווערט פינסקער באַשטימט אַלס אינספּעקטאָר פון דער תלמוד־תורה אין אָדעס.

צען יאָר גיט זיך פינסקער אָפּ די דאָזיקע פלענער פון דער השכלה, ביז וואַנען ס׳ברעכט אויס דער קריזיס אין זיינע אָנשויאונגען, און ער נעמט צווייפלען אויב זיין וועג איז געווען גערעכט.

פינסקער זעט, אַז דוקא אין דייטשלאַנד און אין אָדעס, די צענטערס פון השכלה, וואַקסט דער אַנטיסעמיטיזם אָן אויפהער. אין זיין האַרץ וועקט זיך אויף אַ שטאַרקער קאַמף. ער קאָן ניט מודה זיין אין זיין טעות. ער הערט אויף צו פאַרעפנטלעכן מאמרים אין צייטונגען און פאַרשליסט זיך אין זיינע ספקות. צען יאָר ציט זיך דער קאַמף אין זיין נשמה.

נאָר אָט ברעכן אויס די פּאָגראָמען פון די יאָרן תרמ״א—תרמ״ב (1881—82) — און פאַר פינסקערן ווערט קלאָר זיין ווייטערדיקער וועג: פאַרלאָזן אייראָפּע כדי צו בויען דעם יידנשטאַט!

און ווען אין איינעם פון יענע טעג (זומער 1881) ווערט פינסקער גערופן צו אַ זיצונג פון ועד „חברת מפיצי השכלה״ צו באַשליסן וועגן שטיצן אַ יידישן סטודענט, שטייט ער אויף אין מיטן פון דער זיצונג און רופט אויס:

„זעט נאָר, אונזער כבוד איז פאַרשמוצט, אונזער פאַרמעגן — צע־רויבט, אונזערע הייזער צעשטערט. אונזערע אָרעמעלייט צעלויפן זיך, באָר־וועס און נאַקעט, זוכן אַ רעטונג פאַר זיך, און איר שפּילט זיך מיט פאַר־שפּרייטן השכלה צווישן יידן! פאַרלאָזט די אומנוצלעכע אַרבעט און גייט אַרויס העלפן אייערע ברידער!״

דער גורל איז געפאַלן. דער זעכציקיאָריקער האַרץ־ליידנדער פינס־קער רייסט איבער זיין פריערדיקע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, פאַרלאָזט אָדעס און פאָרט איבער די אייראָפּעאישע הויפּטשטעט צו זיינע באַקאַנטע און פריינט אַגיטירן פאַר זיינע נייע פּלענער: זיי וועלן אים פאַרשטיין און גלויבן אים.

אָבער זיי האָבן ניט געגלויבט אים. אין ווין באַזוכט פינסקער דעם גרויסן פאָרשער ד״ר אהרון יעלינעק, וועלכער איז געווען אַ פריינט פון זייער משפּחה. יעלינעק באַדויערט דעם שלעכטן אויסזען פון זיין פריינט. פינסקער דערציילט יעלינעקן, אַז ער האָט זיך אַנטוישט אין דעם גלויבן, אַז מיט דער פאָרשריט פון דער קולטור און פּראָגרעס אין אייראָפּע וועט אויך פאַרשווינדן די שנאה צו יידן. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די שנאה צו יידן איז אַריינגעוואַקסן אין פלייש און בלוט פון די פעלקער, און אַזוי ווי ס׳ווערן געבאָרן דיכטער און רעדנער — אַזוי ווערן אויך געבאָרן שונאי ישראל.

„מיר דאַרפן דעריבער איבערחזרן דעם טאַט וואָס משה רבנו האָט געטאָן — יציאת מצרים — ד. ה. פאַרלאָזן רוסלאַנד און שאַפן פאַר זיך אַ פרייען זעלבסטשטענדיקן שטאַט. מיר ווילן האָבן אַ פאָטערלאַנד! מיר ווילן זיין אַ פאָלק, לעבן אויף אונדזער נאַציאָנאַלן באָדן, איבערצייגן די פעל־קער, אַז מיר זיינען אַ לעבנסשטאַרקער שטאַם, וועלכער גייט ניט אונטער,

און אַז מיר זיינען מסוגל צו גרינדן אַן אייגענע מדינה, כאָטש אפילו אַ קליינע מדינה".

יעלינעק שטעלט זיך קעגן פּינסקערס אידייען. ער פאַרזיכערט אים, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ פאַרביילויפנדיקע דערשיינונג. זעענדיק אָבער אַז זיינע ווערטער זיינען אומזיסט, באַדויערט ער פּינסקערס שלעכטן אויסזען און ווינטשט אים אַז ער זאָל באַקומען אַ רפואה שלמה פאַר זיין קראַנקן קאָפּ אין איטאַליע, וווהין ער פאָרט איצט.

פּינסקער גייט אַרויס אַנטוישט פון יעליניקן. איצט ערשט האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ס'פעלט אונז דער ווילן אויסגעלייזט צו ווערן. דערייבער דאַרף מען אויפוועקן אים דורך ווענדן זיך דירעקט צום המון און ניט צו זיינע פירער!

„אויטאָעמאַנסיפּאַציע"

דאַן שרייבט פּינסקער זיין העפט „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" אין דער דייטשער שפּראַך. דאָס העפט איז דערשינען אָן דעם נאָמען פון מחבר. אויפן שער פון העפט גיט ער צו „אַ קול-קורא צו זיין פאָלק פון אַ רוסישן יידן" און אַלס מאָטאָ: „אם אין אני לי מי לי ואם לא עכשיו אימתי"? פון הלל הזקן.

ווי אַ דאָקטאָר און אַ וויסנשאַפטסמאַן איבערצייגט ער, אַז די שנאה צו יידן איז אַ גייסט-קראַנקהייט, אַזאַ מין שגעון, וועלכער לאָזט נישט אָפּ די פעלקער. די סיבה פון דער מחלה איז דער נישט-נאָרמאַלער צושטאַנד פון יידישן פאָלק. אויבערפלעכלעך זעט עס אויס ווי אַן אָפּגעשטאָרבן פאָלק. אַלע סימנים, וועלכע באַצייכנען פעלקער, פעלן דעם יידישן פאָלק: ער האָט ניט קיין אייגן שפּראַך, ער האָט ניט קיין לאַנד, קיין צענטער און קיין רעגירונג. נאָך דעם ווי דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרלאָרן זיין פאָטערלאַנד, האָט ער זיך גענומען צעפאַלן און טיילן ווי אַ גוף וועלכער פוילט, און פונדעסטוועגן לעבט דאָס פאָלק ביז היינט. אַ אומפאַרשטענדלעכע שרעקנסווערדיקע דערשיינונג! אַ מת, וועלכער בלאָנדזשעט אַרום צווישן די לעבעדיקע! און ווי יעדע שרעקנסווערדיקע דערשיינונג האָט עס אויפגעוועקט פּחד אין די הערצער פון די מענטשן אין דער גאָרער וועלט.

דער שרעק פאַרן פאָלק, „וועלכער איז טויט און לעבעדיק צוזאַמען", האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן אַלע פעלקער און געבראַכט, ווי געוויינטלעך, צו פאַרשיידענע רעאַגירונגען: שנאה, רדיפות און גזירות. דעריבער איז אומזיסט די אַלע נסיונות וואָס קומען צו באַרעכטיקן אָדער פאַראורטיילן די בלבולים אויף אונז.

די שנאה צו יידן איז איינע פון די גייסט-קראַנקהייטן, וועלכע גייט

איבער בירושה שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, און ס'איז ניטאָ צו איר קיין רפואה.

און דעריבער איז משונהדיק אונזער לאַגע אין אַלע לענדער. אומע־טום זיינען דאָ בירגער און ציוויליזאַטאָרישע אייגנווינער. קיין פאָלק האָט ניט ליב דעם ציוויליזירטן איינוווינער, אָבער ער פירט זיך מיט אים ווי מיט אַ גאַסט, ווייל אַזוי וועט ער פאָדערן אויך פאַר זיך, ווען ער וועט זיך געפינען צופעליק אין אַן אַנדער לאַנד. דער ייד אָבער איז ניט קיין בירגער און ניט קיין ציוויליזאַטאָרישער איינוווינער: ער איז אַ פרעמדער! ער האָט ניט קיין לאַנד, ווו ער זאָל קאָנען באַצאָלן די ביי וועלכע ער וווינט — מידה כנגד מידה. ער האָט ניט קיינע פאַרשטייער, וועלכע זאָלן זיך אָננעמען פאַר זיינע עוולות. ער נויטיקט זיך אין חסד פון אַנדערע ווי אַן אָרעמאַן, וועלכער גייט איבער די הייזער. די אַלגעמיינע לאַנד־געזעצן שיצן אים ניט. באַזונ־דערע געזעצן זיינען פאַר אים געשריבן געוואָרן. דער העכסטער חסד צו יידן פון די קולטור־מענטשן צווישן די פעלקער איז דאָס, וואָס זיי פאָדערן פאַר די יידן עמאַנסיפּאַציע, גלייכבאַרעכטיקונג, פונקט ווי זיי פאָדערן עס פאַר די קנעכט און נעגערס. ווי דערנידעריקנד דאָס איז וואָס מיר, די זין פון דעם אָדלער וואָס איז געפלויגן צו די הימלען און דערקענט זיין שעפער, נויטיקן זיך אין עמאַנסיפּאַציע ווי קנעכט און נעגערס!

פון דרויסן וועט ניט קומען קיין תרופה צו אונזער באַזונדערן צושטאַנד. אָבער צי זיינען מיר אין שטאַנד צו לייזן אונזער פראַגע פון אינעווייניק?

פינסקער אַנאַליזירט אונזער אינעווייניקסטע לאַגע און קומט צו אומעטיקע מסקנות. די פעלקער האָבן אונז פיינט און מיר קושן זייערע טריט, זיי טרייבן אונז — און מיר זוכן זייער שאָטן און רופן: אהבתי את אדוני! מיר פילן ניט די טיפע דערנידערונג אין עמאַנסיפּאַציע; פאַרקערט, מיר פאָדערן זי נאָך און נאָך און נאָמען פון גערעכטיקייט באַמיען מיר זיך צו קריגן גלייכבאַרעכטיקונג. און פינסקער שרייט פון זיין צעווייטיקט האַרץ:

„איר זייט באמת אַ נאַרישע און אַן אומפאַרשעמט פאָלק! איר זייט נאַראָנים ווייל איר שטייט הילפלאָז און פאָדערט פון מענטשלעכן מין אַ זאַך, וועלכע ער פאַרמאָגט ניט: ליבע צום מענטש. און איר זייט ווערט פאַראַכטונג, ווייל איר פאַרמאָגט ניט קיין זעלבסט־ווירדע און נאַציאָנאַלן שטאָלץ".

און פון וואַנען קאָנען מיר שעפּן נאַציאָנאַלע געפילן? מיר זעען זיך ניט אַלס אַ פאָלק, נאָר אַלס אַ צעשפּרייטע סטאַדע אויף דער וועלט.

„אונזער פאָטערלאַנד — פרעמדע ערד; אונזער אחדות — די צע־

שפּרייטקייט; אונזער פאַרייניקונג — די פיינטשאַפט פון אַלעמען; אונזער געווער — הכנעה; אונזער שוץ — דאָס אַנטלויפן; אונזער אייגנאַרטי־קייט — דאָס צופּאַסן זיך, און אונזער עתיד — דער מאָרגן״.

אָט דאָס איז דער פינצטערער גורל פון יידישן פאָלק: אַ פאָלק וואָס קאָן ניט און וויל ניט — ניט לעבן און ניט שטאַרבן.

שטאַרבן קאָנען מיר ניט — וויפיל מיר זיינען שוין געשלאָגן געוואָרן און דאָך לעבן מיר! שטאַרבן ווילן מיר ניט — אַ באַווייז איז אונזער באַציאונג צום שמד און אַסימילאַציע. לעבן קאָנען מיר ניט — אונזערע שונאים לאָזן אונז ניט. לעבן ווילן מיר ניט — ווייל מיר לייקענען אַליין אין אונזער נאַציאָנאַלן קיום. ווו איז דער אויסוועג?

ער איז אָנגעצייכנט אויפן שער־בלאַט: אם אין אני לי — מי לי?

צוערשט דאַרפן מיר וועלן זיך זעלבסט העלפן — און דאַן וועלן אונז אויך אַנדערע העלפן. מיר דאַרפן ניט קיין עמאַנסיפּאַציע — נאָר אַן אויטאָעמאַנסיפּאַציע — די זעלבסטבאַפרייונג פון אייגענער פאַרשקלאַפונג. מיר דאַרפן אויפהערן צו זיין אַ טויט פאָלק.

מיר דאַרפן האָבן אַן אָרט פאַר זיך, אַ לאַנד וואָס זאָל געהערן אונז אויף אייביק און קיין פרעמדע זאָלן אונז ניט קאָנען פאַרטרייבן פון אים. און איצט איז די שעה דערצו. אַלע פעלקער וואַכן אויף צו זייער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. צווישן די רוסישע און רומענישע יידן איז דאָ אַ שטרעבונג אַרויסצורייסן זיך פון פּאָגראָמען־גיהינום און אַ סך פון זיי ציען קיין ארץ־ישראל. מיר דאַרפן אויסנוצן די שעה צו העלפן אונזער פאָלק. פיל שטע־רונגען וועלן זיין אין וועג, אָבער אַמשווערסטן וועט זיין אויפצוועקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אונזערן.

פינסקער האָפט, אַז די גרויסע יידישע געזעלשאַפטן ווי „אַליאַנס״ וועלן העלפן פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן. זיי דאַרפן רופן אַ יידישן קאָנגרעס, וועלכער וועט אויסקלייבן אַן אָנפירנדע קערפערשאַפט. די ערשטע זאַך וועט זיין אויסצוקלייבן אַ פּאַסנדיק לאַנד וואָס קאָן ווערן אַ פאָטערלאַנד פאַר יידן. פינסקער ווייסט אַז ארץ־ישראל איז נענטער צו אונזער האַרץ פון אַנדערע לענדער, אָבער ער צווייפלט אויב זי איז דאָס לאַנד וואָס קאָן איינזאַמלען אין זיך אַלע יידן. מיר דאַרפן האָבן אַן אייגן לאַנד, וווהין מיר וועלן ברענגען אַלע אונזערע הייליקייטן, וואָס מיר האָבן געראַטעוועט פון אונזער אַמאָליקע פאָטערלאַנד: די אמונה אין גאָט און דעם תנ״ך, ווייל נאָר זיי, און ניט ירושלים און דער ירדן האָבן געמאַכט אונזער אַמאָליקע פאָטערלאַנד אַלס הייליק לאַנד.

דאָס לאַנד וואָס וועט אויסגעקליבן ווערן, דאַרף זיין אַ פּרוכטבאַר לאַנד און קאָנען אַריינעמען מיליאָנען יידן.

ווען ס׳וועט אויסגעקליבן ווערן דאָס לאַנד דאַרף דער ועד פון קאָנגרעס צוטרעטן צו גרויסע געלט־זאַמלונגען.

די גאַנצע אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן מיט דער שטיצע פון די רע־גירונגען, ווייל „די עקסיסטענץ פון דער יידישער היים דאַרף זיין פּאָליטיש פאַרזיכערט". און פינסקער ענדיקט:

אם לא עכשיו אימתי? אויב ניט איצט — טאָ ווען זשע?... אַז ווי צו ישראל און צו די יידן פון אונזער דור, אויב די געלעגנהייטס־שעה וועט אַריבער אין בטלה.

די בראָשור האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די לעזער און געשאַפן אַ סך אָנהענגער פאַר דער שיבת־ציון־באַוועגונג. זי איז איבער־זעצט געוואָרן אויף פיל שפּראַכן. זי האָט אויפגעוועקט אויך אַ סך קעגנער צווישן די אַסימיליאַנטן, וועלכע זיינען אַרויס מיט שאַרפע אַרטיקלען קעגן איר. דאַקעגן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן לויב־מאמרים אין „השחר" און „המגיד" און אין אַנדערע יידישע צייט־שריפטן אין רוסלאַנד. אלע האָבן געזען אין פינסקערן דעם מנהיג: אויך די „חובבי ציון" האָבן פאַרשטאַנען, אַז פינסקער וועט ניט בלייבן אין מיטן וועג. און באמת, אין צוויי חדשים שפּעטער, נאָך דער דערשיינונג פון דער בראָשור „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" האָט פינסקער מודה געווען פאַר ליליענבלומען, אַז ער גיט פאַרצוג ארץ־ישראל איבער אַלע לענדער, און שפּעטער, זעענדיק אַז יידן וועלן ניט אומ־בייטן ארץ־ישראל אויף קיין אַנדער לאַנד, שרייבט ער אין אַ „בריוו צום רעדאַקטאָר", וועלכן ער האָט געשריבן פאַר אַ געוויסן זאַמלבוך, אַז דאָס געפיל פון פאָלק איז זיך ניט טועה, און מען טאָר זיך ניט קעגנשטעלן דעם ווילן פון פאָלק, וועלכער האָט אויסגעקליבן ארץ־ישראל. דער באַשיי־דענער און צוריקגעהאַלטענער פינסקער ווערט אָוועקגעשטעלט בראש פון דער חובבי־ציון־באַוועגונג ביזן סוף פון זיין לעבן.

רבי שמואל מאָהילעווער

צווישן די רבנים, וועלכע האָבן זיך געשטעלט צום דינסט פון דער ציון־אידייע פון זייער יוגנט אָן, איז געווען דער ביאַליסטאָקער רב רבי שמואל מאָהילעווער. אין זיין יוגנט איז ער געווען באַוווסט אַלס עילוי, און שפּעטער איז ער מפורסם געוואָרן אַלס גדול בתורה. פון זיין יוגנט אָן האָט ער אָפּגעגעבן פון זיין צייט פאַרן פאָלק, ער האָט פאַרעפנטלעכט מאמרים אין „המגיד" און „הלבנון", וווּ ער רופט דאָס פאָלק אַריבערגיין פון מסחר צו מלאכה.

אָבער די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט זיינע ווידמעט ער ארץ־ישראל. צו מאָנטיפיאָריס ניינציקיאָריקן געבורטסטאָג זאַמלט ער גרויסע סומעס

געלט און שיקט זיי אַריבער קיין לאָנדאָן פאַר דעם „מזכרת משה״־פאָנד.

זיין אַרבעט פאַר ציון איז געווען די גלייכע פאָרזעצונג פון די טיפע בענקעניש נאָך גאולה און פון דער אמונה אין אויסלייזונג. די מצוה פון ארץ־ישראל־אַרבעט איז ביי אים געשטאַנען העכער פון אַלע אַנדערע מצוות. ער איז שטענדיק געווען גרייט אויסצושטרעקן זיינע הענט צו הילף יעדער טעטיקייט פאַרן לאַנד. נאָר איין זאַך האָט ער געפאָדערט פון אַלעמען און פון זיך: איבערגעבנקייט און געטריישאַפט דעם ציוניסטישן טאָט! מיט דער מאָס פון איבערגעבנקייט פאַר דער אַרבעט האָט ער געמאָסטן דעם ציוניזם פון די, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט אים, און לויט דער מאָס האָט ער דערנענטערט אָדער דערווייטערט פון זיך מענטשן. זעענדיק אַז די אָנפירערשאַפט פון „מזכרת משה״ איז אַראָפּ פון ציוניסטישן וועג, האָט מאָהילעווער אויפגעהערט מיטצואַרבעטן מיט זיי.

נאָך די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1881—2 האָבן זיך קאָנצענטרירט צענער טויזנטער יידן אין די גרענעץ־שטעט בראָד און לוואָוו, וווהין זיי זיינען אַנטלאָפן פון זייערע שטענדיקע וווינערטער פאַרן פחד פון די פּאָגראָ־מען. פאָרשטייער פון אַ סך געזעלשאַפטן, ווי אויך פון „אַליאַנס״ האָבן געשיקט הילף פאַר די פּליטים און אַגיטירט צווישן זיי אומצוקערן זיך צוריק קיין רוסלאַנד, און נאָר אַ קליינער טייל פון זיי האָט געקאָנט זיך ווענדן קיין אַמעריקע. אייניקע האָבן אויך דערמאָנט דעם נאָמען פון ארץ־ישראל, אָבער זייער שטים איז ניט דערהערט געוואָרן, ווייל די גבירים פון מערב־איראָפּע, וועלכע האָבן געשטיצט די פּליטים, האָבן אַגיטירט קעגן ציון. באַזונדער האָבן משפיע געווען די רייד פון קאַרל נעטער, וועלכער איז געקומען קיין בראָד אין שליחות פון „אַליאַנס״ און דערציילט אַז ארץ־ישראל איז ניט צוגעפּאַסט צו ערדאַרבעט. נעטער, וועלכער איז געווען באַוווסט אַלס אַ סימפּאַטיקער פון דער ציון־אידייע און באַהאַוונט מיט די ענינים פון ישוב, האָט מיט זיינע רייד אָפּגעקערט די פּליטים׳ס הערצער פון ציון.

מאָהילעווער, דערהערנדיק וואָס ס׳טוט זיך אין די גרענעץ־שטעט, האָט גלייך אָפּגעלאָזן אַלע זיינע ענינים אין זיין קהילה־שטאָט ביאַליסטאָק און געפאָרן קיין לעמבערג משפיע צו זיין אויף די פאָלקס־פאַרזאָרגער, זיי זאָלן אַ טייל פון די פּליטים ווענדן קיין ארץ־ישראל. מיט התלהבות און געפיל האָט מאָהילעווער אַגיטירט פאַר דער עליה קיין ארץ־ישראל. ער האָט פאָרגעשטעלט פאַר די פּליטים די הערלעכע צוקונפט פון פאָלק, ווען אַ סך יידן וועלן זיך באַזעצן אין לאַנד — אָבער ער האָט גאָרניט געפועלט. זיינע רייד און זיין פערזענלעכקייט האָבן באַצויבערט די מאַסן — אָבער אָן שום פּראַקטישן ערפאָלג. שפּעטער האָט מאָהילעווער זעלבסט געקומען צו דער

איבערצייגונג, אַז פון אַ בהלה־לויפעניש וועט א״י ניט אויפגעבויט ווערן.

ער פאָרט צוריק אַהיים דורך וואַרשע. דאָ רעט ער אין אַ גרויסער אסיפה וועגן דעם גרויסן ווערט פון בויען מושבות אין ארץ־ישראל. שפּעטער רופט ער צונויף אַן אסיפה פון די גרעסטע רבנים אין רוסלאַנד, און צוזאַמען ווענדן זיי זיך מיט אַ קול־קורא צו די יידישע גבירים און רבנים אין רוסלאַנד צו העלפן דער ציון־אַרבעט. פון דאַן אָן הערט ער ניט אויף צו אַרבעטן אומדערמידלעך פאַר ארץ־ישראל. די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן זיינען פאַרבונדן מיט דער „חובבי־ציון״־באַוועגונג. הרב מאָהילעווער און פּינסקער זיינען געשטעלט געוואָרן בראש פון די „חובבי־ציון״ און זיינען אָנערקענט געוואָרן אַלס אירע אָנפירער.

רבי מרדכי עליאַשבערג

מיט דער אויסברייטערונג פון דער חובבי־ציון־באַוועגונג האָבן זיך געבילדעט אין איר צוויי שטרעמונגען: אַ רעליגיעזער און אַ פרייער.

אויפן וואַך צו היטן די גאַנצקייט פון דער באַוועגונג האָט זיך, צווישן אַנדערע, געשטעלט הרב ר׳ מרדכי עליאַשבערג. אויך ער איז אין זיין יוגנט געווען אַן עילוי און געלערנט אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה. שפּעטער פאַרנעמט ער זיך מיט מסחר אין ריגע און דערנאָך פאַרנעמט ער אַ פּאָסטן פון אַ רב.

די פּאָגראָמען פון יאָר 1881־2 האָבן אים געבראַכט צו די חובבי־ציון, און מיט דער גרינדונג פון דער באַוועגונג טרעט ער אַריין אין אירע רייען און שטייט אין איר דינסט ביז זיין לעצטן טאָג. אין זיינע בריוו צו די גדולי הרבנים, צו פּינסקערן און צו ליליענבלומען, ווי אויך אין זיינע פילע מאמרים אין „המגיד״ און „הלבנון״, האָט ער פאַרברייטערט און פאַרטיפט דעם ציוניסטישן געדאַנק. ער האָט געווייטיקט שטאַרק אויף די וויכוחים צווישן די צוויי טיילן פון דער באַוועגונג — צווישן די רעליגיעזע און פרייע חובבי־ציון. דעם גרעסטן טייל פון זיינע מאמרים האָט ער געווידמעט אָט דער פראַגע.

מיט זיין שטעלונג אַלס „מלאך השלום״ צווישן די ביידע שטרעמונגען האָט ער זיך איינגעקויפט ליבשאַפט און כבוד פון אַלעמען, וועלכע האָבן געזען אין אים „אַ מענטש מיט אַ ריינעם האַרץ וואָס ניט קיין סך זיינען דאָ ווי ער״. נאָך זיין טויט איז דערשינען זיינס אַ בראָשור „שביל הזהב״, וועלכע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף די לעזער.

לאָרענס אליפאַנט — אַ קריסט אַ חובב־ציון

אַזוי ווי אין די פריערדיקע דורות, האָבן זיך אויך איצט געפונען

קריסטן, חסידי אומות העולם, וועלכע האָבן זיך באַגייסטערט פון שיבת־ציון געדאַנק. צווישן זיי איז באַזונדערס באַוווּסט לאָרענס אָליפאַנט.

ער איז געבאָרן געוואָרן אין ענגלאַנד. ער האָט דורכגערייזט די גאַנצע וועלט און געווען פאַרמישט אין פאַרשיידענע מלחמות. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ סך ביכער און איז געווען באַוווּסט אין ענגלאַנד אַלס אַ טאַלענטירטער שרייבער. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ מיטגליד אין אַ נייער רעליגיעזער סעקטע אין קאַליפאָרניע: „ברידער־אגודה צו באַנייען דאָס לעבן". דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַרמעגן האָט ער אָפּגעגעבן דער סעקטע, ווו אַלע האָבן געלעבט אין אַ קאָלעקטיוו אין שטרענגער געהאָרכזאַמקייט צום „נביא" פון דער סעקטע. נאָך גרויסע יסורים געלינגט אָליפאַנטן, נאָכדעם ווי ער אַנטוישט זיך אין „נביא" דעם אָפּעריסט, צו באַפרייען זיך פון אים און זיין באַנדע.

שפּעטער לעבט אָליפאַנט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און ווען נאָך דעם רוסיש־טערקישן קריג ווערט אַקטועל אין אייראָפּע די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון דער טערקישער אימפּעריע, קומט אָליפאַנט צום באַשלוס אַז כדי צו היטן דעם שלום דאַרף מען פאַרשטאַרקן די זיך צעפאַלענדיקע אימפּעריע, און דאָס איז מעגלעך נאָר מיט דער הילף פון יידן, וועלכע וועלן אויפלעבן צוריק זייער אַלטע היים און מיט זייער ענערגיע פאַרשטאַרקן טערקיי. ער לייגט פאָר זיין פּלאַן דעם דאַמאָלסטיקן ענגלישן מיניסטער־פּרעזידענט, לאָרד ביקאָנספעלד (בנימין דישראלי), דעם אויסערן־מיניסטער ווי אויך דעם קרוינפּרינץ און זיי זאָגן אים צו זייער שטיצע. דאַן פאָרט ער קיין ארץ־ישראל, באַרייזט דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט און צוריקקערנדיק זיך קיין ענגלאַנד פאַרעפנטלעכט ער אַ בוך „דאָס גלעד־לאַנד", ווו ער לויבט זייער דעם טייל פון ארץ־ישראל און לייגט אים פאָר אַלס קאָלאָניזאַציע־אָרט פאַר די יידן.

איצט פאָרט ער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און לייגט פאָר זיין פּלאַן דער טערקישער רעגירונג. דער מיניסטאָרן־ראַט נעמט גערן אָן דעם פּלאַן, אָבער דער סולטאַן עבדול־חמיד איז חושד אַז אינמיטן איז דאָ פאַרמישט ענגלאַנד און ער וואַרפט אָפּ דעם פאָרשלאַג.

דערווייל זיינען אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אָליפאַנט איז דערשיטערט געוואָרן. ער פאַרשטענדיקט זיך גלייך מיט ענגלישע גרויסע פּערזענלעכקייטן און ס'געלינגט אים צו שאַפן מיט זיי אַ קאָמיטעט פאַר ארץ־ישראל, מיטן תנאי אַז די רוסישע יידן זאָלן ווייזן זייער ווילן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

ווען ס'קומען אָן די ידיעות וועגן דעם מצב פון די פּליטים אין בראָד און לוואָוו, פאָרט גלייך אַהין אָליפאַנט צוזאַמען מיט זיין פרוי. זיי ערשיינען

פאַר די פּליטים ווי גוטע מלאכים. טאָג און נאַכט שטייען זיי אויפן וואָגזאַל, און ווען ס'קומט אָן אַ באַן מיט פּליטים פון רוסלאַנד, נעמען זיי אויף די אומגליקלעכע, טיילן צווישן זיי געלט, בגדים און עסנוואַרג און באַמיען זיך צו פאַרגרינגערן זייער לאַגע. ערשט דאָ האָט אָליפאַנט קאָנען געלערנט פון דער נאָענט די יידן, זייער ליידן, אמונה און האָפענונגען. ער האָט אויך געזען ווי די קאָנסולן פון ענגלאַנד און פראַנקרייך פעלשן אין די באַריכטן צו זייערע רעגירונגען דעם אמת. פון זיינע געשפּרעכן מיט אַ סך יידן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אַ גרויסער טייל פון זיי וואָלט גערן עולה געווען קיין ארץ־ישראל, ווען מען וואָלט דאָס זיי ערמעגלעכט. אָליפאַנט באַזוכט אויך די יידישע קיבוצים פון בוקאָווינע און רומעניע און קומט אויך דאָרט צום זעלבן באַשלוס, אַז די יידישע מאַסן בענקען נאָך ארץ־ישראל.

אָליפאַנט לאָזט זיך איצט אַרויס איבער אייראָפּע. ער באַטייליקט זיך אין אַ יידישער קאָנפערענץ אין בערלין, וועלכע איז צוזאַמענגערופן געוואָרן, כדי צו באַראַטן זיך וועגן די באַדערפענישן פון דער יידישער עמיגראַציע. אָליפאַנט לייגט פאָר זיין פּלאַן, אָבער ער ווערט ניט אָנגענומען. אויך אין ווין טענה'ן די יידישע פרנסים, אַז די פּליטים ווילן פאָרן נאָר קיין אַמעריקע. סמאָלענסקין שטיצט אים, און לויט זיין עצה ווענדעט זיך אָליפאַנט מיט זיין פּלאַן צו דער „אַליאַנס". אין רומעניע וועקט ער אויף התלהבות ביי די דאָרטיקע יידן מיט זיינע רעדעס וועגן ארץ־ישראל, און די רייכע רומענישע יידן גיבן אים אַ גרויסע סומע געלט אויף צו קויפן באָדן אין לאַנד.

אָליפאַנטס נאָמען ווערט באַוווסט צווישן אַלע יידן אין דער וועלט. עס הויבן זיך אָן וועבן לעגענדעס אַרום אים. מען דערציילט: אַז ער איז שטאַרק באַפריינדעט מיטן סולטאַן; אַז ער באַזיצט גרויסע סומעס געלט, מיט וועלכע ער וועט דורכפירן זיין פּלאַן; אַז ער האָט געקויפט גרויסע שטחים באָדן אין לאַנד און איז גרייט צו באַזעצן אויף זיי יעדן יידן, וועלכער וועט נאָר וועלן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. טאָג־טעגלעך פלעגט אָליפאַנט באַקומען הונדערטער בריוו און בקשות פון יידן איבערצופירן זיי אין ארץ־ישראל. זיי האָבן אין אים געזען דעם יידישן גואל, דעם „יידישן משיח", דעם „צווייטן כורש". אויך ליליענבלום רופט אים „כורש, דער משיח פון אונזער צייט". אין רומעניע האָבן זיך געגרינדעט אַ סך אגודות מיטן ציל עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און אַלע האָבן זיך גערופן „אָליפאַנט". דאָס אַלץ האָט דערמונטערט אָליפאַנטן. אָבער כדי משפיע צו זיין אויפן ענגלישן קאָמיטעט פאַר ארץ־ישראל האָט אָליפאַנט געזוכט אַ יידן, וועלכער זאָל אַליין דערשיינען פאַר זיי און דערציילן וועגן דער יידישער גרייטקייט צו בויען זייער אַלט־פאָטערלאַנד — און אַזאַ ייד האָט זיך געפונען.

ווען די חובבי־ציון אין רוסלאַנד האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַליפאַנט פאָרט קיין לוואָוו, האָבן זיי געשיקט צו אים זייערן אַ דעלעגאַט פון אָדעס: אברהם קאָנסטאַנטינאָווסקי, אַ רייכן, געבילדעטן און אָנגעזעענעם מאַן. קאָנסטאַנטינאָווסקי, וועלכער איז געווען אַן אַלטער און קלוגער ייד ווי אויך אַ איבערגעגעבענער חובב־ציון, האָט דערציילט אַליפאַנטן און זיין פרוי וועגן דעם אייביקן בונד צווישן די יידן און ארץ־ישראל, און אַז די יידן וועלן קיין מאָל ניט אומבייטן ארץ־ישראל אויף אַן אַנדער לאַנד און נאָר פון לית־ברירה לויפן יידן אין אַמעריקע. אַליפאַנט איז שטאַרק באַאיינ־פלוסט געוואָרן פון זיינע רייד און געזען אין אים דעם יידן וועלכן ער זוכט. ער לייגט אים פאָר צו פאָרן קיין לאָנדאָן און ערשיינען פאַר דעם ענגלישן קאָמיטעט פאַר ארץ־ישראל. און בכדי די השפעה אויפן קאָמיטעט זאָל זיין שטאַרקער, לייגט ער פאָר קאָנסטאַנטינאָווסקין צוגרייטן אַ פעטיציע מיט צענער טויזנטער חתימות פון יידן, וועלכע זיינען מסכים זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. קאָנסטאַנטינאָווסקין איז געפעלן געוואָרן דער דאָזיקער פאָרשלאָג, און פון זיין וועג קיין לאָנדאָן האָט ער געשיקט אַן אויפרוף צו די חובבי־ציון, אַז זיי זאָלן צוגרייטן די פעטיציע און איבערשיקן זי אים קיין לאָנדאָן.

קאָנסטאַנטינאָווסקיס אויפרוף אין נאָמען פון אַליפאַנטן האָט אַרויס־גערופן באַגייסטערונג. אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן די „חובבי־ציון" געזאַמלט די אונטערשריפטן. דער גלויבן אין דעם אויפטו איז געווען זייער גרויס. אַלע האָבן געוואָלט זיין די ערשטע מיט זייער אונטערשריפט, גלויבנדיק אַז דאַדורך וועלן זיי זיין די ערשטע ביים באַקומען אַ נחלה אין ארץ־ישראל. אין משך פון צוויי וואָכן זיינען איבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן הונדערטער טויזנטער חתימות, אַלע האָבן געחתמעט אונטער דער פאָלגענדער פעטיציע, וועלכע ס'האָט פאַרפאַסט דער רעדאַקטאָר פון „המגיד" און איז געשריבן געווען אין עברית:

„צו דעם הער קאָנסטאַנטינאָווסקי! מיר, די אונטען אונטער־געשריבענע, בעטן איבערגעבן אונזער דאַנק פון טיפסטן האַרץ דעם שר אוהב ישראל הער אַליפאַנט און זיין פרוי און אַלע גרויסע שרים אין לאָנדאָן, וועלכע זיינען אין איין עצה מיט אים, פאַר זייער ליבע צום אומגליקלעכן יידישן פאָלק און פאַר זייער מיען זיך צו געפינען פאַר אים אַן אָרט אין ארץ־ישראל. מיט דעם זיינען מיר מודיע, אַז מיט אונזער גאַנצן האַרצן שטרעבן מיר צו אונזער פאָטערלאַנד און חלילה אונז אומצובייטן אים אויף אַן אַנדער לאַנד, אויב ס'וועלן זיך נאָר געפינען פריינד צו שטיצן אונז און באַזעצן אויף דעם הייליקן באָדן. די נעמען פון די גוטהאַרציקע לייט וועלן אויף אייביק אויסגעקריצט בלייבן אין דער יידישער געשיכטע".

די פּעטיציע, וועלכע האָט אויף אַ ווייל פאַרפירט אַ סך חובבי־ציון צו גלויבן אַז זייער אַרבעט וועט געטאָן ווערן דורך פרעמדע, האָט צוגע־געבן מוט אָליפאַנטן. איצט, האָט ער געטראַכט, איז די צייט זיך ווייטער פּרווון ביי דער טערקישער רעגירונג.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער זיך געטראָפן מיט ענגלענדער, וועל־כע האָבן אים געשטיצט ביים סולטאַן. אויך דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט אים צוגעזאָגט זיין הילף, אָבער אָן ערפאָלג. דער סולטאַן, עבדול חמיד, האָט ניט נאָר אָפּגעוואָרפן אַלע פאָרשלאָגן נאָר האָט אפילו פאַרבאָטן די יידן פון רוסלאַנד צו באַזעצן זיך אין טערקיי. דערווייל זיינען פאַרערגערט געוואָרן די באַציאונגען צווישן טערקיי און ענגלאַנד. פון לאָנדאָן האָט מען געגעבן אָליפאַנטן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז איצט ניט די צייט צו פירן אונטער־האַנדלונגען מיטן סולטאַן. אָליפאַנט פאַרלאָזט טערקיי. ער פאַרעפנטלעכט מאמרים אין „המגיד” און טרייסט די לעזער, אַז די שעה פון גאולה איז נאָענט. אָבער צו זיין פּאָליטישער טעטיקייט האָט ער זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט.

זיינע לעצטע יאָרן האָט אָליפאַנט געלעבט אין חיפה אויפן כרמל, נאָענט צו די יידישע נייע קאָלאָניעס. ער האָט זיך ווידער פאַרנומען מיט רעליגיעזע מיסטעריעס, אָבער זיין ליבע צום יידישן פאָלק און צו ציון זיינען ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ער פלעגט זיך פיל אָפּגעבן מיט די ענינים פון די יידישע קאָלאָניסטן און איינגעלאַדן צו זיך, אַלס אַ באַזונדערן סעקרעטאַר פאַר די דאָזיקע אָנגעלעגנהייטן — דעם דיכטער און פאַרפאַסער פון „התקוה”, נפתלי הערץ אימבער. פון צייט צו צייט פלעגט ער באַזוכן די יידישע קאָלאָניעס און שטיצן די קאָלאָניסטן מיט זיין געלט. זיין אָנדענקן איז געבליבן ווי אַ וווּנדער־לעגענדע אין די הערצער פון די יידן אין רוס־לאַנד, רומעניע און גאַליציע, און אין אַ סך יידישע הייזער איז זיין בילד געהאָנגען צוזאַמען מיט די בילדער פון משה מאָנטיפיאָרי און הרב מאָהילעווער.

גרויס איז געווען דער שטורעם, וועלכן ס׳האָבן אויפגעהויבן די פּאָגראָמען אויף דער יידישער גאַס. דער אַלטער ציוניסטישער געדאַנק, וועלכער איז פאַרשטויבט געוואָרן דורך די אַסימילאַנטן, האָט ווידער אויפ־געבלאַנקט מיט זיין גאַנצן ליכט. די יידישע מאַסן זיינען געוואָרן גרייט זיך אָפּצורופן אויפן רוף: צוריק צו דער אַלטער היים! דאָס שטענדיקע שטרעבן צו גאולת ישראל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־באַוועגונג — חיבת ציון.

י. פון יחידים צו מאַסן

הַקָּטֹן יִהְיֶה לָאֶלֶף וְהַצָּעִיר לְגוֹי עָצוּם.
(ישעיהו ס׳)

„המגיד" און „ראַזסוויעט"

די בהלה, וועלכע האָט אַרומגענומען דאָס פאָלק מיט זיינע מנהיגים גלייך נאָך די פּאָגראָמען, האָט ביסלעכווייז אָפּגעטראָטן פאַר דעם אַלט־נייעם וועג, וועלכער האָט אַרויסגעשיינט פון די טיפסטע בענקענישן פון פאָלק.

פיל האָבן געטאָן אין דער הינזיכט סמאָלענסקין, ליליענבלום, פינס־קער, הרב מאָהילעווער און אָליפאַנט. אָבער די גרעסטע פאַרדינסטן געהערן די צוויי צייטשריפטן: „המגיד" און „ראַזסוועט" (אין רוסיש). דער „המגיד", וועלכער האָט געדרוקט אַרטיקלען פון הרב קאַלישער און אַנדערע, האָט נאָך די פּאָגראָמען געעפנט די טויערן פאַר דעם ציוניסטישן געדאַנק. זיין רעדאַקטאָר דוד גאָרדאָן האָט פאַרפאַסט דעם נוסח פון דער פּעטיציע אויף די חתימות קיין לאָנדאָן. ער איז אויך געווען דער איניציאַטאָר צו באַגריסן מאָנטיפיאָרין צו זיין הונדערטיאָריקן געבורטסטאָג מיט טויזנטער בריוו פון אַלע יידישע תפוצות, און ער אַליין איז געפאָרן קיין לאָנדאָן איבערגעבן מאָנטיפיאָרין דעם אַלבאָם מיט די ברכות. אויך דער „ראַזסוועט", וועלכער איז פריער געווען דער שופר פון די אַסימילאַנטן אין רוסלאַנד, האָט נאָך די פּאָגראָמען זיך געשטעלט אין דינסט פון ציוניזם. אין די ביידע צייט־שריפטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די רעיונות פון דעם זיך אָרגאַני־זירנדן ציוניזם. און ווען דער געדאַנק האָט גענומען וועקן די מאַסן — איז געקומען די צייט אויפצושטעלן אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע.

די חובבי־ציון אגודות

נאָך 20 יאָר פאַר דעם פּאָגראָמען־יאָר תרמ"א (1881) האָט ד"ר חיים לוריא געגרינדעט די „חברה לישוב הארץ הקדושה" אין פראַנקפורט מיט

אָפּטיילונגען אין פיל שטעט אין דייטשלאַנד און ענגלאַנד. שפּעטער זיינען געגרינדעט געוואָרן נאָך פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס אין רומעניע און פּוילן מיטן זעלבן ציל, אָבער די אָרגאַניזאַציעס האָבן לאַנג ניט עקזיסטירט. ערשט שפּעטער, ווען די באַוועגונג איז אַרויס אויפן ברייטן שליאַך, האָבן זיך געגרינדעט הונדערטער ציוניסטישע אגודות אין רוסלאַנד און רומעניע, ווי „ציון", „בני ציון", „אהבת ציון", „אחות ציון", „אוהבי ציון", „דורשי ציון וירושלים", „ישראל", „ישורון", „שארית ישראל", „תחית ישראל", „קבוץ נדחי ישראל", „עם עולם", „זרובבל", „עזרא", „נחמיה", בני ברית", „היהודי הנצחי", „קדימה", „ניר". די אגודות האָבן אונטערגעשטראָכן דעם נאָמען „ציון" אָדער „ישראל", אָדער גענומען זיך אַלס סימבאָל אַ נאָמען פון דער יידישער געשיכטע. ס'איז כמעט ניט געווען קיין שטאָט אין די צוויי דערמאָנטע לענדער, וווּ ס'זאָל ניט עקזיסטירן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אָבער ס'איז ניט געווען קיין אָרגאַניזאַציאָנעלער צוזאַמענבונד צווישן די פאַרשיידענע חובבי־ציון־אָרגאַניזאַציעס. אַ טייל פון זיי האָבן זוכה געווען צו פאַרטיפן דעם ציוניסטישן געדאַנק און אַרויסגעבן פון זיך מנהיגים פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג.

שפ"ר אין וואַרשע

דעם ערשטן אָרט צווישן די אגודות האָט פאַרנומען די חובבי־ציון אגודה אין וואַרשע מיט שאול־פנחס ראַבינאָוויץ בראש. שפ"ר איז געווען אַ באַוווּסטער עסקן און אַ שרייבער. ער האָט איבערגעזעצט אין עברית „די יידישע געשיכטע" פון גרעץ. ער האָט באַגלייט הרב מאָהילעווער, ווען ער איז געפאָרן קיין לוואָוו, און צוריקוועגס געגרינדעט מיט אים די חובבי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. שפ"ר האָט פאַרלאָזט אַלע זיינע פּריוואַטע ענינים, פאַרנאַכלעסיקט זיין הויז און זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דער ארץ־ישראל־אַרבעט. אין זיין זכות זיינען די חובבי־ציון פון וואַרשע געשטעלט געוואָרן בראש פון אַלע חובבי־ציון־אָרגאַניזאַציעס. פון דאַנען זיינען אַרויס די פאַרשיידענע פאַרשלאַגן וועגן דער ציוניסטישער אַרבעט. פון דאַנען איז אויך אַרויס דער קול־קורא צו אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זיך פאַראייניקן אין איין אָרגאַניזאַציע, און ווען ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע האָט וואַרשע פאַרנומען די פירערשאַפט, און שפ"ר איז אין משך פון יאָרן געווען דער הויפּט־סעקרעטאַר פון די חובבי־ציון אין גאַנץ רוסלאַנד.

פין און לעוואַנדע אין ווילנע

אויך אין ווילנע, „ירושלים דליטא", איז געגרינדעט געוואָרן אַ

ציוניסטישע אגודה אונטערן נאָמען „אוהבי ציון" מיט שמואל־יוסף פין און יהודה־לייב לעוואַנדע בראש. פין איז געווען אַ דענקער און באַהאַוונט אין דער יידישער געשיכטע. ער האָט פאַרעפנטלעכט פיל חיבורים איבערן יידנטום און איז געווען אַ לערער אין רבנים־סעמינאַר אין ווילנע. נאָך אין קאַלישערס צייטן איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער פראַנקפורטער געזעלשאַפט פאַר ארץ־ישראל, און נאָך די פאָגראָמען פון 1881 האָט ער זיך געשטעלט בראש פון די „חובבי ציון" אין ווילנע. אויף דעם פאָסטן איז ער געשטאַנען ביז זיין לעצטן טאָג. זייענדיק אַ משכיל און אַ רעליגיעזער ייד צוזאַמען, האָט ער געווירקט אַ סך אין דער ווירקונג פון שלום צווישן די חובבי־ציון. ער איז געווען באַליבט און אָנגענומען אויף אַלעמען און איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן עטלעכע מאָל אין דער אָנפירערשאַפט פון די חובבי־ציון.

זיין חבר, יהודה־לייב לעוואַנדע, איז געווען אַ שרייבער אין דער רוסישער שפראַך און האָט אַגיטירט פאַר השכלה. אָבער די פאָגראָמען פון 1881 האָבן צעבראָכן זיין האַרץ און אונטער דער השפעה פון פינסקערס בראָשור איז ער געוואָרן אַ איבערגעגעבענער חובב־ציון. זיין מאמר אין רוסיש „דאָס וועזן פון דער ארץ־ישראל באַוועגונג" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן און איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די חובבי ציון. ביזן סוף פון זיין לעבן איז ער געשטאַנען מיט ש. י. פין בראש פון די חובבי־ציון אין ווילנע, וועלכע האָט געדינט אַלס צענטער פאַר דער גאַנצער סביבה.

וויסאָצקי אין מאָסקווע

אין מאָסקווע איז געגרינדעט געוואָרן אַן אגודה, וועלכע האָט זיך גערופן „חובבי ציון". בראש פון איר איז געשטאַנען קלאָנימוס־זאב וויסאָצקי. ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַן אָרעמער משפּחה אין ליטע, געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה און איז געבליבן שטענדיק רעליגיעז געשטימט. אין מאָסקווע איז ער זייער רייך געוואָרן דורכן האַנדלען מיט טיי, און זיין נאָמען איז שטאַרק מפורסם געוואָרן. אָבער ער האָט זיך ניט דערווייטערט פון פאָלק. ער האָט געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט די פאַרשיידענע צדקה־אינסטיטוציעס, געבויט שולן פאַר יידישע קינדער, און נאָך די פאָגראָמען האָט ער זיך געשטעלט בראש פון די חובבי ציון אין מאָסקווע, עפענענדיק זיינע אוצרות פאַר ארץ־ישראל. אויך די אגודה פון די חובבי־ציון אין מאָסקווע האָט געדינט אַלס צענטער פאַר דער סביבה.

אוסישקין און טשלענאָוו — „בני ציון"

אַ באַזונדער אָרט האָט פאַרנומען אין מאָסקווע די יוגנט־אָרגאַני־

זאַציע פון תלמידים און סטודענטן „בני ציון". די גרינדער פון דער אָרגאַ־ניזאַציע זיינען געווען זיבן שילער, צווישן זיי יחיאל טשלענאָוו און מנחם אוסישקין. דער ציל פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען פאַרטיפן די ציוניסטישע דערקענטניש צווישן אירע חברים. דאָס זיינען געווען יוגנטלעכע וואָס זייער האַרץ איז געווען צעבראָכן צוליב דער האַלטונג פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט גערעדט „וועגן „אַריינטראָגן בילדונג אין דעם רוסישן דאָרף" און אין דער זעלבער צייט זיך צוגעקוקט גלייכגילטיק אויף די ווילדע טאַטן פון די פּאָגראָמשציקעס. די „בני ציון" האָבן זוכה געווען אויפצושטעלן פון זיך מנהיגים פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

צבי שאַפּיראָ פון היידעלבערג

צבי שאַפּיראָ איז געבאָרן געוואָרן אין ליטע און פאַרנומען אַ פּאָסטן פון אַ רב אין זיין יוגנט, אָבער דורך זיין ליבע צו בילדונג האָט ער דער־גרייכט די שטעלע פון פּראָפעסאָר אין מאַטעמאַטיק אין דעם היידעלבערגער אוניווערזיטעט. זיין ליבע צו ארץ־ישראל האָט אָבער אַריבערגעשטיגן אַלץ. ווען די חובבי־ציון־באַוועגונג האָט זיך געהאַלטן אין אָרגאַניזירן, איז ער געקומען מיט צוויי פאָרשלאָגן: גרינדן דעם קרן־קימת־פאָנד, וועלכער זאָל אויסלייזן דעם ארץ־ישראל־באָדן פאַרן גאַנצן פאָלק, און גרינדן אַ העברעאישן אוניווערזיטעט אין ארץ־ישראל. כדי צו פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער, האָט ער געגרינדעט אין היידעלבערג די אָרגאַניזאַציע „ציון".

סמאָלענסקין אין ווין

אין ווין האָט סמאָלענסקין געגרינדעט די געזעלשאַפט „קדימה" מיטן ציל צו פאַרשפּרייטן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק צווישן פאָלק. זיין נאָענסטער מיטאַרבעטער איז געווען נתן בירנבוים, וועלכער איז געווען איינער פון די אָנזאָגער פון פּאָליטישן ציוניזם אין מערב־איראָפּע. בירנבוים האָט אַרויס־געגעבן אַ צייטונג „זעלבסט־עמאַנציפּאַציע", וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די לעזער. „קדימה" (אירע מערסטע חברים זיינען געווען סטודענטן) האָט צוגעגרייט דעם באָדן אין עסטרייך פאַר דעם פּאָליטישן ציוניזם פון הערצלען און נאָרדוי.

„בני ברית" אין קאַטאָוויץ

אין קאַטאָוויץ, אַ גרעניץ־שטאָט צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ חובבי־ציון אגודה מיטן נאָמען „בני־ברית", וועלכע האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך טויזנטער מיטגלידער און איז געווען אַ צענטער פאַר דער גאַנצער סביבה. אַ דאַנק דער טעטיקייט פון דער אגודה

איז איר נאָמען באַוווּסט געוואָרן צווישן אַלע חובבי־ציון, און די שטאָט קאַטאָוויץ האָט זוכה געווען צו זיין די אכסניה פאַר דער ערשטער קאָנפע־רענץ פון די גאולה טרוימער.

פינעס און בן־יהודה אין ירושלים

אַ באַזונדערן ווערט האָט געהאַט די אגודה „תחית ישראל״, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין ירושלים דורך אליעזר בן־יהודה און יחיאל־מיכל פינעס, נאָך פאַר די פאָגראָמען אין רוסלאַנד. פינעס איז געבאָרן געוואָרן אין ליטע און אין זיין יוגנט אויך באַצויבערט געוואָרן פון דער השכלה. אָבער ער איז געבליבן טריי דער אמונה און די אידעאַלן פון זיין פאָלק און אַפילו געקעמפט קעגן די משכילים וואָס די השכלה האָט זיי פאַפירט אויף פרעמדע וועגן. אין זיין יוגנט נאָך האָט ער געגומען רופן צו ארץ־ישראל אין מאמרים וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטונגען. זיין נאָ־מען איז באַוווּסט געוואָרן אין דער יידישער וועלט, און ווען אין לאָנדאָן האָט זיך געגרינדעט אין יאָר 1878 די געזעלשאַפט „מזכרת משה״ — איז ער איינגעלאַדן געוואָרן דורך איר צו זיין איר פאָרשטייער אין ארץ־ישראל. פינעס קומט קיין ירושלים אין זעלבן יאָר מיטן באַשטעטיקטן פלאַן פון „מזכרת משה״ צו קויפן באָדן און באַזעצן אויף אים אָרימע יידן, ווי אויך צו אַנטוויקלען מלאכה צווישן די ירושלימער יידן. אַזוי ווי אַנדערע שליחים וואָס זיינען געקומען באַנייען דעם יידישן לעבן אין ירושלים, איז אויך פינעס גערודפט געוואָרן דורך די חלוקה־לייט. אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם איז פינעס געשטאַנען שטאַרק אויף זיין פאָסטן, און זיין הויז איז געווען דאָס ערשטע ציוניסטישע הויז אין ירושלים. ווען אליעזר בן־יהודה איז גע־קומען אין ירושלים, האָט ער זיך באַפריינדעט מיט פינעסן. און זיי ביידע — פינעס דער רעליגיעזער ייד און בן־יהודה דער פרייגעזאָנענער — פאַר־פלאַנצן די ערשטע שפּראָצונגען פון נייעם ישוב אין לאַנד. ביידע זיינען זיי די ערשטע צווישן די עולים, וועלכע ריידן טאָג־טעגלעך עברית און ביידע שאַפן די אגודה „תחית ישראל״, די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד. אין דער פלאַטפאָרם פון דער אגודה ווערן אונטערגעשטראָכן צוויי עיקר־באַדינגונגען, פון וועלכע ס׳איז אָפּהענגיק דאָס דערגרייכן אונזער ציל:

א. אויב די מערהייט באָדן פון לאַנד וועט געהערן צו אונז; ב. אויב אונז וועט געלינגען ווערן אַ מערהייט אין לאַנד.

דריי וועגן וועלן אונז פירן צום ציל:

א. די אויסלייזונג פון באָדן אין יעדן אָרט און אין יעדער צייט, נישט קוקנדיק אויף דעם צי דער באָדן איז אַ גוטער אָדער נישט, צי ער וועט ברענגען נוצן תיכף אָדער ערשט שפּעטער.

ב. עליה, די פאַרגרעסערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף וויפיל נאָר עס לאָזט זיך.

ג. די גייסטיקע אויפלעבונג, די באַנייאונג פון עברית אין יידישן לעבן.

די ברכה פון דער א״י־לופט זעען מיר אויך אין דער זאַכלעכער אַר־בעט פון דער אגודה, וועלכע באַנוגנט זיך נישט מיט „שיינע דרשות״, נאָר לעגט אַרויף חובות אויף אירע חברים: צו ערלערנען דאָס לאַנד, איר ערד, איר קלימאַט; צו גרינדען אַ געהיימע געזעלשאַפט צום באַדן־קויף און דער עיקר: „יעדער איינער וועטריידן מיטן צווייטן עברית אין די גאַסן און וועט זיך נישט שעמען; זיי וועלן זיך אויך באַמיען צו לערנען זייערע קינ־דער, זין און טעכטער און אַנדערע מיטגלידער פון זייער הויז צו ריידן צווישן זיך עברית״.

דער ריח פון לאַנד האָט זיך געפילט אין אַלע פלענער פון דער אגודה און האָט באַצויבערט די „חובבי ציון״ אין חוץ־לארץ. אייניקע פון זיי האָבן מודיע געווען, אַז זיי טרעטן אַריין אַלס מיטגלידער אין איר, צווישן זיי אויך שמואל־יוסף פין פון ווילנע. אין ירושלימער חלוקה־קלימאַט האָט די גע־זעלשאַפט נישט געקענט עקזיסטירן לאַנג, אָבער איר זכות איז געווען וואָס זי האָט דערקלערט עברית אַלס די איינציקע שפראַך פון פאָלק. בן־יהודה איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט איינגעפירט עברית ביי זיך אין הויז, און אַזוי אַרום איז זיין הויז געוואָרן דאָס ערשטע יידישע הויז אין דער וועלט, ווו עס איז גערעדט געוואָרן נאָר עברית. אויך פינעס און אַנדערע זיינען געגאַנגען אין דעם וועג און געשאַפן די ערשטע העבראישע געזעל־שאַפט אין לאַנד.

פינסקער שאַפט אַ צענטער אין אָדעס

די ציוניסטישע אגודות האָבן זיך פאַרמערט אין אַלע לענדער, אָבער ס'איז נישט געווען קיין אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָנטאַקט צווישן זיי.

מיט פינסקערס דערשיינען אין דער ציוניסטישער טעטיקייט האָבן זיך גלייך אַלע אויגן געווענדעט צו אים, און אַלע האָבן אין אים געזען דעם מאַן וואָס קאָן זיך שטעלן בראש פון די חובבי־ציון און זיי פאַראייניקן אין איינע אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע. אָבער ווער וועט נעמען אויף זיך איבער־צייגן דעם צוריקגעהאַלטענעם און באַשיידענעם פינסקערן, ער זאָל איינ־שטימען דערצו?

ליליענבלום צוזאַמען מיט פראָפ׳ שאַפּירא, וועלכער האָט זיך צופע־ליק געפונען דאַן אין אָדעס, האָבן אויף זיך גענומען איבערצייגן פינסקערן זיך שטעלן בראש פון פאָלק. זייער שווער איז דאָס זיי אָנגעקומען, אָבער

צום סוף האָט פינסקער מסכים געווען דערצו, און אין אָנפאַנג יאָר 1884 האָט ער גערופן אַ פאַרזאַמלונג ביי זיך אין הויז פון די אָדעסער מנהיגים. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן מסכים געווען צו שאַפן אַ צענטראַל־אָרגאַניזאַציע פון די חובבי־ציון אונטערן נאָמען „זרובבל". פינסקער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּרעזידענט און ליליענבלום אַלס סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע.

„זרובבל" האָט געדאַרפט דינען אַלס צענטער פאַר אַלע חובבי־ציון־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, אָבער פינסקער האָט געוואָלט אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די חובבי־ציון זאָל אויסגעקליבן ווערן דורך אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (קאָנגרעס) פון אַלע חובבי־ציון אין דער וועלט. זיין פאָרשלאַג צו רופן אַן אַלגעמיינע קאָנפערענץ האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין אַלע חובבי־ציון אָרגאַניזאַציעס. אָבער אין דער צאַריסטישער רוסלאַנד, ווו די אַלע חובבי־ציון אגודות זיינען געווען אומלעגאַל, איז קיין אָרט נישט געווען פאַר אַזאַ קאָנפערענץ, און דעריבער האָט מען געמוזט זוכן אַן אָרט פאַר איר אין אויסלאַנד. דער גורל איז אויסגעפאַלן נאָך לאַנגע זוכענישן אויף קאַטאָוויץ, און די קאָנפערענץ איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם הונדערטיאָריקן געבורטס־טאָג פון מאָנטיפיאָרן.

דער הונדערטיאָריקער געבורטסטאָג פון מאָנטיפיאָרין

דער הונדערטיאָריקער געבורטסטאָג פון „גרויסן שר, צדיק און מושיע", וועלכער איז אויסגעפאַלן ח' חשון תרמ"ה (1884), האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פרייד אין דער יידישער וועלט. שפ"ר האָט פאָרגעלייגט אָפּדרוקן מאָנטיפיאָריס בילד אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן און פאַרשפּרייטן זיי אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער. דאַדורך וועט דערגרייכט ווערן אַ פירפאַכיק ציל: א) באַערן דעם באַליבטן יידישן מנהיג; ב) דערציען די מאַסן אין ליבע צו ציון; ג) זאַמלען געלדער צו גרינדען „קאָלאָניעס אויפן נאָמען פון צדיק"; ד) אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן ציל — דורכצופירן אַ מין ציילונג פון די כוחות פון די חובבי־ציון; יעדער איינער וואָס וועט קויפן אַ בילד וועט דורך דעם באַווייזן זיין גייסטיקע אָנגעהעריקייט צו דער אָרגאַניזאַציע.

אין אַ קורצער צייט זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צענער טויזנטער בילדער. די אויבנדערמאָנטע צילן זיינען דערגרייכט געוואָרן. די חובבי־ציון האָבן געזען, אַז זיי זיינען אַ וואַקסענדיקער כוח אויף דער יידישער גאַס.

איצט איז געקומען דער צווייטער פאָרשלאַג: די יידישע קהילות אין רוסלאַנד וועלן שיקן ווינשונגס־בריוו צו מאָנטיפיאָרין, אַלע בריוו וועלן געבונדן ווערן אין אַ בוך און אַ באַזונדערער שליח וועט זיי איבערגעבן

דעם בעל־היובל. ביי פופציק קהילות האָבן געשיקט ברכות אויף פּאַרמעט, אונטערגעשריבן דורך דריי טויזנט מאַן, און דוד גאָרדאָן, דער רעדאַקטאָר פון „המגיד”, איז געפאָרן קיין ענגלאַנד איבערצוגעבן די ברכות מאָנטיפיאָרן.

די קאַטאָוויצער קאָנפערענץ

די ביידע אונטערנעמונגען האָבן פארשטאַרקט דעם בונד צווישן די חובבי־ציון אגודות. די אומאויפהערלעכע קאָרעספּאָנדענץ אין משך פון מאָנאַטן צווישן דער וואַרשעווער אגודה און די איבעריקע אגודות פון די חובבי־ציון האָט באַוויזן, ווי פאַרצווייגט ס׳ווערט די אַרבעט און ווי ס׳איז נויטווענדיק אַ קאָאָרדינאַציע צווישן זיך. דאַן איז אויפגעשווומען דער דריטער פאָרשלאַג: רופן צו אַן אַלגעמיינער קאָנפערענץ פון אַלע חובבי־ציון אין אַכטן טאָג פון חודש חשון תרמ״ה (1884), אין דעם הונדערטיאָריקן געבורטסטאָג פון מאָנטיפיאָרין, כדי צו באַשליסן צוזאַמען וועגן אַ גרויסער אַקציע אין ארץ־ישראל אויפן נאָמען פון בעל־היובל, ווי אויך צו פאַראייניקן אַלע חובבי־ציון אין איין אָרגאַניזאַציע.

דערווייל איז אָנגעקומען די ידיעה אַז די טערקישע רעגירונג, מורא האָבנדיק אַז די יידן אין ארץ־ישראל זאָלן ניט גיין אין די וועגן פון די אַנדערע פעלקער אין דער טערקישער אימפעריע, וועלכע שטרעבן צו נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, וואָס פאַרבאָט יידן צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, נאָר בלויז אין משך פון איין חודש צייט מעג אַ ייד באַזוכן דאָס לאַנד און אירע הייליקע ערטער. די ידיעה האָט געטראָפן די חובבי־ציון אין מיטן פון די פייערונגען לכבוד מאָנטיפיאָרין. אַ טייל האָט פאָרגעלייגט, אַז דער הונדערטיאָריקער מאָנטיפיאָרי, צוזאַמען מיט ראָטשילדן און דעם חכם־באשי פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעם הויפּט־רב פון בערלין זאָלן פאָרן צום סולטאַן בעטן אָפּצונעמען די גזירה; אַנדערע האָבן פאָרגעלייגט, אַז די חובבי־ציון זאָלן אויפהערן זייער טעטיקייט אויף די פאַרשיידענע געביטן און זיך נאָר באַמיען מבטל צו מאַכן די גזירה. ליליענבלום האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „לחזק ידים רפות”, אויך די וואַרשעווער אגודה האָט געשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע אירע חברים צו שטאַרקן זייער מוט.

אַזוי צי אַזוי, אַלע האָבן איצט איינגעזען, אַז מען מוז פאַרשנעלערן דעם צוזאַמענרוף פון דער קאָנפערענץ.

אַ סך ויכוחים האָט אַרויסגערופן די פראַגע פון דעם אָרט פאַר דער קאָנפערענץ. פּינעס האָט פאָרגעלייגט, אַז זי זאָל פאָרקומען אין ירושלים, כדי צו מאַניפעסטירן קעגן דער עליה־גזירה. אַלע דעלעגאַטן וועלן עולה רגל זיין קיין ירושלים און בלייבן דאָרט אין משך פון אַ מאָנאַט צייט, ווי

דאָס געזעץ ערלויבט. אָבער צוליב די שוועריקייטן פון אַזאַ נסיעה איז דער פאָרשלאַג ניט אָנגענומען געוואָרן, און דער גורל איז געפאַלן אויף קאַטאָוויץ.

36 דעלעגאַטן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צו דער קאָנפערענץ, אָבער ניט אַלע האָבן געקענט קומען. אַנדערע האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט געקאָנט בלייבן ביזן סוף פון דער קאָנפערענץ. אַזוי אַרום זיינען בעת די וואַלן,ביים סוף, געבליבן נאָר 26 דעלעגאַטן.

די דערעפענונגס־רעדע פון פינסקערן

פינסקער איז געווען דעלעגירט פון אָדעס און האָט געדאַרפט עפענען די קאָנפערענץ. זיין דערעפענונגס־רעדע איז געבראַכט געוואָרן פאַר די חברים פון דער אגודה אין אָדעס און האָט אַרויסגערופן ויכוחים. פינסקער האָט געוואָלט צוציען צו דער ארץ־ישראל־אַרבעט די גבירים אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער, דעריבער האָט ער געווידמעט זיין רעדע נאָר דער פּראַקטישער אַרבעט אין לאַנד. קעגן דעם איז אַרויסגעטראָטן דער יונגער חבר פון אָדעסער קאָמיטעט פון די חובבי־ציון, אָשר גינזבערג, דער שפּעטער באַוווסטער דענקער און שרייבער אחד־העם. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן פאַרטונקלען אין דער רעדע דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, כדי איינצוקויפן דערמיט די סימפּאַטיע פון די גבירים. פינסקער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער קריטיק, האָט אַריינגעבראַכט שינויים אין זיין רעדע און באַשלאָסן צו צעטיילן זי אויף צוויי טיילן. ביים עפענען די קאָנפערענץ וועט ער זיך אָפּשטעלן בעיקר אויף דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון די יידן צווישן די פעלקער, און ביים שליסן די קאָנפערענץ וועט ער אונטערשטרייכן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק און וועט דערקלערן די נאַציאָנאַלע איינהייט פון יידישן פאָלק.

די קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט י״ח חשון תרמ״ה (1884) אין זאַל פון די „בני ברית" אין קאַטאָוויץ. הרב מאָהילעווער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ערן־פאָרזיצער, פינסקער — אַלס פאָרזיצער, צעדערבוים — דער רעדאַקטאָר פון „המליץ" — אַלס וויצע־פאָרזיצער און שפ״ר — אַלס העברעאישער סעקרעטאַר.

אין זיין עפענונגס־רעדע האָט פינסקער בעיקר אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט, אַז די יידן זאָלן זיך אומקערן צוריק צו ערדאַרבעט. דער גלות האָט אונדז אָפּגעריסן פון דער ערד און פאַרוואַנדלט אין לופט־מענטשן. שוין כמעט צוויי טויזנט יאָר, אַז מיר דינען די וועלט אַלס „טעלעפאָנען־דראָטן און באַן־וועגן", וואָס פאַרבינדן צווישן די לענדער און שטעט. דער פאַקט וואָס מיר זיינען באַשעפטיקט אין איין ווירטשאַפטלעכן סעקטאָר, אין מסחר — האָט געבראַכט דערצו, אַז מיר האָבן פאַרלאָרן דעם גלייכגעוויכט

אין אונזער פיזישן און גייסטיקן לעבן. אונזער איבערגעגעבנקייט דער גייסטיקער אַרבעט האָט אָפּגעשוואַכט אונזערע פיזישע כוחות. חוץ דעם האָבן מיר דערוועקט מיט אונזער הצלחה אין מסחר — די קנאה פון די גוים.

אין דעם אָרט דערהויבט זיך פינסקער צו דער מדרגה פון אַ נביא, וועלכער זעט די צוקונפטיקע מלחמה צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. ער זעט דורכן שווערן נעפּל, וועלכער ליגט אויף דער מענטשהייט, דעם צייט־שטורעם, וואָס וועט דערציטערן פעלקער און אויפשטורעמען לענדער. אויף די יידישע קעפּ — די טרעגער פון קאַפּיטאַל אין די אויגן פון המון — וועט דערדאָזיקער שטורעם אַראָפּ צוערשט; אַלע פאַלשע כוהנים, וועלכע וועלן היילן דעם בראָך פון זייערע פעלקער, וועלן זוכן אַרויפוואַרפן אַלע צרות אויפן יידישן פאָלק.

מיר מוזן מאַכן אַ רעוואָלוציע אין אונזער לעבן און אומקערן זיך צו דער ערד, „די מוטער פון אַלץ וואָס לעבט", צו אונזער אַלטער לאַנד, ווייל קיין אַנדערע האָבן מיר ניט.

דער רעפעראַט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, אַזוי ווי זיין בראָשור „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" ביי איר דערשיינען; גלייך האָט מען פאָרגעשלאָגן אָפּצודרוקן דעם רעפעראַט אין צענדליקער טויזנטער בראָשורן און פאַר־שפּרייטן צווישן פאָלק.

פינסקערן איז געלונגען אין קורצע ווערטער בולט צו מאַכן דעם גרונט פון אונזערע צרות. ניט דערמאָנענדיק בכלל דאָס וואָרט „נאַציאָ־נאַליזם" — איז דער רעפעראַט געווען דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלער דערקענטעניש. ער האָט אַנאַליזירט די אַלגעמיינע לאַגע פון פאָלק, פון גאַנצן יידישן פאָלק אומעטום. ער האָט ניט פאָרגעלייגט בלויז די יידן פון רוסלאַנד אָדער פון רומעניע צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָר האָט געזען אין ציוניזם דעם איינציקן אויסוועג פאַרן גאַנצן פאָלק. אין זיין גייסט האָט ער געזען דעם אונטערגאַנג פון דעם דאַן גליקלעכן טייל יידנטום אין מערב־אייראָפּע. ער רופט אַלעמען אומצוקערן זיך צו אונזער אייגן לאַנד און צו אונזער אייגן באָדן. נאָך מער — אין זיין רעפעראַט שטעלט פינסקער דעם רעיון פון אַרבעט, און באַזונדערס פון ערדאַרבעט, אין צענטער פון דער חיבת־ציון־אידייע.

די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ

פינף טעג האָט געדויערט די קאָנפערענץ און האָט אָנגענומען די פאָלגנדע באַשלוסן:

א. אויסקלייבן אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון אַכצן מיטגלידער, פאַר אַלע חובבי־ציון־אָרגאַניזאַציעס. זיין זיץ־אָרט וועט זיין בערלין אָדער אַן

אַנדער שטאָט. דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט אָנפירן מיט אַלע ענינים פון די חובבי־ציון און מיט דער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל. אָבער דערווייל וועט זיין זיץ־אָרט זיין אָדעס, און בראש פון אים וועט שטיין פינסקער. די מיט־גלידער פון וואַרשעווער אגודה וועלן בילדן אַ „סוב־קאָמיטעט" און וועלן פאָרזעצן זיין טעטיקייט ווי ביז איצט, „נאָר אין יעדערער חשובער זאַך וועלן זיי דאַרפן האָבן די הסכמה פון ד"ר פינסקער".

ב. צו שאַפן גלייך געלט־סומען פאַר די ערשטע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל.

ג. שיקן אַ דעלעגאַציע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועלכע זאָל זיך משתדל זיין מבטל צו מאַכן די גזירה פון דער עליה.

ד. שיקן אַ דעלעגאַציע אין ארץ־ישראל אויסצופאָרשן די קאָלאָ־ניזאַציע מעגלעכקייטן פון לאַנד.

ה. משתדל צו זיין זיך ביי דער רוסישער רעגירונג, זי זאָל לעגאַ־ליזירן די חובבי־ציון אין רוסלאַנד.

ו. דאָס ווערק פון די חובבי־ציון וועט טראָגן אויף זיך דעם נאָמען פון משה מאָנטיפיאָרי און וועט הייסן אָדער „די מאָנטיפיאָרי־געזעלשאַפט צו פאַרשפרייטן ערדאַרבעט צווישן יידן" אָדער „דער אויפטו צום אָנדענק פון משה לטובת דעם ישוב אין דעם הייליקן לאַנד", און אין קורצן — „מזכרת משה".

צווישן די חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבן גע־וואָרן: הרב מאָהילעווער, פינסקער, וויסאָצקי. לויט פינסקערס פאָרשלאַג זיינען ניט אויסגעקליבן געוואָרן אין קאָמיטעט רעדאַקטאָרן, כדי זיי זאָלן קאָנען פריי „קריטיקירן די טאָטן פון קאָמיטעט". אָבער אין דער לעצטער זיצונג זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ערן־חברים אין צענטראַל־קאָמי־טעט: פּרץ סמאָלענסקין, דוד גאָרדאָן און אלכסנדר צעדערבוים, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן איינלאַדן דעם פּראָפ. גרעץ צו באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פון קאָמיטעט.

כאָטש די קאַטאָוויצער קאָנפערענץ איז געווען דורכאויס אַ זאַכלעכע, האָבן ניט געפעלט אין איר אויך מינוטן פון התלהבות. די פאַרזאַמלטע האָבן געפילט איבער זיך די פליגלען פון דער היסטאָריע. די התלהבות, וועלכע ס'איז אָנגעצונדן געוואָרן מיט פינסקערס עפענונגס־רעדע, איז ניט פאַרלאָשן געוואָרן אין משך פון דער גאַנצער קאָנפערענץ־אַרבעט און אַ דאַנק איר איז געלונגען די דעלעגאַטן אָפּלייגן אָן אַ זייט די פאַרשיידענע אַנשויאונגען און שטרעמונגען און זיך פאַראייניקן לטובת דעם הייליקן אידעאַל. אַלע דעלעגאַטן האָבן איבערגעגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט אָנווייזונגען אויף די געלט־סומען, וועלכע ס'האָבן געזאַמלט די אגודות יעדע פאַר זיך. וויסאָצקי

האָט צונויפגערופן חברים מחוץ דעם קאָנפערענץ־זאַל און פאַרגעלייגט זיי גרינדן אַ פאָנד צו אַנטוויקלען אינדוסטריע אין ארץ־ישראל, און גלייך איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן צו דעם צוועק אַ באַדייטנדע סומע געלט.

די נעילה־רעדעס

צום העכסטן ענטוזיאַזם איז דערגאַנגען די קאָנפערענץ ביי די שלוס־רעדעס פון פינסקערן און הרב מאָהילעווער. פינסקער האָט איצט גערעדט וועגן גרויסן נאַציאָנאַלן אויפטו, וועלכער ס׳איז געגרינדעט געוואָרן, און הרב מאָהילעווער האָט דערציילט די גבואה וועגן די „פאַרטריקנטע ביינער" פון נביא יחזקאל, וועלכע פאַרענדיקט זיך מיטן אויסגעשריי פון נביא: „און איך וועל אַריינגעבן מיין גייסט אין אייך, און איר וועט לעבעדיק ווערן; און איך וועל אייך באַרוען אויף אייער ערד". נאָר פון אונזער ערד וועט אויפשטיין דער גייסט, וועלכער וועט אונז אויפוועקן צו אַ נייעם לעבן.

פינסקער בראש פון די חובבי־ציון

נאָך דער קאָנפערענץ זיינען זיך די דעלעגאַטן צעפאָרן און צוגע־טראָטן, יעדער אין זיין אָרט, צו דער פראַקטישער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל. פינסקער האָט פאַרגעזעצט האַנדלען לויטן כלל, וועלכן ער האָט זיך גע־שטעלט פאָרויס: פאַרטושן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט פון דער אַרבעט און אַרויסרוקן איר פראַקטישע זייט, ווייל ער האָט געהאָפט דורך דעם צוציען די אָנפירער פון יידנטום אין מערב־אייראָפּע. ער האָט זיך געווענדעט צו זיי און איינגעלאַדן אָנטיילצונעמען אין דער אַרבעט פאַר „מזכרת משה". פראָפ. צבי גרעץ האָט איינגעשטימט זיך צו באַטייליקן אין דער אַרבעט. אָבער פינסקערן איז אויסגעקומען אויך דאָסמאָל זיך אַנטוישן, ווייל אַזוי ווי מען קאָן ניט באַהאַלטן אַז ארץ־ישראל איז דער איינציקער צענטר פאַר דער יידישער האָפענונג, אַזוי קאָן מען אויך ניט פאַרלייקענען די נאַציאָ־נאַלע איינהייט פון יידישן פאָלק און דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער יידישער אויפבוי־אַרבעט אין לאַנד. סטודענטן האָבן געפייערט אין פעטער־בורג דעם הונדערטסטן נומער פון „המליץ" און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געהאַלטן רעדעס, דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלן פּאַטאָס. גרעץ, דערהערנ־דיק דערפון, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די חובבי־ציון. אויך איז ניט געלונגען פינסקערן צוציען אַנדערע יידישע פערזענלעכקייטן פון מערב־אייראָפּע צו דער אַרבעט. אַזוי אַרום האָט ער געמוזט בדלית־ברירה בלייבן בראש פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די חובבי־ציון. פון יענער צייט האָט זיך שוין די חובבי־ציון־באַוועגונג ניט צעפאַלן. די קאַטאָוויצער קאָנפערענץ און פינס־קער האָבן איר ערטיילט פון זייער גייסט: ווייניקער רעדן און מער טאָן —

כאָטש די מיטלען פון די חובבי־ציון זיינען געווען ווייניקע און די אַרבעטס־מעגלעכקייטן שוואַכע.

אָבער אין יענע טעג האָבן זיך שוין געהערט פון די ארץ־ישראלדיקע פעלדער — די קלעפּ פון די האַמערס און דער עכאָ פון די אַקעראייזנס. איינצלנע פּאָרגייער פאַר דער מחנה האָבן ניט געוואַרט אויף דעם „נאַציאָ־נאַלן באַשלוס“, האָבן עולה געווען אין לאַנד און גענומען באַאַרבעטן זיין באָדן. אָט די יחידים האָבן מחייב געווען די רבים. דאָס פאָלק איז אויפ־געפּאָדערט געוואָרן צו שטיצן זיינע חלוצים פיזיש און גייסטיק, — און דאָס פאָלק האָט געשטיצט.

ראש־פינה

יא. די ערשטע עליה

אִם לֹא אֶת הַטְּפָחוֹת — רַק מַסַּד יְסַדְתֶּם —
רַב לָכֶם, אַחַי, עֲמַלְכֶם לֹא שָׁוְא!
(ביאליק, ברכת עם).

די חובבי־ציון זיינען עולה אין ארץ־ישראל

אין יענער צייט, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, ווען אויף דער יידישער גאַס האָט זיך געפירט דער ויכוח: אַמעריקע אָדער ארץ־ישראל — זיינען אויפגעשטאַנען איינצלנע פון צווישן די חובבי־ציון, געבענטשטע מיט געזונטער פשטות אָדער מיט טיפן באַוווסטזיין, און זיינען עולה געווען אין ארץ־ישראל. ווייניקע זיינען זיי געווען און פאַרבאַהאַלטערנערהייט זיינען זיי אַריין אין לאַנד. מיט יסורים און צרות האָבן זיי געלייגט די פונדאַמענטן פון דעם נייעם ישוב — און דעריבער ווערן זיי גערופן: די ערשטע עליה. דאָס הייסט, די ערשטע חלוצים פון שיבת־ציון — צום דריטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע.

דער, וועלכער האָט זוכה געווען צו לייגן דעם פונדאַמענט פאַר דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב, איז געווען זלמן דוד לעוואָנטין פון רוסלאַנד.

אונטער סמאָלענסקין׳ס השפעה איז ער צוגעשטאַנען צו די חובבי־ציון און גלייך נאָך די פּאָגראָמען, אין חודש שבט תרמ״ב (1882) איז ער עולה געווען, פאַרלאָזנדיק זיין הויזגעזינט אין רוסלאַנד און אָפּזאָגנדיק זיך פון זיין גוטן פּאָסטן. אין לאַנד האָט ער געדאַרפט טרעפן די שליחים פון חובבי־ציון, וועגן וועלכע די צייטונגען האָבן פיל געשריבן. מיט צוויי בריוו אין טאַש פון משפחות, וועלכע האָבן אים באַפולמעכטיקט צו קויפן פאַר זיי באָדן, איז ער אַראָפּ פון שיף אין יפו. דאָ האָט אים ערוואַרט די אַנטוישונג. ניט טרעפנדיק קיין איין מענטשן צו וועלכן ער האָט געקאָנט האָבן פאַר־טרויען. לעוואַנטין האָט זיך גלייך איבערצייגט, אַז ער מוז אַלץ אַליין טאָן מיט די אייגענע קרעפטן. פון יפו פאָרט ער קיין ירושלים צו טרעפן זיך מיט פּינעסן און בן־יהודה׳ן, דערנאָך באַרייזט ער דאָס לאַנד אין משך פון זעקס וואָכן, באַקענט זיך מיטן קלימאַט און מיט דער נאַטור פון לאַנד. ער נעכטיקט אין די געצעלטן פון די בעדואינער און לערנט אפילו זייער שפּראַך. קיין חוץ־לארץ שרייבט ער:

„יעדער איינער פון אייך, וואָס האָט נאָר די מעגלעכקייטן עולה צו זיין — זאָל קומען, ווייל ס׳איז פאַראַן אַ האָפענונג צו לעבן דאָ, ווייל מיר וועלן עולה זיין אַהער, ירשנען דאָס לאַנד און מיר וועלן דאָס באַוויזן!״

רייזנדיק איבערן לאַנד באַקענט ער זיך מיט אַ צווייטן עולה יוסף פיינבערג, אַ מענטש מיט הויכער בילדונג, אַ שפּראַכן־קענער און אַ ער־פּאָלגרייכער סוחר. אויך ער האָט פאַרלאָזן נאָך די פּאָגראָמען זיין געשעפט און רייכטום, קומענדיק צו דער מסקנה, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אָרט פאַר יידן אין דער וועלט חוץ ארץ־ישראל. צוזאַמען רייזן זיי ביידע איבערן לאַנד. פיינבערג קערט זיך אום קיין רוסלאַנד און ברענגט אַראָפּ זיין פאַמיליע אין יפו. פון דאַן אָן איז פיינבערג איינער פון די טעטיקסטע צווישן זיינע חברים, אים האָט דער גורל באַשטימט צו זיין דער וואָס וועט שפּעטער ברענגען הילף פאַרן גאַנצן ישוב.

ועד חלוצי יסוד המעלה

דערווייל זיינען אָנגעקומען עולים פון רוסלאַנד און רומעניע. מיט גרויסע שוועריקייטן איז זיי אָנגעקומען אַריינגעלאָזן ווערן אין לאַנד. אָפּט־מאָל פלעגן זיי פאָרן הין און צוריק, פון פּאָרט צום שיף, אין משך פון אַ סך טעג, ביז דער שוחד האָט געעפנט פאַר זיי די טויערן פון לאַנד. אַ טייל איז געפאָרן קיין פּאָרט־סעיד און פון דאָרטן דורכן האַלב־אינזל סיני זיך אַריינגעגנבעט אין לאַנד אַריין. אָבער דאָ זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון מעקלערס, וועלכע האָבן אויסגענאַרט פון זיי זייערע לעצטע גראָשנס, דורך פאַרקויפן זיי נחלאות וועלכע זיינען נישט געווען בנמצא.

לעוואַנטין האָט באַשלאָסן צו טאָן פאַר די נייע עולים. ער האָט צוזאַמענ־גערופן די שליחים פון די פאַרשיידענע אגודות „חובבי־ציון" און זיי פאָר־געשלאָגן צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע וועט קויפן באָדן כדי זיך באַזעצן אויף אים צוזאַמען. זיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן, און די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן און זיך אַ נאָמען געגעבן: „ועד חלוצי יסוד המעלה". אַזוי אַרום איז געבאָרן געוואָרן דער געדאַנק פון דער מושבה.

בראש פון דער אגודה האָבן זיך געשטעלט לעוואַנטין און פינעס, וועלכער האָט פאַרפאַסט אירע תקנות. גלייך אין די ערשטע טעג פון דער געזעלשאַפט איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן פינעסן און לעוואַנטינען וועגן זיץ־פּלאַץ פון דעם ועד. פינעס האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל זיין אין ירושלים, און לעוואַנטין איז געווען פאַר יפו, ווייל פאָרן פון יפו אין ירושלים האָט דאַן געדויערט צוועלף שעה; חוץ דעם האָט לעוואַנטין מורא געהאָט פאַר די קריגערייען וואָס האָבן געהערשט אין דער אַלטער ירושלים. דער ועד האָט זיך באַזעצט אין יפו — און פינעס האָט אַלס פּראָטעסט אים פאַרלאָזן.

דער ועד איז גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ער האָט קאָנצענ־טרירט אַרום זיך אַלע עולים און צוגעטראָטן שאַפן קאָלאָניזאַציע־מיטלן פאַר די אָרעמע פון צווישן זיי. צוליב דעם צוועק האָט ער זיך געווענדעט צו די חובבי־ציון אין רוסלאַנד, צו אָליפאַנטן ווי אויך צו רייכע יידן אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים. אַלע האָבן צוגעזאָגט זייער שטיצע, און לעוואַנ־טין מיט זיינע חברים האָבן גענומען זיך אַרומקוקן וועגן אַ פּאַסנדן באָדן. אָבער אין מיטן דער אַרבעט איז אויסגעבראָכן דער באַוואָפנטער קאָנפליקט צווישן ענגלאַנד און טערקיי צוליב מצרים. דער ענגלישער פלאָט האָט באָמבאַדירט אַלעקסאַנדריע. אָליפאַנט האָט מודיע געווען, אַז צוליב דער פּאָ־ליטישער לאַגע מוז ער זיך אָפּזאָגן פון זיינע פאַרמיטלונגס־פּלענער ביים סולטאַן. אויך די צוגעזאָגטע הילף פון די חובבי־ציון אין רוסלאַנד איז ניט אָנגעקומען. אַזוי אַרום זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן די קאָלאָניזאַציע־פּלע־נער פון ועד.

דערווייל האָבן די רייכערע פון צווישן די עולים אויפגעגעסן אַ טייל פון זייער געלט און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַצאָלן פאַר דעם באָדן, וועלכן מ'האָט זיי פאַרגעלייגט צו קויפן. לעוואַנטין האָט גענומען זוכן אַן אויסוועג פון דער שווערער לאַגע און האָט אים געפונען.

די גרינדונג פון ראשון־לציון

לעוואַנטין האָט געהאַט אַ רייכן קרוב אין רוסלאַנד מיטן נאָמען צבי לעוואָנטין, אַן עלטערער מענטש אָן קינדער. לעוואַנטין האָט געשריבן אַז

ער זאָל קומען אין לאַנד און מיט זיין געלט עפּעס אויפטאָן פאַרן לאַנד און אַזוי אַרום שטעלן זיך אַ דענקמאָל אין פאָלקס־זכרון, וועלכער איז בעסער פון זין און טעכטער. צבי לעוואָנטין איז געקומען אין ארץ־ישראל און מיט־געבראַכט אַ סך געלט. לעוואָנטין האָט אים פאַרגעלייגט קויפן באָדן און פאַרקויפן אים חלקים׳ווייז, אָן ריווח, פאַרשיידענע מענטשן וואָס וועלן אים באַארבעטן. צבי האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג.

גלייך האָבן זיך לעוואָנטין מיט זיינע חברים ארויסגעלאָזן איבערן לאַנד זוכן אַ פּאַסנדן באָדן. פיר וואָכן האָבן זיי באַקוקט פאַרשיידענע ערטער און צום סוף זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיק באָדן, וועלכער איז געלעגן ביים וועג צווישן יפו און ירושלים, נאָענט צו די ים־זאַמדן. דאָס אָרט האָט גע־הייסן „עיון־קרא״. לעוואָנטין און אַ טייל פון זיינע חברים האָבן געצווייפלט, אויב דאָס אָרט און דער קלימאַט איז פּאַסנד צו באַזעצן זיך, אָבער דער מומחה צווישן זיי, ל. חאַנקין, האָט פאַרזיכערט אַז די ערד איז גוט פאַר לאַנדווירטשאַפט. כדי צו איבערצייגן זיך אין דעם, זיינען געפאָרן חאנקין, לעוואָנטין און פיינבערג קיין עיון־קרא און דאָרט גענעכטיקט אויפן באָדן, אונטערן פרייען הימל. צומאָרגנס האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין יפו און מודיע געווען, אַז דער קלימאַט איז זייער אַ גוטער. דער גורל איז געפאַלן אין תשעה באב אין יאָר תרמ״ב (1882), 1812 יאָר נאָכן חורבן איז איבער־געשריבן געוואָרן ביי דער רעגירונג די ערד אויף יידישע נעמען. זעקס טעג שפּעטער זיינען אַרויסגעפאָרן די חברים פון יפו אויף אַ וואָגן מיט צוויי פערד, אָנגעלאָדן מיט פאַרשיידענע כלים, בעטגעוואַנט, ברעזענט אויף געצעלטן און בעטן — זיך באַזעצן אויפן באָדן. חאנקין האָט באַצאָלט אַ סומע געלט לטובת דעם ישוב פאַרן כבוד צו פירן דעם וואָגן. קומענדיק אויפן אָרט האָבן זיי אונטער אַן אַלטן שקמה־בוים אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן. אין אָוונט האָבן זיי געדאַוונט מנחה און מעריב מיט התלהבות, אונטערן איינדרוק פון דער נאַטור־שיינקייט און דער שטילקייט אַרום, און אויפגעברויזטע דורכן געפיל פון גאולה. לעוואָנטין האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, און קומענדיק צום פסוק: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״ — איז ער אויסגעבראָכן אין אַ פרייד־געוויין, און אַלעמעס אויגן האָבן געטרערט פון שמחה.

לעוואָנטין מיט זיינע חברים האָבן געזען זיך אַלס ערשטע אויסלייזער פון אונזער אַלטן באָדן: פתח־תקוה איז מיט אַ יאָר פריער פאַרלאָזט געוואָרן פון אירע איינוווינער, און מקוה־ישראל איז געווען נאָר אַ שולע. און דעריי־בער האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן זייער קאָלאָניע: ראשון־לציון. אַזוי אַרום איז געלעגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר ערשטן יידישן לאַנדווירטשאַפט־לעכן ישוב אין לאַנד.

די גרינדונג פון ראש־פינה

אין יענעם זומער זיינען געקומען אין לאַנד שליחים פון רומעניע, פון דער שטאָט מאָנעשטי, קויפן באָדן. אויך אין רומעניע האָבן די יידן געליטן פון רדיפות, און דאָס האָט פאַרשטאַרקט דעם ווילן עולה זיין אין ארץ־ישראל. אין רומעניע איז די טעטיקייט פון חובבי־ציון געווען ער־לויבט פון דער רעגירונג, דעריבער האָט זי זיך אַנטוויקלט פאַרהעלטמע־סיק בעסער ווי אין רוסלאַנד. ווינטער 1882 איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט פאָקשאַן אַ קאָנפערענץ פון אַלע חובבי־ציון אגודות אין רומעניע. דער ועד, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ, איז געזעסן אין גאַלאַץ. די רומענישע יידן זיינען געווען פאַרמעגלעכער פון די רוסישע, דעריבער איז אויף דער קאָנפערענץ אין פאָקשאַן באַשלאָסן גע־וואָרן, אַז „די רומענישע חובבי־ציון וועלן נישט האָפן אויף קיין פרעמדער שטיצע און וועלן נישט וואַרטן אויף דער הילף פון נדיבים" פון אַנדערע לענדער, נאָר וועלן זיך באַמיען מיט אייגענע כוחות אַרויס פון דער ענגע־ניש". דער ועד פון גאַלאַץ האָט באַרעכנט, אַז מיט די תרומות פון די אגו־דות קאָן מען באַזעצן אין משך פון אַ יאָר דריי הונדערט אָרעמע משפחות אויפן באָדן אין ארץ־ישראל, חוץ פון די רייכערע, וועלכע וועלן זיך קאָנען באַזעצן מיט אייגענע מיטלען.

די שליחים פון מאָנעשטי האָבן נאָך זוכענישן אין פאַרשיידענע ער־טער אין לאַנד געקויפט באָדן ביים דאָרף ג'עוני ביי צפת. די בשורה פון דער קניה האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע פרייד ביי די רומענישע יידן, און אין אלול תרמ"ב (1882) איז די ערשטע קבוצה פון 26 משפחות וואָס האָבן געציילט צוזאַמען 228 נפשות, עולה געווען און זיך באַזעצט אויפן באָדן. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען אַ פּאָר משפחות פון רוסלאַנד. אויך זיי האָבן געזען זיך אַלס ערשטע און האָבן דעריבער גערופן זייער קאָלאָניע: ראש־פינה.

די גרינדונג פון זכרון־יעקב

די גרינדונג פון ראש־פינה האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין גאַנץ רומעניע. טויזנטער מענטשן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אגודות און געקליבן געלט עולה צו זיין אין ארץ־ישראל. דער גאַלאַצער ועד האָט באַשלאָסן נישט צו איילן זיך מיט נייע עליות און וואַרטן אויף די פרוכטן פון דער קאָלאָני־זאַציע אין ראש־פינה. אָבער דער ועד האָט זיך געמוזט אונטערגעבן דעם דרוק פון די אגודות און האָט געשיקט זיינע שליחים אין לאַנד קויפן נאָך אַ שטח באָדן. אין חודש תשרי תרמ"ב (1882) איז געקויפט געוואָרן דער באָדן פון דאָרף סאַמאַרין, און גלייך האָבן קבוצות עולים פון רומעניע גענומען

עולה צו זיין כדי באַזעצן זיך אויף אים. אָבער די גזירות קעגן דער עליה, וואָס האָבן זיך דאַן פאַרשטאַרקט — האָבן פאַרשאַפט גרויסע שוועריקייטן די עולים, וועלכע האָבן געמוזט אויסשטיין פאַרשיידענע צרות אין משך פון מאָנאַטן, ביז וואַנען ס'איז געלונגען באַזעצן זיך אויף זייער באָדן. 65 משפחות האָבן זיך באַזעצט אויפן באָדן אין סאַמאַרין, און אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן די דריטע קאָלאָניע, וועלכע איז שפּעטער גערופן געוואָרן: זכרון־יעקב.

די ערשטע יאָרן פון פּתח־תקוה

די נייע עולים האָבן פאַרשטאַרקט דעם גלויבן פון די ירושלימער קאָלאָניסטן אין פּתח־תקוה און זיי געגעבן מוט איבערצוקומען אַלע שווערע מכשולים, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין זייער וועג גלייך ביי די ערשטע טריט.

דאָס ערשטע יאָר פון זייער קאָלאָניזירונג (1879) איז אַדורך אין אַ געהויבענע שטימונג פון די קאָלאָניסטן. זיי האָבן געגראָבן אַ ברונעם און געפונען וואַסער. זיי האָבן געזייט — און די רעגנס זיינען געווען אין דער צייט. דעם חג הפסח, פאַר דער שניט־צייט, האָבן זיי געפּראַוועט מיט גרויס שמחה, און גלייך נאָך יום־טוב האָבן זיי געשניטן מיט געזאַנג זייערע פעלדער און געבראַכט בכורים קיין ירושלים, צום ערשטן מאָל נאָך טויזנטער יאָרן. גאַנץ ירושלים איז אַרויס מקבל פּנים זיין די קאָלאָניסטן מיט געזאַנג און טענץ. די געשעעניש איז געפייערט געוואָרן ווי געהעריק. אפילו די חלוקה־לייט האָבן קעגן זייער ווילן געענטפערט אמן.

די הצלחה האָט פאַרפירט די קאָלאָניסטן צו גלויבן, אַז זייער קאָלאָניזאַציע־פּרווו האָט זיך שוין איינגעגעבן און אַז ס'איז געקומען די צייט אים צו פאַרברייטערן. די דריי ערשטע קאָלאָניסטן האָבן גערופן אַן אספה אין ירושלים און פאַרגעלייגט די פאַרזאַמלטע קויפן אַ גרויסן שטח באָדן אין דעם זעלבן דאָרף מלאַבאַס. עס האָבן זיך פאַרשריבן פיל מענטשן, און גלייך נאָך פּסח איז אויסגעפירט געוואָרן די קניה — און די נייע קאָלאָניסטן זיינען אַרויף אויף זייער באָדן.

אָבער נישט אַלע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּאַסיק פאַר דער זאַך. גלייך ביים טיילן די מגרשים און ביים באַשטימען אַן אָרט פון בויען די הייזער איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת. סאַלאָמאָן האָט פאַרגעלייגט בויען ווייט פון ירקון אויפן בערגל, ווו די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן געבויט זייערע הייזער און אויך געגראָבן דעם ברונעם, ווייל אין דער נאָענט פון ירקון זיינען געווען זומפּן וואָס האָבן פאַרשפּרייט קדחת. אָבער נאָר אַ טייל פון די קאָלאָניסטן האָט געהערט אים און געבויט זייערע הייזער ווייטער פון ירקון,

די מערהייט האָט געבויט הארט ביים ירקון, גלויבנדיק אַז דורך דעם וועלן זיי קיינמאָל נישט פילן קיין מאַנגל אין וואַסער, זיי וועלן אויך האָבן פיל פיש פון ירקון. זיי האָבן אויך געטענה׳ט, אַז די גלייכע שטחים ערד ביים ירקון זיינען זייער גוט צום באַאַרבעטן.

אָבער די שלעכטע נבואות זיינען מקוים געוואָרן. סוף זומער אין יאָר תר״ס (1880) איז אויסגעבראָכן אַ קדחת־עפּידעמיע צווישן די מתישבים ביים ירקון, וועלכע האָט אָנגעשטעקט אויך די וואָס האָבן זיך באַזעצט אויפן בערגל. אונטער דער השפּעה פון זייערע ירושלימער קרובים האָבן די קאָלאָניסטן געגומען פאַרלאָזן פּתח־תקוה. נאָר אַ קלענער צאָל זיינען געבליבן אויף זייערע ערטער. אָבער ווינטער האָבן די שטאַרקע רעגנס געבראַכט צו אַ פאַרפלייצונג. דער ירקון איז אַרויס פון זיינע ברעגעס און פאַרפלייצט די הייזער. מיט מי איז געלונגען, נאָך דריי טעג ראַנגלענישן מיט דער פאַר־פלייצונג, אַרויסצוראַטעווען זיך. איצט האָבן די לעצטע קאָלאָניסטן פאַר־לאָזן דאָס אָרט און צוזאַמען מיט זיי אויך די גרינדער, — גוטמאַן און שטאַמ־פער. די ירושלימער קנאים האָט איצט געפייערט זייער נצחון און געשיקט בריוו קיין חוץ־לארץ קעגן די „וועלכע ווילן ברענגען די גאולה דורך נייע מאָדעס״.

פּתח־תקוה ווערט באַנייט

דערווייל זיינען געקומען די פּיאָנערן פון דער ערשטער עליה, און נישט קוקנדיק אויף די מכשולים פון די פאַנאַטיקער, האָבן זיי געגרינדעט נייע ישובים: ראשון־לציון, ראש־פינה און סאַמאַרין. סאָלאָמאָן מיט זיינע חברים האָבן מקנא געווען די נייע קאָלאָניסטן און האָבן געזוכט אַן עצה ווי אויפצולעבן זייער פאַרלאָזענע קאָלאָניע. אין זייער האַרצן איז צייטיק גע־וואָרן דער געדאַנק: דער אַלטער ישוב איז ניט בכוח אַליין פאַרווירקלעכן די זאַך, מען מוז דעריבער זיך ווענדן צו די יידן פון חוץ־לארץ, כדי זיי זאָלן קומען און העלפן ווידעראויפבויען די קאָלאָניע. סאָלאָמאָן מיט פינעסן באַשליסן שיקן אַ דעלעגאַט קיין ביאַליסטאָק, הרב מאָהילעווערס שטאָט, און מאָבילּיזירן דאָרט מענטשן און מיטלען פאַר פּתח־תקוה. איינער פון די געוועזענע קאָלאָניסטן אין פּתח־תקוה, אברהם קאָפּעלמאַן, נעמט אויף זיך די דאָזיקע שליחות. ער קומט אין ביאַליסטאָק און פאַרשפּרייט גוזמאות וועגן דער רייכקייט און פּרוכטבאַרקייט פון לאַנד. אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרקויפט ער אַלע חלקים פון באָדן, וועלכע זיינען געווען צו פאַר־קויפן, און קערט זיך אום אין לאַנד מיט גרויסע סומען געלט און מיט דער בשורה פון דער נאָענטער עליה פון די נייע קאָלאָניסטן.

דערווייל איז צו די קאָלאָניסטן פון פּתח־תקוה צוגעשטאַנען אַ נייער עולה: הרב אריה־לייב פרומקין. ער האָט געשטאַמט פון אַ רבנים־משפּחה

אין ליטע. זיין פאָטער ר' שמואל פון קעלם איז עולה געווען אין לאַנד נאָך אין יאָר 1858 און איז דאָ געשטאָרבן, און זיין זון ר' אריה־לייב איז געקומען אין לאַנד אין יאָר 1871, ער באַזעצט זיך אין ירושלים און פילט אַז זיינע אַלע יאָרן ביז דאַן „האָבן נישט געהאַט קיין טעם", ערשט וווינענדיק אין ירושלים הויבט ער אָן לעבן אויף דאָס ניי. די הייליקייט פון ירושלים דערהויבט זיין גייסט, און ער נעמט שרייבן זיין גרויסן ספר „תולדות חכמי ירושלים" פון רמב"ן ביזן יאָר 1870, אָבער זיין מאַטעריעלער צושטאַנד האָט אים געצוווּנגען אומצוקערן זיך קיין חוץ־לארץ און אָננעמען אַ שטעלע פון רבנות אין אַ שטעטל נעבן קאָוונע.

נאָך אָט זיינען געקומען די יאָרן 2—1881, פרומקין הערט דעם רוף פון דער שעה, ער פאַרלאָזט זיין רבנות־פּאָסטן און פאָרט איבער די קהלות וועקן דאָס פאָלק צו ארץ־ישראל. ער פאָרט אין דייטשלאַנד, רופט דאָרט צענויף אספות פון רבנים און סוחרים און האַלט ביים פאָרן קיין ענגלאַנד. אין האַמבורג טרעפט ער זיך מיט אַ רייכן יידן, וועלכער לייגט אים פאָר, אונטער דער השפעה פון זיינע רעדעס, צו קויפן פאַר אים אַ נחלה אין ארץ־ישראל.

פרומקין נעמט אָן מיט שמחה דעם פאָרשלאָג, געזעגנט זיך מיט זיינע הויז־געזינט און פאָרט אין ארץ־ישראל צום צווייטן מאָל. דאָ זוכט ער אַ פּאַסיקע נחלה פאַר זיין שיקער און צום סוף קויפט ער פאַר אים אַ שטיק באָדן אין פתח־תקוה ווי אויך אַ קליינע נחלה פאַר זיך און באָדנס פאַר נאָך יידן, וועלכע האָבן אים געבעטן אין חוץ־לארץ. פרומקין גרייט זיך צו ברענגען זיין פאַמיליע אין לאַנד, אָבער ער ווערט קראַנק אויף קדחת און מוז לויטן דער פאָדערונג פון דאָקטוירים פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

מיט גרויס צער קערט ער זיך אום צו זיין משפחה און צו זיין רבנות־פּאָסטן. זיין משפחה און די גאַנצע שטעטל נעמען אים אויף מיט גרויס שמחה און כבוד — אָבער ער אַליין זיצט ווי אַן אבל. זיין גוף נאָר איז אין גלות, זיין גייסט און נשמה — אין ארץ־ישראל.

דער רייכער ייד, פאַר וועמען ער האָט געקויפט אַ נחלה אין פתח־תקוה, לעגט אים פאָר צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און באַזעצן זיך דאָרט אַלס פאַרוואַלטער פון זיין ווירטשאַפט. דאָקטוירים רעדן אים אָפּ פון דעם, ווייל ס'איז פאַר אים אַ לעבנס־געפאַר ווידער קראַנק צו ווערן אויף קדחת. אָבער פרומקין פאַרעקשנט זיך, פאַרקויפט בחצי חינם זיין האָב און גוטס, און אין אָנהויב יאָר 1883 נעמט ער זיין פרוי און קינדער און איז צום דריטן מאָל עולה אין לאַנד. דאָ טרעט ער צו צו די באַנייער פון פתח־תקוה.

איצט שטייט די פראַגע פאַר די קאָלאָניסטן, ווו צו בויען זייערע הייזער, כדי אויסצומיידן די קדחת־קראַנקייט.

נאָך אַ לענגערן זוכן קויפן זיי באַדן אין אַראַבישן דאָרף יהודיה, וואָס געפינט זיך אויף אַ בערגל ווייט פון ירקון און זיין לופט איז געזונט. גלייך איז מען מודיע וועגן דעם די חברים אין ביאַליסטאָק, און די זיינען עולה מיט זייערע משפחות. אין יאָר 1884 באַזעצן זיי זיך אַלע אין יהודיה, וועלכע זיי רופן: יהוד — אַזוי ווי דאָס אָרט ווערט דערמאָנט אין תנ״ך. פון יהוד גייען זיי טאָג־טעגלעך באַאַרבעטן זייער באָדן אין פתח־תקוה. ווידער ווערט דער באָדן ביים ברעג פון ירקון געאַקערט, געזייט. מען שניידט די תבואות, און די ערשטע מושבה ווערט ווידער אויפגעלעבט. שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר קלייבן זיך די קאָלאָניסטן אַריבער צוריק אין פתח־תקוה, און בויען זייערע הייזער אויפן פריערדיקן פּלאַץ. אַזוי אַרום באַקומט פתח־תקוה צוריק איר זכות, אַלס ערשטע יידישע קאָלאָניע אין נייעם ישוב.

די גרינדונג פון יסוד־המעלה

די בשורה וועגן די געגרינדעטע מושבות אין ארץ־ישראל האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די יידישע קיבוצים אין דער וועלט. די הערצער פון די חובבי־ציון האָבן געקוואָלן פון שמחה, און דאָ און דאָרט, אין פאַר־שיידענע שטעט זיינען געגרינדעט געוואָרן אגודות צו באַזעצן זיך אויף דער ערד אין ארץ־ישראל. אויך אין מעזריטש, אין פּוילן, איז געגרינדעט גע־וואָרן אַזאַ אגודה, און איר שליח איז געקומען אין לאַנד קויפן באָדן. מ׳האָט אים פאָרגעלייגט באָדן ביי די ברעגעס פון חולה. דאָס אָרט איז אים געפעלן, דער חרמון וואָס קוקט פון ווייטן מיט זיין שניי־באַדעקטן קאָפּ און דער ירדן און ים־החולה — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן מעז־ריטשער שליח, און דער באָדן איז געקויפט געוואָרן. זומער אין יאָר תרמ״ד (1884) זיינען די מעזריטשער עולים אַרויף אויף זייער באָדן צוזאַמען מיט אייניקע משפחות פון צפת. אויך זיי האָבן זיך געזען צווישן די ערשטע אין אויפלעבונג פון לאַנד און גערופן זייער מושבה: יסוד המעלה.

די גרינדונג פון נס־ציונה

און איין ייד, ראובן לערער, פון אָדעס האָט געגרינדעט אַ ישוב נישט ווייט פון ראשון־לציון נעבן אַראַבישן דאָרף וואַדי־חנין. דער באָדן האָט געהערט צו אַ דייטש, אַ מיטגליד פון אַ רעליגיעזער סעקטע, וועלכע האָט געגרינדעט ישובים און שכונות אין לאַנד. ער האָט פאַרפלאַנצט גערטנער אויף זיין באָדן און געבויט זיך אַ פּראַכטיק הויז. אָבער אין אַ קורצער צייט זיינען געשטאָרבן זיין פרוי מיט צוויי טעכטער פון קדחת. דער דייטש האָט פאַרלאָזן דעם באָדן און געפאָרן קיין רוסלאַנד זוכן דאָרט צווישן די חובבי־ציון אַ קונה אויף זיין גוט. פאַרמיטלערס האָבן אים צוזאַמענגעפירט מיט

ראובן לערער, וועלכער איז געווען אַ גוטבאַזיצער נעבן אָדעס. ראובן לערער האָט צוליב די פּאָגראָמען באַשלאָסן פאַרלאָזן רוסלאַנד, און ער האָט זיך געביטן מיטן דייטש. לערער מיט זיין פאַמיליע זיינען עולה קיין ארץ־ישראל, באַזעצן זיך אין ואַדי־חנין און גיבן אַ נאָמען דעם אָרט: נחלת־ראובן. מיט דער צייט, מיטן פאַרברייטערן זיך פון דעם ישוב, ווערט די מושבה גערופן נס־ציונה.

די ליידן פון ראשון־לציון

אָט דאָס זיינען געווען די ערשטע טריט פון די דעראָבערער פון אונ־זער לאַנד צום דריטן מאָל. עטלעכע הונדערט מאַן זיינען זיי געווען, אָבער שטאַרק אין גייסט און מיט דער וויזיע פון גאולה פאַר זייערע אויגן. מיט געזאַנג האָבן זיי געמאַכט די ערשטע טריט, אָבער די ווערקלעכקייט האָט זיי גלייך אָפּגעשטעלט אין אָנפאַנג וועג און באַוויזן אויף די פעלערן, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן גלייך ביים אָנהויב: די עולים האָבן נישט געהאַט קיין הכשרה צו ערד־אַרבעט; ס'האָט געפעלט האַרמאָניע צווישן די מתיש־בים; דאָס לאַנד און איר נאַטור איז זיי געווען פרעמד; די געלט־מיטלען זיינען געווען זייער באַגרענעצט. כמעט אַלע קאָלאָניעס האָבן געליטן פון הונגער און נויט, פון קראַנקהייטן, איבערפאַלן פון אַראַבישע רויבער, משפטים מיט דער רעגירונג און מיט די שכנים, קריגערייען, א. ז. וו.

אויף די ערשטע טעג פון ראשון־לציון זיינען געווען יום־טוב־טעג פאַר די קאָלאָניסטן. זיי האָבן מחבר געווען אַ ספר־תקנות, ווו זיי האָבן זיך מתחייב געווען לעבן אַ שותפותדיקן לעבן און מוותר זיין אויף לוקסוס. מיט בשותפותדיקע כוחות זיינען זיי צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. עס איז געווען סוף זומער. די היץ האָט געברענט און אויסגעטריקנט די מאַרך פון די ביי־נער. בייטאָג איז קיין שאָטן פון אַ בוים ניט געווען ווו אָפּצורוען זיך. וואַ־סער איז געקויפט געוואָרן מיט אַ מאָס אין אַ שכנותדיקן אַראַבישן דאָרף. און ביינאַכט איז מען געשטאַנען אויף דער וואַך קעגן די בעדואינישע רוי־בער, וועלכע פלעגן ביי יעדער געלעגנהייט איבערפאַלן די קאָלאָניסטן, צו־נעמען זייער האָב און גוטס און אָפּטמאָל אויך אויסטאָן זיי נאַקעט. די קאָ־לאָניסטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועלן זיי נישט קענען לאַנג זיך האַלטן אויפן אָרט. די ידיעה, אַז די „מאָסקאָבים״ (ד. ה. די רוסישע יידן) זיינען „קינדער פון טויט״ (ד. ה. פחדנים), וועט זיך פאַרשפּרייטן אין אַלע בעדו־אינישע געצעלטן און דאָס וועט זיי דערמוטיקן אַ סוף מאַכן צום נייעם ישוב. מען מוז היטן דעם כבוד פון די יידישע קאָלאָניסטן אין די אויגן פון די אַראַבער. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען ישראל פיינ־בערג, יוסף פיינבערגס ברודער. ער האָט זיך דערנענטערט צו די אַראַבער,

אויסגעלערנט זיך זייער שפּראַך און מנהגים. צוזאַמען מיט עטלעכע חברים האָט ער זיך קעגנגעשטעלט די רויבער און זיי פאַריאָגט. איין מאָל איז זיי אפילו געלונגען נעמען אין געפאַנגעשאַפט אַ באַנדע אָנפאַלער. פון דאַן אָן האָט זיך די סביבה איינגעשטילט, און די אַראַבישע רויבער האָבן גענומען קוקן מיט מער כבוד אויף די יידישע קאָלאָניסטן.

דערווייל איז אָנגעקומען די צייט פון זריעה. צוויי תלמידים פון מקוה־ישראל, וועלכע זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכע מדריכים, האָבן באַשטעטיקט אַז דער באָדן איז גוט פאַר תבואה. די קאָ־לאָניסטן זיינען דעריבער צוגעטראָטן צו אַקערן דעם באָדן מיט אייראָפּע־אישע אַקעראייזנס און צו פאַרזייען אים.

צוליב די רעגנס האָבן זיי געמוזט צוצוטרעטן בויען זייערע הייזער. אָבער אַזוי ווי לויטן טערקישן געזעץ האָט מען געדאַרפט באַקומען אַן דער־לויבעניש פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל כדי צו בויען אַ הויז אין לאַנד, האָבן זיי דעריבער געמוזט אונטערקויפן די טערקישע פּאָליציי. מיט בוי־מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען איינגעקויפט געוואָרן אין יפו, האָבן זיי גענומען בויען זייערע הייזער.

כדי צו לייזן די וואַסער־פּראַגע איז מען צוגעטראָטן צו גראָבן אַ ברו־נעם, לויט די עצה פון „מומחים“, אויפן בערגל. נאָכן גראָבן צוואַנציק מע־טער אין דער טיף אָן שום רעזולטאַטן, באַשליסן די מומחים צו גראָבן צו־פוסנס פון בערגל. די אַרבעט פאַנגט אָן אויפן צווייטן אָרט, און דאָס געלט גייט דערווייל אויס.

אַ שווערער קריזיס קומט אָן. די ברונעמער האָבן פאַרשלונגען גרוי־סע סומען געלט — און קיין וואַסער איז נישטאָ. די זריעה אויף די זאַמדן איז נישט אויפגעגאַנגען. דער מצב האָט געבראַכט צו מחלוקת און קריגע־רייען, די שותפות איז בטל געוואָרן. וואָס וועט זיין ווייטער? פון וואַנען וועט קומען זייער הילף?

ראש־פינה ראַנגלט זיך אויף איר קיום

אויך ראש־פינה האָט זיך געראַנגלט אויף איר קיום. אמת, וואַסער האָבן זיי געהאַט גענוג פון קלאָרן קוואַל וואָס שנייט דורך זייער באָדן, אָבער דער שטיינערדיקער באָדן האָט נישט געטויגט אויף תבואות. אַלע זייערע באַדערפעניש האָבן די קאָלאָניסטן געמוזט ברענגען אויף אייזלען פון צפת. צום אומגליק נאָך האָט איינער פון זיי דערהרגעט צופעליק אַן אַראַבער, און אַלע האָבן געמוזט אַנטלויפן קיין צפת מורא האָבנדיק פאַר דער גאולת־הדם. נאָכן שליסן דעם שלום לויטן אַראַבישן מנהג מיט דער משפחה פון געהרגעטן אַראַבער, האָבן זיי זיך געקאָנט אומקערן אין ראש־פינה. דער־

ווייל זיינען זיי געבליבן אָן געלט־מיטלען. דער גאַלאַצער ועד האָט אויפ־געהערט זיי שטיצן, נישט קענענדיק צונויפזאַמלען די געהעריקע געלט־סומען דערצו, און די ראש־פינהער קאָלאָניסטן זיינען געבליבן אָן שום הילף.

די יסורים־מגילה פון זכרון־יעקב

אין אַ נאָך ערגערן מצב האָבן זיך געפונען די קאָלאָניסטן אין סאַמאַרין. דאָס רוב פון די עולים אין סאַמאַרין זיינען געווען אָרעמע. זיי האָבן איבערגעלאָזן זייערע משפחות אין חיפה און אַליין אַרויף אויפן באָדן. דער גאַלאַצער ועד האָט געקויפט אַרבעטס־מכשירים פאַר זיי און זיי געשטיצט אין אַלע זייערע באַדערפענישן. אָבער גאָר גיך האָט זיך אויסגעליידיקט די קאַסע פון ועד און די סאַמאַרינער איכרים, פיר הונדערט נפשות, זיינען געבליבן אויסגעשטעלט אויף הונגער און נויט. צום אומגליק איז געשטאָרבן דער ראש פון גאַלאַצער ועד. די ערד פון דער קאָלאָניע איז געווען פאַר־שריבן אויף זיין נאָמען, און היות ווי ער האָט ניט געהאַט קיין קינדער האָט דער באָדן לויטן טערקישן געזעץ, געדאַרפט אַריבערגיין צו דער רעגירונג.

די קאָלאָניסטן האָבן זיך דאַן געווענדעט נאָך הילף צו די רייכע יידן אין אויסלאַנד, אָבער זייער ווייניק האָבן זיך אָפּגערופן. די איכרים האָבן גענומען אויספאַרקויפן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייערע הייזער. זיי האָבן פאַרקויפט אפילו זייערע בגדים און צום סוף האָבן זיי פאַרמשכנט די איינציקע ספר־תורה זייערע, כדי צו קויפן ברויט פאַר די משפחות.

אין יענע טעג האָט באַזוכט דאָס לאַנד אַ שליח פון באַראָן הירש, כדי צו זען עפּעס אויפטון פאַר די יידן. דער שליח האָט באַזוכט סאַמאַרין און איז דערציטערט געוואָרן פון דעם וואָס ער האָט געזען. אינם בריוו צו „כל ישראל חברים" שרייבט ער: „אַ טויט־סכנה שוועבט אויף די קעפּ פון די קאָלאָניסטן אין סאַמאַרין... כ'האָב זיי געפונען אין שרעקלעכע באַדינ־גונגען: נאַקעט און באָרוועס, קראַנק פון הונגער און קדחת. דאָס האַרץ בלוטיקט, און ניט קלערנדיק אפילו איין מינוט האָב איך צעטיילט צווישן זיי אַ געוויסע סומע געלט אין נאָמען פון באַראָן הירש... די שטיצע וועט ניט העלפן אויף לאַנג, זי וועט נאָר פאַרלענגערן די גסיסה פון די אומ־גליקלעכע אויף אַ פּאָר וואָכן".

און ווירקלעך איז זיך דער ישוב ביסלעכווייז צעפאַלן. ביי אַ צוואַנ־ציק מאַן זיינען געשטאָרבן פון הונגער און קדחת. צען פאַמיליעס האָבן זיך אומגעקערט קיין רומעניע, אַ פּאָר צענטליק מאַן האָבן געזוכט אַרבעט אין פאַרשיידענע ערטער אין לאַנד אפילו ביי די מיסיאָנערן, און די אי־בעריקע האָבן זיך געראַנגלט מיטן הונגער און יסורים און געוואַרט אויף דער ערשטער געלעגנהייט אַנטלויפן פון אָרט.

די ליידן פון פתח־תקוה האָבן ניט אויפגעהערט מיט איר באַנייאונג. איין פערטל פון באָדן האָט נאָך געהערט צו אַראַבער אַלס „מושע־באָדן", דאָס הייסט, באָדן וועלכער איז ניט צעטיילט געוואָרן. אַזוי אַרום איז ניט געווען באַוווּסט, וועלכע דריי טיילן פון באָדן געהערן צו די יידן און וועלכער פערטל פון אים געהערט צו די אַראַבער. כדי פּטור צו ווערן פון דער שותפות האָבן די יידן נאָך אַ לאַנגן משא־ומתן אָפּגעקויפט דעם אַראַבישן טייל. אָבער דער ירושלימער פּאַשאַ, אַ שונא ישראל, האָט ניט באַשטעטיקט די קניה. די האַנט־געלט איז פאַרפאַלן געוואָרן, און די ערד איז געבליבן אין אַראַבישע הענט.

דערווייל האָבן די מתישבים זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ נייעם משפט. לויטן טערקישן געזעץ האָט מען געמוזט באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער צענטראַלער רעגירונג כדי צו בויען אַ הויז. און ווי אַזוי באַקומט מען די דערלויבעניש? פינעס האָט פאַרגעלייגט צוגרייטן שטילערהייט סקעלעטן פון צוואַנציק הילצערנע הייזער, ברענגען זיי אויפן אָרט און אויפשטעלן מיט איין מאָל. הייזער, וועלכע שטייען שוין — טאָר מען ניט צעוואַרפן. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן דורך די איבעריקע חברים, אָבער ס'האָבן זיי געפעלט די מיטלען אויסצופירן אים. פינעס האָט זיך געווענדעט צו די חובבי־ציון אין וואַרשע מיט אַ בקשה צו העלפן זיי בויען די הייזער.

אָבער אָט האָט איינער אַ ירושלימער ייד געבראַכט זיי אַן דערלויבעניש צו בויען הייזער אין יהודיה, וואָס איז געווען געחתמעט דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון ירושלים. די קאָלאָניסטן פון יהוד האָבן ניט געוווּסט, אַז אין ירושלים עקזיסטירט אַ שכונה מיט דעם נאָמען יהודיה, און די דערלויבעניש איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָר פאַר דער שכונה. מיט פרייד זיינען זיי צוגעטראָטן צו בויען זייערע הייזער... אָבער אין מיטן בויען זיינען אָנגעקומען טערקישע פּאָליציי־לייט מיט אַ באַפעל אַרעסטירן אַלע איינוווינער און צעוואַרפן די האַלב־געבויטע הייזער. דער פּאַשאַ פון ירושלים האָט אַרויפגעלייגט אויף די יהודער יידן אַ גרויסע געלט־שטראָף. סאָלאָמאָן האָט אַפּעלירט אויפן פּסק־דין פון פּאַשאַ. דער משפט האָט זיך געצויגן זייער לאַנג און איז דערגאַנגען ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל. נאָר אַ דאַנק די קאָנסולן פון די אייראָפּעאישע מדינות איז געלונגען מבטל מאַכן דעם פּאַשאַס פּסק־דין און דערלויבט ענדיקן בויען די הייזער. דער משפט האָט פאַראָרעמט די אַזוי אויך אָרעמע מתישבים.

אָבער די פּתח־תקווער לייט האָבן לאַנג ניט געקאָנט הנאה האָבן פון זייערע נייע הייזער. דער מרחק פון יהוד ביז צו די פעלדער איז געווען

זייער ווייט, אַ מהלך פון דריי שעה הין און צוריק. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן זיצן אַ גאַנצע וואָך אין אַלטן הויז נעבן ברונעם אויף זייער באָדן און נאָר אויף שבת אומקערן זיך קיין יהוד צו זייערע פאַמיליעס. די אַרומיקע אַראַבער האָבן זיך דערוווּסט פון דעם און געמומען באַרויבן די הייזער אין יהוד. זיי פלעגן אַרויפלאָזן זייערע סטאַדעס אויף די גערטנער און רויבן אַלץ וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט. דעריבער איז צייטיק געוואָרן דער פּלאַן צו באַזעצן זיך צוריק אין פתח־תקוה. אָבער ווו נעמט מען אַ דערלויבעניש פאַר הייזער־בויען און געלט דערצו?

צו אַלע צרות זיינען צוגעקומען אויף די אינערלעכע קריגערייען. הרב פרומקין איז געווען דער איינציקער וועלכער האָט ניט געבויט לכתחילה זיין הויז אין יהוד נאָר אויף זיין באָדן אין פתח־תקוה. ער, דער קדחת־קראַנקער, האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער ניט קאָנען גוט אַכטונג געבן אויפן באָדן, וועלכער איז אים איבערגעגעבן געוואָרן אויף השגחה. דעריבער האָט ער מסכן געווען זיין געזונט און געבויט זיין הויז אין פתח־תקוה. די איבעריקע חברים זיינען געווען קעגן אים, פונדעסטוועגן האָבן אַ טייל קאָלאָניסטן אויך געבויט זייערע הייזער נעבן פרומקינס גרויסע הויז.

אויך די אָנפאַלן פון די אַראַבער זיינען געווען אָן אַפּטע דערשיינונג. ווי נאָר די תבואה אויף די פעלדער איז צייטיק געוואָרן — און די אַראַבער שיקן שוין זייערע בהמות פיטערן אויף זיי. אָפטמאָל פלעגט געלינגען די קאָלאָניסטן פאַרטרייבן די אָנפאַלער, און אָפטמאָל פאַרקערט — פלעגן די רויבער האָבן די אויבערהאַנט. איין מאָל אין אַזאַ פאַל האָבן די אַראַבער צעבראָכן די טירן און פענצטערס פון די הייזער און פאַרוווּנדעט פרומקינען אַליין. אַלע קאָלאָניסטן האָבן זיך געראַטעוועט אין פרומקינס פאַרפעסטיקטן הויז, און נאָר די פאָליציי האָט פאַרטריבן די אָנפאַלער.

צווישן די יונגע קאָלאָניסטן איז געווען באַרימט אברהם שאַפּיראָ, וועלכער האָט מיט זיין גבורה אָנגעוואָרפן פחד אויף די אַראַבער, ביז ס'האָבן זיך גענומען וועבן לעגענדעס אויף זיין נאָמען. דערווייל איז דער מצב געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג.

די ליידן פון יסוד־המעלה

אויך די מתישבים אין יסוד־המעלה זיינען צוגעטראָטן מיט גרויס התלהבות צו דער אַרבעט: זיי האָבן געגראָבן אַ ברונעם, געאַקערט און פאַרזייט זייער באָדן. אָבער גאָר גיך זיינען אויסגעגאַנגען די קאַפּיטאַלן, און זיי זיינען געבליבן שטיין מיט ליידיקע הענט.

ניט האָבנדיק קיין דערלויבעניש צו בויען הייזער האָבן זיי זיך באַזעצט מיט זייערע בהמות אין אַ האַלב־חרובן בנין, וועלכער ס'האָט זיך

געפונען אויף זייער באָדן. אָבער די פליגן און די פליי האָבן זיי ניט געלאָזן רוען, האָבן זיי דעריבער נאָכגעמאַכט די בעדואינער, געשניטן ריטלעך אין די בלאָטעס פון דער חולה, געבראַכט עס אַהיים, געפלאָכטן פון דעם ראָגאָ־זשעס און געבויט פון זיי געצעלטן פאַר זיך. אָבער דערווייל האָט זיך דער־נענטערט דער זומער מיט זיינע גרויסע היצן. אין די געצעלטן, אָן פענצטער און אָן לופט, איז די היץ געווען אומדערטרעגלעך. מען מוז בויען הייזער, אָבער ס׳איז ניטאָ קיין געלט.

חוץ דעם האָט געפייניקט דער הונגער. מיט גרויס מי איז זיי גע־לונגען צו קריגן אַ ביסל דורה, זיי האָבן אים צעריבן אויף מיל־שטיינער, און אַזוי ווי די בעדואינער געבאַקן פון דעם „פיתות".

איז נאָך ווייניק געווען זייערע ליידן, האָט דער גורל זיי געבראַכט אַ משוגענעם יידן, וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד זייענדיק ביי זיי דורך איבערשניידן זיך די האַלז. די קאָלאָניסטן האָבן אים מקבר געווען לויטן יידישן מנהג. אָבער די טערקישע פאָליציי האָט זיך דערוווּסט פון דעם און אַרעסטירט אַלע קאָלאָניסטן, באַשולדיקנדיק זיי אין מאָרד. מען האָט זיי איינגעזעצט אין צפתער טורמע, ביז די צפתער יידן איז געלונגען זיי צו באַפרייען מיט דער הילף פון גרויסע סומעס געלט.

צעבראָכענע און נידערגעשלאָגענע קערן זיך אום די קאָלאָניסטן אויף זייער באָדן. אָבער איצט איז יסוד־המעלה פול מיט קדחת־קאָמאַרעס פון די ים־חולה׳ער בלאָטעס. איינציקווייז פאַלן זיי צום געלעגער אָן הילף פון אַ דאָקטאָר, אָן רפואות, אָן וואַסער און עסנוואַרג, אָן קיינע הילף.

פון צייט צו צייט שיקן זיי די צפתער יידן נדבות. אַן אַראַבישער שייך לאַדט זיי איין פון רחמנות אויף אַ סעודה. אָבער ווי אַזוי וועלן זיי אויפבויען זייער צוקונפט? פון וואַנען וועט קומען זייער ישועה?

אויך נחלת־ראובן ראַנגלט זיך אויף איר קיום

קדחת און הונגער איז געווען דער גורל אויך פון ראובן לערער און זיין משפחה. זיין פינף־יאָריקער זון שטאַרבט פאַר זיינע אויגן, און לערער קען ניט ברענגען אים קיין הילף. רויבער וואַרפן אָן זייער פּחד אויף דער פאַמיליע, און די קינדער האָבן מורא אַרויסגיין פון שטוב אויס מורא פאַר שלאַנגען און עקדישן. די פרוי מיט די קינדער וויינען. ווער וועט ברענגען הילף?

ביל״ו

נאָר די גרעסטע מאָס יסורים און לייד איז אויסגעפאַלן אין גורל פון דער גרופע ענטוזיאַסטישע יונגע עולים פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן מקדש

געוועזן דעם נאָמען פון ציון און האָבן זוכה געווען איינגעקריצט צו ווערן אין דער יידישער געשיכטע אויף אַלע דורות. די קבוצה האָט זיך גערופן ביל״ו, די ראשי־תיבות פון דעם פסוק: „בית־יעקב, לכו ונלכה!״ זיי האָבן זיך געזען אַלס חלוצים פון פאָלק און האָבן מקריב געווען פאַר זייער אידעאַל זייער געזונט און לעבן, און דעריבער האָבן זיי זוכה געווען צו זיין דער סימבאָל פון דער ערשטער עליה.

זיי זיינען געקומען צום ציוניסטישן טאַט גלייך פון גימנאַזיע־באַנק און פון אוניווערזיטעט. זיי האָבן פאַרלאָזן די רייכע און באַקוועמע היימען פון זייערע עלטערן. די פאַגראָמען פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריאָנגענעם יאָרהונדערט האָט געעפנט זייערע אויגן, זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז די השכלה וועט ניט ברענגען קיין גאולה פאַר זייער געפייניקט פאָלק.

און ס׳איז געקומען דער טאָג פון אמתן טאַט פאַרן פאָלק — און דאָס איז: בויען זיין אייגן לאַנד. אַ גרופּע סטודענטן פון כאַרקאָוו האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און גרינדן אַ מושבה, וועלכע דאַרף דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע. די גרונט־אידייע פון דער מושבה וועט זיין זעלבסט־אַרבעט. אַנדערע האָבן אויך צוגעגעבן, אַז די מושבה דאַרף זיין געבויט אויף קאָלעקטיווע יסודות. אויף זייער פאָן האָבן זיי אָנגעשריבן „בית יעקב לכו ונלכה!״, און מיט איר זיינען זיי אַרויס ווערבירן מיטגלידער אין דער פּראָווינץ. אין משך פון אַ קורצער צייט איז זיי געלונגען צו פאַרברייטערן זייער אגודה ביז איבער פינף הונדערט מיטגלידער. אויך אין מאָסקווע האָט זיך געשאַפן אַ קרייז פון ביל״ו, צווישן זיי יחיאל טשלענאָוו און מ. מ. אוסישקין.

די עליה פון די ביל״ויים

די גרופּע פון די פינף הונדערט ביל״ויים, וועלכע זיינען גרייט עולה צו זיין אין ארץ־ישראל, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער יידישער וועלט. אַ סך באַוווּסטע פערזענלעכקייטן האָבן זיי צוגעזאָגט זייער הילף. באַזונדערס האָט זיך באַגייסטערט פון זיי אָליפאַנט און צוגעזאָגט אויס־פועלן ביים סולטאַן באַדן פאַר זיי אין לאַנד. צו דעם צוועק האָט ער געבעטן דערלאַנגען אים אַ גענויען מעמאָריאַל מיט אַ רשימה פון די חברים. די צוגעזאָגטע הילף פון באַוווּסטע מענטשן און פון אָליפאַנטן האָט פאַר־שטאַרקט די האָפענונג פון די ביל״ויים. אַ ספּעציעלער בריוו האָט צוזאַ־מענגערופן אַלע חברים קיין אָדעס, כדי פון דאָרט אָפּצופאָרן קיין ארץ־ישראל. אויך די צענטראַלע איז אַריבער קיין אָדעס.

אָבער דאָ האָט זיי דערוואַרט אַ טיפע אַנטוישונג. די טערקישע רע־גירונג האָט פאַרבאָטן די עליה קיין ארץ־ישראל. ווי אַ דונער האָט זיי

געטראָפן די ידיעה, און אַ דעלעגאַציע פון פיר מאַן איז אַרויסגעפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל כדי צוזאַמען מיט אָליפאַנטן פועלן ביי דער טערקישער רעגירונג מבטל צו זיין די גזירה.

די פיר שליחים איז מיט דער הילף פון אָליפאַנטן געלונגען צו באַקומען הבטחות, אַז די גזירה וועט בטל ווערן. דערווייל זיינען אָנגעקומען אַ גרופּע ביל״ויים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויפן וועג צו ארץ־ישראל. אָבער אין דער צייט האָבן זיך פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן ענגלאַנד און טערקיי. די ענגלישע רעגירונג האָט געבעטן אָליפאַנטן אויפצוהערן זיין טעטיקייט ביי דער טערקישער רעגירונג. אָליפאַנט האָט געראָטן די ביל״ויים אָפּצולייגן אויף אַ געוויסע צייט די עליה, אָדער משתדל זיין זיך ביי די פּאַשאַס פון חלב (סוריע) אָדער עדן צו באַזעצן זיי אויף ערד אין זייערע געגנטן.

די ביל״וים־דעלעגאַטן האָבן זיך געפונען אין אַ גרויסער פאַר־לעגנהייט. זיי האָבן גערופן אַ באַראַטונג פון זייערע חברים און באַשלאָסן אָפּצוואַרפן ביידע אָליפאַנטס פאָרשלאָגן: אָפּצולייגן די עליה אָדער באַזעצן זיך אויסער ארץ־ישראל. אַ קול־קורא פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט מודיע געווען אַלע חברים אין אויסלאַנד וועגן מצב און גערופן זיי עולה צו זיין. „ווייל פון איצט אָן האָבן זיי ניט אויף וועמען צו האָפן, נאָר אויף זייערע אייגענע מאָראַלישע כוחות — — — די וועלכע זיינען ניט זיכער אין זייערע כוחות זאָלן בלייבן זיצן אין זייערע היימען: אונז זיינען איצט נויטיק מענטשן איבערגעגעבענע מיט לייב און לעבן פאַר זייער פאָלק, מענטשן וואָס זיינען גרייט מקריב צו זיין זיך פאַר אים. די אַלע וועלכע פילן זיך גענוג שטאַרק צו ברענגען זיך אַליין פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון ליבע צו זייערע געדריקטע, צערויבטע און אומגליקלעכע ברידער — זאָלן תיכף אַרויס אין וועג און קומען קיין אָדעס. דאָרט וועלן זיי באַקומען די פאַר־אָרדענונגען וועגן דער רייזע קיין ארץ־ישראל״.

און כדי צו פאַראייביקן דעם טאָג מיטן וואָרט ענדיקט זיך דער בריוו: „היינט פאָרט אַרויס די ערשטע קבוצה פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין יפו״.

י״ט תמוז תרמ״ב (1882) זיינען אַרויף אויפן ברעג פון יפו די ערשטע ביל״ויים: דרייצן יונגע חברים און איין חברה און מיט זיי אַ דעלעגאַט, וועלכער האָט זיי באַגלייט אין וועג: ישראל בעלקינד, איינער פון די גרינדער פון ביל״ו. אין אַנדערהאַלבן מאָנאַטן שפּעטער זיינען געקומען נאָך זיבן חברים פון מאָסקווע און מיט נאָך אַ חודש שפּעטער נאָך דריי חברים, אַזוי האָט די ערשטע גרופּע ביל״ויים געציילט פיר און צוואַנציק מאַן. זיי האָבן געדונגען פאַר זיך צוויי צימערן ביי אַן אַראַבער אין אַ וויטן פּרדס

פון יפו. איין צימער האָט געדינט אַלס עס־און שלאָף־צימער פאַר די חברות און דער צווייטער צימער — אַלס שלאָף־צימער פאַר די בחורים.

גאַר גיך זיינען זיי געשטעלט געוואָרן פאַר דער פשוטער עקזיסטענץ־פראַגע. זייערע געלט־מיטלען זיינען געווען זייער באַגרענעצט און געווען געגוג נאָר אויף איין וואָך צייט. און ווו קריגט מען אַרבעט? אין יפו האָבן דאַן געלעבט עטלעכע הונדערט משפחות־יידן, וועלכע האָבן געצויגן זייער פּרנסה פון קרעמעריי און קליין־האַנדל. די אַראַבישע פּרדסנים האָבן געצאָלט גראָשנס זייערע אַרבעטער און באַהאַנדלט זיי ווי שקלאַפן.

איין האָפענונג צו קריגן פּאַסנדע אַרבעט איז געווען מקוה־ישראל, וועלכע האָט זיך שוין דאַן געטובלט אין גרינס און בלומען. נעטער האָט געחלומט צו פאַרוואַנדלען זי אַלס הכשרה־פּלאַץ פאַר די יידישע חלוצים, ווו זיי קאָנען לערנען ערדאַרבעט, און ווער זיינען די חלוצים פון פאָלק אויב ניט די ביל״ויים?

די ביל״ויים אין זייער פיין

דער פאַרוואַלטער פון מקוה־ישראל איז דאַן געווען הירש, אַ געוועזענער מיליטערמאַן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, אַ ענגהאַרציקער מענטש, אַן געפילן און אַן ליבע צום ציוניסטישן אידעאַל. אין מקוה־ישראל האָבן געאַרבעט אַראַבער, און נאָר אונטערן מאָראַלישן דרוק פון ישוב פלעגט ער פון צייט צו צייט באַשעפטיקן אויך טייל וויז יידן. הירש האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די עולים פון רוסלאַנד: ער האָט געזען אין זיי שנאָרער און ליידיקגייער.

קעגן זיין ווילן האָט ער צוגענומען די ביל״ויים צו דער אַרבעט, און ווען זיי זיינען מיט פרייד געקומען דעם ערשטן טאָג אַרבעטן אין מקוה־ישראל — האָט ער זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון אַן אַראַבישן משגיח און געהייסן אים אַרויפלייגן אויף זיי די שווערסטע אַרבעט.

שווער צו באַשרייבן די עינויים, וועלכע הירש האָט זיי פאַרשאַפט. י. מ. פינעס, וועלכער האָט געזען זיי אין דער שווערער אַרבעט, שרייבט אַז „זייער אַרבעט איז ענלעך צו דער אַרבעט פון די נעגערס־שקלאַפן אין אַמעריקע, אַזוי ווי זי ווערט באַשריבן אין „דער געצעלט פון טאָמען״...״

די ערשטע אַרבעט זייערע איז געווען שטיין אין די גרויסע היצן פון חודש אב, איינגעבויגן אויף אַן אַקעראייזן און אויסוואָרצלען די ווילדע גראָזן פון דער פאַרהאַרטעוועטער ערד. די לופט ברענט און זויגט אויס די מאַרך פון די ביינער, דער רוקן האַלט ביים צוזאַמענברעכן זיך פון ווייטיק, די הענט פול מיט מאָזאָליעס און וונדן, און דער אַראַבישער משגיח שטייט איבער זיי און שרייט: יאַללאַ! יאַללאַ! און לאָזט ניט קיין רגע זיך אָפּ־

רוען. הירש אַליין שטייט צווישן די בוימער כדי איבערציַיגן זיך ווי די סטודענטן זייַנען מקיים זייערע חלומות וועגן אַרבעט אין ארץ־ישראל. און אין אָוונט ביים באַצאָלן דעם לוין פאַר דער אַרבעט איז זיי הירש מקבל פנים מיט קללות און געשרייען: „איר זייט פויל, איר באַגזלט דעם אַליאַנס“.

אָבער הירש באַנוגנט זיך ניט מיט דעם. ער באַשליסט „אַרויס־טרייבן די משוגעת פון די ביל״ויים און צווינגען זיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד“. ער שטעלט זיי רייסן די פעפער־פרוכט, און שפעטער ווען די ביל״ויים בעת דער הפסקה פון דער אַרבעט וואַשן אָפּ זייערע הענט און געזיכטער, נעמט זיי אַרום אַ שרעקלעכע בייסעניש פון דעם פעפער. דער ווייטיק איז אַ שרעקלעכער. זיי וואַרפן זיך אין קאָנוווּלסיעס, און הירש מיט די אַראַבער שטייען אַרום און „פּלאַצן פון געלעכטער“. ער שיקט זיי אויך רייניקן די קלאָזעטן, און די ביל״ויים זאָגן זיך אויך ניט אָפּ פון דער אַרבעט.

זיי זייַנען בייגעשטאַנען דעם נסיון, אַרבעטן ביז איבער די כוחות מיט געשוואָלענע הענט און אויסגעבויגענע רוקנס פון ווייטיק. זיי האָבן געראַטעוועט דעם כבוד פון פאָלק און דורך דעם אויך זייער אייגענעם כבוד. פּינעס איז געוואָרן איינער פון זייער פריינט און פאַרערער. און שפעטער ווען זייערע ליידן און גבורות זייַנען מפורסם געוואָרן אין דער וועלט, רופן זיי אַרויס ערשטוינונג און פאַרערונג ביי אַלעמען.

צוזאַמען מיט זייער מלחמה מיט הירשן און מיט די אויסערלעכע שוועריקייטן, אויף וועלכע זיי האָבן זיך גובר געווען, זייַנען זיי געשטעלט געוואָרן אין נסיון פון אינעווייניקסטע סכסוכים צווישן זיך — און דאָס האָבן ניט אַלע אויסגעהאַלטן. די שווערע אַרבעט האָט קראַנק געמאַכט אַ טייל פון די חברים, און צו דער אַרבעט פלעגן אַרויסגיין נאָר אַכט־ניין מאַן יעדן טאָג. זייערע פאַרדינסטן האָבן קוים געקלעקט אויף ברויט און דירה־געלט. ס׳איז ניט געווען אפילו קיין געלט אויף צוקער צו טיי, אָדער צו קויפן פּאָסט־מאַרקן אויף בריוו. די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיי באַגלייט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן זיך געזען אַלס אָנפירער פון דער קבוצה, און אין דער צייט ווען די ביל״ויים האָבן זיך געפּייניקט אונטער הירשס האַנט, זייַנען זיי געזעסן אין צימער אָדער אין יפו און געפּאָדערט פאַר זיך די פירערשאַפט אין אַלע ענינים. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו קריגערייען צווישן די חברים.

איין האָפענונג האָט זיי געשטאַרקט אין זייערע ליידן, אַז אָט־אָט וועט געלונגען די חובבי־ציון אין חוץ־לארץ קריגן ביי דער טערקישער רעגירונג באָדן פאַר זיי און דאַן וועלן זיי אויפבויען אַ קאָלאָניע אַלס מוסטער פאַר אַלע. דעריבער איז כדאי צו הונגערן און ליידן אַ געוויסע צייט, ביז די לאַגע וועט זיך ענדערן צום גוטן. די האָפענונג דריקן זיי אויס אין זייערע

בריוו צו באַקאַנטע אין לאַנד און אין רוסלאַנד. זיי דערציילן זייערע ליידן און בעטן אַ געלט־שטיצע.

אָבער אַט זיינען איין טאָג די דעלעגאַטן מודיע זייערע חברים, „אַז ס׳איז שוין ניטאָ מער צו האָפן אויפן צענטראַל־קאָמיטעט. אַלע זיינע השתדלותן האָבן ניט געהאָלפן. איצט מוזן מיר דאגהען אַליין אויף אונזער גורל״. די האָפענונג איז אויסגעלאָשן געוואָרן מיט איין מאָל. אין האַרצן פאַרשטאַרקט זיך די מחשבה, אַז ס׳איז ניטאָ נאָך וואָס צו בלייבן אויפן אָרט. מען דאַרף אַנטלויפן פון דאַנען. הירש וועט מנצח זיין.

נעטער און די ביל״ויים

אָבער אין דער פינצטערניש האָט ווידער אויפגעשיינט אַ ליכט: נעטער האָט זיך אומגעקערט פון איראָפּע קיין מקוה־ישראל. מיט זיין קומען האָט זיך פאַרבעסערט דער מצב פון די ביל״ויים. ער האָט אָראָפּגענומען פון זיי דעם אַראַבישן משגיח, געשטאַרקט זיי מיט גוטע ווערטער און אויך פאַרגרינגערט זייער אַרבעט.

איין טאָג האָט נעטער אָפּגעצאַמט אַ שטח באָדן, און די פקידים האָבן דערציילט די ביל״ויים בסוד, אַז דאָ וועט אויפגעבויט ווערן אַ הויז פאַר זיי און אַז זיי אַליין וועלן אים בויען.

די שטימונג פון די ביל״ויים פאַרבעסערט זיך גיך. זיי קלייבן אויס אַ דעלעגאַציע, וועלכע שטעלט זיך פאַר נעטערן און דערציילט אים וועגן זייערע פּלענער. נעטער הערט זיי שיין אויס און זאָגט: „זייט ניט אומעטיק און פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך! ווינטער וועט איר שוין אַזוי ניט ליידן. ווען דאָס הויז וועט זיך ענדיקן בויען, וועל איך אייך נעמען אַהער, כ׳וועל פאַרגרעסערן אייער געהאַלט כדי איר זאָלט ניט לעבן מער אין דחקות, און כ׳גלויב אַז פרילינגס־צייט וועט איר אויך האָבן אייגענעם באָדן״.

אפשר האָט נעטער געזען אין זיי די פּאַסנדע מענטשן צו פאַרווירקלעכן זיין חלום, וועלכן ער האָט געחלומט מיט צוועלף יאָר צוריק? דער גייסט פון די ביל״ויים האָט ווידער אויפגעלעבט. זייער האָפענונג איז נאָענט פאַרווירקלעכט צו ווערן.

אָבער דער גרויזאַמער גורל האָט זיי ווידער געשלאָגן. פּלוצעם איז נעטער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן (1882). מיט גרויס כבוד איז ער באַגלייט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אין מקוה־ישראל, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט. צוזאַמען מיט אים זיינען אויך באַגראָבן געוואָרן זייגע גרויסע חלומות אויף מקוה־ישראל און די ביל״ויים.

זיין טויט האָט געטראָפן ווי אַ דונער די ביל״ויים, וועלכע האָבן שוין ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן די קלעפּ פון דעם גורל. זיי פּרוּוון זיך נאָך

שטאַרקן איינער דעם צווייטן מיט האָפענונגען. איינער פון זיי זאָגט:

„דער אידעאַל איז נאָך אונז זייער טייער... פאַרגעסט ניט, רבותי, אז קיינער האָט אונז ניט געבעטן זיין גואלים פאַרן פאָלק, מיר אַליין האָבן אויפגעהויבן מיט שטאָלץ די פאָן... ניט די פראַגע פון אונזער קיום שטייט איצט פאַר אונז, נאָר דער גרויסער אויפלעבונגס־אידעאַל, וואָס מיר זיינען זיינע טרעגער... מיר טאָרן ניט אַרויפלאָזן אויפן געדאַנק די סכנתדיקע מחשבה וועגן פאַנאַנדערלאָזן אונזער קבוצה“.

די ווערטער האָבן צוגעגעבן מוט אַ טייל חברים, אָבער די מערהייט האָט פאַרלאָזן דעם אָרט: זיבן חברים האָבן זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, דריי זיינען אַריבער קיין ירושלים זוכן דאָרט אַרבעט, פינף זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קבוצה נאָך אַ שאַרפן און ביטערן ויכוח איבער דעם ווייטערדיקן אָרט לעבן פון דער קבוצה, און ס׳זיינען איבערגעבליבן נאָר ניין חברים, וועלכע האָבן געשוואָרן טראָגן ווייטער מיט שטאָלץ זייער פאָן. אָבער אויך זיי אין האַרצן האָט געעגבערט דער ספק: צי ס׳וועט קומען אַן ענדע צו זייערע ליידן?

ווער וועט העלפן?

אָט דאָס איז די מגילה פון דער ערשטער עליה: זעקס מושבות צעשפּרייטע איבערן לאַנד, אַ קבוצה פון חלוצים־גבורים אין נאָך עטלעכע צענדליקער עולים אין די שטעט. ניט קיין סך איז עס פאַר אַ פאָלק, וואָס איז דערוויטערט געוואָרן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר פון זיין ערד און האָט שטענדיק מתפלל געווען אומצוקערן זיך צו איר. אָבער אויך דאָס ווייניקע איז געווען אַ שווערער לאַסט פאַרן אָרעמען פאָלק, וואָס נאָר איינצלנע ביי אים האָבן געגלויבט אין דער נאָענטקייט פון דער גאולה. אַזאַ גרויסע אַרבעט ווי אומוואַנדלען אַ פאָלק פון סוחרים אין ערד־אַרבעטער פאָדערט מיטלען פון אַ רעגירונג. אַזעלכע מיטלען האָט געקאָנט שאַפן נאָר אַ פאָלק פאַראייניקט אין איין דערקענטניש, אָדער גרויסע געלט־מאַגנאַטן. אָבער די חובבי־ציון זיינען געווען נאָר אַ קליינער טייל פון פאָלק, און פון וואַנען וועט דערשיינען אַזאַ געלט־מאַגנאַט מיט אומגעהויערע גרויסע געלט־מיטלען, וועלכער וועט זען זיין געלט־כוח אַלס פקדון אין זיינע הענט צו העלפן דאָס פאָלק?

יב. אַ גואל און גואלים

אָז תָּקוּם גַּם אַתָּה לְגוֹרָלְךָ וְנִגְאַלְתָּ —
אָז תָּקוּם גַּם אַתָּה לְגוֹרָלְךָ וְגָאַלְתָּ —
(פרישמן „משיח").

די משפחה ראָטשילד

און דער גואל איז דערשינען אין געשטאַלט פון באַראָן בנימין ראָטשילד, וועלכער האָט מיט זיין מסירות פאַרן פאָלק דערמאָנט די גאָלדענע קייט פון יידישע מנהיגים, וועלכע האָבן אויף זייערע פּלייצעס געשלעפּט די דאגות פון יידישן כלל. בנימין ראָטשילד האָט מיט זיין אויפטוען פאַר ארץ־ישראל געשאַפן אַ נייעם טיפּ פון אַ יידישן מנהיג. און מערקווירדיק: גלייך נאָך מאָנטיפיאָריס טויט שטעלט ער זיך צו דער אַרבעט, וועלכע מאָנטיפיאָרי האָט אָנגעהויבן. זיין שטערן האָט אויפגעשיינט אויפן ארץ־ישראל האָריזאָנט גלייך ווי ס׳איז פאַרלאָשן געוואָרן מאָנטיפיאָריס שטערן.

די משפחה ראָטשילד, וועלכע איז געווען פאַרערט אין נייַנצענטן יאָרהונדערט אַלס די רייכסטע משפחה אין דער וועלט, האָט געשטאַמט פון פראַנקפורט־אַם־מיין. זייער משפחה־נאָמען האָבן זיי באַקומען לויטן רויטן שילד, וועלכער איז געהאָנגען אויף זייער הויז אין דער יידישער גאַס.

צוערשט האָט די משפחה אין פראַנקפורט זיך פאַרנומען מיט פעדלעריי. זיי פלעגן אַרומטראָגן זייערע סחורות איבער די דערפער. דער ערשטער פון דער משפחה, וועלכער האָט אויפגעהערט פעדלען און גענומען האַנדלען מיט גאָלדענע מטבעות איז געווען מאיר אנשיל ראָטשילד. ער האָט זייער מצליח געווען אין זיינע געשעפטן. זיינע פינף זין האָבן זיך באַזעצט אין די הויפט־שטעט פון אייראָפּע און געעפנט דאָרטן בענק, וועלכע האָבן קאָנצענטרירט די הויפט־געלט־מיטלען פון אייראָפּע. מיט זייער רייכטום האָבן די ברידער ראָשילד משפיע געווען אויף אַלע ענינים אין אייראָפּע אין נייַנצענטן יאָרהונדערט. זיי האָבן געליען געלט די פאַרשיידענע רעגירונגען;

זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע באַן־קאָמוניקאַציע אין ענגלאַנד און פראַנקרייך און פאַרלייגט די שיפס־געזעלשאַפטן אין עסטרייך; זיי האָבן אָפגעקויפט ביים מצרישן קעניג די מערהייט אַקציעס פון סועץ־קאַנאַל און פאַרקויפט זיי דורך דער פאַרמיטלונג פון בנימין דישראלי — ענגלאַנד. אַזוי אַרום האָבן זיי איבערגעגעבן איר די הערשאַפט אויף מצרים און אויף די וועגן וואָס פירן קיין אינדיע. די גאַנצע אַרבעט האָבן געפירט די ברידער ראָטשילד אין אחדות און האַרמאָניע. זיי זיינען געווען שטאָלץ אויף זייער אחדות, זיי האָבן די דאָזיקע אחדות באַצייכנט אויפן באַראָן־עמבלעם, וועלכע ס'האָט זיי ערטיילט דער עסטרייכישער קייזער: אַן אויסגעשטרעקטע האַנט מיט פינף פיילן. פירנדיק זייערע גרויסע אונטערנעמונגען האָבן זיי ניט פאַרגעסן זייער פאָלק און זיינע באַדערפעניש. יאָרן־לאַנג האָבן זיי געפירט אַ קאַמף מיטן פראַנקפורטער סענאַט, ביז וואַנען ער האָט באַשטעטיקט בירגעררעכט פאַר יידן; ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן בלוט־בלבול אין דמשק, האָט יעקב ראָטשילד געשיקט מאָנטיפיאָרין מיט קרעמיען אין נאָענטן מזרח, שטעלנדיק צו זייער רשות גרויסע געלט־מיטלען, און זיי איז טאַקע געלונגען צו באַפרייען די אומשולדיקע יידן; זיי פאָדערן גלייכע בירגער־רעכט פאַר די יידן אין די באַלקאַן־לענדער און באַקומען עס; ווען ס'ברעכט אויס אַ פאָגראָם אין אַלזשיר, וועלכע געפינט זיך אונטער דער פראַנצויזישער הערשאַפט — דראָען די ברידער ראָטשילד צו פאַרלאָזן פאַריז — און דער פאָגראָם ווערט אָפגעשטעלט. נאָך די פאָגראָמען אין רוסלאַנד רייסט איבער די ראָטשילד־משפחה אירע באַציאונגען מיט דעם דאָזיקן לאַנד. די פינף ברידער ראָטשילד זיינען אויך טרייע זין צו זייערע פאָלקס־טראַדיציעס און טראָגן הויך די פאָן פון יידישקייט. זיי דערציען זייערע קינדער אין גייסט פון יידנטום און שטייען אויף דער וואַך פון יידישן כבוד. אַזוי האָט זיי פאַרזאָגט זייער פאָטער מאיר אַנשיל, און זיין צוואה זיינען זיי מקיים. דער ווילן אָפצוהיטן דעם יידישן כבוד האָט געבראַכט דערצו, אַז לעאָניל ראָטשילד, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעפוטאַט צום ענגלישן פאַרלאַמענט, האָט ניט געוואָלט שווערן די דעפוטאַט־שבועה לויטן קריסטלעכן נוסח. דער ענגלישער פרעמיער האָט דאַן פאָרגעלייגט פאַרן דעפוטאַטן־הויז אַ נייעם נוסח שבועה פאַר יידן. דער נוסח איז אָנגענומען געוואָרן דורך דעם פאַרלאַמענט, אָבער איז אָפגעוואָרפן געוואָרן דורכן לאָרדן־הויז. אין משך פון עלף יאָר איז לעאָניל ראָטשילד אויסגעקליבן געוואָרן פיר מאָל אַלס דעפוטאַט, אָבער ער איז ניט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון פאַרלאַמענט, ביז ס'איז געלונגען לאָרד ביקאָנספילדן דורכצופירן דעם נוסח אויך אין לאָרדן־הויז.

מאיר אַנשל האָט אויך פאַרזאָגט אין זיין צוואה זיינע זין און טעכטער,

אַז זיי זאָלן היטן אויף דער יידישקייט פון זייער משפחה און ניט חתונה האָבן מיט קריסטן. אויך דאָס האָבן די ראָטשילדס אָפּגעהיט. זייער נאָמען האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. דאָס פּאָלק האָט גע־שאַפן הונדערטער געשיכטעס, לעגענדעס און וויצן אַרום דעם נאָמען. עס איז כדאי דאָ צו דערמאָנען שלום־עליכם׳ס שאַפונג: „ווען איך וואָלט געווען ראָטשילד״!

און אָט וואָס ס׳האָט געטאָן בנימין ראָטשילד פאַר ארץ־ישראל.

בנימין ראָטשילד און זיין פאַמיליע

דער ערשטער פון די ברידער ראָטשילד, וועלכער האָט זיך פאַראינ־טערעסירט מיט ארץ־ישראל, איז געווען יעקב. דער בלוט־בלבול פון דמשק האָט אויפגעוועקט אין אים די ליבע צום לאַנד. דרייצן יאָר שפּעטער שיקט ער זיין זון גוסטאַוו אין ירושלים, ווו ער עפנט אויף פאַרשיידענע צדקה־אַנשטאַלטן, וועלכע טראָגן נאָך ביזן היינטיקן טאָג דעם נאָמען פון ראָט־שילדן: ראָטשילדס האָספּיטאַל, די מיידל־שול אויפן נאָמען פון ראָטשילדן און אַנדערע. דריי יאָר שפּעטער קומט אַלפאָנס, גוסטאַווס ברודער אויף פסח אין ירושלים און שענקט אַ גרויסע סומע געלט אויף דער שול חורבת רבי יהודה החסיד, וועלכע מען האָלט דאַן אין בויען. דער דריטער ברודער זייערער, בנימין, איז געווען דער, וועלכער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט־שטיין פון דעם גרויסן יידישן אויפלעבונגס־ווערק אין לאַנד.

בנימין איז דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה, וועלכע איז געווען דורכ־געדרונגען מיט ליבע צו ארץ־ישראל. זיין פאָטער און זיינע ברידער האָבן געשענקט אויפמערקזאַמקייט ארץ ישראל. זיין מוטער האָט געשטיצט העב־רעאישע שרייבער אין פּאַריס. זיין לערער, ד״ר אַלבערט כוהן, איז געווען פון די ערשטע חובבי־ציון, באַטייליקט זיך אין „המגיד״, געשטאַנען אין בריוו־קאָנטאַקט מיט הרב קאַלישער און האָט באַגלייט גוסטאַוון אין זיין רייזע קיין ירושלים. זיינע פריינט זיינען געווען קאַרל נעטער און אלכסאַנדער דיומא (דער זון), וועלכער האָט זיך באַקלאָגט פאַר בנימין ראָטשילד אויף די יידישע אַסימילאַטאָרן וואָס האָבן אויסגעלאַכט זיין ציוניסטישע דראַמע, וועלכע ער האָט דאַן פאַרעפנטלעכט. דיומא זעט דעם שלעכטן סוף, וועלכער ערוואַרט די אַסימילאַטאָרן. דער פאַרוואַלטער און פאַרטיילער פון די צדקה־געלטער ביי זיי אין הויז איז געווען מיכאל ערלאַנגער, אַ שפּראַך־פאָרשער און אַ קענער אין חכמת־ישראל, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין דער קאָטאָוויצער קאָנפערענץ אַלס קאַסירער פון „מזכרת משה״. דער פאַ־מיליע־אַדוואָקאַט איז געווען אַדאָלף קרעמיע. און אַ נאָענטער איינגייער אין זייער הויז איז געווען הרב צדוק הכוהן, דער פּאַריזער רב, אַ מיטגליד

אין „אַליאַנס־פאַרוואַלטונג, אַ קעמפער קעגן אַנטיסעמיטיזם און אַן איבער־געגעבענער חובב־ציון. בנימין אַליין איז געווען אַ מענטש מיט אַ פיין פילענדן האַרץ, אַ ליבהאָבער פון קונסט און פון קינסטלער. מיט אַ באַזונ־דערער ליבע האָט ער ליב געהאַט זיין פאָלק און זיין קולטור, דעריבער האָט ער גלייך אויסגעשטרעקט זיין הילף צום ערשטן רוף פון ציון.

דער באַראָן און הרב מאָהילעווער

נאָך די פאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן אין רוסלאַנד איז געקומען קיין פאַריז הרב מאָהילעווער זוכנדיק ווי אַזוי צו פאַראינטערעסירן די יידישע גבירים מיט ארץ־ישראל. דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַריזער רב, צדוק הכוהן, האָט דער באַראָן מסכים געווען אויפצונעמען אים ביי זיך. סוכות תרמ״ג (1882) האָט דער באַראָן זיך געטראָפן מיט הרב מאָהילעווער. דער רב האָט דערציילט ראָטשילדן וועגן דער חובבי־ציון־באַוועגונג און אים פאָרגעלייגט קויפן ערד אין ארץ־ישראל. דער באַראָן האָט מסכים געווען צו קויפן באָדן אין לאַנד נאָר לויט די פאָלגנדע תנאים: א) ניט ער און ניט קיינער אין פאַריז וועלן ניט ראָטן קיינעם פאַרלאָזן רוסלאַנד און עולה זיין אין ארץ־ישראל, ווייל צוליב פאָליטישע טעמים קאָן דאָס ברענ־גען פיל שאָדן; ב) ער וועט שטיצן די מתישבים נאָר דאַן, ווען ער וועט זיך איבערצייגן, אַז זיי זיינען פעאיק צו ערדאַרבעט; ג) זיין נאָמען זאָל ניט פאַרעפנטלעכט ווערן. חוץ דעם האָט ער פאַרזיכערט מאָהילעווערן, אַז אויב ס׳וועלן זיך געפינען צען־צוועלף יידישע ערדאַרבעטער, וועלכע אַרבעטן אין דער לאַנדווירשאַפט פון זייער יוגנט און וועלן נאָך עטלעכע חדשים אַרבעט אין מקוה ישראל זיך אַרויסווייזן אַלס פעאיקע צו לאַנדווירטשאַפט — וועט ער גרינדן פאַר זיי אַ מושבה אין לאַנד.

מאָהילעווער האָט דערנענטערט דעם באַראָן צו ארץ־ישראל, אָבער אין דעם באַראָנס האַרץ האָט געעגבערט דער ספק: אויב די רוסישע יידן זיינען פעאיק צו ערדאַרבעט. קאַרל נעטער, דער מומחה פאַר ארץ־ישראל, האָט באַשטעטיקט אַז די רוסישע יידן טויגן זיך ניט צו ערדאַרבעט, און דער באַראָן האָט געגלויבט זיין פריינט נעטערן. איצט האָט מאָהילעווער דער־וועקט אין זיין האַרץ אַ ספק. נאָר מעשים וועלן אים קאָנען איבערצייגן.

דער באַראָן אַלס גואל פון ארץ־ישראל באָדן

און איין טאָג איז געקומען צו אים צדוק הכוהן און דערציילט אַז אַ שליח פון ארץ־ישראל געפינט זיך אין פאַריז און דערציילט זייער אינ־טערעסאַנטע זאַכן וועגן לעבן אין לאַנד.

דער יונגער שליח איז געווען יוסף פיינבערג פון ראשון־לציון, וועל־

כער האָט גערעדט אַ סך אייראָפּעאישע שפּראַכן און איז אויסגעקליבן גע־וואָרן דורך די קאָלאָניסטן צו פאָרן קיין חוץ־לארץ און זוכן הילף פאַר דער מושבה, וועלכע ראַנגלט זיך שווער פאַר איר קיום.

פיינבערג האָט אומזיסט אָפּגעקלאַפּט די טירן ביי פאַרשיידענע גבירים, און צום סוף איז ער אָנגעקומען קיין היידעלבערג און פּראָפעסאָר שאַפּירא האָט אים געגעבן אַ בריוו צו הרב צדוק הכוהן. דער באַראָן האָט אויפגענו־מען פיינבערגן און געהערט פון אים וועגן די ליידן פון די ראשון׳ער קאָ־

באַראָן ראָטשילד

לאָניסטן און וועגן זייערע גרויסע חלומות און האָפענונגען. פיינבערגס רייד האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן באַראָן און ער האָט אים געפרעגט: „מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן?" פיינבערגס ענטפער איז געווען: „הער באַראָן, מיר דאַרפן נאָר אַ ברונעם און אַן אַגראָנאָם". דער באַראָן האָט גלייך געהייסן לייען די קאָלאָניסטן דרייסיק טויזנט גאָלד־פראַנק און שיקן זיי אַן אַגראָנאָם, און געבעטן האָט ער פיינבערגן אַז ער זאָל ניט פאַר־

עפנטלעכן זיין נאָמען, ווייל דאָס קאָן שאַדן דעם ישוב אויב אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל וועט מען זיך פון דעם דערוויסן.

די געשעעניש האָט געעפנט אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון ארץ־ישראל־אויפבוי. און דאָס אין יוסף פיינבערגס זכות. מיט אַ קליינעם סכום האָט דער באַראָן אָנגעפאַנגען זיין טעטיקייט פאַר ציון, אָבער אין יאָר תרצ״ה (1935), ווען דער באַראָן איז נפטר געוואָרן — איז דער חשבון געווען גאָר אַ געוואַלטיקער: דריי און פופציק יאָר פון זיין לעבן האָט ער געזאָרגט פאַר ארץ־ישראל; ער האָט געגרינדעט און געבויט ביי 40 ישובים, אויסגעלייזט 400,000 דונאַם באָדן, אויפגעשטעלט צענדליקער גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען און געשאַפן אַ פאַרצווייגטן העברע־אישן שול־וועזן אין לאַנד. אין דעם האָט ער אַריינגעלייגט 150 מיליאָן גאָלד־פראַנק — אַ סומע וועלכע איז גרעסער פון די אַלע געלטער וואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט תורם געווען פאַרן קרן קימת לישראל אין דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ. ער האָט אויפגעבויט אַ ניי לאַנד, פאַרוואַנדלט מדבר אין גערטנער, אויפגעצויגן אַ נייעם לעבעדיקן ישוב אויף וויסטע און חרובע ערד. ווער ווייסט ווי מיר וואָלטן היינט אויסגעזען, ווען ניט די גרויסע אויפבוי־טעטיקייט פון באַראָן ראָטשילד.

פריילעכע און מיט אַ גוטער שטימונג האָבן זיך אומגעקערט פון פאַריז הרב מאָהילעווער און פיינבערג. אומעטום האָבן זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ס׳איז געפונען געוואָרן אַ גואל פאַר ארץ־ישראל, אָבער ער וויל ניט מגלה זיין זיין נאָמען. אָבער גאָר גיך איז אַרויס דער סוד, און אַלע האָבן געוווסט ווער ס׳איז דער וווּנדערבאַרער אַנאָנימער גואל. דאָך איז אין משך פון לאַנגע יאָרן גערופן געוואָרן דער באַראָן „הנדיב הידוע״ אין די צייטונגען, אין בריוו און אין אסיפות.

„מיר האָבן געפונען וואַסער!״

ראשון לציון האָט אויפגענומען מיט שמחה די הילף פון באַראָן, וועלכער האָט באַשטימט הירשן צו פאַרטיילן די געלט־שטיצע צווישן די אָרעמע פאַמיליעס. איצט איז די מושבה צוגעטראָטן צו גראָבן אַ ברונעם. וואָכן און מאָנאַטן האָט זיך געצויגן די אַרבעט — און צו וואַסער איז מען ניט דערגאַנגען. מען האָט געמוזט אומבייטן די מאַשינען אויף אַנדערע, וועלכע קאָנען גראָבן טיפער. פון פאַריז זיינען געשיקט געוואָרן די נייע מאַשינען. די אַראַבער וועלכע האָבן אָנגעהויבן גראָבן דעם ברונעם האָבן זיך ניט געקאָנט אָריענטירן אין דעם געבוי פון די קאָמפּליצירטע מאַשינען און די יידן, וועלכע זיינען ניט געווויינט געווען צו אַזאַ אַרבעט, האָבן גע־

ליטן פון קאָפּ־שווינדל און פלעגן אַוועקפאַלן אין חלשות אַראָפּגייענדיק אין טיפעניש פון דער ערד ביים גראָבן דעם ברונעם. צום סוף האָבן זיך פרייוויליק אונטערגענומען דריי קאָלאָניסטן פאַרצוזעצן די אַרבעט. צווישן די דריי איז אויך געווען חיים חיסין, איינער פון די ביל״ויים, וועלכע זיינען אַריבער וווינען אין ראשון לציון. מיט סכנת־נפשות פלעגט מען זיי אַראָפּ־לאָזן יעדן פאַרטאָג אין ברונעם און אַרויפהויבן אין אָוונט. אַלע קאָלאָניסטן פלעגן זיך זאַמלען אַרום ברונעם וואַרטנדיק אויף דער בשורה פון וואַסער — און קיין וואַסער איז ניט געפונען געוואָרן. דער ספק האָט זיך גענומען אַריינגנבענען אין אַלעמענס הערצער: ווער ווייסט, אפשר איז זייער גאַנצע מי אומזיסט, זיי וועלן מוזן פאַרלאָזן דאָס אָרט, און אַלץ אַרום, די פעלדער און די גערטנער וועלן ווידער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּוסטעניש.

אָבער איין טאָג איז דערהערט געוואָרן דער געשריי פון די טיפע־נישן פון ברונעם: וואַסער! דאָס איז געווען די שטים פון חיסינען, וועל־כער האָט גערופן און אָנגעזאָגט אַלע דורות, פון וואָס ס׳איז אָפּהענגיק דער עתיד פון ישוב. אין געשריי פון ביל״וי, וועלכער האָט געאַרבעט מיט די מיטלען פון הנדיב הידוע און געפונען וואַסער, האָבן די דורות געהערט דעם רוף פון גורל: דריי זאַכן וועלן אויפלעבן אייער לאַנד: אמונה, געלט מיטלען און וואַסער!

און רירנד דערציילט חיסין אַליין וועגן דער געשעעניש:

„כ׳האָב גענומען שרייען מיטן גאַנצן כוח: וואַסער!!!

אויך מיינע חברים האָבן זיך פלוצעם אָנגענומען מיט בטחון און געשריען מיט מיר: וואַסער! וואַסער! ס׳זאָל לעבן ראשון־לציון!

ווילדע קולות האָבן געשאַלט אַרום.

— וואַסער! וואַסער! — האָט מען געשריען אויבן ביים ברונעם. — וואַסער! — האָט געענטפערט דער אָפּקלאַנג אין די בערג. מיט אַ אומגע־הייערער שנעלקייט האָט זיך פאַרשפּרייט די פריידיקע בשורה איבער דער גאַנצער מושבה. אַלע זיינען געקומען צולויפן פון די פעלדער, אפילו אַ קינד אין וויג איז ניט געבליבן. אַלע, פון קליין ביז גרויס, האָבן געשטראָמט צום ברונעם ,צום לעבנס־קוואַל. אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן די אָפּקלאַנגען פון די שיסערייען און אויסגעשרייען: „הידד! וואַסער!”. מען איז געשפּרונגען, געטאַנצט, געדאַנקט גאָט, געהאַלזט זיך, געוויינט ווי קליינע קינדער. מען האָט ניט געקאָנט איינשטילן די צעהולטעטע מענטשן. קיינער האָט ניט געוווסט געַנוי, וואָס ס׳איז געשען. מען האָט אַראָפּגעוואָרפן אונז אַ צעטל און געבעטן תחנונים ווי מען בעט אַ חסד — נאָר איין טראָפּן וואַסער. מיר האָבן אַראָפּגעלאָזן דעם עגבער און אַרויפגעהויבן אַ ביסל נאַסע זאַמד. און מיין גאָט! וואָס ס׳האָט זיך דאָס אָפּגעטאָן אין דער הויך

מיט דער ביסל בלאָטע! מען האָט זי געכאַפּט איינער פון דעם אַנדערן, און פון דורשט, פון אומגעהויערן גליק, וועלכן מ'קאָן ניט אָפּמאָלן אין ווערטער, האָבן זיי זי אַראָפּגעשלונגען... צום סוף האָט מען געפּאָדערט, אַז מיר, די ברענגער פון דער שמחה, זאָלן אַרויפגיין אין דער הויך. און ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן ווער פון אונז איבערן ברונעם — גלייך האָט מען אים גענומען קושן, האַלזן און הויבן אין דער לופטן מיט שגעון. אין אַ פּאָר שעה שפּעטער זיינען געקומען צו אונז אַ סך געסט מיט וואַרימע ווונטשן און ברכות. מיר האָבן פאַרבראַכט אַ טאָג, וואָס נאָר ווייניקע אַזעלכע זיינען דאָ אין מענטשנס לעבן".

דער באַראָן שיצט די עולי ציון

צוזאַמען מיט די געלטער איז אויך אָנגעקומען אין ראשון־לציון אַן אַגראָנאָם אַ קריסט פון פראַנקרייך מיטן נאָמען: דיגור. דער אַגראָנאָם האָט גענומען לערנען די קאָלאָניסטן פלאַנטאַציע־צוכט און גענומען פלאַנצן פּרוכט־גערטנער ווי אויך זייען תבואות. ער האָט זייער ווייניק געוווסט פון די לאַנד־אייגנשאַפטן, און די פאַרזייטע תבואה אויף די זאַמדן איז ניט אויפגעגאַנגען. דער זומער פון יאָר תרמ"ג (1883) האָט ווידער געטראָפן די קאָלאָניסטן אין נויט, אָבער דער באַראָן איז געקומען זיי צו הילף. ער האָט געשיקט ערלאַנגערן אין ארץ־ישראל, וועלכער האָט אָפּגעקויפט פון צבי לעוואָנטין זיין באַדן אין דער מושבה און גענומען אויף זיך זאָרגן פאַרן קיום פון די קאָלאָניסטן ביז וואַנען זיי וועלן קאָנען זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס.

אויך פאַר די ביל"ויים האָט געעפנט דער באַראָן זיין האַנט. אין זיינע לעצטע בריוו האָט נעטער געבעטן ביים באַראָן, ער זאָל זיי נעמען אונטער זיין שוץ. דער באַראָן האָט דעריבער באַפוילן הירשן איבערפירן די ביל"ויים קיין ראשון־לציון. איין טאָג, ווען די ניין ביל"ויים וואָס זיינען איבערגע־בליבן אין מקוה־ישראל זיינען געשטאַנען און געאַרבעט אין אַ מצב־רוח פון יאוש, איז צוגעגאַנגען צו זיי הירש און פאַרגעלייגט זיי איבערצוגיין אין ראשון־לציון, וווּ זיי וועלן באַקומען באַדן און אויך הייזער וועלן געבויט ווערן פאַר זיי. די ביל"ויים האָבן גלייך פאַרשטאַנען אַז דער באַראָן גע־דענקט אויף זיי, און זיי האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג.

אין יענעם יאָר איז אויך דערגאַנגען צום באַראָן דער הילפסרוף פון די קאָלאָניסטן אין סאַמאַרין און ראש־פינה. דעם באַראָנס שליח, וועלכער האָט באַזוכט דאַן דאָס לאַנד, אליהו שייד האָט איבערגעגעבן ראַפּאָרטן וועגן דיליידן פון די קאָלאָניסטן אין די צוויי מושבות, און ער האָט גלייך גענומען אויך זיי אונטער זיין שוץ. די מושבה סאַמאַרין האָט ער אַ נאָמען

געגעבן זכרון־יעקב, אויפן נאָמען פון זיין פאָטער, וועלכער האָט אין אים איינגעפלאַנצט די ליבע צו ארץ־ישראל.

די גרינדונג פון עקרון

דערווייל האָט הרב מאָהילעווער געזוכט יידן ערדאַרבעטער אין רוס־לאַנד, כדי מיט דער צוגעזאָגטער הילף פון ראָטשילדן צו באַזעצן זיי אויף דער ערד אין ארץ־ישראל. ער האָט זיי געפונען אין אַ דאָרף נעבן דעם שטעטל ראַזשינאַי אין פוילן. ער האָט אויסגעקליבן עלף משפחות, וועלכע האָבן צוזאַמען געציילט 101 נפש, און איבערגעפירט זיי קיין ארץ־ישראל. אין משך פון אַ יאָר האָבן זיי געאַרבעט אין מקוה־ישראל אונטער דעם רעזשים פון הירשן. אָבער זייענדיק געזונט און געוווינטע צו שווערער אַרבעט פון זייער יוגנט, זיינען זיי בייגעשטאַנען דעם נסיון. הירש האָט ממליץ געווען אויף זיי ביים באַראָן, און ער האָט געקויפט אַ שטח באָדן אין דאָרף עקר און באַזעצט אויף אים די עלף משפחות פון ראַזשינאַי. די קאָלאָניסטן האָבן גערופן זייער דאָרף עקרון, אָבער דער נדיב האָט גערופן דעם ישוב מזכרת בתיה, אויפן נאָמען פון זיין מוטער, וועלכע האָט איינ־געפלאַנצט אין אים די ליבע צו אַלעס וואָס ס׳איז יידיש.

ניט קיין נדיב נאָר אַ חובב־ציון

צוויי יאָר זיינען אַריבער זינט דער נדיב הידוע האָט אויסגעשטרעקט זיין ערשטע הילף פאַר די מתישבים אין ראשון־לציון — און שוין זיינען געווען אונטער זיין שוץ פיר קאָלאָניעס, וועלכע האָבן געפאָדערט שטענ־דיקע אויפמערקזאַמקייט. דער באַראָן גיט זיך איבער מיט לייב און לעבן צו דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט ניט ווי קיין בעל צדקה נאָר ווי אַן אמתער איבערגעגעבענער חובב־ציון, וועלכער זעט אין ארץ־ישראל דעם איינציקן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע. צו דעם צוועק האָט ער געווידמעט זיין גאַנצע פינאַנציעלע קראַפט.

די קאָלאָניעס געניסן פון דער ברכה

סוף סוף זיינען די אַגראָנאָמען געקומען צום באַשלוס, אַז דער באָדן פון ראשון־לציון טויג ניט פאַר קיין תבואה און איז גוט נאָר פאַר וויינ־גערטנער. אַ לענגערע צייט האָבן די קאָלאָניסטן זיך ניט געקאָנט שיידן מיטן געדאַנק צו זיין פעלד־אַרבעטער, וועלכע זייען און שניידן די תבואות פון זייער ערד. אָבער צום סוף האָבן זיי מסכים געווען, און אויף זייער באָדן האָבן ראָטשילדס אַגראָנאָמען געפלאַנצט וויינטרויבן. אָבער ווו וועט פאַרקויפט ווערן אַזאַ שפע פון וויינטרויבן? ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער

אויסוועג נאָר צו פאַרלייגן אַ וויין־אינדוסטריע וועלכע וועט געפינען אירע אָפּזאַץ־מערק אין חוץ־לארץ. צו דעם צוועק האָט ראָטשילד געלאָזט בויען אין ראשון־לציון אַ וויין־קעלער, וועלכער איז, ווי מען זאָגט, דער צווייטער אין דער וועלט לויט זיין גרויס. פאַרשיידענע מומחים האָבן באַאַרבעט די ווייַנטרויבן און געשאַפן פיל סאָרטן פון הערלעכן וויין און קאָניאַק, וועלכע פלעגן געשיקט ווערן צום פאַרקויף אין חוץ־לארץ. דער קאָלאָניסט איז באַפרייט געוואָרן פון אַלע פרנסה־דאגות. ער פלעגט זיינע ווייַנטרויבן אַריינפירן אין יקב און באַקומען זייער ווערט. דער באַראָן האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט דעם, ער האָט געבויט אין ראשון־לציון שיינע הייזער פאַר זיינע פקידים און פאַר די אָרעמע משפחות, ווי אויך בנינים פאַר צוויי שולן, אַ שיינעם בית־מדרש, אַ בית־חולים, אַן אַפּטייק און אַ פאָלקס־הויז. אין מיטן פון דער מושבה האָט ער געפלאַנצט אַ פרוכט־פרדס און באַמיט זיך צו פאַרברייטערן דעם שטח פון דער קאָלאָניע. צו דעם צוועק האָט ער געקויפט נאָך באַדן אויפן גרענעץ פון ראשון־לציון און באַזעצט אויף אים נאָך משפחות. ער האָט געצאָלט די געהאַלטן פון די לערער, דאָקטוירים, גבאים און שמשים פון קלויז. אין משך פון אַ קורצער צייט איז ראשון־לציון פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רייכע און לעבנס־רוישנדע מושבה.

אויך זכרון יעקב האָט אויפגעלעבט אַ דאַנק דעם באַראָן. ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט די מושבה, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון זיין פאָטער. ער האָט געבויט דאָ זייער שיינע הייזער פאַר די קאָלאָניסטן און פאַר זיינע פקידים, און אויך אַ קלויז אין סטיל פון די פראַנצויזישע בתי־מדרשים האָט ער אויפגעשטעלט אין דער מושבה. אויך דאָ האָט ער גע־לאָזט פלאַנצן ווייַנגערטנער און געבויט אַ יקב פאַר דער וויין־פּראָדוקציע.

אויך אַ טייל פון ראש פינה׳ר באָדן איז פאַרפלאַנצט געוואָרן דורך ווייַנטרויבן. דאָ האָט דער באַראָן געגרינדעט אַ ראָזינקעס־אינדוסטריע און פּראָדוצירט זיסן וויין. אויפן איבעריקן באָדן האָט דער באַראָן, לויט דער עצה פון מומחים, געהייסן פלאַנצן זיידוועררים־בוימער און געבויט אַ פאַב־ריק צו שפּינען זייד. אין אַ קורצער צייט האָט די מושבה אויפגעלעבט. ס׳זיינען געבויט געוואָרן נייע הייזער פאַר די קאָלאָניסטן, פאַר די פקידים און אַרבעטער פון די ראָזינקעס און זייד־אינדוסטריע. אויך אַ שול און אַ בית־מדרש האָט דער באַראָן געבויט אין דער מושבה. געפלאַנצט אַליין בוימער און אַ שיינעם גאָרטן נעבן דעם הויז פון הויפּט־פקיד. ראָטשילד האָט דאָ אויך געקויפט באָדן צו פאַרגרעסערן די מושבה און אין משך פון אַ פּאָר יאָר איז ראש־פינה געוואָרן די גרעסטע קאָלאָניע אין לאַנד מיט אירע פיר און דרייסיק טויזנט דונאַם באָדן אַנשטאָט דריי טויזנט דונאַם, וועלכע זי האָט געציילט ביי איר גרינדונג.

און אָט קומען צום באַראָן שליחים פון פינף און צוואַנציק משפחות פון בעסאַראַביע. זיי גיבן אים אָפּ אַ קליינע סומע געלט, וועלכע זיי האָבן צונויפגעזאַמלט צווישן זיך און בעטן אים קויפן פאַר זיי באָדן אין לאַנד. דער באַראָן איז צופרידן פון דעם פאָרשלאַג, ווייל פון לאַנג איז שוין זיין מיינונג, אַז אַלע באָדן-קניות אין לאַנד דאַרפן קאָנצענטרירט ווערן אין איין האַנט, כדי ניט צו פאַרטייערן דעם באָדן און כדי ניט צו רייצן די טערקישע פקידים. לויט זיין באַפעל קויפן זיינע פאָרשטייער אין לאַנד טויזנטער דו־נאַמען באָדן פון דאָרף קאַסטינה אין דרום. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער באַקומט די נייע מושבה איר נאָמען באר־טוביה.

דערווייל לייגט אים פאַר איינער פון די חובבי־ציון דעלעגאַטן, אַז ער זאָל שיקן קיין ארץ־ישראל יונגעלייט פון רוסלאַנד, כדי זיי זאָלן לערנען ביי זיינע מומחים לאַנדווירטשאַפט און גערטנעריי און שפעטער דינען אַלס מדריכים פאַר די קאָלאָניסטן. ראָטשילד נעמט אָן דעם פאָרשלאַג. שוין לאַנג איז ער ניט צופרידן פון דעם וואָס ער מוז שיקן קריסטלעכע אַגראָנאָ־מען צו פירן זיינע מושבות. די חובבי־ציון קלייבן אויס זעקס יונגעלייט, וועלכע קומען אין ארץ־ישראל און אין משך פון אַ יאָר לערנען זיי אין זכרון־יעקב ביי דעם באַראָנס אַגראָנאָם און דערנאָך באַזעצן זיי זיך אין די מושבות אַלס מדריכים פאַר די קאָלאָניסטן. איינער פון זיי איז געווען יצחק עפשטיין, פון די אויפלעבער פון עברית אין לאַנד.

אָבער דער באַראָן וויל אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל אַרבעטן פאַר דעם גרויסן אידעאַל. ער אַליין וויל נאָר דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע. דערי־בער לאָזט ער איבער פאַר די חובבי־ציון די זאָרג פאַר די ביל"ויים און פאַר די מושבות פתח־תקוה און יסוד־המעלה.

די ביל"ויים אין ראשון לציון

די ביל"ויים, וועלכע זיינען אַריבער קיין ראשון־לציון, האָבן גענומען קומען צו זיך. הירש האָט זיי אָפּגעגעבן אַ גרויסן צריף, וועלכער האָט גע־דינט אַלס וווין־אָרט פאַר זיי און אַלס אַ שטאַל פאַר זייערע דריי פערד. איצט האָט מען שוין מער ניט אַרויפגעלייגט אויף זיי ספעציעל שווערע אַרבעט. — פאַרקערט לעוואָנטין האָט זיי אויפגענומען מיט שמחה און דער אַגראָנאָם דיגור האָט זיי געלערנט לאַנדווירטשאַפטלעכע קענטנישן. זייער צריף איז געוואָרן דער צענטער פון דער מושבה, ווו די יוגנט פון ראשון־לציון פלעגט פאַרברענגען אין די אָוונטן. די בשורה איז דערגאַנגען צו די ביל"ויים וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבערן לאַנד און אין מצרים און זיי האָבן זיך גענומען אומקערן צוריק צו דער קבוצה. אויך פון רוסלאַנד זיינען

אָנגעקומען נייע עולים־ביל״וּיים. אַזוי אַרום האָבן די ביל״וּיים געציילט צום סוף ווינטער 27 חברים.

זייער גליק האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די ביל״ו־צענטראַלע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט דערזען, אַז די ביל״וּיים האַלטן ביים באַזעצן זיך אין ראשון־לציון און אַ שרעק איז זיי באַפאַלן: וואָס וועט זיין מיטן גרונט־געדאַנק פון ביל״ו? אַט־אַט וועלן זיי באַקומען אַ דערלויבעניש פון סולטאַן צו קויפן ערד אין לאַנד און גרינדן אַ מוסטערהאַפטע מושבה. די צענטראַלע שיקט גלייך צוויי דעלעגאַטן אין לאַנד משפיע צו זיין אויף די ביל״וּיים, זיי זאָלן זיך ניט באַזעצן אין ראשון־לציון, און ביטערע ויכוחים הויבן זיך אָן ביי זיי וואָס ברענגען צו קריגערייען.

די שפּאַלטונג ביי די ביל״וּיים

דערווייל איז אויך הירש ניט מקיים זיין הבטחה. די דריי נייע הייזער וועלכע ער האָט געבויט פאַר די ביל״וּיים, גיט ער אַוועק אַנדערע קאָלאָניסטן. די גאַנצע מושבה גייט איבער אונטער דעם באַראָנס אויפזיכט, אָבער די פראַגע פון די ביל״וּיים ווערט ניט געלייזט. זיי בלייבן הענגען אין מיטן, ספק קאָלאָניסטן ספק פועלים. די אַנטוישונג איז גרויס, און דער גרעסטער טייל פון די ביל״וּיים — און מיט זיי די פאַן זייערע — גייט צוריק איבער קיין מקוה־ישראל. די מינדערהייט, מיט ישראל בעלקינדן בראש, בלייבט אין ראשון־לציון.

אין אָנפאַנג האָט הירש זייער שיין אויפגענומען די ביל״וּיים, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט קיין מקוה־ישראל, אויסגעהערט זייערע פאָדערונגען און צוגעזאָגט שטיצן זיי ביים באַראָן, בתנאי אַז זיי זאָלן מוותר זיין אויפן קאָלעקטיוויסטישן יסוד פון זייער מושבה, וועלכע זיי ווילן גרינדן ווי אויך אויפן געדאַנק פון זעלבסטפאַרוואַלטונג, אָן אַן אַדמיניסטראַטאָר. די ביל״וּיים האָבן ניט מסכים געווען דערצו, און הירש, דער פראַנצויזישער מיליטער־מאַן, האָט געזען אין דעם אַ פגיעה אין זיין כבוד. ער שיקט איבער זייער פּלאַן צום באַראָן מיט זיין נעגאַטיווער מיינונג וועגן אים.

אַ צווייטן ווינטער, אַ שווערערן נאָך פון ערשטן, פאַרברענגען די ביל״וּיים אין מקוה־ישראל. הירש לייגט אויף זיי אַרויף די שווערסטע אַרבעט, דערנידעריקט זייער כבוד און מאַכט זיי צו שפּאָט און צו שאַנד אין אַלעמענס אויגן. אָבער אין יענע פינסטערע טעג שיינט אויף אַ ליכט איבער זיי פון אַ ניט־פאָרויסגעזעענעם אָרט.

פינעס און די ביל״וּיים

די ליידן פון די ביל״וּיים האָט אַרויסגערופן פאַרערונג ביי אַלע

„חובבי־ציון". איינער פון זיי, יחיאל־מיכל פינעס, פון ירושלים האָט זיך באַגייסטערט פון די ביל"ויים און געוואָרן זייער איבערגעגעבענער פריינט.

אין דער ריכטיקער מינוט, ווען דער יאוש האָט געהאַלטן צו באַזיגן זיי, האָט איבער זיי אויפגעשיינט דער שטערן פון פינעסן. זייערע יסורים האָבן זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. פון די האָפענונגען וועלכע זיי האָבן געלייגט אויף די לשכה פון די חובבי־ציון אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ רויך. ראָטשילד, שטיצנדיק זיך אויף דער שלעכטער מיינונג פון הירשן וועגן די ביל"ויים, ווי אויך וועלנדיק שטעלן אין אַ נסיון די מעגלעכקייטן פון די חובבי־ציון אַליין, האָט אָפּגעזאָגט זיין הילף די ביל"ויים. הירש האָט זיי באַשוועררט דאָס לעבן און פלעגט זיך כסדר ווענדן צו זיי מיט אַ פאָרשלאָג: „נעמט אויף הוצאות און פאָרט קיין אַמעריקע!" ווער ווייסט וואָס וואָלט געווען דער סוף פון די ביל"ויים ווען ניט פינעס, וועלכער פלעגט מונטערן זיי מיט זיינע וואַרימע רייד, צוזאָגנדיק זיי אַז ער וועט אויספועלן ביי די חובבי־ציון אַז זיי זאָלן זיך זאָרגן פאַר זייער צוקונפט. דערווייל, וועלנדיק זיי שטאַרקן, האָט ער זיי איינגעלאַדן צו זיך אויף פסח קיין ירושלים.

די ביל"ויים האָבן עולה־רגל געווען קיין ירושלים אויף פסח אין יאָר תרמ"ד (1884), צוויי יאָר נאָך זייער עליה אין לאַנד. די עליה קיין ירושלים האָט זיי צוגעגעבן מוט איבערצוטראָגן זייערע ליידן און פאַרשטאַרקט זייער בונד מיטן לאַנד. פינעס האָט רעכט געהאַט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז ניטאָ נאָך אַזאַ צויבערקראַפט, וועלכע זאָל אָנפילן די יידישע הערצער מיט אמונה, ווי ירושלים טוט עס.

דעם ערשטן טאָג חול־המועד פסח זיינען זיי אַרויס צו פוס פון מקוה־ישראל קיין ירושלים. דער וועג צווישן די הרי יהודה האָט געעפנט די טויערן פון זייער פאַנטאַזיע, און זיי האָבן זיך אַזוי ווי אומגעקערט צו די אוראַלטע צייטן, ווען די מלכים און די נביאים האָבן געטראָטן אויף אָט דער ערד; און אַזוי ווי זייערע אורעלטערן, וועלכע זיינען עולה געווען אויף יום־טוב אין ירושלים — אַזוי זיינען אויך געגאַנגען די ביל"ויים, און אַזוי האָט פינעס מיט זיינע חברים זיי אויפגענומען, ווי מען נעמט אויף עולי־רגל. זיי זיינען אַרויס אַקעגן זיי, פונקט ווי די אַמאָליקע ירושלימער איינוווינער, וועלכע פלעגן אַרויס אַקעגן די עולי־רגל און פרעגן זיי: „ברידער אונזערע, איז אייער קומען מיט שלום?" אָבער ניט אין בית־המקדש האָט זיי פינעס געפירט — נאָר גלייך, איידער זיי האָבן זיך אָפּגעוואַשן פון וועג־שטויב, זיינען זיי געגאַנגען צום כותל־המערבי זיך מתיחד זיין מיט דער וויינענדיקער שכינה אויף די חורבות פון בית־המקדש.

ביים כותל האָבן די ביל"ויים געעפנט זייערע הערצער פאַר זייערע

געפילן און וויטיקן. זיי האָבן געקלאַפּט מיט זייערע קעפּ אָן די אַלטע שטיינער און געוויינט אויפן קול ווי ר׳ יהודה הלוי אין זיין צייט: „ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך!״ און די ירושלימער יידן, וועלכע האָבן גע־קוקט צוערשט מיט שפּאָט אויף די סטודענטן, זיינען איינציקווייז צוגעשטאַ־נען צו די ביל״ויים און צוזאַמען געקלאָגט מיט זיי אויפן קול.

אַ פּאָר גליקלעכע טעג האָבן פאַרבראַכט די ביל״ויים אין ירושלים. די טעג האָבן זיי פאַרבראַכט אין שפּאַצירן אין די היסטאָרישע ערטער, און די אָוונטן האָבן זיי צוזאַמען מיט פינעסן געחלומט און בעראַט זיך וועגן זייער צוקונפט. אסרו־חג האָבן זיי זיך אומגעקערט באַנייטע קיין מקוה־ישראל. ירושלים האָט נאָכאַמאָל זיי פאַראייניקט מיט דעם היימלאַנד און דורך פינעסן האָבן זיי באַנייט זייער אגודה. דער מרכז פון ביל״ו האָט פון איצט געדאַרפט זיצן אין ירושלים און פינעס איז אויסגעקליבן געוואָרן צו שטיין בראש פון אים. ער האָט גענומען אויף זיך זייערע דאגות — און די גרעסטע פון זיי: צו באַמיען זיך ביי די חובבי־ציון צו פאַרווירקלעכן זייער חלום — גרינדן אַ מוסטערהאַפטן ישוב.

ביל״ו אויפן ברעג פון אונטערגאַנג

ווי ערשטוינט זיינען געוואָרן די ביל״ויים, ווען זיי האָבן אומקערנדיק זיך פון ירושלים געפונען דעם טויער פון מקוה־ישראל פאַרשלאָסן פאַר זיי! הירש האָט געקוקט בייז אויף זייער פריינטשאַפט מיט פינעסן. און ווען זיי זיינען צוריקגעקומען פון ירושלים האָט ער זיי אַנטזאָגט פון דער אַרבעט, ווייל זיי זיינען עולה געווען קיין ירושלים אָן זיין דערלויבעניש. קיינע טענות האָבן ניט געהאָלפן. די ביל״ויים זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מקוה־ישראל.

איצט האָט זיך געדוכט, אַז ס׳איז געקומען אַ סוף צום גרויסן חלום. זעקס ביל״ויים האָבן פון הירשן באַקומען הוצאות און זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אמעריקע. אויפן וועג האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אין פּאַריז און גע־פּרוווט זיך משתדל זיין ביים באַראָן, ער זאָל גרינדן אַ קאָלאָניע פאַר זיי אין לאַנד. אָבער זייערע באַמיאונגען האָבן ניט געהאָלפן. די איבעריקע ביל״ויים האָבן זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד זוכן אַרבעט. אין חוץ־לארץ האָט זיך דערווייל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ביל״ו־באַוועגונג איז אונ־טערגעגאַנגען.

די גרינדונג פון גדרה

איצט האָט פינעס מיט אַלע זיינע כוחות איבערגעגעבן זיך צו דער־האַלטן ביים קיום די ביל״ויים ווי אויך צו באַזעצן זיי אויף ערד. ער האָט

איינגעאָרדנט אַ טייל פון זיי אין ירושלים, גרינדנדיק אַן אַרבעטס־קאָאָפּעראַ־טיוו אונטערן נאָמען „שיבת החרש והמסגר (שה״ו)״. ער האָט זיך געווענדעט צו די חובבי־ציון־אגודות אין וואַרשע, ווילנע, אָדעס און אין אַנדערע שטעט און געפאָדערט פון זיי געלט אויף צו קויפן באָדן פאַר די ביל״ויים. פינעסעס אינטערווענץ טראָגט פרוכט, און פון פאַרשיידענע ערטער קומען אָן גרע־סערע געלט־סומען פאַר די ביל״ויים. אויך די אָרגאַניזאַציאָרן פון קאַטאָ־וויצער קאָנפערענץ שטעלן אַריין די ביל״ויים־פראַגע אויף דער טאָג־אָרדע־נונג פון דער קאָנפערענץ. איצט טרעט צו פינעס זוכן דעם פאַסנדן באָדן פאַר דעם ביל״ויים־ישוב. צוערשט קלערט ער צו קויפן די ערד פון מוצא, אָבער שפּעטער לייגט מען אים פאָר אַ שטח באָדן ביים דאָרף קטרה, ניט ווייט פון יבנה אין דרום, וועלכער האָט געהערט צו אַ פראַנצויז. אַ באַזונ־דערע מעלה האָט געהאַט דער באָדן, ווייל דער פראַנצויז האָט באַקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ דערלויבעניש צו בויען אויף אים הייזער. דער באָדן איז געקויפט געוואָרן, און דעם צווייטן טאָג חנוכה תרמ״ה (סוף יאָר 1884) זיינען אַרויס פון יפו ניין ביל״ויים מיט איין קאָלאָניסט, ניט קיין מיטגליד פון ביל״ו, צוזאַמען צען מאַן צו באַזעצן זיך אויף זייער באָדן אין קטרה, וועלכע זיי האָבן גערופן גדרה, לויט ווי דאָס אָרט ווערט דערמאָנט אין תנ״ך (יהושע). זייער פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון איין אייזל, איין הונט, איין ביקס, איין סאַמאָוואַר, אַ פּאָר אַקעראייזנס, אַ ביסל בעטגעוואַנט און עטלעכע גאָלדענע מטבעות, וועלכע פינעס האָט זיי געגעבן. אָט דאָס איז געווען דאָס פאַרמעגן פון די חלוצים, וועלכע זיינען אַרויס בויען אַ היים פאַר זיך און פאַרן פאָלק. אָבער די ביל״ויים זיינען געווען איבערגליקלעך: נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר פון מאַטערנישן און אַנטוישונגען, האָבן זיי ענדלעך זוכה געווען צו טרעטן אויפן אייגענעם באָדן. מיט פרייד האָבן זיי אָנגעצונדען די ערשטע חנוכה־ליכט אין זייער מושבה — גדרה.

צוערשט האָבן די ביל״ויים אויפגעשטעלט אַ צריף פאַר זיך און פאַר דעם אייזל. ברויט האָבן זיי געבאַקן אין אַ גרוב, וועלכע האָט געדינט אַלס אויוון. אויף צוויי בערגלעך פון זייער באָדן האָבן זיי געפלאַנצט וויינשטאָקן, און היות ווי די גאַנצע חובבי־ציון־באַוועגונג דאַן האָט פאַרערט מאָנטי־פיאָרין, האָבן דעריבער די ביל״ויים גערופן איין בערגל „משה״ און דעם אַנדערן — „יהודית מאָנטיפיאָרי״. אָבער דעם ערשטן וויינשטאָק האָבן זיי גערופן: פינעס.

זייער שווער זיינען געווען די ערשטע טעג פון די ביל״ויים אין גדרה. דער ערשטער צריף איז געווען זייער אַן ענגער, חוץ דעם איז ער געווען פול מיט שפּאַלטן, און די רעגנס האָבן גערונען אין די בעטן און אויף זייער עסנוואַרג. זייער אויוון האָבן זיי געהייצט מיט דערנער, וועלכע

האָבן געריוויכערט און פאַרשאַפט יסורים. זייער ברויט פלעגט אַרויס העלפט פאַרברענט און העלפט רוי. וואַסער צו טרינקען פלעגן זיי באַקומען פון אַראַבישן שכנישן דאָרפס־ברונעם, וועלכער איז געווען פול מיט מיסט. ווינטער פלעגן זיי שעפּן וואַסער פון די וואַדיס און בלאָטעס, ווו אַלע פלעגן טרעטן און וועלכע זיינען פול געווען מיט עקדישן און פּיאַווקעס. ניט איינמאָל נאָכן טרינקען פון וואַסער פלעגט מען דערפילן אַ ווייטיק אין מויל און בלוט פלעגט נעמען ריגען פון אים: אַ פּיאַווקע האָט זיך באַהאַפטן צום

גדרה

גומען און זויגט דאָס בלוט. די אַראַבישע שכנים פלעגן פאַרניכטן די פלאַנ־צונגען און איבערפאַלן די קאָלאָניסטן פון צייט צו צייט. טאָג און נאַכט האָט מען געמוזט שטאַרק אַכטונג געבן אויף זיי, און אַרבעטן מיט איין האַנט ווען די צווייטע האַלט געווער.

אָבער די ביל״ויים האָבן מיט ליבע אָנגענומען די יסורים. זיי בויען פאַר זיך אַ היים, ווי איין משפחה האָבן זיי געלעבט אין אַ קאָלעקטיוו, און

די אָונטן האָבן זיי פאַרבראַכט אין געזאַנג און טאַנץ. באַזונדערס פלעגט די שמחה זיין גרויס ווען פינעס פלעגט זיי באַזוכן.

וויסאָצקי באַזוכט ארץ־ישראל

די קאַטאָוויצער קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן שטיצן די קאָלאָניסטן פון פתח־תקוה, יסוד־המעלה און די ביל״ויים. אָבער ס׳האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן געטענהט אַז די פתח־תקוה׳ר קאָלאָניסטן זיינען רייך און דאַרפן ניט האָבן קיין שטיצע, און אַז די ביל״ויים אין גדרה זיינען אפיקורסים און טויגן זיך ניט צו דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. דעריבער האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן שיקן אַ דעלעגאַציע אין לאַנד, וועלכע זאָל זען דעם מצב פון דער נאָענט און באַשליסן וועגן גורל פון די קאָלאָניסטן פון פתח־תקוה, יסוד־המעלה און גדרה, ווי אויך גרינדן אַן אויספיר־קאָמיטעט פון די חובבי־ציון אין ארץ־ישראל. אַלס דעלעגאַט איז אויסגעקליבן געוואָרן קלונימוס זאב וויסאָצקי, וועלכער האָט מסכים געווען צו פאָרן אויף זיינע אייגענע הוצאות.

דריי מאָנאַטן האָט פאַרבראַכט וויסאָצקי אין ארץ־ישראל. ער האָט באַזוכט אַלע ישובים אין לאַנד און זיך אָפּגעגעבן אויסצופאָרשן די לאַגע פון די קאָלאָניסטן אין פתח־תקוה, יסוד־המעלה און גדרה. ער האָט באַזוכט יעדן קאָלאָניסט, געפאָרשט די לאַגע פון יעדן איינעם און זיינע מסקנות געשיקט צו די חובבי־ציון־אגודות און צום הויפּט־קאָמיטעט. אַ גרויסן רושם האָט אויף אים געמאַכט פתח־תקוה מיט אירע טיכטיקע און פלייסיקע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען געווען רעליגיעזע מענטשן. אויך יסוד־המעלה האָט געפונען חן אין זיינע אויגן, אָבער פון די ביל״ויים האָט ער באַקומען אַ שלעכטן איינדרוק. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז נאָר צוויי פון זיי זיינען געוועזענע סטודענטן און די איבעריקע זיבן זיינען אַרבעטער אָדער סתם־יונגעלייט; אַלס אַ רעליגיעז־געשטימטער ייד האָט וויסאָצקי זיך באַצויגן קריטיש צו די ביל״ויים, וועלכע זיינען געווען פרייגעזאָנענע מענטשן. ער האָט געהאַלטן אַז עס איז אַ פאַרשווענדונג פון געלט צו קאָלאָניזירן ניט־פאַרהייראַטע בחורים. ער האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז די ביל״ויים דאַרפן איבערגעפירט ווערן אַלס לוין־אַרבעטער אין פתח־תקוה, און אויף זייער אָרט דאַרף מען באַזעצן משפחות געבענטשטע מיט אַ סך קינדער.

אָבער וויסאָצקי האָט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט כדי אויסצופירן זיין שווערן משפט אויף די ביל״ויים אין גדרה. ער האָט זיך געווענדעט מיט בריוו צו אַלע חברים פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די „חובבי ציון", ניט ווענדענדיק זיך צו פינסקערן און ליליענבלומען, ווייל ער האָט געוווסט זייער פּאָזיטיווע באַציאונג צו די

ביל״וים. אָבער פּינסקער און ליליענבלום האָבן זיך דערוווּסט פון דעם און האָבן זיך אָנגענומען די עוולה פון די ביל״וים. ליליענבלום האָט זיך געווענדעט צו דוד גאָרדאָן, דעם רעדאַקטאָר פון „המגיד״, און גלייך זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פלאַם־פייערדיקע אַרטיקלען לטובת די ביל״וים. אויך די ביל״וים אַליין האָבן זיך געווענדעט צו אַלע חובבי־ציון אגודות אין רוסלאַנד מיט אַ שאַרפן בריוו קעגן וויסאָצקין. דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט און כמעט אַלע האָבן זיך קעגנגעשטעלט וויסאָצקיס פּלענער וועגן די ביל״וים. אַזוי אַרום זיינען די ביל״וים געבליבן אויף זייער באָדן, און וויסאָצקי איז צוגעטראָטן מיט אָרנטלעכע כוונות איינצואָרדענען גדרה. ער האָט איבערגעפירט פון ראשון־לציון קיין גדרה נאָך מתישבים, צווישן זיי ישראל בעלקינד, יהושע חנקין און חיים חיסין. ער האָט אויך געפּלאַנט צוטרעטן צו בויען דריי הייזער פאַר די ביל״וים, ווי אויך צו גראָבן אַ ברונעם־וואַסער. אָבער די ביל״וים האָבן געמוזט דערפאַר מוותר זיין אויף זייער פריינט פּינעס.

איצט איז צוגעטראָטן וויסאָצקי צו זיין צווייטן ציל: באַשטימען די פאַרטרעטערשאַפט פון די חובבי־ציון אין ארץ־ישראל. ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין באַראָנס וועג און אַרויפלייגן די אַרבעט אויף איין מענטש, וועלכער וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון די חובבי־ציון. דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף אברהם מאַיאַל, אַן אָרנטלעכער און אָנגעזעענער מענטש, וועלכער איז געווען באַהאַוונט אין די שפּראַכן און אין די געזעצן פון דער מדינה. אים האָט וויסאָצקי איבערגעגעבן די אויפזיכט אויף פתח־תקוה, יסוד־המעלה און גדרה.

מיט פרייד און דאַנק האָבן די חובבי־ציון אין רוסלאַנד אויפגענומען וויסאָצקין, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון ארץ־ישראל. איצט, האָבן זיי געגלויבט, וועט די אַרבעט אין ארץ־ישראל זיך פירן אין אַ געהעריקן מאָס־שטאַב אונטער דעם אויפזיכט פון אַ פּאַסנדן און אַ פעאיקן מענטשן.

אָבער דער מזל האָט ניט געדינט די חובבי־ציון. מאַיאַל איז צוגע־טראָטן מיט חשק צו דער אַרבעט. אין אַ קורצער צייט האָט ער געהאָלפן אַ סך איכּרים פון פתח־תקוה צו פאַרפעסטיקן זייער קיום. ער האָט געגומען אונטערהאַנדלען מיט דער רעגירונג אין צפת וועגן יסוד־המעלה און האָט אויפגעשטעלט אין גדרה אַ צווייטן צריף פאַר די קאָלאָניסטן. אָבער פּלוצעם איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. מאַיאַלס טויט איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַרן יונגן ישוב און אַ אבדה וואָס קערט זיך ניט אום פאַר די חובבי־ציון. אָבער באַזונדערס האָט דאָס געטראָפן די ביל״וים. נאָכן טויט פון נעטערן — איז עס געווען דער שווערסטער קלאַפּ פאַר זיי.

פּינסקער האָט באַשטימט הירשן אויף מאַיאַלס אָרט. הירש איז געווען

דער פֿאַרטרויאונגס־מאַן פֿון באַראָן און ער האָט אויך געביטן זיין באַציאונג צו די ביל״ויים און צו די עולים פֿון רוסלאַנד. אָבער הירש איז ניט געווען דער פּאַסנדער מענטש אויף פּאַסנדן אָרט. אין משך פֿן צוויי יאָר האָבן זיך געביטן די פֿאָרשטייער פֿון חובבי־ציון איינער נאָכן אַנדערן, ביז פּינעס האָט זיך אומגעקערט צו פֿאַרנעמען זיך מיט די ענינים פֿון גדרה.

אָבער די חובבי־ציון־באַוועגונג איז געווען צו שוואַך כדי צו קאָנען פֿאַרווירקלעכן די גרויסע חלומות פֿון פּינסקערן. אויך די אויסהאַלטונג פֿון די דריי קאָלאָניעס: פּתח־תקוה, יסוד־המעלה און גדרה איז געווען צו פֿיל פֿאַר אירע כוחות. דעריבער האָבן די קאָלאָניסטן געליטן נויט און הונגער. די ווייניקע שטיצע פֿון די חובבי־ציון פֿלעגט שטענדיק אָנקומען צו שפּעט. די תבואה, וועלכע איז געקויפֿט געוואָרן אויף זריעה, פֿלעגט אָפֿט אויפֿגע־געסן ווערן. די קאָלאָניסטן האָבן געליטן פֿון די אַראַבישע שכנים, פֿון קרענק און דערהויפּט פֿון דעם וואָס זיי האָבן ניט געהאַט פֿאַר זיך קיין פֿירנדע האַנט, וועלכע זאָל זיי לערנען די לאַנדווירטשאַפֿט און שטיצן זיי אין די פֿאַרשיידענע מכשולים. די קאָלאָניסטן פֿון די דריי קאָלאָניעס האָבן זיך מיאש געווען פֿון דער הילף מצד די חובבי־ציון און האָבן געזען זייער ישועה אין באַראָן, וועלכער האָט געהאַלטן אין אַנטוויקלען די אַנדערע ישובים אין לאַנד.

אין יאָר תרמ״ז (1887) דערשיינט הרב מאָהילעווער ווידער פֿאַר דעם באַראָן ראָטשילד און בעט אים נעמען אונטער זיין שוץ פּתח־תקוה, יסוד־המעלה און גדרה.

די רייזע פֿון באַראָן קיין ארץ־ישראל

אין פֿרילינג פֿון יאָר תרמ״ז (1887) האָט ראָטשילד צום ערשטן מאָל באַזוכט ארץ־ישראל. די רייזע האָט געדינט אַלס ווענדעפּונקט אין דער געשיכטע פֿון ישוב. אין דער רייזע האָט ראָטשילד זיך פֿאַרבונדן מיט ליבע צום לאַנד און איר געשוואָרן אייביקע טריישאַפֿט.

ראָטשילד מיט זיין פֿרוי זיינען אַראָפּ אויפֿן ברעג אין יפֿו. דאָ האָבן זיי פֿאַרבראַכט נאָר אַ פּאָר שעה און גלייך זיך געזעצט אויף אַ וואָגן און אַרויס ניט צו די נאָענטע קאָלאָניעס, ווו דער באַראָן האָט אַריינגעלייגט אוצרות פֿון זיין פֿאַרמעגן, נאָר קיין ירושלים. אַ וואָך צייט האָט ער פֿאַר־בראַכט אין ירושלים און די וואָך איז געווען אַ יום־טוב פֿאַרן גאַנצן ישוב. זיינע באַזוכן ביים כותל המערבי און אַנדערע הייליקע היסטאָרישע ערטער האָבן פֿאַרשטאַרקט זיינע פּלענער און מחשבות וועגן עתיד פֿון זיין פֿאָלק. מאָסן פֿלעגן וואַרטן ביי די טירן פֿון זיין האָטעל, און ווי נאָר ער פֿלעגט זיך ווייזן אין גאַס — פֿלעגט מען אים טראָגן אויף די הענט. פֿון ירושלים

איז ער אַרויסגעפאָרן זען די אומגעגנט, באַזוכט יריחו און עבר־הירדן, און ערשט דערנאָך איז ער געפאָרן באַזוכן די מושבות.

זיין ערשטער באַזוך איז געווען אין ראשון־לציון. אין מיטן נאַכט איז ער אָנגעקומען אין דער מושבה, שטילערהייט איז ער אַריין אין דער קאָלאָניע, אָבער אַלע איינוווינער, מענער, פרויען און קינדער זיינען גע־שטאַנען אויף דער גאַס און אויפגענומען אים מיט באַגייסטערונג. אַ גאַנצע נאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום זיין געצעלט טיף געריהרט: די ערשטע נאַכט אויף דער יידישער ערד. פאַרטאָג איז ער אַרויס באַזוכן די וויינגערט־נער און אָפּגעמען אַ דין־וחשבון פון זיינע פקידים. נאָך מיטאָג איז ער געפאָרן קיין עקרון און געקליבן נחת פון די איכרים, וועלכע באַאַרבעטן מיט שווייס זייער באָדן. אומקערנדיק זיך קיין ראשון־לציון איז ער פייער־לעך אויפגענומען געוואָרן דורך די איינוווינער: די זקנים פון דער מושבה האָבן געטראָגן קעגן אים אַ ספר־תורה; אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע קליידער; די פרויען זיינען געווען אויסגעפּוצט אין בלומען, די יוגנט האָט געטראָגן פאַקלען אין די הענט און די קינדער — טויבן מיט איילבירט־צווייגן אין זייערע מיילער.

פון ראשון־לציון איז ראָטשילד געפאָרן קיין זכרון־יעקב. אויפן וועג איז ער אָפּגעטראָטן אויף אַ פּאָר שעה קיין פתח־תקוה. אַלע איינוווינער האָבן אים פייערלעך אויפגענומען. ראָטשילד איז געווען טיף געריהרט, זעענדיק פרומע יידן באַאַרבעטן דעם באָדן פון אונזער אַלטער לאַנד. שפּעט נאָך מיטאָג איז ער אַרויסגעפאָרן אין אַ קאַרעטע צוזאַמען מיט זיין פרוי, אין דער באַגלייטונג פון רייטער, פתח־תקוה׳ר יונגעלייט, קיין זכרון־יעקב. ווען זיי זיינען געקומען נאָענט צו די בערגלעך פון זכרון־יעקב, האָט ראָטשילד געבעטן פון די רייטער זיי זאָלן זיך אומקערן אַהיים. ראָטשילד מיט זיין פרוי און מיט אַ פורמאַן האָבן פאָרגעזעצט דעם וועג. דאַן איז נאָך ניט געווען קיין געפלאַסטערטע וועג אין גאַנצן שרון, און די קאַרעטע האָט זיך געטרייסלט צווישן די שטיינער אויף די פּרימיטיווע וועגן. דערווייל איז געוואָרן נאַכט. זיי האָבן פאַרלאָרן דעם וועג, און די קאַרעטע האָט זיך צעבראָכן אָנשטויסנדיק זיך אָן אויפהער אָן שטיינער. אָבער דער באַראָן אין געווען אומדערשראָקן, ער האָט באַצאָלט דעם פורמאַן און זיך געלאָזט צופוס צוזאַמען מיט זיין פרוי קיין זכרון־יעקב. אַ שטיק אין נאַכט האָבן זיי געבלאָנדזשעט צווישן די בערג פון זכרון־יעקב, און צום סוף האָבן זיי זיך געזעצט אויף דער ערד און געוואַרט אויף טאָג. פאַרטאָג האָבן זיי פאָר־געזעצט זייער וועג, מידע און פאַרשטויבטע, ביז זיי האָבן אָנגעטראָפן אַ קאָלאָניסט, וועלכער האָט זיי געפרעגט, אויב זיי האָבן ניט געטראָפן אין וועג דעם באַראָן מיט זיין פרוי...

שווער פאַרצושטעלן די שטורמדיקע התלהבות פון די קאָלאָניסטן זעענדיק דעם באַראָן, און דערוויסנדיק זיך וואָס ס׳איז געשען מיט אים אין וועג. אָבער דער באַראָן איז געווען רואיק, און אין זעלבן טאָג נאָך איז ער אַרויס באַזוכן די וויינגערטנער און די פעלדער.

פיר טעג האָט ער פאַרבראַכט אין זכרון־יעקב. ער האָט באַזוכט יעדע הויז און געשמועסט מיט די איכרים און זייערע פרויען, געזען די שול און דעם בית־מדרש און געשטאַרקט די קאָלאָניסטן מיט זיינע מונטערע רייד.

פון זכרון יעקב איז ער אַרויס מיט זיין פרוי אויף אַ באַזוך אין גליל. אויף מוילאייזלען האָבן זיי געריטן שעה׳ן לאַנג צווישן שטיינערנע שטעגלעך און צווישן די גלילער בערג, ביז וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען קיין ראש־פינה. דאָרטן האָבן געוואַרט אויף זיי אַלע איינוווינער, מאַסן יידן פון צפת, ווי אויך אָנגעזעענע אַראַבער פון דער סביבה. די דריי טעג, וועלכע זיי האָבן פאַרבראַכט אין ראש־פינה, זיינען געווען אַ יום־טוב פאַר די יידן פון גליל.

פון דאָרטן האָבן זיי געדאַרפט אומקערן זיך קיין חיפה און פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אָבער דער גוטער גורל האָט געבראַכט דערצו, אַז ראָטשילד האָט אין לעצטן מאָמענט באַשלאָסן באַזוכן דמשק. אויפן וועג האָט ער געזען שטרויענע געצעלטן, און זיינע פקידים האָבן אים דערציילט אַז דאָס זיינען די געצעלטן פון די קאָלאָניסטן פון פוילן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט ביי דער חולה. דעם גאַנצן וועג ביז דמשק האָט דער באַראָן זיך איינגעהערט צו די גבורה־מעשים פון די קאָלאָניסטן אין יסוד־המעלה, וועלכע זיינען מקדש דעם נאָמען פון לאַנד און פאָלק, אַזוי ווי זייערע עלטערן האָבן מקדש געווען גאָטס נאָמען, און די ווערטער זיינען אַריין אין זיין האַרצן.

ווירקלעכקייט און טרוים אין באַראָנס רייזע

דריי וואָכן האָט פאַרבראַכט דער באַראָן אין ארץ־ישראל, און אין משך פון דער צייט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן מיט זיין גאַנצער גרויסקייט אַלס ייד און ציוניסט.

אין ירושלים האָט ער צעטיילט גרויסע סומעס געלט צווישן די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. ער האָט אויך געלאָזט מאַכן רעמאָנט אויף זיין חשבון אין די בתי־מדרשים און קלויזן. ער האָט דערקלערט די רבנים דעם גרויסן ווערט פון שלום און אַרבעט. ער האָט דערהויבן דעם יידישן כבוד אין די אויגן פון די אַראַבער, וועלכע האָבן געזען אין אים „דעם יידישן קעניג". אָבער זיין גרויסער חלום וועגן אויסלייזן דעם כותל המערבי שטייגט אַריבער אַלע זיינע מעשים אין ירושלים. שטייענדיק פאַרן כותל און צוהערנדיק זיך צום געוויין פון דער שכינה אויפן חורבן פון פאָלק און

זיין לאַנד, האָט ער געגומען טרוימען דעם גרויסן טרוים פון אָפּקויפן דעם באָדן ביים כותל. ער ווענדעט זיך דאַן צום ירושלימער פּאַשאַ מיט אַ פאָר־שלאַג צו פאַרקויפן אים דעם גאַנצן שטח באָדן ביי דער כותל, און ער, ראָטשילד איז זיך מתחייב צו צעוואָרפן אַלע בנינים אויף דעם אָרט און אויפבויען פאַר די אַראַבישע איינוווינער פּרעכטיקע הייזער אין אַן אַנדער אָרט, ווו נאָר זיי וועלן פאָדערן. צו דעם צוועק איז ער גרייט צו לאָזן זיך קאָסטן ביי אַ מיליאָן גאָלד־פראַנק. ווי ס'ווייזט אויס, איז דער פּאַשאַ געווען גרייט מסכים צו זיין דערצו און געוואָלט זיך ווענדן אין דעם ענין צו די מוזולמענישע אינסטאַנצן. אָבער פּלוצעם האָט ער חרטה געקראָגן. די סיבה פון זיין חרטה איז ניט באַוווּסט. ס'איז דאָ אַ מיינונג, אַז אַ יידישע האַנט האָט זיך אַריינגעמישט און שנאת־חינם האָט געבראַכט דערצו, און אַנדערע זאָגן אַז אומפּאָרזיכטיקייט אין די באַציאונגען מיט די אַראַבישע נכבדים האָט געבראַכט דערצו. אָבער אַזוי צי אַזוי — דער גרויסער טרוים פון גרויסן ייד איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אין ראשון־לציון האָט ראָטשילד אויפגענומען דעם פאָרשטייער פון די חובבי־ציון, וועלכער האָט אים באַגריסט. אויף דער באַגריסונג האָט ער געענטפערט:

„ס'פרייט מיר זייער אייער באַגריסונג. גיב איבער פינסקערן, אַז כ'פריי זיך זייער אויף דער עקזיסטענץ פון די חובבי־ציון... שרייב אים, אַז אויך איך בין איינער פון די חובבי־ציון".

אין עקרון האָט דער באַראָן באַפוילן פאַרגרעסערן די שטיצע פאַר די איכרים און באַפעסטיקן די מושבה.

גדרה האָט ער ניט באַזוכט, אָבער דערוויסנדיק זיך פון דער וואַסער־נויט אין דער מושבה האָט ער געהייסן גראָבן אַ ברונעם אויף זיין קאָסטן — און נאָך אַ סך יאָרןליידן האָבן די גדרה'ער מתישבים אָנגעהויבן טרינקען ריינע וואַסער. דעם ברונעם האָבן זיי גערופן „באר בנימין" אויפן נאָמען פון באַראָן.

אין פתח־תקוה האָט ער פאַרענדיקט, ווי מיט אַ צויבער־שטעקן, דעם לאַנגיאָריקן משפט אויפן „פערטל" באָדן, וועלכער האָט געהערט צו אַראַבער. ער האָט באַצאָלט אַלע מסים דער רעגירונג, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז די מושבה אַריבער אונטער דעם באַראָנס אויפזיכט.

אין זכרון־יעקב האָט ער געהערט וועגן די שלעכטע באַציאונגען פון די אַרומיקע אַראַבער צו די קאָלאָניסטן. ער האָט דאַן איינגעלאַדן ביי צווייהונדערט אַראַבישע נכבדים פון דער סביבה אויף אַ סעודה. פאַר דער סעודה האָט ער פאַרזאַמלט אַלעמען אין קלויז און געהייסן לייענען די עשרת הדברות און איבערזעצן זיי אין אַראַביש. דער מעמד האָט געמאַכט אַ

שטאַרקן איינדרוק אויף די אַראַבער, און זיי האָבן אויפן אָרט געשוואָרן צו לעבן מיט די יידן אין פרידן און שלום. וועלנדיק פאַרברייטערן די מושבה האָט ער געהייסן עפענען אין זכרון־יעקב אַן אַגריקולטור־שול פאַר זעכציק שילער, וועלכע וועלן לערנען דריי יאָר און דערנאָך וועט ער זיי באַזעצן אויפן באָדן אין דער סביבה.

אין ראש־פינה איז ער באַצויבערט געוואָרן פון דער הערלעכער נאַטור אַרום און האָט באַפוילן זיין הויפט־אַדמיניסטראַטאָר אָפּצוקויפן דעם גאַנצן שטח באָדן צווישן דעם ים כנרת און דעם חולה.

אויפן וועג קיין דמשק האָט ער געהייסן זיינע פקידים שטיצן די איכרים פון יסוד־המעלה, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויך די מושבה גענומען געוואָרן אונטער זיין שוץ.

איצט איז געלייזט געוואָרן די פראַגע פון פתח־תקוה און יסוד־המעלה, וועלכע האָבן ווי די פיר אַנדערע מושבות גענאָסן פון ראָטשילדס אָפּענער האַנט.

אין פתח־תקוה האָבן ראָטשילדס פקידים געפלאַנצט עקאַליפּטוס־בוימער און פאַרטריבן פון איר די קדחת. זיי האָבן געפלאַנצט אויף איר באָדן פרוכט־בוימער און געגראָבן ברונעמער, געבויט אַ בית־מדרש, אַ שול און אַן אַפּטייק, ווי אויך געהאַלטן לערער פאַר די קינדער און אַ דאָקטאָר אין דער מושבה.

אויך יסוד־המעלה האָט פריי אָפּגעאָטעמט. אַלע חובות פון די איכרים זיינען באַצאָלט געוואָרן. די געלט פאַרן באָדן איז באַצאָלט געוואָרן אינ־גאַנצן און דער באָדן איז פאַרשריבן געוואָרן אויף ראָטשילדס נאָמען. ראָט־שילד האָט אויך באַקומען אַ דערלויבעניש צו בויען הייזער אין דער מושבה, און נאָך פינף יאָר ליידן האָבן די איכרים געקאָנט אָנצינדן לאָמפּן ביינאַכט אין זייערע הייזער. די אַגראָנאָמען האָבן אויסגעפונען, אַז דער באָדן פון יסוד־המעלה איז גוט פאַר בלומען. עס זיינען אויך געפלאַנצט געוואָרן פרוכט־בוימער און וויינגערטנער. די איכרים האָבן באַקומען קי, אַרבעטס־בהמות, פאַרשיידענע כלים און מכשירים. זעקס יונגעלייט, וועלכע האָבן געלערנט אַגריקולטור אין זכרון־יעקב, זיינען געשיקט געוואָרן קיין יסוד־המעלה, כדי צו לערנען די איכרים ערד־אַרבעט. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט יסוד־המעלה אויפגעלעבט.

נאָר צוויי מושבות זיינען געבליבן מחוץ דער אַפּיטרופּסות פון באַראָן: גדרה, וועלכע האָט פרייוויליק אויסגעקליבן איר וועג און געוואָלט באַקומען די שטיצע פון פאָלק, און נחלת־ראובן, וועלכע האָט געהערט צו ראובן לערער. אָבער אויך די מושבות האָבן גענאָסן פון ראָטשילדס גוטס: די ביל״ויים אין גדרה האָבן געטרונקען וואַסער פון ברונעם וואָס ראָטשילד

האָט פאַר זיי געגראָבן און האָבן פאַרקויפט זייערע וויינטרויבן אין יקב פון ראשון־לציון. אויך לערער האָט געפירט זיינע וויינטרויבן קיין ראשון־לציון און באַקומען פאַר זיי גוטע פרייזן.

אָט דאָס איז דער סך־הכל פון ראָטשילדס ערשטע רייזע קיין ארץ־ישראל. פון דאַן אָן איז דער ישוב געוואָרן זיין הויפּט־זאָרג. די געשעפטן האָט ער איבערגעגעבן צו פירן זיינע באַאַמטע, און מיט ארץ־ישראל האָט ער אַליין זיך פאַרנומען. צענדליקער בריוו פלעגט ער שרייבן אַליין קיין ארץ־ישראל און פלעגט לייענען יעדן בריוו וואָס פלעגט אָנקומען פון דאָרט.

אַזוי אַרום האָט געגומען פאַרווירקלעכט צו ווערן דער דורות־לאַנגער חלום פון יידישן פאָלק. נאָך פינף יאָר זיינען אַריבער זייט די ערשטע חלוצים האָבן אַראָפּגעשטעלט זייער פוס אויפן באָדן פון לאַנד — און שוין האָבן עקזיסטירט ניין מושבות, נייע שכונות זיינען געבויט געוואָרן אין די שטעט, שיפן האָבן געבראַכט אַלץ נייע עולים, און דאָס יידישע לעבן האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן און פליסן אין נייע קוועלן. צוויי שותפים זיינען געווען אין דעם גרויסן אויפטו: דאָס אָרעמע מזרח־יידנטום, וועלכע האָט געגעבן דעם מענטשן־מאַטעריאַל און דאָס מערב־יידנטום, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך דעם מאַן, וואָס האָט מיט זיין גרויסער אמונה און ליבע צו ציון געשענקט איר זיינע גרויסע געלט־מעגלעכקייטן און געגעבן דעם ציון־בוי אַ רעגירונגס־שוואונג. אַזוי אַרום האָבן די ערשטע בויער זוכה געווען צו דער הילף פון באַראָן ראָטשילד, וועלכער ווערט מיט רעכט גערופן: דער פאָטער פון ישוב.

יג. חיבת־ציון בארג־אראָפּ

הַיְחַיּוּ אֶת הָאֲבָנִים מֵעֲרֵמוֹת הֶעָפָר ?
וְהֵמָּה שְׂרוּפוֹת !

(נחמיה ג׳)

רייסעניש צווישן די חובבי־ציון

אין משך פון די ערשטע זעקס יאָר האָט די חובבי־ציון־באַוועגונג געשפּרייזט מיט גרויסע טריט פאָרויס. צען ישובים האָט זי געשאַפן אין לאַנד. זי האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך די בעסטע זין פון פאָלק. גרויסע שרייבער, עסקנים און געלט־מאַגנאַטן האָבן זי געשטיצט. אָבער דאָס פאָלק איז ניט גרייט געווען צו אַזאַ אַנטוויקלונג, און די אָנפירער פון דער באַוועגונג האָבן ניט געוווסט ווי אַזוי אויפצוהויבן זייערע מיטגלידער צו דעם שוווּנג פון דער אַרבעט.

דער פאַרנעם פון דער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד איז ניט געמאַכט געוואָרן לויט אַ פּלאַן וואָס איז באַרעכנט פון פאָרויס. די קאָלאָניסטן האָבן געהאָפט אויף די מיטלען פון דער באַוועגונג, און די חובבי־ציון האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייטן צו שאַפן די געהעריקע געלט־מיטלען פאַר זיי. די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ צווישן די צענטראַלעס אין אָדעס און אין וואַרשע מיט די חובבי־ציון־אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער האָט זיך באַשעפטיקט נאָר מיט געלט־תביעות: פאָדערונגען אויף געלט און דראָונגען אָפּצושטעלן די גאַנצע שטיצע פאַר די קאָלאָניסטן.

ניט אַלע אָרטיקע אגודות האָבן געשיקט זייערע געלטער אין די צענטראַלע אין וואַרשע. דעריבער האָט די צענטראַלע ניט געקאָנט פאַרזיכערן פאָרויס די געלט־שטיצע פאַר די קאָלאָניסטן, און נאָך יעדער תביעה פון ארץ־ישראל פלעגן אַרויס תחנונים־בריוו צו אַלע אגודות וועגן שיקן זייערע געלטער אין צענטראַלע פאַר די ישובים אין לאַנד.

אַ סך האָט אויך געטאָן די קנאה. ביאַליסטאָק און מאָסקווע, וועלכע זיינען ניט אויסגעקליבן געוואָרן אין דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ צו

דינען אַלס צענטראַלעס פאַר דער באַוועגונג, האָבן ניט אויפגעהערט צו זוכן פעלערן אין דער אָנפירערשאַפט. זיי האָבן געטענה׳ט, אַז מען דאַרף גרינדן נייע מושבות אָדער פאַרגרעסערן די עקזיסטירנדיקע, ווי אויך אַז די עקזיסטענץ פון צוויי צענטערס ברענגט שאָדן דער באַוועגונג. זיי האָבן געפאָדערט מבטל מאַכן די צענטראַלע אין וואַרשע און לאָזן נאָר די אין אָדעס.

די סכסוכים האָבן זיך נאָך פאַרשטאַרקט, ווען ס׳איז אַרויס אַ קלאַנג אַז די געלט־ענינים אין וואַרשעווער צענטראַלע פירן זיך ניט אין אָרדענונג. די ביאַליסטאָקער אגודה האָט אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע אגודות, ווו זי האָט פאָרגעשלאָגן צו נאָמינירן ערלאַנגערן אַלס קאַסירער און שיקן נאָר צו אים אין פאַריז אַלע געלטער. דער צירקולאַר האָט פאַרשטאַרקט דעם חשד אויף דער וואַרשעווער צענטראַלע. ס׳האָבן ניט געהאָלפן די עפנטלעכע בריוו פון מאָהילעווערן און וויסאָצקי, וועלכע האָבן ריינגע־וואַשן די וואַרשעווער צענטראַלע. אויך פינסקערס בריוו, ווו ער נעמט אויף זיך די ערבות פאַר די געלטער, וועלכע ווערן געשיקט קיין וואַרשע — האָט ניט געהאָלפן. אַ חשד, וועלכער גנבעט זיך אַריין אין האַרצן, איז שווער אַרויסצוטרייבן. למען השלום האָט דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט, כאָטש פינסקער מיט די וויכטיקסטע חובבי־ציון האָבן אים גענומען אונטער זייער שוץ און האָבן עפנטלעך אָפּגעלייקנט אַלע חשדות. נאָך דעם ווי דער סעקרעטאַר האָט זיך אַנטזאָגט פון זיין פּאָסטן, איז במילא בטל געוואָרן די צענטראַלע אין וואַרשע, און ס׳איז נאָר געבליבן די אין אָדעס.

די סכסוכים האָבן געבראַכט צו דער אָפּשוואַכונג פון דער אַרבעט, צו דער אויסשעפּונג פון די געלט־מיטלען, און האָבן געשטעלט אין סכנה דעם גאַנצן קאָלאָניזאַציע־אויפטו אין לאַנד.

פינסקער האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון דעם אַלעמען און האָט באַשלאָסן אָנטזאָגן זיך פון דער אָנפירערשאַפט אין דער באַוועגונג. דעריבער האָט ער מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאַג צו רופן אַ צווייטע קאָנפערענץ פון די חובבי־ציון.

די דרוזגעניקער קאָנפערענץ

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין קוראָרט דרוזגעניק אין פוילן אין יאָר תרמ״ז (1887). דריי טעג האָט געדויערט די דעבאַטע. דאָ זיינען געקומען צום וואָרט די פאָרשלאָגן פון יעדער אגודה. אַלע סכסוכים זיינען בלאָס געוואָרן ביים ליכט פון דער גרויסער אידעע און דער גרויסער אַרבעט, וועלכע ס׳איז געטאָן געוואָרן אין ארץ־ישראל. די קאָנפערענץ האָט באַ־

שטעטיקט די באַשלוסן פון קאַטאָוויצער קאָנפערענץ, האָט אונטערגעשטראָכן די באַדערפעניש פון גרינדן נייע קאָלאָניעס, האָט איבערגעלאָזן די צענטראַלע אין אָדעס און האָט ניט אָנגענומען די דעמיסיע פון ד״ר פינסקערן, וועלכער איז ווידער אויסגעקליבן געוואָרן איינשטימיק אַלס פּאָרזיצער פון דער באַוועגונג. נאָר קליינע אָרגאַניזאַציאָנעלע חידושים זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף דער דרוזגעניקער קאָנפערענץ: דער נאָמען פון דער באַוועגונג איז פאַראַנדערשט געוואָרן פון „מזכרת משה״ אויף „חובבי־ציון״; די אָנפירער האָבן זיך גערופן „גבאים״, און פינסקער האָט באַקומען דעם טיטל: גבאי ראשון.

דער רושם פון דער קאָנפערענץ איז געווען, אַז ס׳איז געלונגען אומצוקערן דעם שלום אין דער באַוועגונג.

די שפּאַלטונג אין דער באַוועגונג

אָבער אין דער קאָנפערענץ האָט זיך באַוויזן אַ טיפער ריס, וועלכער האָט געדראָט דער גאַנצקייט פון דער באַוועגונג. נאָך פאַר דער קאָנפערענץ אין דרוזגעניק זיינען דערגאַנגען קלאַנגען צו פינסקערן, אַז די פרומע חברים פון חובבי־ציון זיינען ניט צופרידן פון דעם, וואָס די אָנפירערשאַפט פון דער באַוועגונג געפינט זיך אין די הענט פון די „פרייע״ משכילים. פינסקער, וועלכער האָט געגלויבט אין דער אייניקייט פון דער באַוועגונג מיט אַלע אירע שטרעמונגען, לויט ווי זי איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין קאַטאָוויץ, איז איבעראַשט געוואָרן פון די קלאַנגען, און זיין באַשלוס צו אַנטזאָגן זיך פון אָנפירערשאַפט האָט זיך פאַרשטאַרקט. פאָרנדיק קיין דרוזקעניק איז ער אָפּגעטראָטן קיין ביאַליסטאָק צו זען זיך מיט הרב מאָהילעווער. דער רב האָט אים זייער שטאַרק געבעטן, אין דער קעגנוואַרט פון די ביאַליסטאָקער כלל־טוער, אַז ער זאָל צוריקציען זיין דעמיסיע. פינסקער האָט זיך געלאָזן באַאיינפלוסן פון הרב מאָהילעווערס רייד, און פול מיט אמונה האָט ער פאַרגעזעצט זיין רייזע צו דער קאָנפערענץ.

אָבער אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיך פאַרשאַרפט די אינטריגעס. אַלע האָבן געפאָדערט צוציען די רבנים צו דער באַוועגונג, כדי דורך דעם פאַרשטאַרקן די השפעה פון דער באַוועגונג צווישן די פאָלקס־שיכטן, און דער פאָרשטייער פון ביאַליסטאָק האָט געפאָדערט „אַוועקשטעלן בראש פון דער באַוועגונג גרויסע רבנים און אַרויסנעמען די אָנפירערשאַפט פון די הענט פון די משכילים״. פינסקער האָט גלייך מודיע געווען, אַז ער אַנטזאָגט זיך פון דער אָנפירערשאַפט. איצט נעמען אַלע אים איבערבעטן, און די קאָנפערענץ באַשליסט איינשטימיק אויסצוקלייבן פינסקערן בראש פון דער באַוועגונג אַלס „גבאי ראשון״. עס ווערן אויסגעקליבן נאָך זעקס מיטגלידער

אַלס „גבאים", דריי רבנים און דריי פון אַנדערע שיכטן, וועלכע בילדן צוזאַמען מיט פינסקערן די אַנפירערשאַפט פון די חובבי־ציון. די דריי רבנים זיינען געווען: הרב מאָהילעווער, הרב עליאַשבערג און הרב נפתלי צבי יהודה בערלין (הנצי״ב). ליליענבלום איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער צענטראַלע און פינעס — אַלס מפקח פון גדרה.

אָבער כאָטש אויסערלעך איז געלונגען צו דערהאַלטן די גאַנצקייט פון דער באַוועגונג, דאָך האָט ניט געהערשט קיין אמתער שלום צווישן די צוויי טיילן פון די חובבי־ציון: די פרומע און די משכילים. די דריי רבנים פון דער אַנפירערשאַפט האָבן געוואָלט, אַז די צענטראַלע זאָל פאָדערן פון די איכרים זיך פירן פרום, ווי אויך באַשטימען אין יעדער מושבה אַ רב, אַ שוחט און אַ חזן. ס'האָבן ניט געהאָלפן די דערקלערונגען פון פינסקערן און ליליענבלומען, אַז די חובבי־ציון דאַרפן זאָרגן נאָר פאַרן קיום פון די קאָלאָניסטן, און וואָס אַנבעלאַנגט זייערע גייסטיקע באַדערפענישן — דאַרפן וועגן דעם באַשטימען די קאָלאָניסטן אַליין.

די רבנים האָבן געטענהט, אַז די פאָלקס־מאַסן זיינען רעליגיעז געשטימט, און נאָר דאַן וועט די באַוועגונג וועט פירן איר טעטיקייט אין רעליגיעזן גייסט, וועט זי קאָנען צוציען צו זיך די מאַסן. און באמת איז דער מצב פון די חובבי־ציון רבנים געווען ניט קיין אָנגענעמער אין זייערע קהילות, וועלכע זיינען דאַן געווען ווייט פון גאולה־געדאַנק. אַ סך פון די רבנים האָבן געליטן פון רדיפות צוליב זייער ציוניסטישער טעטיקייט, און אפילו הרב מאָהילעווער, וועלכער איז געווען זייער אָנגענומען ביים פאָלק בכלל און אין זיין קהילה ביאַליסטאָק בפרט, האָט אויך ניט געוואָלט אָננעמען אַן אָנפירנדן פּאָסטן אין דער באַוועגונג, זאָגנדיק: כ'בין אַ רב אין מיין קהילה, ווו ניט אַלע זיינען חובבי־ציון, און אַזוי ווי כ'בין מחויב צו טראָגן אויף זיך די דאגות פון מיין עדה, קאָן איך ניט שטיין בראש פון די חובבי־ציון...

די מחלוקת וועגן דער שמיטה

און ס'האָבן זיך געפונען יידן, וועלכע האָבן געבלאָזן דעם פייער פון מחלוקת. די „חלוקה"־לייט אין ירושלים, וועלכע האָב מורא געהאַט אַז די חובבי־ציון־באַוועגונג וועט ברענגען שאָדן דער „חלוקה", האָבן כסדר געשיקט קיין חוץ־לארץ העצע־בריוו קעגן די נייע עולים, וואָס קומען „צעשטערן און חרוב מאַכן די מויערן פון דער אמונה". די מחלוקת האָט געבראַכט דערצו, אַז די הכנסות פון די חובבי־ציון זיינען געוואָרן ווייניקער פון טאָג צו טאָג, און דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק אין לאַנד האָט געליטן.

און אָט האָבן די פאַנאַטיקער געפונען אַ נייע געלעגנהייט צו העצן.

דאָס יאָר תרמ״ט (1889) איז געווען אַ שמיטה־יאָר, וואָס אין איר טאָר מען ניט, לויטן יידישן דין, באַאַרבעטן די פעלדער און גערטנער. די חובבי־ציון האָבן געקראָגן אַ היתר פון פיר רבנים, צווישן זיי מאָהילעווער און עליאַשבערג, לויט וועלכן די יידישע קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל מעגן אַרבעטן אויך אין שמיטה־יאָר. אָבער די ירושלימער קנאים האָבן נאָך איידער ס׳איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער היתר צונויפגערופן אַן אסיפה און אויסגערופן אַן איסור צו אַרבעטן אויף די פעלדער אין דעם שמיטה־יאָר. און גלייך האָבן זיי פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף קעגן די רבנים, וועלכע האָבן מתיר געווען צו אַרבעטן. זיי האָבן זיך אויך געווענדעט צום באַראָן און געפאָדערט פון אים, ער זאָל זיך ניט שטעלן אויף דער זייט פון די פרייע.

צו דער הילף פון די ירושלימער רבנים איז אויך געקומען דער ראָזשינאָיער רב, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין יהוד (פתח־תקוה). ער האָט געאסרט צו באַאַרבעטן דעם באָדן אין שמיטה־יאָר. די עקרונער קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן געאַכטעט דעם רב נאָך פון חוץ־לארץ, האָבן באַשלאָסן צו פאָלגן אים. אויך פינעס איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון ראָזשינאָיער רב, און ער האָט משפיע געווען אויך אויף די קאָלאָניסטן פון גדרה.

דער באַשלוס פון די עקרונער און גדרה׳ר קאָלאָניסטן האָט אַרויס־גערופן פאַרוווּנדערונג אומעטום. דער באַראָן האָט זיך מסתמך געווען אויפן היתר פון די פיר רוסישע רבנים און געפאָדערט פון די עקרונער קאָלאָ־ניסטן צו אַרבעטן אין שמיטה־יאָר ווי געוויינטלעך. פינסקער האָט זיך אויך געווענדעט צו הרב מאָהילעווער, ער זאָל פאַרעפנטלעכן דעם היתר. אָבער הרב מאָהילעווער האָט ניט געוואָלט אַריין אין מחלוקת מיט די ירושלימער רבנים און ניט מפרסם געווען דעם היתר. נאָר אין אַ תשובה אויף אַ בריוו פון גדרה האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג.

דערווייל איז באַוווּסט געוואָרן צווישן די חובבי־ציון דער באַשלוס פון די גדרה׳ער קאָלאָניסטן צו היטן דעם שמיטה־יאָר, און אַ שטורם פון פראָטעסטן האָט זיך אויפגעהויבן אומעטום קעגן די קאָלאָניסטן, „וועלכע זיינען גרייט צו זיצן ליידיק אַ גאַנץ יאָר און וואַרטן אויף די נדבות פון די חובבי־ציון״. דאָס אַלץ האָט פאַרביטערט פינסקערן דאָס לעבן. אין זיינע בריוו צו די אגודות און פינעסן גיסט ער אויס זיין ביטער הארץ אויף די רבנים און אויף די קאָלאָניסטן פון גדרה. ער האָט מורא אַז די מעשה מיטן שמיטה־יאָר וועט אָפּשטויסן פיל מענטשן פון דער חיבת־ציון און אַז אויך דער באַראָן וועט אָפּהאַלטן זיין שטיצע פון ישוב. ער באַפעלט פינעסן און די גדרה׳ער קאָלאָניסטן אומצוקערן זיך צו דער אַרבעט. פינעס און גדרה גיבן זיך אונטער און זיינען מקיים פינסקערס באַפעל.

אָבער די ירושלימער קנאים האָבן ניט אויפגעהערט צו העצן קעגן נייעם ישוב. זיי פאַרפּלייצן חוץ־לארץ מיט העצע־בריוו קעגן די רבנים וואָס שטיצן די קאָלאָניסטן און אויך קעגן דעם באַראָן. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון פאַרשמוצן דעם נאָמען פון הרב עליאַשבערג. דאָסמאָל האָט שוין אויך מאָהילעווער ניט געקאָנט שווייגן, און האָט פאַרעפנטלעכן אָפענע פּראָטעסטן קעגן די ירושלימער רבנים, וועלכע האָבן געהאַט די חוצפה צו באַשמוצן דעם „הרב הגאון הגדול מרדכי עליאַשבערג״.

דער העץ־פּאַמפלעט קעגן הרב עליאַשבערג האָט איבערגעפילט די מאָס, און פון יעדער זייט זיינען אָנגעקומען פּראָטעסטן, וועלכע האָבן באַוויזן אַז דאָס פאָלק קערט זיך אָפּ פון די חלוקה־פאַנאַטיקער. ביסלעכווייז האָט זיך איינגעשטעלט דער „שמיטה־שטורם״, אָבער דער תהום צווישן די פרומע און די פרייע אין דער חובבי־ציון־באַוועגונג האָט זיך פאַרברייטערט. פּינסקער האָט ניט געפונען פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג ווי ענדגילטיק זיך אַנטזאָגן פון דער אָנפירערשאַפט. און ווידער איז גערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג צו זוכן אַן אויסוועג צו דער לאַגע.

די ווילנער קאָנפערענץ

די דריטע קאָנפערענץ פון די חובבי־ציון איז פאָרגעקומען אין ווילנע זומער תרמ״ט (1889). פּינסקער אַליין איז ניט געקומען צו דער קאָנפערענץ מיטן אויסרייד אַז צוליב זיין געזונט־צושטאַנד מוז ער פאָרן קיין איטאַליע. אין דער אסיפה איז דער קריג צווישן די ביידע לאַגערן אויסגעבראָכן מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט. די מחלוקת איז איצט געווען אַרום דעם אָרט פון גבאי ראשון. פּינסקער האָט פאַר דער קאָנפערענץ פאַרגעלייגט אין אַ צירקולאַר צו די אגודות אויסצוקלייבן אויף זיין אָרט אברהם גרינבערגן, אַ רייכער סוחר און אַן איבערגעגעבענער חובב־ציון, אָבער די רבנים האָבן געפאָדערט דעם אָרט פאַר זיך. הרב מאָהילעווער האָט געפאָדערט צו באַשטימען אים מיט פּינעסן אַלס אָנפירער פון דער באַוועגונג. „ניט קיין כבוד פאָדער איך פון אייך, כ׳וויל נאָר דינען אַלס אַ שמש ביי אייך״ — האָט געזאָגט מאָהילעווער. דאָס מאָל האָט ער ניט געוואָלט איינגיין אויף קיין פשרות, ער האָט אפילו ניט מסכים געווען, אַז גרינבערג זאָל אויסגעקליבן ווערן אין קאָמיטעט אַלס דריטער, ער האָט געדראָט צו פאַרלאָזן אינגאַנצן די באַוועגונג, אויב זיין דעה וועט אָפּגעוואָרפן ווערן. אָבער אויך די משכילים האָבן ניט געשוויגן און אויסגעדריקט זייער פאַרוווּנדערונג אויף דער שטעלונג פון די רבנים. אויף די דראָונגען פון מאָהילעווער האָבן זיי געענטפערט, אַז „זיי וועלן בלייבן טריי זייער פאָן״. סוף־סוף איז מען געקומען צו אַ הסכם: ס׳זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דריי גבאים מיט גלייכע רעכט.

דער טיטל „גבאי ראשון" איז ניט געגעבן געוואָרן קיינעם פון זיי, אָבער נאָך לאַנגע און שווערע ויכוחים איז אין פּראַקטיק בײַ דעם נאָמען פון גרינבערגן צוגעגעבן געוואָרן די ווערטער: „אויפן אָרט פון ד"ר פּינסקער". דערפאַר איז איבערגעגעבן געוואָרן מאָהילעווערן און פּינעסן דאָס איינציקע רעכט פון שיקן די געלטער קיין ארץ־ישראל.

די ווילנער קאָנפערענץ האָט דערנידעריקט די באַוועגונג. די ויכוחים און די באַשלוסן זיינען ניט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך. קליינ־לעכע אינטערעסן האָבן גענומען די איבערהאַנט אין די דעבאַטן. דער קאָנפערענץ איז געלונגען צו דערהאַלטן די גאַנצקייט אין דער מחנה. דער תהום האָט זיך אָבער פאַרגרעסערט און געדראָט איינצושלינגען די גאַנצע חיבת־ציון באַוועגונג.

דער שטן טאַנצט אין באַראָנס קאָלאָניעס

די שאָטנס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט און זיינען דערגאַנגען אויך ביז די פעלדער פון ארץ־ישראל, און האָבן פאַרטונקלט דעם גלאַנץ פון דער גאולה.

ניט פאַרויסגעזעענערהייט איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין דעם באַפרייאונגס־פּראָצעס פון פאָלק. התלהבותפולע חלוצים, וואָס האָבן געשטעלט זיך דעם ציל צו ווערן די אויסלייזער פון פאָלק, זיינען דורך נאַכט געוואָרן פאַרמעגלעכע איכרים, וועלכע זיצן אויף קעסט ביים באַראָן. און ראָטשילד, דער גרויסער געלט־מאַגנאַט, איז דורך נאַכט געוואָרן דער גואל, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרווירקלעכן די שטרעבונג פון דורות. ניט ער און ניט די חלוצים זיינען צוגעגרייט געוואָרן צו זייער מיסיע. זיי, די אויסלייזער, האָבן ניט באַקומען קיין צוגרייטונג צו זיין קאָלאָניסטן. נאָר טרעטנדיק אויף וועגן פון גאולה האָבן זיי געפילט איבער זיך די פליגלען פון דער פרייהייט און גענומען אויף זיך דעם יאָך צוזאַמען מיט דער זעלבסט־אויסלייזונג אויסצולייזן אויך דאָס פאָלק. אויך ראָטשילד האָט ניט באַקומען קיין צוגרייטונג צו זיין אַ לאַנד־בעזעצער, אַ מנהיג און אַ פאָלקס־באַפרייער. אָבער שטייענדיק ביים טויער פון דעם גרויסן אויפבוי־ווערק האָט ער געפילט די פליגלען פון דער גאולה איבער זיין קאָפּ און ער האָט געוווסט, אַז ער פילט אויס דעם באַפעל פון דורות. און זיכער וואָלטן די ווילנס זייערע, פון די חלוצים און פון ראָטשילדן, גענומען קלאַפּן אין איין הערצער־טאַקט, ווען זיי וואָלטן געגאַנגען צוזאַמען אָן פאַרמיטלער. אָבער דער שלעכטער מזל האָט גורם געווען, אַז צווישן די קאָלאָניסטן און ראָט־שילדן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דיקע וואַנט — פּקידים מיט טעמפּע געפילן און טעמפּער באַציאונג צו דעם נאַציאָנאַלן אויפבוי פון פאָלק און

לאַנד. פון איין זייט פון דער וואַנט איז געשטאַנען דער פּיאָנער און פון דער צווייטער זייט — ראָטשילד. זיי האָבן גערעדט איינער צום אַנדערן, און איינער האָט ניט פאַרשטאַנען די רייד פון צווייטן.

ראָטשילד האָט געוואָלט טאָן פיל גוטס פאַר די חלוצים און האָט זיי געשיקט פּקידים און פּקידים׳לעך אויסצופירן זיין ווילן. זיי האָבן געזען די פעלדער און גערטנער אַלס ראָטשילדס פּריוואַטן פאַרמעגן און די קאָלאָניסטן — אַלס געדונגענע אַרבעטער, וועלכע פילן אויס אַלע באַפעלן פון זייער ברויט־געבער און באַקומען זייער טאָג־לוין. די דאָזיקע באַציונג האָט זייער שווער באַליידיקט די קאָלאָניסטן און זיי האָבן גענומען מלחמה האַלטן קעגן די פּקידים, כדי צו באַשיצן זייער פרייהייט.

די מעשים תעתועים פון די פּקידים אין ראשון־לציון

אַלס בולטער ביישפּיל פון דעם גערוּאַנגל קען דינען ראשון־לציון. די קאָלאָניסטן האָבן זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון דער שטיצע, וואָס ווערט זיי געגעבן טאָג־טעגלעך, אַזוי ווי מען גיט בעטלער, און אַ סך האָבן ניט געוואָלט זי מער באַקומען און געליטן שטילערהייט. אָבער זעענדיק אַז דעם באַראָנס אַגראָנאָם, דער פראַנצויז דיגור, איילט זיך ניט אויסצופירן די נויטיקע אַרבעט אין דער מושבה און אַז אין דער תקופה פון זייען זיינען ניט צוגעגרייט געוואָרן די אַרבעטס־בהמות, האָבן זיי זיך געווענדעט מיט אַן אָנקלאַגע אויף דיגורן צום באַראָן. דער פּאָזיטיווער ענטפער האָט זיי צו־געגעבן מוט און זיי האָבן געשריבן אַ צווייטע אויספירלעכע אָנקלאַגע קעגן דעם אַרבעטס־סיסטעם פון דעם באַראָנס אַדמיניסטראַטאָרן. דעם בריוו האָט געשריבן בעלקינד, וועלכער האָט געקאָנט גוט פראַנצויזיש. דער באַראָן האָט איבערגעשיקט די אָנקלאַגע צו הירשן, דעם הויפּט־פּקיד, וועלכער האָט גענומען אויסגיסן זיין גאַנצן כעס אויף די קאָלאָניסטן און באַזונדערס אויף בעלקינדן, דעם מסית ומדיח. די איכרים האָבן אים געענטפערט, אַז בעלקינד האָט נאָר געשריבן וואָס זיי האָבן אים געבעטן, און אַז די אחריות פון בריוו איז אויף זיי אַלעמען. דערווייל האָט הירש אָפּגעהאַלטן די געלט־שטיצע פאַר די קאָלאָניסטן ביז דער באַראָן וועט אַרויסגעבן זיין משפּט. לאַנגע חדשים האָבן געליטן די איכרים הונגער. פון צייט צו צייט פלעגט איינער פון די פּקידים רחמנות האָבן אויף זיי און ברענגען אַ וואָגן ברויט פון יפו, אַ ברויט פאַר אַ משפּחה. סוף־סוף איז אָנגעקומען דעם באַראָנס ענטפער. ער האָט געהייסן באַנייען די שטיצע בתנאי, אַז בעלקינד זאָל אַרויסגעטריבן ווערן פון דער מושבה. די קאָלאָניסטן האָבן ניט מסכים געווען דערצו, אָבער בעלקינד האָט מודיע געווען, אַז ער פאַרלאָזט ראשון לציון.

די איכרים האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן און דער באַראָן האָט איבער־געפירט דיגורן קיין זכרון־יעקב און אויף זיין אָרט געשיקט אַ רוסישן יידן, איינעם פון די בראָדער פליטים, וועלכער איז געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישראל דורך נעטערן קיין מקוה ישראל און איז געווען באַפריינדעט מיט די ביל״ויים און חובבי־ציון. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט אים און געהאָפט, אַז פון איצט וועט זיך אַלץ בייטן צום בעסערן. אָבער הירש האָט געוווסט ווי אַזוי משפיע צו זיין אויף אים, און אין משך פון אַ פּאָר יאָר האָט דער נייער אַדמיניסטראַטאָר זיך איבערגעאַנדערשט און אַריבערגעשטיגן מיט זיין שלעכטס זיין פאַרגענגער. אים איז געלונגען אַרויסצורופן סכסוכים צווישן די קאָלאָניסטן און צעטיילן זיי אין צוויי מחנות: „רודפי שלום״ — דאָס זיינען געווען די איבערגעבליבענע ביל״ויים און זייערע אָנהענגער, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם אַרבעטס־סיסטעם פון די פאַרדאָרבענע פקידים, און „אגודת אחים״, וועלכע האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם ווילן פון די פקידים. איצט האָט געזוכט דער אַדמיניסטראַטאָר אַ געלעגנהייט צו ברענגען די צוויי מחנות צו אַ ברידער־קריג.

די דאָזיקע געלעגנהייט האָט זיך געפונען. צווישן די עולים האָבן זיך געפונען אומפאַרמעגלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט אַלס טאָג־אַרבעטער ביי די קאָלאָניסטן. ווען זייער צאָל איז גרעסער געוואָרן, האָבן זיי זיך פאַראייניקט אין אַן אַרבעטער־פאַראיין „אגודת הפועלים״. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרבעטער־פאַריין אין לאַנד. זייענדיק פאַרגעשריטענע מענטשן און אומאָפּהענגיק פון באַראָן, האָבן זיי געקאָנט פריי קריטיקירן דעם אַרבעטס־סיסטעם פון די פקידים.

יחיאל־מיכל האַלפערן

איינער פון די ערשטע אַרבעטער איז געווען יחיאל־מיכל האַלפערן, אַ יונגער ענטוזיאַסטישער און פיינפילנדער עולה פון ווילנע, אַן אייניקל פון רבנים און גאונים און פון אַ רייכער פאַמיליע. אַ מענטש אַ טרוימער און מיט אַ שטורמישן גייסט. אין זיין יוגנט איז ער צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה. ער פלעגט אָנריידן די אַרבעטער פון זיין פאָטערס פאַבריק צו שטרייקן קעגן אים אַליין און קעגן זיין פאָטער. אָבער אַזוי ווי פיל פון זיין דור האָבן אויך אים די פאָגראָמען פון יאָר 1881 אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט. מען דער־ציילט, אַז איינמאָל אַ שבת איז ער אַרומגעלאָפן איבער די ווילנער גאַסן ווי אַ מענטש וואָס פאַרלירט זיין וועג, און פלוצלינג איז ער אַריינגעלאָפן אין אַלטן בית־מדרש — דאָרטן האָט מען דאַן געהאַלטן ביי קריאת התורה — האָט אָנגעשפאַרט זיין קאָפּ אין ארון הקודש און איז אויסגעבראָכן אין אַ

געוויין. אַלע מתפללים זיינען געבליבן פאַרשטוינטע אויף זייערע ערטער. אַ ווײַלע שפּעטער הייבט אויף האַלפּערן זיין קאָפּ און ווענדעט זיך צום קהל מיט אַ פלאַמפייערדיקער רעדע וועגן ארץ־ישראל. ענדיקנדיק זיינע רייד הויבט ער אויף אַ ספר־תורה און שווערט די אַלטע שבועה פון די גולי ציון: אם אשכחך, ירושלים, תשכח ימיני! און צומאָרגנס איז ער עולה קיין ארץ־ישראל.

ארץ־ישראל באַגייסטערט זיין שטורמישן גייסט. ער שפּאַנט דורך דעם לאַנד אין דער ברייט און אין דער לענג און אין זיין מוח פלאַנען זיך פאַרשיידענע פּלענער וועגן איינגעמען און באַזעצן ארץ־ישראל. ער קערט זיך אום קיין רוסלאַנד, אָבער זיין האַרץ איז שוין אויף אייביק צוגעבונדן צום לאַנד. מיטן טויט פון זיין פאָטער ירשנט ער אַ רייכע ירושה. ער שענקט געלט דער געזעלשאַפט „בני ציון" אַרויסצוגעבן און „פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק קליינע ביכלעך און בראָשורן, וועלכע ריידן וועגן קאָלאָניזירן ארץ־ישראל". ער גיט געלט וויסאָצקין כדי צו גרינדען אַ געזעלשאַפט צו קויפן ערד און גרינדן אינדוסטריע אין לאַנד. ער איז מסכים צו פּינסקערס בקשה צו קויפן פאַרן געלט אַ טייל פון באָדן אין יסוד המעלה כדי צו ראַטעווען די מושבה פון אונטערגאַנג. ער קומט צוריק קיין ארץ־ישראל, און זיין קאָפּ איז פול מיט פאַרשיידענע פּלענער.

האַלפּערן האָט אויך גיט פאַראַט זיין פריערדיקער אידייע, דעם סאָציאַליזם, און איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן געטרוימט דעם טרוים פון אונזער נאַציאָנאַלער גאולה אין אַ גייער יושרדיקער געזעלשאַפט. ער אַגיטירט צווישן די אַרבעטער אין ראשון־לציון פאַר זיין אידייע. ער אַרבעט אַלס טאָג־אַרבעטער ווי איינער פון זיי און איז צווישן די גרינדער פון „אגודת הפועלים". ער שטייט צו צו די „רודפי שלום" און שטעלט זיך אין קאַמף צוזאַמען מיט זיי קעגן די פּקידים. ער פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „המליץ" קעגן דעם פּקיד.

די געלעגנהייט האָט זיך געפונען.

דער בונט

דער פּקיד גיט אַרויס אַ ספּעציעלן באַפעל וועגן האַלפּערן, וועלכער פאַרווערט די איכרים „צו האַלטן אים ביי זיך אין הויז, ווי אויך צו קאָכן פאַר אים און לאָזן אים אַריבערטרעטן דעם שוועל פון זייער הויז, און במשך פון 24 שעה מוז האַלפּערן פאַרלאָזן ראשון לציון". דער פּקיד לאָזט אויך רופן צו זיך דעם בעל־הבית, ביי וועלכן האַלפּערן האָט געוווינט און פאַרזאָגט אים אַרויסצוטרייבן אים פון זיין הויז, אַרויסנעמען די פענצטער און די טירן פון זיין צימער און אַרויסוואַרפן זיינע חפצים אין דרויסן. ווען

האַלפּערן קערט זיך אום פון דער אַרבעט און זעט וואָס מען האָט געטאָן, גייט ער אַוועק צוזאַמען מיט אַ חבר צום פּקיד רעאַגירן פּאַר אים אויף דער מעשה־תועבה. אָבער דער פּקיד נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער און שיסט. די שיסעריי ברענגט נאָך מער אַריין אין כעס האַלפּערנען און זיינע חברים און זיי זיינען מודיע, אַז זיי וועלן ניט פאַרלאָזן דעם פּקידס הויז ביז וואַנען ער וועט ניט מבטל מאַכן זיין פריערדיקן באַפעל. דער פּקיד שיקט דאַן אַ שליח קיין יפו פאָדערן פון טערקישן מושל שיקן סאָלדאַטן קיין ראשון־לציון כדי צו אַרעסטירן די מורדים. דאָס האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע מושבה, אַלע איכרים פאַראייניקן זיך און שיקן אַ דעלעגאַציע צום פּקיד פאָדערן אין נאָמען פון דער גאַנצער מושבה, אַז ער זאָל תיכף ומיד מבטל מאַכן זיין פאָדערונג צו שיקן סאָלדאַטן צוליב דעם חילול־השם וואָס וועט אַרויס דערפון, צוליב סכנות נפשות וואָס שטעקט אין דעם, ווי אויך פון חשש טאָמער וועלן זיי אַרעסטירן און אַרויסשיקן פון לאַנד די נייע עולים, וועלכע זיינען עולה געווען אומלעגאַל, לויטן טערקישן געזעץ. אָבער דער פּקיד האָט ניט געוואָלט הערן און געשטאַנען אויף זייניקע.

דערווייל איז אָנגעקומען הירש און הערנדיק וואָס ס'איז געשען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָסמאָל האָט דער פּקיד איבערגעכאַפּט די מאָס און האָט גענומען זוכן אַן אויסוועג פון כבוד פּאַר אים. אָבער ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, און די סאָלדאַטן — טערקן און אַראַבער — מיט קייטן אין די הענט צו שמידן די מורדים זיינען דערשינען אין דער מושבה.

דער סקאַנדאַל איז דערגאַנגען צו זיין קולמינאַציאָנס־פּונקט. אַלע איינוואוינער פון יונג ביז אַלט: מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך פאַר־זאַמלט און געזאָגט, אַז זייער בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן, איידער ס'וועט אַרעסטירט ווערן איינער פון „אגודת הפועלים". די אַלטע לייט האָבן געוויינט, די פרויען האָבן געיאָמערט און די יונגע האָבן געטומלט... און ווען הירש וואָלט זיך ניט משתדל געווען, אַז די סאָלדאַטן זאָלן זיך אומקערן קיין יפו תיכף ומיד ניט אַרעסטירנדיק קיינעם, וואָלט בלוט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

די סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזן די מושבה און הירש האָט גענומען דעם פּקיד און אָפּגעפאָרן מיט אים קיין מקוה־ישראל. דאַן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע איינוואוינער, די „רודפי שלום" מיט די „אגודת אחים" צוזאַמען, און איינשטימיק באַשלאָסן מיט אַ שבועה — ניט דערלאָזן דעם פּקיד אומצוקערן זיך קיין ראשון־לציון.

ראשון־לציון האָט מקיים געווען איר שבועה. פון אַלע זייטן האָט מען געפּרווט משפּיע זיין אויף די איינוואוינער, זיי זאָלן זיך צוריקציען פון זייער באַשלוס. פינעס און בן־יהודה זיינען עפנטלעך אַרויס קעגן זיי. אַ

דעלעגאַציע פון אַלע מושבות האָט געפּרוווט ווירקן אויף זיי. אויך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די חובבי־ציון האָט געגויגט צו ויתורים, מורא האָבנדיק אַז די געשעעניש וועט ווירקן שלעכט אויפן באַראָן, און זיין באַציאונג צום ישוב וועט זיך ענדערן צום שלעכטן. אָבער ראשון־לציון איז געשטאַנען פעסט אויף איר באַשלוס. ס׳האָט אויך ניט געהאָלפן דער באַפעל פון ראָטשילדן אויפצוהערן צאָלן זיי די געלט־שטיצע. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער באַראָן איז פאַרפירט געוואָרן פון זיינע פאַרשטייערס בריוו, און אַז ווען ער וואָלט געוווּסט דעם אמת — וואָלט ער אַנדערש געהאַנדלט. דערי־בער האָבן זיי באַשלאָסן שיקן אַ דעלעגאַציע פון צוויי מאַן קיין פּאַריז, אויפצוקלערן אים די גאַנצע פּרשה פון די געשעענישן.

די דעלעגאַציע איז אַרויס קיין פּאַריז, אָבער זיי האָבן אים ניט גע־טראָפן, ווייל ער איז אָפּגעפאָרן צום ערשטן מאָל קיין ארץ־ישראל. ער איז געפאָרן מיט אַ באַשלוס צו באַשטראָפן די ווידערשפּעניקע קאָלאָניסטן פון ראשון לציון. כדי אונטערצושטרייכן זיין כעס אויף דער מושבה, איז ער אָנגעקומען קיין ראשון־לציון אין מיטן נאַכט, וועלנדיק אַזוי אַרום אויס־מיידן אַ פייערלעכע אויפנאַמע מצד די איינוווינער. צומאָרגנס האָט ער צו־נויפגעזאַמעלט די קאָלאָניסטן, שטאַרק געבייזערט זיך אויף זיי און געדראָט אויפצוהערן בכלל פאַרנעמען זיך מיט דער מושבה. ער האָט ניט דערלויבט קיינעם ריידן און אויפקלערן אים דעם מצב און אַוועקגעריטן אויף זיין פערד אַ ברוגזער קיין עקרון.

די קאָלאָניסטן האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, מורא־האָבנדיק אַז ראָטשילד וועט פאַרווירקלעכן זיינע דראָונגען מפקיר צו זיין ראשון־לציון. דאַן איז אויפגעשוווּמען אַ פאָרשלאַג זיך ווענדן צו ראָטשילדס פרוי, וועלכע איז געבליבן אין ראשון־לציון זייענדיק מיד פון וועג. די באַראָנעסע האָט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון די קאָלאָניסטן און אויס־געהערט אַלע זייערע טענות. זי איז געווען דערשטוינט, זעענדיק פאַר זיך אינטעליגענטע אידעאַליסטן, וועלכע גיבן אָפּ זייער לעבן פאַרן אידעאַל פון אויפלעבן זייער פאָלק און לאַנד, און האָט זיי צוגעזאָגט איר שטיצע. דער־ווייל האָט זיך צוריקגעקערט ראָטשילד נעמען זיין פרוי קיין עקרון, וועלכע איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן מיט אירע פלייסיקע, אַרבעטסזאַמע קאָ־לאָניסטן. אויפן וועג האָט די באַראָנעסע איבערגעגעבן איר מאַן אַלץ וואָס זי האָט געהערט פון דער דעלעגאַציע און געבעטן אים, ער זאָל דערפילן די בקשות זייערע. דער באַראָן האָט מסכים געווען דערצו. איינער פון זיינע באַגלייטער, וועלכער האָט זיך אומגעקערט קיין ראשון־לציון האָט גלייך מודיע געווען וועגן דעם די איינוווינער. אַ שמחה־שטורעם האָט אַרומגע־נומען אַלעמען. גלייך האָבן די קאָלאָניסטן גענומען צוגרייטן פאַרן באַראָן

און זיין פרוי אַ פייערלעכן קבלת־פנים. די ספרי־תורות זיינען אַרויסגע־נומען געוואָרן פון קלויז און זיינען געטראָגן געוואָרן אַקעגן זיי. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געטאַנצט אין די גאַסן.

ראשון־לציון האָט אויסגעפירט. דער פקיד האָט זיך ניט אומגעקערט אין דער מושבה. אָבער הירש האָט צוגעגרייט דערווייל אַ נייע צרה. ער האָט משפיע געווען אויפן באַראָן, ער זאָל דערלויבן שאַפן תקנות פאַר די איכרים, כדי עס זאָלן זיך ניט איבערחזרן ענלעכע געשעענישן. דער באַראָן האָט מסכים געווען דערצו, און דער נייער פקיד האָט פאָרגעלייגט די איכרים צו חתמענען אויף די נייע תקנות:

א. די איכרים האָבן ניט קיין אייגנטום־רעכט אויפן באָדן, זיי זיינען נאָר אַרבעטער וואָס באַאַרבעטן דעם באָדן, און די פקידים האָבן רעכט אויסצושליסן יעדן איכר פון דער מושבה, ווען זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק.

ב. דער איכר טאָר ניט זיין קיין מיטגליד אין קיין שום אָרגאַניזאַציע.

ג. דער איכר טאָר ניט אַריינלאָזן צו זיך אין הויז קיין פרעמדן מענטש אָן דעם רשות פון פקיד.

די איכרים האָבן ניט געוואָלט אונטערחתמען. און ווידער זיינען זיי געבליבן אָן מיטלען צום לעבן. די חובבי־ציון, צו וועמען זיי האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף, האָבן געראָטן אונטערצוגעבן זיך. לאַנגע מאָנאַטן האָבן די אכרים געליטן הונגער. ניט קאָנענדיק מער איבערטראָגן די נויט האָבן זיי ענדלעך אונטערגעשריבן אויף די תקנות. מחוץ פון דריי, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די מושבה — צווישן זיי אויך יוסף פיינבערג, וועלכער האָט דערפילט אַ היסטאָרישע שליחות אין צוציען ראָטשילדן צו דער ארץ־ישראל־אַרבעט. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער בונט אין ראשון לציון. אין דעם קאַמף צווישן דעם באַראָן און די איכרים האָבן מנצח געווען די פקידים...

בונטן אין די איבעריקע מושבות פון באַראָן

בונטן, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיטן אונטערגעבן זיך פון די קאָ־לאָניסטן, איז אָן אַלגעמיינע דערשיינונג כמעט אין אַלע מושבות. אין ראש־פינה איז געזעסן אַ אַדמיניסטראַטאָר וואָס קומענדיק אין די קאָלאָניע, האָט ער גלייך געצוווּנגען די אכרים צו חתמענען אויף די פאָלגנדע תקנות:

א) יעדן ראש־חודש איז מחויב דער אכר קומען צום פקיד און אָפּ־נעמען זיין חודש־תמיכה. פאַרן באַקומען דעם אָפּצאָל וועט ער אויסהערן פון פקיד באַמערקונגען וועגן זיין אויפפירונג אין משך פון חודש. אויב ער האָט אויף זיך אַ „שווערן חטא“ — וועט מען אָפּרעכענען פון דער שטיצע אַ געלט־קנס.

ב) יעדן טאָג אין דער פרי איז מחויב דער אכר קומען צום פקיד און באַקומען היי פאַר די בהמות.

ג) יעדן טאָג לויט דער ריי איז מחויב איינער פון די אכרים זיין אין משרד און באַדינען דעם פקיד.

די אכרים האָבן געליטן שטילערהייט, און דער פקיד האָט זיי דערבידעריקט אָן אויפהער ביז וואַנען ס'איז פאַרפילט געוואָרן די מאָס. דאָן האָבן זיך די אכרים געווענדעט צום באַראָנס פאָרשטייער מיט אַ ביטערער אָנקלאַגע אויפן פקיד. גלייך זיינען געקומען הויכע פקידים אין דער מושבה אויסצופאָרשן דעם ענין. נאָך דער אויספאָרשונג זיינען די פקידים געקומען צו דער מסקנה, אַז דער פקיד איז גערעכט און די אכרים דאַרפן בעטן אַנטשולדיקונג ביי אים. די קאָלאָניסטן האָבן ניט מסכים געווען דערצו און זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיטן אָפּהאַלטן די שטיצע פאַר זיי.

פיר מאָנאַטן האָבן געליטן די ראש־פינה'ר קאָלאָניסטן הונגער און בזיון, אָבער דער פקיד האָט זיך מיט דעם ניט באַגנוגנט און מודיע געווען דעם טערקישן מושל אין צפת, אַז ער זאָל שיקן סאָלדאַטן אין די מושבה אויפמאָנען פון די קאָלאָניסטן די רעגירונגס־צינזן, ווייל די פאַרוואַלטונג וועט זיי ניט באַצאָלן.

און איינמאָל אין אַ ערב־שבת זיינען אָנגעקומען אין ראש־פינה טערקישע סאָלדאַטן רייטנדיק אויף פערד. די איינוואוינער, דערוויסנדיק זיך פריער אַז זיי קומען אָן, זיינען אַנטלאָפן און האָבן זיך באַהאַלטן אין די בערג. די סאָלדאַטן זעענדיק, אַז די מושבה איז ליידיק פון איינוואוינער, האָבן גענומען רויבן און פאַרניכטן אַלץ וואָס ס'איז זיי געקומען אונטערן האַנט, ווי אויך שלאָגן די איינצעלנע מענטשן וועלכע זיינען געבליבן אין ראש־פינה. ערשט נאָך דעם ווי צוויי עלטערע קאָלאָניסטן זיינען אַוועק קיין צפת, געבעטן רחמים ביים טערקישן מושל און געגעבן אים אַ סומע געלט, וואָס די צפתער יידן האָבן צונויפגעזאַמלט — זיינען די סאָלדאַטן צוריקגערופן געוואָרן פון דער מושבה.

די קאָלאָניסטן האָבן ווייטער געליטן און זיך ניט אונטערגעגעבן דעם אכזריותדיקן פקיד. אָבער ווען נאָכן שניט פון די תבואות האָבן זיי באַצאָלט די חובות און ס'איז זיי גאָרניט איבערגעבליבן צום לעבן, האָבן זיי געמוזט, אויס הונגער און נויט, זיך דערנידעריקן און בעטן אַנטשולדיקונג ביים פקיד. נאָר דריי פון די קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, האָבן פאַרלאָזן די מושבה, צווישן זיי דער הויפּט־גרינדער פון דער מושבה...

אויך זכרון־יעקב האָט געליטן פון די פקידים, וועלכע האָבן זיי דערנידעריקט און געדריקט ביי יעדער געלעגנהייט. צווישן אַנדערע גזירות האָבן די אכרים ניט געטאָרט פאַרלאָזן די מושבה, אפילו ניט אין די שבתים

און יום־טובים. איינמאָל איז געשטאָרבן אין חיפה איינער פון די גרינדער פון דער מושבה, ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש, אַ רייכער ייד פון רומעניע, וועלכער האָט פאַרלאָזן זיין רייכטום און עולה געווען בויען דאָס לאַנד. אַ טייל פון די קאָלאָניסטן האָט געוואָלט פאָרן צו דער לויה, אָבער דער פקיד האָט זיי ניט דערלויבט. אַלע חיפה'ר יידן האָבן באַגלייט דעם נפטר צו זיין אייביקער רו, חוץ פון די חברים זיינע אין זכרון־יעקב.

די פאַרביטערונג אין די הערצער פון די קאָלאָניסטן איז כסדר געשטיגן, ביז זי איז אויסגעבראָכן אין אַ בונט. איינער פון די קאָלאָניסטן, ניט קאָנענדיק מער אַריבערטראָגן די נגישות פון פקיד, איז געפאָרן קיין פאַריז צום באַראָן צו באַקלאָגן זיך פאַר אים אויפן פקיד. דער פקיד האָט זיך דערוווּסט דערפון און געהייסן אַרויסטרייבן דעם קאָלאָניסטס פרוי און קינדער פון דער מושבה. די קאָלאָניסטן האָבן זיך גלייך פאַרזאַמלט אין קלויז, געשוואָרן מלחמה צו האַלטן מיטן פקיד און אַרויסטרייבן אים פון דער מושבה.

איצט האָט דער פקיד גענומען נאָך מער פאַרביטערן דאָס לעבן פון די אכרים. ער פלעגט לייענען זייערע בריוו און פאַרהאַלטן יעדע אָנקלאַגע צו אַ העכערן פקיד אָדער צום באַראָן. ער האָט עטלעכע מאָל געבראַכט סאָלדאַטן אין דער מושבה. לויט זיינעם אַ ווונק האָט דער טערקישער מושל פאַרגרעסערט די צינזן פון די אכרים. ער האָט באַקומען אַן ערלויבעניש פון באַראָן אַרויסצוטרייבן אַכט קאָלאָניסטן פון דער מושבה. ער האָט אויך דערקלערט אויסנאַם־צושטאַנד אין זכרון־יעקב, האָט פאַרבאָטן אָנצינדן ליכט אין די הייזער נאָך ניין אַ זייגער אין אָוונט, ווי אויך האַלטן אסיפות און אפילו שפּאַצירן זאַלבעצווייט אין גאַס.

סוף־סוף האָבן זיך די אכרים אונטערגעגעבן, ניט קאָנענדיק מער אַריבערטראָגן די נגישות. נאָר זעקס קאָלאָניסטן האָבן באַשלאָסן פאַרלאָזן די מושבה.

און אפילו עקרון, וואָס איר אויפבוי איז געפלאַנט געוואָרן פון באַראָן זעלבסט, האָט געליטן פון די פקידים. זיי האָבן פאַרגעלייגט דעם באַראָן ער זאָל פאַרפלאַנצן כרמים אויפן באָדן אַנשטאַט זייען תבואות ווי ביז דאַן. דער באַראָן האָט מסכים געווען דערצו, און די פקידים האָבן באַפוילן פאַרפלאַנצן דעם גאַנצן באָדן מיט כרמים, און די קאָלאָניסטן האָבן געדאַרפט אַרבעטן ביי דעם אַלס לוין־אַרבעטער, און נאָר דאַן ווען די ווייַנגערטנער וועלן אָנהויבן געבן פּרוכט — האָט געדאַרפט דער באָדן צעטיילט ווערן צווישן די קאָלאָניסטן.

די אכרים האָבן געזען אין דעם אַ שווערע גזירה פאַר זיך, און ווען דער פקיד איז צוגעטראָטן צו צעשטערן די גרענעצן פון זייערע פּריוואַטע

נחלות, זיינען זיי אים באַפאַלן און אַרויסגעטריבן פון דער מושבה. דער פּקיד איז גלייך אַוועקגעפאָרן צום פּקיד אין ראשון־לציון, וועלכער איז געווען איבער אים, און דער האָט געפאָדערט סאָלדאַטן פון יפו אומצוקערן די אָרדענונג אין עקרון. די טערקישע סאָלדאַטן האָבן אומגעקערט דעם פּקיד אין עקרון, געשמידט אין קייטן צען פון די קאָלאָניסטן און געבראַכט זיי קיין יפו. דאָס האָט דערנידעריקט דעם יידישן כבוד אין די אויגן פון די אַראַבער אין יפו. דער פּקיד האָט אויך געוואָרנט די עקרונער קאָלאָניסטן, אַז ער וועט אָנהעצן די אַראַבער פון די שכנותדיקע דערפער קעגן זיי. די עקרונער אכרים האָבן זיך געווענדעט צו די ירושלימער רבנים, צו די אַרומיקע מושבות ווי אויך צו די חובבי־ציון אין חוץ־לארץ נאָך הילף. אָבער אַלע האָבן זיי געראָטן אונטערצוגעבן זיך. ניט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן די קאָלאָניסטן זיך אונטערגעגעבן. נאָר אייניקע האָבן ניט געוואָלט איינבויגן זייער רוקן פאַרן פּקידס שטעקן און האָבן פאַרלאָזט די מושבה.

די אפיטרופסות

איצט איז שוין ניט געווען, ווער עס זאָל שטערן די פּקידים אין זייער הערשאַפט איבער די קאָלאָניסטן. די פאָרגעשריטענע און זעלבסטשטענדיק דענקנדע קאָלאָניסטן האָבן פאַרלאָזן די מושבות אָדער זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זיי. די איבערגעבליבענע זיינען געווען מיד פון די אומאויפהערלעכע נגישות מצד די פּקידים און האָבן דערשטיקט ביי זיך אין האַרצן יעדן פּראָטעסט־געשריי. די שיטה פון אפיטרופסות האָט באַהערשט די מושבות אויף אַ לאַנגע תקופה.

אין וואָס איז באַשטאַנען די שיטה פון אפיטרופסות? דער קאָלאָניסט האָט באַקומען אַ מאָנאַטלעכע געלט־שטיצע פאַר זיין אַרבעט. ער האָט ניט געהאַט קיינע רעכט אויף דעם באָדן, וועלכן ער האָט באַאַרבעט, ביז וואַנען ער וועט ניט טראָגן קיין פּרוכט. זיין פּריוואַטע פרייהייט איז באַגרענעצט געוואָרן דורך גזירות און תקנות, וועלכע האָבן ניט דערלאָזן צו אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן: ס'איז פאַרבאָטן געוואָרן צו עפענען ביבליאָטעקן אין די מושבות, צו רופן אסיפות אאַז״וו. מען האָט ניט געטאָרט לאָזן נעכטיקן אַ פרעמדן מענטש ביי זיך אין הויז. מען האָט ניט געטאָרט אָננעמען אַרבעט פון דער פרעמד. ס'איז ניט ערלויבט געווען צו פלאַנצן פּרוכט־ביימער אין די מושבות מחוץ דעם ווייַנשטאָק. אויב מ'האָט געפונען ביי עמיצן „טרפה״־ביימער, האָט ער באַצאָלט אַ געלט־שטראָף.

ווען די ווייַנגערטנער האָבן גענומען געבן פּרוכט און זיינען צעטיילט געוואָרן צווישן די קאָלאָניסטן, האָט זיך די שיטה פון געלט־שטיצע נאָך פאַרשטאַרקט. פאַרשטייט זיך, אַז דער קלייַנער ישוב אין לאַנד האָט

ניט געקענט פאַרברויכן אַזויפיל וויינטרויבן, און דעריבער האָט דער איכר געמוזט פאַרקויפן זיינע טרויבן אין די ווינקעלערס פון ראשון־לציון אָדער אין זכרון־יעקב. די ווינקעלערס פלעגן צאָלן דעם אכר, לויטן באַפעל פון באַראָן, אַ גוטן פרייז. די פקידים האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער באַראָן זוכט ניט קיין רווחים, נאָר זיין ווילן איז שטיצן די אכרים מיט אַ ברייטער האַנט, דעריבער פלעגן זיי יעדן מאָנאַט אויסצאָלן דעם קאָלאָניסט אַ סומע געלט לויט דער צאָל נפשות פון זיין משפחה און לויט דער צאָל אַרבעטער וואָס ער באַשעפטיקט, און צונעמען די ווינטרויבןביים אכר ניט אָפּשאַצנ־דיק זיי אפילו.

אָט די שיטה האָט געבראַכט צו אַ דעמאָראַליזאַציע פון די קאָלאָ־ניסטן. דער קאָלאָניסט האָט זיך מער ניט באַמיט אַריינצולייגן כוחות אין זיינע ווינגערטנער, נאָר האָט געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו באַקומען אַ גרעסערע געלט־שטיצע, צו דינגען מער אַרבעטער אינם טאָג ווען דער פקיד דאַרף באַזוכן די גערטנער, און באַזונדערס „זיך פירן פיין״, כדי צו געפינען חן אין די אויגן פון פקיד.

אויך די פרייע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן צוערשט ניט גענומען קיין תמיכה ביים באַראָן און האָבן געוואָלט אָפּהיטן זייער זעלבסטשטענ־דיקייט, האָבן קוקנדיק אויף דעם באַראָנס מושבות געפלאַנצט ווינגערטנער, און ווען זיי זיינען צייטיק געוואָרן, געמוזט פאַרקויפן זייערע טרויבן אין באַראָנס ווינקעלער, ניט האָבנדיק קיין אַנדערן אָפּזאַץ־מאַרק. אַזוי אַרום האָבן אויך זיי געדאַרפט אָנקומען צום חסד פון די פקידים...

אָבער ניט נאָר דער ווינקעלער האָט פאַרשפּינט מיט די תמיכה־פעדים זיין נעץ אויף די אכרים. דער גאַנצער לעבנס־סיסטעם אין דער מושבה איז געווען פון תמיכה און צדקה. דער באַראָן, זאָרגנדיק פאַר די אכרים, האָט געבויט אין יעדער קאָלאָניע שולן, בתי־מדרשים, אַפּטייקן, בתי־מרחץ אאַז״וו. און אַלץ האָט דער אכר באַקומען אומזיסט. אויך די פרייע קאָלאָניסטן האָבן געמוזט אָנקומען צו די פריער דערמאָנטע אַנ־שטאַלטן, ניט קאָנענדיק אויסהאַלטן מיט די אייגענע כוחות באַזונדערע פאַראַלעלע אַנשטאַלטן.

און דער באַראָן האָט געשאָטן געלט מיט אַ ברייטער האַנט. אין יעדער מושבה האָט ער אַוועקגעזעצט אַ הויפּט־פקיד און אַ גאַנצן שטאַב באַאַמטע: סעקרעטאַרן, גערטנער, משגיחים, שמשים, רייטערס, פאָרמאַנעס ווי אויך לערער, דאָקטוירים, אַפּטייקערס, סאַניטאַרן, אַרכיטעקטן, חזנים, גבאים אאַז״וו. אין ראשון־לציון למשל, זיינען געזעסן פערציק פקידים מיט זייערע משפחות, אויף זיבעצן משפחות קאָלאָניסטן שטיצע־נעמער. אומגעפער אַזוי איז געווען אויך אין די אַנדערע מושבות. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די

פקידים האָבן פאַרשלונגען געלט־מיטלען צען אָדער צוואַנציק מאָל אַזויפיל ווי די קאָלאָניסטן.

אָט די אַלע פקידים האָבן זיך געזען ווי די אויספירער פון באַראָנס ווילן צו בויען קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, די זאַך אַליין איז אָבער ניט געווען זיי נאָענט צום האַרצן. דאָס רוב זיינען זיי געווען אַסימילאַנטן, אַ טייל פון זיי אפילו קריסטן. און אָט די אַלע פקידים האָבן „געאַרבעט״: געפאָרן פון איין אָרט צום צווייטן, געריטן אויף פערד, געשריבן בריוו, מעמאָריאַלן, פאַרגעלייגט פאָרשלאָגן, געפאָרן אין אייראָפּע אַהין און צוריק. אין דער אמתן זיינען זיי געווען זייער ווייניק באַהאַוונט אין לאַנדווירטשאַפטלעכע און קאָ־לאָניזאַציע־פראַגן. צוערשט האָבן זיי געגלויבט, אַז אַלע באָדנס זיינען גוט פאַר תבואה, און זיי האָבן אויף די זאַמדן פון ראשון־לציון געזייט ווייץ. שפּעטער האָט דער באַראָן געשיקט אַ גערטנער — אין אייראָפּע איז ער געווען אַ ספּעציאַליסט פאַר רויזן־צוכט — און ער האָט באַשלאָסן אַז די זאַמדן זיינען גוט אויף ווייַנגערטנער, און תיכף איז אַרויס אַ באַפעל צו פלאַנצן טרויבן אין אַלע מושבות... אין אַ פאָר יאָר שפּעטער, אַז די פלאַנ־צונגען זיינען ניט געראָטן, איז אַרויס אַ באַפעל אויסצורייסן זיי און פאַר־פלאַנצן אַ צווייטן סאָרט ווייַנטרויבן... אין אַ פאָר יאָר שפּעטער איז אין פאַריז געבאָרן געוואָרן אַ נייער פלאַן, צו פלאַנצן אַן אַנדער מין ווייַנטרויבן, פון וועלכע מען קאָן פּראָדוצירן בעסערן וויין — און ווידער אַ רעש און אַ טומל אין די מושבות: די אַראַבער רייסן אויס און פלאַנצן, די משגיחים לויפן אַרום הין און צוריק, די גערטנער גיבן עצות, די פקידים זיינען „באַשעפטיקט״, און די אכרים זיצן אין די הייזער און נעמען תמיכה...

אַזוי אַרום זיינען צערונען געוואָרן געלטער אָן שיעור. ווען ס'איז נאָר אויפגעשווומען אַ פּראָיעקט אין אַ פקידס מוח, איז מען גלייך צוגע־טראָטן אים פאַרווירקלעכן, ניט אויספאָרשנדיק צוערשט אויב ס'איז כדאי. אָט האָט איינער אויסגעפונען, אַז ראש־פינה איז גוט פאַר זיידווערים־צוכט — און גלייך איז מען צוגעטראָטן צו פלאַנצן זיידווערים־בוימער און בויען אַ זייד־פאַבריק. מאַשינען זיינען געבראַכט געוואָרן פון פראַנקרייך און מומחים פון אויסלאַנד; אין אַ פאָר יאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קלימאַט איז ניט צוגעפּאַסט פאַר אַ זייד־אינדוסטריע — די בוימער זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, די מומחים האָבן זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע, די מאַשינען זיינען פאַרקויפט געוואָרן אויף ברוך, און די פאַבריק איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַל. אַן אַנדערער האָט געקלערט, אַז יסוד המעלה איז גוט פאַר בלומען־צוכט — און תיכף זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרן גרויסע שטחים מיט בלומען. אַ בשמים־פאַבריק איז געבויט געוואָרן, טויזנטער פלעשער אויף פּערפום זיינען געבראַכט געוואָרן פון פראַנקרייך און מומחים

פון איירָאָפּע. אָבער אויך דאָ האָט זיך דער טעות אַרויסגעוויזן אין משך פון דער צייט — און ווידער זיינען אומגעהיירע געלט־סומעס פאַרשווענדעט געוואָרן אָן נוצן. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיטן יקב און די ראָזינקעס־פאַבריק אין ראש־פּינה.

דער שדים־טאַנץ אַרום דעם באַראָנס געלטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שכרות־פאַרבלענדעניש. דאָס לוקסוס־לעבן פון די פּקידים איז אַריבער אַלע גרענעצן. זיי זיינען ניט געקומען באַזעצן זיך אין לאַנד אויף שטענדיק און זיי האָבן זיך געזען ווי איירָאָפּעער, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן וווינען אין אַ פאַרוואָרפענעם לאַנד ערגעץ אין מזרח. דעריבער האָבן זיי געפאָדערט באַצאָלונג פאַר זייער קרבן. דער באַראָן האָט זיך באַהאַנדלט מיט זיי ווי אַ רעגירונג מיט אירע פּקידים אין חוץ־לארץ. ער האָט זיי געצאָלט גרויסע געהאַלטן; געגעבן אומזיסטע רייזעס קיין איירָאָפּע אאַז״וו. די באַדינגונגען האָבן ערמעגלעכט די פּקידים צו לעבן אין לוקסוס. זיי האָבן געשאָטן געלט אויף רעכטס און אויף לינקס, ניט רעכנענדיק זיך גאָרניט. יעדער טריט זייערער, יעדער בוים, וואָס מען האָט פאַרפלאַנצט, יעדע אַרבעט אין פעלד אָדער גאָרטן, ווי אויך יעדער קאַפּריז זייערער — האָט געקאָסט דעם באַראָן לעגענדאַרע סומעס. מען דערציילט, אַז אין יפו איז געזעסן עטלעכע יאָר אַ סטאָלאַר, וועלכער איז ספּעציעל געבראַכט געוואָרן פון פאַריז כדי אוסצומעבלירן די דירה פון אַ פּקיד אין איינער פון די מושבות. אַ לענגערע צייט האָט דער סטאָלער צוגעגרייט די פלענער פון די מעבל. אָבער דער פּקיד האָט געוואָלט מעבל פון אַ ספּעציעלן מין האָלץ, וועלכער האָט זיך געפונען נאָר אין חוץ־לארץ. באַזונדערע שליחים זיינען אַרויסגעפאָרן אין אויסלאַנד ברענגען דעם האָלץ. דערווייל זיינען אַריבער עטלעכע יאָר, און דער סטאָלער האָט באַקומען אַ גרויסן מאַנאַטלעכן געהאַלט.

דאָס לוקסוס־לעבן פון די פּקידים און זייער פּרעמדקייט צום לאַנד האָט זיי געמאַכט פאַר אַ באַזונדערן קלאַס פון „ווייסע הערן״, וועלכער הערשט איבער די „אַרטיקע איינוווינער״. אַ קלאַסן־מחיצה איז אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן איכר און פּקיד. אַ פּקיד האָט ניט געטאָרט באַזוכן אין הויז פון אַ קאָלאָניסט און פירן מיט אים אַ פריינטלעכן שמועס. אין אַ שמחת־מצוה ביים קאָלאָניסט האָט דער פּקיד ניט געטאָרט טאַנצן מיט זיין פרוי אָדער טאָכטער. דער קאָלאָניסט איז מחויב געווען צו באַגריסן דער ערשטער דעם פּקיד, וועלכן ער טרעפט אין גאַס. אין קלויז זיינען די פּקידים געזעסן ביים מזרח־וואַנט, און אַ מחיצה האָט אָפּגעטיילט צווישן זיי און די אַנדערע מתפּללים. אַלע כיבודים און עליות אין שול זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן די פּקידים דורכן גבאי, וועלכער איז אַליין אויך געווען

איינער פון די פקידים. די אָפיציעלע שפּראַך פון די פקידים, אין די משרדים און צווישן זיך — איז געווען פראַנצויזיש.

די אכרים האָבן געזען דעם לוקסוס־לעבן פון די פקידים און האָבן מקנא געווען. ביסלעכווייז גענומען זיי נאָכמאַכן די פקידים. באַזונדערס די פרויען: זיי קליידן זיך אין שיינע קליידער און ריידן פראַנצויזיש. די פקידים העלפן די איכרים זיך אַסימילירן. זעען זיי אַ פּעאיק מיידל, וועלכע באַמיט זיך פּלאַפּלען פראַנצויזיש, שיקן זיי זי גלייך קיין פּאַריז, און אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער קערט זי זיך אום אין לאַנד אַלס אַ לערערין אָדער פּרעב־ליסטן, ווערט אָנגענומען אין דעם פקידים־קלאַס און ווערט גערעכנט ווי איינע פון זיי.

אַזוי איז געלונגען די פקידים צו נישט מאַכן אַלע חלומות פון די קאָלאָניסטן־חלוצים און פאַרפעסטן די לופט אַרום זיי; זיי האָבן פאַרשווענ־דעט אומגעהיירע אוצרות געלט, וועלכע זיינען באַשטימט געווען אויסצו־לייזן דאָס פאָלק; זיי האָבן פאַרוואַנדלט די ערשטע חלוצים מיט זייער גרויסער ווילנסקראַפט און גרויסע אַרבעטס־מעגלעכקייטן אין ליידיקגייער, וועלכע לעבן פון קיצבה; זיי האָבן אַריינגעבראַכט די אַסימילאַציע אין לאַנד און דעם יאוש אין די הערצער פון די קאָלאָניסטן; זיי האָבן אָפּגע־נאַרט ראָטשילדן, דעם גרויסן גואל און צונישט געמאַכט זיין ווילן אויסצו־לייזן דאָס פאָלק...

די חיבת־ציון־באַוועגונג האָט זיך געקייקלט באַרג אַראָפּ: אָנמעכ־טיקייט, סכסוכים, קליינלעכע קריגערייען, שפּאַלטונגען. און אין דעם ישוב: דעמאָראַליזאַציע, גייסטיקע געפאַלנקייט. מען האָט ניט געזען קיין אויס־זיכטן צו ברענגען די קאָלאָניסטן צו ווירטשאַפטלעכער זעלבסטשטענדיקייט. פון באַרג אַראָפּ קייקלט מען זיך לייכט, דער תהום איז נאָענט. ווער וועט אַרויסראַטעווען פון דער טרויעריקער לאַגע?

יד. אחד־העם און די „כהנים פון פאלק“

לֹא בְחַיִל וְלֹא בְכֹחַ כִּי אִם בְּרוּחִי
(זכריה ד׳).

אחד העם

אַלע האָבן געזען דעם גיכן קייקלען זיך באַרג אַראָפּ פון דער באַוועגונג, און פיל האָבן זיך מיאש געווען פון איר און געמיינט אַז איר סוף איז באַענט. צווישן זיי איז געווען אויך פינסקער. פיל האָבן געזוכט מיטלן צו דערהאַלטן די באַוועגונג ביים לעבן. זיי האָבן געגלויבט, אַז די ישועה וועט קומען דורך דער לעגאַליזאַציע פון דער באַוועגונג דורך דער רוסישער רעגירונג. אַ טייל האָט געוואָרפן די שולד אויף ראָטשילדן. אַנדערע האָבן געזוכט די שולדיקע צווישן דער פירערשאַפט, אָבער קיינער האָט ניט געוואָגט אַריינטראַכטן זיך טיפער אין די יסודות פון דער באַוועגונג און די וועגן פון איר טעטיקייט און דאָרט זוכן די סיבות פון דער ירידה. אַ יאוש האָט אַרומגענומען אַלע חברים, וועלכע האָבן ניט געוווּסט, ווי אַזוי צו געפינען אַן אויסוועג פון דעם מצב. ביז ס׳איז דערשינען אין אָדעס דער מענטש, וועלכער האָט מיט זיין טיפן בליק געזען די סיבות פון דער צעפאַלונג און האָט אויסגערופן: „לא זה הדרך!“ ס׳איז ניט דער ריכטיקער וועג! דאָס איז געווען אשר גינצבערג, וועלכער איז באַרימט געוואָרן אין דער יידישער וועלט מיט זיין ליטעראַרישן פסעוודאָנים: אחד העם.

אין יאָר תרמ״ד (1884), אין עלטער פון 28 יאָר, איז אָנגעקומען אשר גינצבערג פון זיין וויך־דאָרף קיין אָדעס. זיין רייכער פאָטער האָט אים געגעבן אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג, אין זיין יוגנט האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. אין עלטער פון דריי יאָר האָט ער גענומען לערנען תורה; צו זעכצן יאָר ענדיקט ער דעם ש״ס און ווערט מפורסם אַלס גרויסער תלמודיסט. שטילערהייט לערנט ער אַליין אויך וועלטלעכע לימודים. אין די רבנישע ספרים געפינט ער פילאָזאָפישע געדאַנקן, ער שטודירט דעם „מורה נבוכים“ און אַנדערע פילאָזאָפישע ווערק

פון מיטלאַלטער. מיט דער הילף פון זיינע חברים לערנט ער דעם רוסישן אַלפאַבעט. זיין פאַרמעגלעכער שטאַנד גיט אים די מעגלעכקייט זיך אָפּגעבן צו תורה און השכלה. אויך זיין רעליגיעזער חסידישער פאָטער שטערט אים ניט צו בילדן זיך. אַזוי אַרום מיידט ער אויס די מלחמה צווישן „די עלטערן און די זין", — אַ מלחמה וואָס פיל פון זיין דור האָבן געמוזט פירן. דער איבערגאַנג פון דער רעליגיעזער ערקענטעניש צו די נייע וועלטלעכע איבערצייגונגען איז ביי אים אַריבער אָן אַ גייסטיקן קריזיס. אויך די



אחד־העם

פאָגראָמען פון תרמ"א (1881) האָבן ניט צעבראָכן זיין גייסט, כאָטש ער זאָגט אַז: „כ'בין געווען דערשיטערט, מיין גייסטיקע וועלט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, און נייע אַנשויאונגען האָבן געירשנט די אַלטע צעשטערטע".

גינצבערג האָט זוכה געווען צו אַן אינערלעכער גייסטיקער גאַנצ־קייט, וועלכע האָט דערהויבן אים צו הויכע מאָראַלישע ווערטן.

צניעותדיק האָט ער געטראָטן זיינע ערשטע טריט אין אָדעס. ער איז גלייך צוגעשטאַנען צו די חובבי־ציון און איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס חבר אין ועד.

אין איינע פון די זיצונגען פון ועד, פאַר דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ, האָט פינסקער פאַרגעלייענט פאַר די חברים זיין פּאָרטראַג צו דער עפענונג פון דער קאָנפערענץ. גינצבערג איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אינהאַלט פון פּאָרטראַג, וועלכער איז געווען צוגעפּאַסט צום טעם פון די מעצענאַטן און גבירים. ער האָט געפאָדערט, אַז דער פּאָרטראַג זאָל אונטערשטרייכן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט אין דער באַוועגונג. די יינגערע מיטגלידער פון ועד האָבן זיך געשטעלט אויף גינצבערגס זייט, און אַ דאַנק זיי איז דער פּאָרטראַג אויסגעבעסערט געוואָרן.

איצט האָט גינצבערג געזען זיך פאַראַנטוואָרטלעך אין אַ געוויסער מאָס פאַר דער באַוועגונג. זיין חוש פון קריטיש אויפפאַסן און גרינטלעך אַנאַליזירן זאַכן האָט אים אינטערגעזאָגט, אַז דער וועג פון חיבת־ציון, וועלכער קוקט אויס אויף פּרוטות און פּאַסט זיך צו צום געשמאַק פון נדבנים, איז ניט קיין ריכטיקער. זי וועט ניט האָבן די צוציאונגס־קראַפט פאַר דער יוגנט און וועט ניט קאָנען זי דערציען צו נייע צילן, צו אַ נייעם לעבנס־שטייגער, צו דער גאולה פון פאָלק.

צוליב משפחה־אַנגעלעגנהייטן האָט גינצבערג געמוזט אומקערן זיך צוריק צו זיינע עלטערן אין דאָרף. און נאָר אין יאָר תרמ״ו (1886) קומט ער ווידער קיין אָדעס זיך צו באַזעצן דאָרט. גינצבערג נעמט פאַר־לייגן זיינע געדאַנקען פאַר די חברים פון דער באַוועגונג און געפינט אָפענע הערצער פאַר זיי. ביסלעכווייז זאַמלט זיך צונויף אַרום אים אַ גרופּע חברים, וועלכע קלייבן זיך צונויף ביי אים אין הויז, כדי צו הערן זיינע געדאַנקען.

לא זה הדרך

דערווייל, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ווייזט זיך גינצבערג אַרויס אַלס טאַלאַנטירטער שרייבער. ער שרייבט דעם באַגריסונגס־בריוו צום יובל פון דעם חובבי־ציון־עסקן, ש. י. פין, וועלכער ווערט פאַרעפנטלעכט אין „המליץ״ מיט זיין חתימה. זיינע חברים לייגן אים פאַר צו פאַרעפנטלעכן זיינע געדאַנקען אין פאָרם פון אַרטיקלען. אַ לענגערע צייט נעמט ער ניט אָן דעם פאָרשלאַג, אָבער צום סוף איז ער מסכים דערצו, און אויף דער בקשה פון רעדאַקטאָר פון „המליץ״ שרייבט ער אַ מאמר אונטערן נאָמען „לא זה הדרך!״ און שרייבט זיך אונטער: אחד העם; דאָס הייסט: כ׳בין ניט קיין שרייבער נאָר איינער פון פאָלק, וועלכער פאַרעפנטלעכט זיינע געדאַנקען איבער די פאָלקס־פראַגן וועלכע באַשעפטיקן אים.

אין דעם אַרטיקל ווייזט אחד העם די סיבות פון די דורכפאַלן פון חיבת־ציון. ניט דער באַראָן, ניט די רבנים אָדער אַנדערע זיינען שולדיק אין דעם. די שולד ליגט אין אונז זעלבסט. דאָס פאָלק איז נאָך ניט גענוג

רייף געוואָרן צו באַנעמען דעם גרויסן נייעם געדאַנק. די חובבי־ציון זיינען צוגעגאַנגען צו דער גרויסער אַרבעט פאַר דער צייט, ניט צוגרייטנדיק קודם דעם באָדן פאַר דעם, ניט צוגרייטנדיק דאָס פאָלק קודם.

אחד העם ווייזט אויף, אַז יעדער נייער געדאַנק ווערט אָנגענומען דורכן כלל, אויב דער ציל איז באַליבט ביי אים און אויב ער איז מסכים צו די פאָרגעלייגטע מיטלען כדי צו דערגרייכן דעם ציל. די הסכמה פון כלל איז אָפּהענגיק פון שכל אָדער פון גלויבן, וועלכער איז אַ פועל־יוצא פון שטאַרקן ווילן צו דערגרייכן דעם ציל, נישט קוקנדיק אויף אַלע שטערונגען. דער ציל פון חבת־ציון איז באַליבט ביים פאָלק, אָבער די מיטלען, וועלכע זיינען שווערע און האַרטע, זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן דורכן קאַלטן שכל. דעריבער דאַרף מען זיך ווענדן צו דעם גלויבן און ווילן פון פאָלק. אָבער דער גלויבן אין זעלבסט־אויסלייזונג איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן שטאַרק אין משך פון לאַנגן גלות. מיטן פאַרלירן אונזער פאָליטישע אומאָפּ־הענגיקייט מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט יעדער פּרט געמוזט דאגה׳נען פאַר זיך אַליין. אַלע זיינע כוחות האָט דער ייד אָנגעווענדעט כדי צו פאַר־זיכערן זיין אייגענע עקזיסטענץ און די ליבע צום כלל האָט ער געקאָנט אַרויסוויזן אין די געציילטע הייליקע שעה׳ן אין בית־מדרש אָדער ביי זיך אין הויז. די חבת־ציון־באַוועגונג האָט געדאַרפט אָנהויבן אויפוועקן אין אירע חברים דעם נאַציאָנאַלן ווילן, דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות און אויפהויבן זיי צו דעם מאָראַלישן הויך פון דעם געדאַנק. אַנשטאָט דעם האָט זיך די באַוועגונג דערנידערט און געזוכט זיך צופּאַסן צום געשמאַק און צו די קליינלעכע אינטערעסן פון די חברים, צו זייער גלות׳דיקער פּסיכאָלאָגיע. זי האָט געשיקט אין ארץ ישראל מענטשן, וועלכע זיינען נישט מסוגל געווען אָנצונעמען די יסורים מיט ליבשאַפט לטובת הכלל, און אַזוי ווי דאָס וויסטע לאַנד האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן זייערע פריוואַטע פאָדערונגען, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ שם רע אויפן לאַנד און מחלל געווען דורך דעם די אידייע; די באַוועגונג האָט פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז מיט אַזאַ און אַזאַ סומע געלט קאָן מען זיך איינאָרדענען אין לאַנד און מיט דעם פאַרפירט פיל מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַנטוישט פון דער ווירקלעכקייט אין לאַנד און האָבן געבראַכט צו דעם, אַז דער כבוד פון דער באַוועגונג איז פאַרשוועכט געוואָרן; זי האָט זיך פאַרנומען מיט זאַמלען פרוטות און פאַר־נאַכלעסיקט די נאַציאָנאַלע דערציאונג פון פאָלק; זי האָט פאַרטושט דעם גרויסן נאַציאָנאַלן אינהאַלט פון דער באַוועגונג, כדי צו צוציען די רייכע, וועלכע זיינען געווען קעגנער פון נאַציאָנאַלן געדאַנק.

ניין, ניט דאָס איז דער וועג! מיר מוזן אָנהויבן אויף דאָס ניי און אויפוועקן אין די הערצער פון די חברים דעם ווילן און דעם גלויבן אין

אונזער אייגענעם כוח! און ניט בלויז מיט ווערטער וועלן מיר דערציען דאָס פאָלק, נאָר אויך דורך מעשים, וועלכע זיינען געווענדעט פאַר דער טובה פון כלל. דעריבער דאַרפן די מעשים זיין גוטע, כדי דינען אַלס ביישפיל פאַר אַלע. דער אינעווייניקסטער תוכן און די גוטע אויספירונג פון דער אַרבעט איז וויכטיקער פון דעם פאַרנעם, די איכות איז וויכטיקער פון דער כמות. די צוגרייטונג צום טאַט דאַרף קומען פאַרן טאַט.

טאָמער וועט איר זאָגן, אַז די צוגרייטונג וועט דויערן זייער לאַנג און מיר וועלן ניט זוכה זיין עסן די פרוכט פון די בוימער, און אונזערע הערצער וועלן ניט דערלאָזן אונז היטן דעם פייגנבוים, וועלכן מיר וועלן פאַרפלאַנצן און אַנדערע וועלן געניסן פון זיין פרוכט, ווען מיר וועלן ניט זיין — זייט דאַן וויסן אַז דאָס רעדט דער גלות פון אונז אַרויס, און מיר זיינען ניט מסוגל צו אַרבעטן פאַרן כלל. דער אמתער ציל פון חיבת־ציון איז אויפלעבן אין אונזער דערקענטניש דעם ווילן צו אַרבעטן פאַרן פאָלק, ניט זוכנדיק דערביי דעם אייגענעם אינטערעס. און אויב ס'וועט געלינגען, אַז אַט דאָס באַוווּסטזיין וועט דורכגעדרינגען אונזער פאָלק, וועט קומען די גאולה אין אונזערע טעג, אין די טעג פון אונזערע קינדער אָדער קינדס־קינדער...

דער אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער מחנה פון די חובבי־ציון. פיל האָבן אין אים געזען אַ רוף אויפצוהערן די קאָלאָניזאַטאָ־רישע אַרבעט פון דער באַוועגונג אין לאַנד, און זיינען אַרויס קעגן אים. ליליענבלום האָט פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן אים, און אחד העם האָט געענטפערט מיט אַ צווייטן מאמר, ווו ער פרוווט דערקלערן זיינע געדאַנקען. אָבער דער רוגז קעגן דעם יונגען שריפטשטעלער האָט זיך ניט איינגעשטילט.

יהושע אייזנשטאַט

אין יענער צייט איז געקומען קיין אָדעס פון ארץ־ישראל יהושע אייזנשטאַט. אויך ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ רעליגיעזן הויז, און פון זיין פאָטער, „וועלכער פלעגט וויינען מיט הייסע טרערן פּסח ביים סדר און יעדן שבת דערמאָנענדיק ירושלים", האָט ער געירשנט די ליבע צו ארץ־ישראל. די פּאָגראָמען פון 1881 האָבן דערשיטערט זיין פילנדן כאַראַקטער, און ער נעמט ליקווידירן זיינע געשעפטן און איז עולה אין לאַנד אין יאָר תרמ"ז. פאַר זיין עליה שרייבט ער צו זיינעם אַ חבר: „כ'בין עולה אין ארץ־ישראל. אויב כ'וועל דאָרט ניט געפינען דאָס לעבן פאַר זיך — וועל איך זיך אויסגראָבן דאָרט אַ קבר".

אין לאַנד האָט אייזנשטאַט דוקא געפונען דאָס לעבן, וועלכן ער האָט

געזוכט. אומעטום האָט ער געזען דעם עבר, וועלכער לעבט צוריק אויף. ער איז געגאַנגען פון מושבה צו מושבה, פון שטאָט צו שטאָט און געזונגען איבער דער הייליקייט פון לאַנד. זיין התלהבות האָט אַרויסגערופן באַגייס־טערונג ביי אַלעמען, וועלכע האָבן געזען אין אים אַן אָנזאָגער פון דער גאולה.

אָבער אויך די שוואַרצע שאָטנס, וועלכע האָבן באַגלייט דעם אויפ־לעבונגס־פּראָצעס, האָבן זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגן. די ליידן פון די גדרה׳ער קאָלאָניסטן האָבן פאַראומערט זיינע מחשבות. ער האָט געזען די מלחמה קעגן די פּקידים, ווי די מלחמה פון בייזע גייסטער קעגן דער גאולה, און ער האָט באַשלאָסן זיך צו שטעלן צו הילף די ליידנדע. ער פאַרעפנט־לעכט מאמרים אין „המליץ" קעגן די פּקידים, און מיט דעם רופט ער אַרויס זייער כעס אויף זיך. זיי נעמען אים רודפן. אָבער אייזנשטאַט שרעקט זיך ניט אָפּ.

אין לאַנד האָבן דאַן געקרייזט געדאַנקען וועגן גרינדן געהיימע גע־זעלשאַפטן כדי צו בויען דאָס לאַנד. שוין אין יאָר תרמ״ב (1882) האָט די אגודה „תחית ישראל" אין ירושלים געטרוימט וועגן דער גרינדונג פון אַ געהיימער געזעלשאַפט צו קויפן ערד אין לאַנד. די לאָזשעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע „די פרייע מויערער" האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף דער יידישער יוגנט וועלכע האָט געטרוימט וועגן שאַפן אַן ענלעכע געהיימע געזעלשאַפט פון חברים, וועלכע וועלןווידמען זייער גאַנצן לעבן דער אויפלעבונג פון פאָלק און לאַנד.

די „בני משה" אגודה

מיטן געדאַנק צו געווינען אָנהענגער פאַר אָט דעם רעיון, איז אייזנ־שטאַט געקומען אין אָדעס. דאָ האָבן אים חברים צוזאַמענגעבראַכט מיט אחד־העם׳ען. דער געדאַנק וועגן גרינדן אַ געהיימע געזעלשאַפט איז שטאַרק געפעלן געוואָרן אחד־העם׳ען. ער האָט געזען אין דעם אַ מיטל צו הויבן דעם מאָראַלישן ניוואָ פון די חברים, וועלכע וועלן אַרבעטן געהיים, ניט פאַר געלט און ניט פאַר כבוד, האָבנדיק אין זין נאָר די טובת הכלל. און ווען ס׳איז אים פאָרגעלייגט געוואָרן די אָנפירערשאַפט פון דער אגודה — האָט ער גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג און איז צוגעטראָטן צו דער אָרגאַניזירונג פון דער אגודה.

ז׳ אדר תרמ״ט (1889), אין טאָג פון משה רבינו׳ס טויט, איז גע־גרינדעט געוואָרן די געהיימע אגודה בני משה. צען חברים האָבן געשוואָרן די טרייהייטס־שבועה איינער דעם אַנדערן.

דער ציל פון דער אגודה איז געקומען צום אויסדרוק אין דער

בראָשור „דרך החיים", וועלכע איז דער ערשטער נסיון צו באַגרינדן די חיבת־ציון באַוועגונג אלס אַ וועלט־אָנשויאונג. דער יסוד פון דער אָנ־שויאונג איז די דערקענטעניש אַז דער גלות איז דער וועג פון טויט און אונטערגאַנג פאַרן יידישן פאָלק. מיר דאַרפן אויסוויילן דעם וועג פון לעבן, דורך דער אויפלעבונג פון אונזער פאָלק אין אונזער לאַנד. ס׳איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט איבערצוציגן פרעמדע, אַז די כוחות פון יידישן פאָלק זיינען גענוג כדי צו דערגרייכן דעם ציל. אָבער מיר קענען און מיר דאַרפן איינ־פלאַנצן אין די אייגענע הערצער דעם גלויבן אין דער הצלחה פון אונזער ענדציל. מיר דאַרפן אָרגאַניזירן די אַלע, וועלכע גלויבן אין דער אויפ־לעבונג פון פאָלק און זיינען גרייט מקריב צו זיין זייערע פריוואַטע באַ־קוועמלעכקייטן און זעלבסטליבע פאַר די אמתע נאַציאָנאַלע באַדערפענישן פון פאָלק. די אגודה וועט „טרעטן לאַנגזאַם אָבער זיכער". מען דאַרף בויען ניט נאָר דאָס לאַנד, נאָר אויך דאָס פאָלק און פלאַנצן ניט נאָר מיט די הענט, נאָר אויך מיטן גייסט.

די בראָשור האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר די תקנות פון דער אגודה. אַלס חבר ווערט אָנגענומען יעדער ייד אין עלטער פון 25 יאָר און העכער, וועלכער איז באַוווסט אַלס אָרענטלעכער מענטש, אַלס משכיל און זיינע אייגנשאַפטן און פירונג שטימען מיט די געזעצן פון מאָראַל און מיטן גייסט פון דער אגודה, און וועלכער קאָן לעזן און שרייבן עברית.

אַלע חברים פון איין אָרט שאַפן אַ לאָזשע. בראש פון דער לאָזשע שטייט דער אָנפירער, וועלכער ווערט אויסגעוויילט אויף איין יאָר. בראש פון אַלע לאָזשעס שטייט דער נשיא אָדער דער ראש פון אַלע „בני משה". דער ראש איז דער הערשער פון דער אגודה. ער גיט באַפעלן די אָנפירער פון די אָרטיקע לאָזשעס און חברים, און זיי פירן אויס די באַפעלן.

יעדער חבר איז מחויב צו אַרבעטן פאַר דער באַוועגונג מיט אמת־דיקער איבערגעגעבנקייט. כדי זיך מכשיר זיין אויסצופירן די אויפגאַבן פון דער באַוועגונג, דאַרף ער באַשטימען צייט צו לערנען זיך. ער דאַרף לערנען די יידישע געשיכטע און ליטעראַטור; ניט שפילן אין קאָרטן און לעבן בשלום מיט אַלעמען, ווי אויך אַכטן די רעליגיעזע מנהגים, וועלכע די יידן היטן אָפּ אין אַלע גלות־לענדער אין משך פון טויזנטער יאָרן; ניט מישן זיך אין די אינערלעכע פּאָליטישע ענינים פון לאַנד קעגן די געזעצן; לערנען זיינע קינדער עברית; באַמיען זיך באַזוכן ארץ־ישראל און באַזעצן זיך אין לאַנד, אויב זיין לאַגע וועט אים דערלויבן.

די צוגרייטונג פון נייע חברים

כדי זיין זיכער, אַז מען נעמט אויף נאָר פּאַסנדע חברים, האָט די

אגודה באַשטימט אַ ריי תקנות און צערעמאָניעס, וועלכע האָבן באַשווערט אויפן קאַנדידאַט און אויפגעוועקט אין אים רעספּעקט צו דער אגודה. די תקנות זיינען צונויפגעזאַמעלט געוואָרן אין אַ באַזונדערער בראָשור אונטערן נאָמען סכה (ראשי תיבות: סדר כניסת החברים).

לויט די תקנות ווערט אַ נייער חבר רעקאָמענדירט דורך איינעם פון די חברים. אויב די לאָזשע האָט אַ פּאָזיטיווע מיינונג וועגן קאַנדידאַט, שיקט מען צו אים צוויי חברים מיט דער מיסיע איבערגעבן אים די יסודות פון דער געזעלשאַפט. שפּעטער ווערט ער איינגעלאַדן דורכן סעקרעטאַר אין אַ באַזונדערן צימער, ווו עס ווערן אים געשטעלט פראַגן. ער ענטפערט אויף זיי שריפטלעך און חתמעט אויף די תשובות. ער חתמעט אויך, אַז ער ווייסט די צילן פון דער אגודה און איז מסכים מיט זיי מיטן גאַנצן האַרצן און איז גרייט טריי מקיים צו זיין אַלע געזעצן פון דער אגודה.

דער סעקרעטאַר גייט אַריין אין צווייטן צימער, ווו ס׳זיצן די חברים מיטן מנהיג און גיט זיי איבער די תשובות פון קאַנדידאַט. אויב די לאָזשע באַשטימט אַנצונעמען אים אַלס חבר, ווערט ער אַריינגערופן אין צימער, ווערט פאָרגעשטעלט פאַרן מנהיג און דערנאָך לייענט דער מנהיג פאַר אים די „קידושים“:

„אונזער אגודה האָבן מיר גערופן „בני משה“, ווייל מיר האָבן גע־נומען משה רבנו אַלס ביישפּיל פאַר אונז, כדי מיר זאָלן זיך באַמיען שטענ־דיק זען אים פאַר זיך... אַזוי ווי ער איז געווען אַ עניו — אַזוי דאַרפן אויך מיר זיך באַמיען צו זיין באַשיידן און דערווייטערן זיך פון דער מיאוסער גאווה. אַזוי ווי ער איז אַרויס צו זיינע ברידער, אַרויס פון זיין הויכן הויז צו זען זייערע מאַטערנישן — אַזוי דאַרפן מיר פאַרגעסן אונזערע אייגענע ענינים און דאגה׳נען וועגן מצב פון פאָלק. אַזוי ווי ער האָט זיך ניט אָפּ־געזאָגט צו פירן אונזערע עלטערן אין אונזער לאַנד אַריין, כאָטש ער האָט געוווּסט אַז ער אַליין וועט ניט אַריין אַהין, אין מואב וועט ער שטאַרבן און דאָרט קומען צום קבר און קיינער וועט אפילו ניט וויסן ווו זיין קבר איז — אַזוי דאַרפן אויך מיר באַמיען זיך אַרבעטן פאַרן פאָלק, כאָטש מיר וועלן וויסן פאָרויס, אַז מיר וועלן ניט זען דאָס לאַנד און דעם לוין פאַר אונזער אַרבעט וועט ניט אויסגעצאָלט ווערן אפילו אונזערע קינדער, נאָר אונזערע אַרבעט וועט טראָגן איר פּרוכט פאַר שפּעטערע דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אונז און וועלן געניסן דערפון“.

אַזוי לייענט דער מנהיג פאַרן קאַנדידאַט די מאָראַלישע יסודות פון דער אגודה, און צום סוף נעמט ער איינפלאַנצן דעם גלויבן אין דער אויפ־לעבונג פון פאָלק ישראל:

„כל זמן דאָס פאָלק ישראל וועט ניט זיצן זיכער אויף זיין באָדן, און

זיינע קינדער וועלן זיין צעשפּרייט צווישן די פעלקער, וועלן זיך די יידישע שונאים באַמיען צו טרעטן אונז, ווי מען טרעט אַ וואָרים... דאָס באַ־וווסטזיין וועט אונז געבן כוח צו בויען און פלאַנצן...

זאָל אונזער הארץ ניט פאַרפירט ווערן פון ליכט, וואָס וועט אויפ־לייכטן פאַר אונז אין די פינצטערנישן פון גלות. זאָלן די שטערן פון בירגער־רעכט און פרייהייט, וואָס מען וועט אונז אפשר געבן אין די פרעמדע לענדער, ניט פאַנגען אונזער האַרץ. זאָלן מיר וויסן, אַז „חסד לאומים חטאת" און אַז דאָס ליכט וואָס לייכט אין אַ פרעמד לאַנד איז פאַרפירעריש...

איצט, אַז דו ווייסט שוין דאָס אַלעס, שטיי אויף און גיב אונז דיין שבועה".

דער מנהיג גיט אים אַ צייכן אויפצושטיין און נאָכזאָגן אים וואָרט נאָך וואָרט:

„מיטן גלויבן פון מיין האַרצן און אין נאָמען פון אַלץ וואָס ס'איז מיר טייער און הייליק, זאָג איך צו מקיים צו זיין אַלע געזעצן פון דער אגודה... און צו היטן די סודות פון דער אגודה ווען כ'וועל אפילו זי פאַרלאָזן... איר אַלע, ברידער מיינע, וועלכע שטייען דאָ מיט מיר זייט עדות. אמן!

דער חבר זעצט זיך, און דער מנהיג לייענט פאַר אים די פאָלגנדע זאַצן, וועלכן דאַרפן אַריינדרינגען אין זיין האַרץ און בלייבן דאָרט אויף שטענדיק:

„זיי געבענטשט פאַר גאָט און פאַר זיין פאָלק ישראל. זיי געבענטשט פאַר אונז אַלעמען, מיט דעם וואָס דו האָסט אויסגעשטרעקט אונז דיין האַנט טאָן צוזאַמען די הייליקע אַרבעט, די אַרבעט פאַר אונזער פאָלק...

אויף די טייכן פון בבל זיינען געזעסן אונזערע עלטערן און געוויינט דערמאָנענדיק זיך אָן ציון. זיי האָבן געדענקט די אַמאָליקע שטאָלץ און הער־לעכקייט פון זייער פאָלק, זיין אָרעמקייט און דערנידערונג איצט — און ביטער געוויינט. דאַן האָבן זיי געשוואָרן, אַז אויף אייביק וועלן זיי ניט פאַרגעסן ציון, די שטרעבונג פון זייער האַרץ, און אויף אייביק וועלן זיי טריי בלייבן זייער לאַנד, זייער פאָטערלאַנד.

צי עס דרינגט נאָך איצט אַריין אין דיינע אויערן דער אָפּקלאַנג פון יענעם שרעקלעכן געוויין? צי הערסטו דורך די טויזנטער פאַרגאַנגענע יאָרן די מורא־דיקע קולות, וועלכע רייסן זיך אַרויס פון ברענענדיקע ליפּן און דערגייען ביז די הימלען? צי קאָנסטו גלייך מיט זיי רופן: אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני, תדבק לשוני לחכי, אם לא אזכרכי? ! (אויב כ'וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל פאַרגעסן ווערן מיין רעכטע האַנט, זאָל צוגעקלעפּט ווערן מיין צונג צו מיין גומען, אויב כ'וועל דיך ניט דערמאַנען).

דו ביזט אַ ייד, אַ זון פון גרויסן בלאָנדזשענדיקן פאָלק, וואָס שוין טויזנטער יאָרן וואַלגערט ער זיך אין אומגליק, און אויך היינט שטייט ער נאָך אויפן ברעג פון אָפּגרונט. הויב אויף דיינע אויגן צו אַלע פיר זייטן, צו אַלע עקן

פון דער וועלט, און דו וועסט זען ווי דיין באַרויבט פאָלק ווערט געטראָגן מיטן ווינט...

לייג צו דיין אויער צו דער געשיכטע פון דיין פאָלק און דו וועסט דערהערן אַ יאָמערלעכן קלאָג, וועלכער רייסט הימלען, וועלכער דרינגט דורך די אָפּגרונטן. אַ לאַנגן קלאָג, וועלכער ציט זיך טויזנטער יאָרן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן, דער קלאָג פון ישראל... און דאָרטן, אין די ווייטענישן, איינזאַם און פאַרגעסן, וואַלגערט זיך אין אַש ציון... פרעמדע טרעטן גאווה׳דיק אויף דער הייליקער ערד...

ווייניק איז, אייב דו וועסט דאָס בלויז פאַרשטיין. נאָר אויב דו וועסט עס פילן מיט דיין גאַנצן האַרצן, מיט דיין גאַנצער נשמה, מיט דיין גאַנצן לעבן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט דיינעם — נאָר דאַן געהערסטו צו אונז! דאַן שטרעק אונז אויס דיין האַנט און זיי געבענטשט. און זאָלסט וויסן, אַז גרויס און הייליק זיינען אָט די מינוטן אין דיין לעבן. דו טרעטסט אַריין אין אַ אגודה פון ברידער, וועלכע טראָגט אויף איר פאָן דעם נאָמען פון משה רבנו, אַן אגודה, וועלכע האַלט פאַר דאָס ערשטע פון איר לעבן: די אויפלעבונג פון פאָלק ישראל אויף דער ערד פון ישראל. פון היינט און ווייטער ביסטו אַ כוהן פון אַ הייליקער אידייע... אויף איר מזבח דאַרפסטו מקריב זיין די בעסטע פיזישע און גייסטיקע כוחות דיינע...״

אַזוי איז צוגעגרייט געוואָרן דער קאַנדידאַט כדי אַריינצוטרעטן אין די „בני משה״. דריי מאָנאַטן ווערט ער גערעכנט אַלס נייער חבר, „וועלכן מען דערציילט ניט וויכטיקע ענינים אָן דער דערלויבעניש פון מנהיג״. יעדער חבר באַקומט אַ לעגעטימאַציע, ווו ס׳זיינען פאַרשריבן די „עשרת הדברות״ פון די „בני משה״. שפּעטער זיינען זיי פאַרקירצט געוואָרן אין פינף מידות: אחדות, סדרים, זהירות, אמת, צניעות.

און כדי די מיטגלידער זאָלן דערקאָנען קומענדיק אין אַ פרעמדן אָרט איינער דעם צווייטן, דאַרף דער חבר דריקנדיק די האַנט פון דעם פאַרגעשטעלטן מענטשן זאָגן: לא ולא. אויב דער צווייטער איז אויך אַ חבר אין בני משה, דאַרף ער גלייך ענטפערן: לא כהתה עינו ולא נס לחו. מיט דער צייט איז דער פאַראַל איבערגעאַנדערשט געוואָרן אויף: לא בחיל ולא בכוח.

די ערשטע חברים

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די וווּנדערבאַרע כלי, וועלכע האָט גע־טריפט הייליקייט און ריינקייט אין די הערצער פון די, וועלכע האָבן געטרונ־קען פון איר. די צען גרינדער האָבן געגלויבט, אַז גאָט רעדט פון זייער מויל, און אַז זייער חוב איז ברענגען די בשורה צום פאָלק און פאַרבירן די בעסטע פון אים אַלס מיטגלידער פון דער אַגודה. צו דעם צוועק איז אויסגעוויילט געוואָרן אייזנשטאַט. אים איז איבערגעגעבן געוואָרן די מיסיע אַרומרייזן די שטעט פון דער מדינה אַלס שליח פון אחד־העם׳ען, וועלכער אין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מנהיג איבער אַלע בני משה.

אייזנשטאַט האָט באַוויזן וווּנדער. מיטן פייער פון דער צוקונפט־וויזיע און מיטן פּאַטעטישן צויבער פון זיינע רייד האָט ער אָנגעצונדן אין די הערצער פון זיינע צוהערער דעם אמונה־פלאַם, ער האָט דערציילט זיי וועגן דער אגודה און אירע צילן און באַגייסטערט מיט זיינע דערציילונגען וועגן ארץ־ישראל און וועגן ווונדערבאַרן מנהיג אחד העם, וואָס ס׳איז ניט אויפ־געשטאַנען זיין גלייכן אין די לעצטע דורות. אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען צוגעשטאַנען צו די בני משה די בעסטע חברים פון די חובבי־ציון אין ביאַליסטאָק, ווילנע, קאָוונע, מינסק, וואַרשע, כאַרקאָוו, אָדעס ווי אויך ארץ־ישראל. צווישן זיי: שעפּער, אוסישקין, לעוואַנטין, פינעס און אַנדערע. אויך הרב מאָהילעווער האָט געראַטן די יוגנט פון זיין קהילה צוצוטרעטן צו דער אגודה. פינסקער האָט געזען פאַר איר אַ גרויסע צוקונפט און אפילו ליליענבלום האָט איר געשוואָרן טריישאַפט.

די חברים זיינען געווען באַגייסטערט פון זייער געהיימער אגודה. זיי האָבן זיך געזען אַלס די אויסגעווײלטע פון פאָלק און זיינע שליחים, און אין אחד העם זייער מנהיג — אַלס דעם פאַרווירקלעכער פון פאָלקס־באַרוף. מיט דעם באַוווסטזיין זיינען זיי אַרויס צום פאָלק צוגרייטן אים צו דער גאולה.

אחד־העם — דער לערער פון דור

אָבער די הויפּט־אַרבעט פון צוגרייטן דעם דור אויסצופילן דעם גרויסן ציוניסטישן ציל האָט גענומען אויף זיך אחד העם. ער האָט איצט שוין ניט געקאָנט שטיין אָן אַ זייט. ער וואָס האָט אויסגערופן: לא זה הדרך! האָט געדאַרפט באַווייזן דעם ריכטיקן וועג. און ער איז צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. פערציק יאָר האָט ער געלערנט, געשטראָפט און מלחמה געהאַלטן. צו יעדער וויכטיקער געלעגנהייט אין ציוניזם אָדער אין ישוב האָט ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, וועלכע זיינען שפּעטער דערשינען אין אַ גרויסן בוך פון פיר טיילן אונטערן נאָמען: על פרשת דרכים.

צווישן די אַרטיקלען געפינט זיך דער אַרטיקל „הכהנים והעם“. ער קריטיקירט דאָ ווידער די חובבי־ציון, וועלכע פאַרבויגן די עיקר אידייע פון דער גאולה כדי צו באַקומען די פּרוטות פון די גבירים און נדבנים. ער קוקט מיט אַ קרום אויג אויף דער עליה פון די פאַרמעגלעכע יידן נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, ווייל זיי זיינען ניט גרייט צו ברענגען קרבנות, און ביים ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל וועלן זיי זיך אַנטווישן. די חיבת־ציון־באַוועגונג דאַרף האָבן „כוהנים“־חלוצים:

„יעדער נייער געדאַנק וועט ניט האָבן קיין דערפאָלג אָן „כוהנים“, וועלכע וועלן אָפּגעבן פאַר אים זייער לעבן, וועלכע וועלן שטיין שטענדיק אויף דער וואַך, און אין יעדער סכנה וועלן זיי זיין די ערשטע אָפּצוגעבן זייער לעבן פאַר אים“...

פון המון העם, וועלכער איז לעבנס־דורשטיק, קאָן מען ניט פאָדערן, אַז ער זאָל אויסטרעטן דעם וועג פאַרן געדאַנק דורך זעלבסטאָפּפערונג. דאָס וועלן טאָן די כּוהנים, וועלכע באַזיצן די מאָראַלישע קראַפט דערצו, און דאָס פאָלק וועט קומען שפּעטער, ווען דער וועג וועט שוין זיין אויסגעטראָטן.

אַזעלכע „כּוהנים" דאַרף אויך האָבן די חיבת־ציון־באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל און אין חוץ־לארץ. די פון זיי, וועלכע וועלן קאָנען עולה זיין, וועלן דינען אין לאַנד אַלס וועגווייזער און אַלס מוסטער... און די, וועלכע וועלן צוליב זייער מצב ניט קאָנען עולה זיין, וועלן געפינען פאַר זיך אַ ברייט אַרבעטס־פעלד אויך אין חוץ־לארץ, דערציען דעם קומענדיקן דור ער זאָל אַריבערשטייגן זיי אַליין... און דאָס אַלץ אָן רעש, אָן געשרייען און טומלען, נאָר מיט באַשיידנקייט און שטילקייט.

און ער אַליין טרעט צו צו דער דערציאונג פון נייעם דור. אין אַ רייע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „ברעקלעך — קליינע געשפּרעכן אויף גרויסע ענינים", לייגט ער פעסטע יסודות פאַרן ציוניסטישן געדאַנק. ער דרינגט אויך אַריין אין די טיפעניש פון יידנטום און ווייזט אויף די באַדערפעניש אין אַ באַנייטן לעבנס־שטראָם, וועלכער וועט ברענגען צו דער הערצער־אויפלעבונג און וועט אָפּשוועכן די גלייכגילטיקייט און פאַרגליווערטקייט פון יידישן לעבן. אָט דעם לעבנס־שטראָם זעט ער אין דער חיבת־ציון. די חיבת־ציון איז ניט קיין טייל פון יידנטום און ניט קיין צוגאָב אויף אים, נאָר דאָס יידנטום אַליין.

די כּוהנים און דער מנהיג

אין משך פון אַ פּאָר יאָר זיינען די „בני משה" געוואָרן דער רוקנביין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי האָבן אויסגעפילט בשלמות זייער אויפגאַבע אַלס כּוהנים פון דער אידייע. דאָס רוב אונטערנעמונגען פון די חובבי־ציון ווי אויך פיל פון פּאָליטישן ציוניזם אין זיין אָנהויב — זיינען געשאַפן געוואָרן דורך די בני־משה. זיי זיינען געווען די אָנפירער פון דער באַוועגונג אין לאַנד, גרינדער פון נייע מושבות אין ארץ ישׂראל, שעפער פון דער אינדוסטריע אין לאַנד, פון דעם העברעאישן שולוועזן אין לאַנד, פאַרפעסטיקער פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור.

אחד העם איז געוואָרן דער ראש המדברים אין ציוניסטישע אָנגעלעגנהייטן. זיינע מאמרים זיינען געלעזן געוואָרן דורכן גאַנצן פאָלק און האָבן געפלאַנצט דעם נייען אמת אין די הערצער. ער האָט געצוווּנגען די חובבי־ציון צו מער ערנסטקייט אין זייער אַרבעט. איצט האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז חיבת־ציון איז ניט קיין נדבות־אידייע נאָר אַ נאַציאָנאַלער

באַנייאונגס־פּראָצעס פון פּרט און כלל, וועלכער פאָדערט פון יעדן איינעם גייסטיקע ריינקייט און מאָראַלישקייט. דאָס פאָלק האָט געזען אין אחד העם׳ען דעם וועג־ווייזער פון דור, דעם נביא פון דער גאולה, און פיל זיינען געגאַנגען נאָך אים.

אָבער דער גורל פון יעדן וועג־ווייזער, פון יעדן נביא האָט ניט אויס־געמיטן אויך אחד העם׳ען. פיל פון די חובבי־ציון האָבן ניט פאַרגונען אחד־העם׳ען זיין גרויסע השפעה און זיינען אַרויס קעגן אים אין די צייַ־טונגען און אסיפות. אַ מבול פון באַשולדיקונגען האָט זיך אויף אים אַ גאָס געטאָן, באַזונדערס נאָך דעם, ווען ס׳איז באַוווסט געוואָרן, אַז ער שטייט בראש פון אַ געהיימער אגודה. אומזיסט האָט זיך אחד העם באַשיצט אויפ־געבנדיק די תקנות פון די בני משה.

אָבער אויך פון אינעווייניק אין דער אגודה האָט ער געמוזט אויס־שטיין יסורים. זיין כוונה איז געווען, אַז די בני משה וועלן ווערבירן מיט־גלידער פון צווישן די יונגע, ניט־באַוווסטע חובבי־ציון, וועלכע וועלן מיט זייער געזעלשאַפטלעכער ריינקייט אָננעמען און אויספירן די צילן פון דער באַוועגונג, אָבער אייזנשטאַט האָט געעפנט די טויערן פאַר די אָנפירער פון די חובבי־ציון, און זיי האָבן געבראַכט מיט זיך די אַלטע געוווינהייטן און זיינען ניט גרייט געווען צו לאָזן זיך דערציען פון דאָס ניי. אַ טייל פון זיי האָבן פאַרלאָזן די בני משה שפּעטער, איבערצייגנדיק זיך אַז זיי פּאַסן זיך ניט צו צו אירע ראַמען, אָבער די איבעריקע האָבן ניט אויפגעהערט צו אינטריגירן. זיי האָבן געפאָדערט פּראַקטישע אַרבעט, ניט באַנוגנדיק זיך מיט דער גייסטיקער צוגרייטונג, אין וועלכער די באוועגונג האָט געזען אַזאַ וויכטיקן עיקר.

אַ פּאָר מאָל זיינען צונויפגערופן געוואָרן קאָנפערענצן פון די בני משה, ווו מען האָט איבערגעאַנדערשט די תקנות לויט די פאָדערונגען פון די חברים — אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן.

דאַן איז אחד העם געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ניט ער איז דער פּאַסנדער מענטש צו זיין דער מנהיג פאַר די „כוהנים" און נאָך צוויי יאָר פירערשאַפט האָט ער זיך אָנטזאָגט פון זיין אַמט. די צענטראַלע איז דאַן אַריבער פון אָדעס קיין וואַרשע און פון דאָרט קיין יפו, אין ארץ־ישראל.

און די „בני משה" האָבן ניט געפילט, אַז ניט וויסנדיק האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין זייער אגודה אַן אוצר פון נאַציאָנאַלער פּאָטענציאַלער ענערגיע, וועלכע איז ביז איצט געווען צעשפּרייט אין אַלע עקן לאַנד און איז ניט אויסגענוצט געוואָרן. נאָר אַ דאַנק דער גרינדונג פון דער אגודה האָט די אָנגעזאַמלטע ענערגיע גענומען דינען אַלס פאַקטאָר צו דער באַ־נייאונג פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג.

טו. חבת־ציון אין אויפשטייג

וַיְהִי לֵב לָעָם לַעֲשׂוֹת
(נחמיה ג׳).

די לעגאַליזאַציע

נאָך אין די ערשטע טעג פון דער חובבי־ציון באַוועגונג האָבן אירע מנהיגים געשטרעבט זי צו לעגאַליזירן ביי דער רוסישער רעגירונג. די קאַטאָוויצער קאָנפערענץ האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די חובבי־ציון די מיסיע צו קריגן די לעגאַליזאַציע, אָבער זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן, און די באַוועגונג האָט געמוזט פירן איר אַרבעט אין געהיים. פיל האָבן געזען אין דעם די סיבה צו דער ירידה פון דער באַוועגונג. סוף־סוף איז אין יאָר תר״ן (1890) געלונגען צו באַקומען די לעגאַליזאַציע — אַ דאַנק דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ", אלעקסאַנדער צעדערבוים (האר״ז), וועלכער האָט אָפּגעגעבן אַ פּאָר יאָר פון זיין לעבן פאַר דעם ענין. אָבער די שמחה איבער דער באַקומענער לעגאַליזאַציע איז ניט געווען קיין פולע, ווייל זי איז געגעבן געוואָרן בלויז פאַר אַ געזעלשאַפט „צו שטיצן יידן ערדאַרבעטער און בעלי־מלאכות אין סוריע און פאַלעסטינע". די חברים פון דער געזעלשאַפט האָבן רעכט געהאַט נאָר צו צאָלן מיטגלידס־אָפּצאָל און צונויפזאַמלען זיך איינמאָל אין דריי יאָר אין אָדעס אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. די געזעלשאַפט האָט ניט געטאָרט באַזעצן יידן אויף ערד אין ארץ־ישראל אָדער העלפן זייער עליה אין לאַנד. דאָך איז די שמחה צווישן די חובבי־ציון געווען גרויס, ווייל די לעגאַליזאַציע איז אָנגעקומען אין פינצטערע טעג פאַר די רוסישע יידן.

די רדיפות אין רוסלאַנד און גירוש מאָסקווע

אָנהויבנדיק פון די פּאָגראָמען־יאָרן 2—1881 און ווייטער האָט ניט אויפגעהערט די רוסישע רעגירונג צו רודפן די יידן. אין משך פון יאָרן האָט זיך געצויגן אַ „יאַגד" אויף יידן, וועלכע האָבן געוווינט מחוץ דעם

„תחום המושב", ד. ה. מחוץ די דערלויבטע ערטער וווּ יידן מעגן וווינען. אין מאָסקווע, פּעטערבורג, קיעוו און אַנדערע גרויסע שטעט איז ניט דערלויבט געווען יידן צו וווינען. אויך פון די דערפער זיינען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן אכזריותדיק. פיל פרנסה־קוועלן זיינען פאַרבאָטן געוואָרן פאַר יידן. זיי זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן אין די פאַך־און קונסט־שולן, אין גימנאַזיעס אין די שטעט פון „תחום המושב" זיינען דערלויבט געוואָרן נאָר ביז צען פּראָצענט יידישע שילער.

אָבער צום קולמינאַציע־פּונקט זיינען די רדיפות דערגאַנגען מיטן גירוש מאָסקווע אין יאָר תרנ"א (1891). פון דרייסיק טויזנט יידן, וועלכע האָבן געהאַט וווין־רעכט אין מאָסקווע צוליב באַזונדערע זכויות, ווי גרויסע סוחרים, יידן מיט היכער בילדונג, גוטע פאַך־אַרבעטער, געוועזענע סאָלדאַטן און אַנדערע — האָבן צוואַנציק טויזנט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט...

הילפסלאָז און נידערגעשלאָגן איז געשטאַנען די יידישע באַפעלקערונג, ניט זעענדיק קיין אַנדערן אויסוועג מחוץ פאַרלאָזן די גרענעצן פון רוסלאַנד. צענער טויזנטער יידן האָבן יאָר־יערלעך עמיגרירט קיין אַמעריקע, און די חובבי־ציון זיינען געשטאַנען אויפן שייד־וועג. זיי האָבן ניט געוואָלט אומבייטן אַ גלות אויף אַ גלות, און דעריבער איז גרויס געווען זייער שמחה, ווען די לעגאַליזאַציע־בשורה אין דערגאַנגען צו זיי.

די באַציאונג פון די חובבי־ציון צו דער לעגאַליזאַציע

אַ שמחה האָט אַרומגענומען אַלע יידישע קהילות. אין די שולן האָט מען פון בעלעמער מודיע געווען וועגן דער לעגאַליזאַציע. טויזנטער באַגריסונגס־בריוו זיינען אָנגעקומען צום אָדעסער ועד. די פאַנטאַזיע פון די המונים האָט זיי געמאָלט הערלעכע בילדער. איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן, אַז ארץ־ישראל איז אָפּגעגעבן געוואָרן די חובבי־ציון און אַז אין אָדעס איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט איבערצופירן די יידן קיין ארץ־ישראל, און אַז די גרויסע יידישע געלט־מאַגנאַטן האָבן געשטעלט זייער פאַרמעגן צום רשות פון ועד. דער אָדעסער ועד האָט געמוזט פאַרעפנטלעכן אַ מעלדונג מיט פינסקערס און ליליענבלומס חתימות און אָפּלייקענען די אַלע שמועות, אָבער דער ענטוזיאַזם פון די המונים איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, זיי האָבן געפאָדערט פון אָדעסער קאָמיטעט מעשים.

אָבער דער אָדעסער קאָמיטעט האָט זיך געפונען אין אַ ניט־באַקוועמער לאַגע. די מנהיגים פון די „חובבי־ציון" מיט פינסקערן בראש האָבן לכתחילה ניט געגלויבט, אַז די רוסישע רעגירונג וועט געבן אַ לעגאַליזאַציע פאַר זייער אַרבעט און דעריבער האָבן זיי ניט געחתמעט אויף דער בקשה צו דער רעגירונג. בלויז איינצלנע חברים פון די „חובבי־ציון" זיינען

געווען צווישן די אַנגעבער פון דער בקשה. איצט אַז די לעגאַליזאַציע איז אָנגעקומען — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גורל פון דער באַוועגונג געפינט זיך אין פרעמדע הענט. עס האָט אויך געשטעקט אַ סכנה אין דעם, וואָס די לעגאַליזאַציע איז געגעבן געוואָרן נאָר פאַר אַ צדקה־געזעלשאַפט, — אַ זאַך וואָס קען פאַרלעצן דעם גרויסן ענטוזיאַזם פון די מאַסן.

אויך די „בני משה" זיינען צוערשט געשטאַנען פון וויטן און זיך ניט באַטייליקט אין די באַמיאונגען צו באַקומען די לעגאַליזאַציע. אָבער שפּעטער ווען זי איז געגעבן געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויכוח אין זייערע רייען. אַ טייל האָט געטענהט, אַז איצט דאַרפן די „בני משה" פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אָפענע לעגאַלע באַוועגונג, און דער צווייטער טייל האָט אויפגעוויזן, אַז דוקא איצט ווען די רעגירונג וועט רעווידירן די טעטיקייט פון די חובבי־ציון, וועלכע איז געבונדן מיט די צדקה־תקנות פון דער לעגאַליזאַציע, מוזן די בני־משה פאַרזעצן זייער טעטיקייט געהיים כדי אָפּצוהיטן דעם ריכטיקן גייסט פון דער באַוועגונג. בראש פון די ערשטע איז געשטאַנען ליליענבלום, און היות אַז ער מיט זיינע אָנהענגער זיינען געווען אין דער מינדערהייט, האָט ער פאַרלאָזן די אגודה. בראש פון דער מערהייט האָט זיך געשטעלט מנחם אוסישקין, וועלכן איז געלונגען משפּיע צו זיין מיט זיין שטאַרקן כאַראַקטער אויף זיינע חברים און לייגן זיין שטעמפּל אויף דער גאַנצער תקופה.

אוסישקינס יוגנט

מנחם אוסישקין איז געבאָרן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל ביי רעליגיעזע עלטערן. זיין ערשטע בילדונג האָט ער באַקומען אין אַ „חדר". אין עלטער פון זיבן יאָר באַזעצן זיך זיינע עלטערן אין מאָסקווע, און אוסישקין זעצט פאָר זיין לערנען ביים מאָסקווער רב. אַלט ווערנדיק דרייצן יאָר, טרעט ער אַריין אין רעאַל־שול, אָבער אין דער היים זעצט ער פאָר לערנען עברית און די יידישע לימודים. די טאָפּעלע דערציאונג, וועלכע האָט דערשיטערט אַ סך יונגע יידן, האָט ניט געבראַכט קיין שאָדן אוסישקינען. אדרבה, דאָס האָט פאַרהאַרטעוועט זיין כאַראַקטער און אים געלערנט ניט מוותר זיין אויפן אמת פון זיין האַרצן. אין זיין גאַנצן לעבן איז אוסישקין געגאַנגען זיין וועג, ווו ס'איז פאַרפלאָכטן געווען די אייראָפּעאישע קולטור מיט טרייער איבערגעגעבנקייט צו די יידישע טראַדיציעס און אידעאַלן.

זיין ליבע צו ארץ־ישראל האָט ער ניט באַקומען דורך גייסטיקע קריזיסן. זיין שטאַרקער, קלאָרער און דורכזיכטיקער כאַראַקטער האָט קיין מאָל ניט געוווסט פון קריזיסן און קווענקלעניש. זיין וועג איז געווען דער וועג פון מענטש, וועלכער טרעט זיכער און מיט בטחון. זיין ליבע צו ציון

האָט ער איינגעזאַפּט מיט זיין מוטער־מילך און פאַרברייטערט דורך די לימודים ביי זיינע לערער.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען ס׳האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן די חיבת־ציון־באַוועגונג, איז אוסישקין גלייך צוגעשטאַנען צו איר. און ווען ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט די יידישע סטודענטן אין מאָסקווע אין אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, כדי צו זוכן מיטלען צו העלפן זייער פאָלק, האָבן אוסישקין מיט זיין חבר טשלענאָוו, ביידע שילער אין מיטל־שולן, באַקומען אַ דערלויבעניש, אַלס אויסנאַם, צו באַטייליקן זיך אין דער פאַרזאַמלונג אַלס וועכטער בײַם אַריינגאַנג. די התלהבותדיקע רעדעס האָבן אויף זיי געהאַט אַ געוואַלדיקע השפעה, און גלייך אויף דעם אָרט האָון ביידע באַשלאָסן צונויפזאַמלען אַ גרופּע יוגנט אין זייער עלטער, כדי עולה צו זיין תיכף קיין ארץ־ישראל.

אוסישקין האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם נייעם געדאַנק. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט די לימודים. געגאַנגען פון איין חבר צום צווייטן כדי צו געווינען אים פאַר דער גרופּע. דער דריטער, וועלכער איז צוגעשטאַנען צו זיי, איז געווען חיים חיסין, אויך ער דאַן אַ שילער אין אַ מיטל־שול. זיי איז געלונגען אויפשטעלן אַ גרופּע פון 25 מאַן: שילער, אַרבעטער און פּקידים. חול־המועד פּסח זיינען זיי זיך צונויפגעקומען צו זייער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און זיבן טעג האָבן געדויערט זייערע באַראַטונגען און דיס־קוסיעס. זיי האָבן געוואָלט געפינען תשובות אויף אַ סך פראַגן, ווי, למשל, באַשטימען דעם צוקונפטיקן מדינה־רעזשים פון לאַנד. אוסישקין האָט גע־שטיצט דעם געדאַנק פון אַ מלוכה, וואָס איר קעניג וועט זיין פון דוד המלך׳ס משפחה. אויך טשלענאָוו איז געווען אַ „מאָנאַרכיסט״, דאַקעגן חיסין האָט געפאָדערט אַ רעפּובליק.

די פאַרזאַמלונג האָט דערנענטערט די חברים איינעם צום אַנדערן, און זיי האָבן באַשלאָסן עולה צו זיין צוזאַמען ביי דער ערשטער מעגלעכקייט.

אָבער ווו נעמט מען געלט צו דער עליה? חוץ פון אוסישקינען און טשלענאָוון זיינען די איבעריקע חברים געווען פון אָרעמע היימען. דאַן פאַרקויפט אוסישקין זיין גאָלדענעם זייגער, וועלכן ער האָט באַקומען פון זיינע עלטערן אַ מתנה צו בר־מצוה, ער רעדט אויך צו טשלענאָוון פאַרקויפן איינעם פון זיינע תכשיטים, און פאַרן געלט מיינען זיי וועלן זיי קאָנען איבערפירן זייערע חברים קיין ארץ־ישראל.

דערווייל דערוויסן זיי זיך, אַז אויך אין כאַרקאָוו איז געגרינדעט געוואָרן אַן ענלעכע אָרגאַניזאַציע, וועלכע רופט זיך ביל״ו. זיי פאַרבינדן זיך גלייך מיט כאַרקאָוו, און פון דאָרטן קומט אָן אַ דעלעגאַט, וועלכער נעמט זיי אָן אַלס אָפּטיילונג פון ביל״ו. ער טריפט אָבער אַריין אַ ביטערן טראָפּן אין זייער אָפּטימיזם אויפווייזנדיק אַז זייערע געלט־מיטלען וועלן

גענוגג זיין נאָר פּאַר זיבן חברים עולה צו זיין אין לאַנד. מיט אַ שווערן געמיט זאַמלען זיך צונויף די 25 חברים אויסצוקלייבן די זיבן גליקלעכע עולים. אָבער ווי אַזוי ווײלט מען אויס? אַ טייל האָבן געטענהט, אַז אויב ס'איז שוין נגזר געוואָרן אַז נאָר אייניקע פון זיי זאָלן עולה זיין, דאַרפן אין דער ערשטער ריי קומען אין באַטראַכט די אָרעמע חברים, ווייל זיי זיינען מער צוגעפּאַסט צו דער חלוצישער מיסיע ווי די ציטעריקע זין פון רייכע עלטערן, וועלכע חלומען מאָנאַרכיסטישע חלומות... מען האָט באַ־



מ. מ. אוסישקין

שלאָסן אויסוויילן די זיבן דורך געהיימע וואַלן. צווישן די אויסגעקליבענע איז אויך געווען היסין, אָבער אוסישקין און טשלענאָוו זיינען דורכגעפאַלן.

נידערגעשלאָגענע און אַנטוישטע האָבן אוסישקין און טשלענאָוו פאַר־לאָזן דעם צימער. טרערן זיינען געשטאַנען אין אוסישקינס אויגן. מען זאָגט, אַז דאָס איז געווען זיין איינציקער געוויין אויף אַ דורכפאַל אין משך פון זיין זעכציקיאָריקער ציוניסטישער טעטיקייט.

מיט דער געשעעניש פאַרענדיקט זיך דער ערשטער שטאַפּל פון או־סישקינס ציוניסטישער טעטיקייט. ער קערט זיך אום צום שול־באַנק און טרעט דערנאָך אַריין אין אַ הויך־שול. אָבער ער פאַרנאַכלעסיקט ניט די ציוניסטישע אַרבעט. ער איז אַ חבר אין דער חובבי־ציון־באַוועגונג אין מאָסקווע, און גייט זאַמלען געלט פאַר ארץ־ישראל אין די הייזער; ער אָרגאַניזירט אַ גרופּע סטודענטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט לערנען העב־רעאישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע און דיסקוטירן איבער ארץ־ישראל־ענינים. די גרופּע האָט זיך שפּעטער פאַרמירט אין אַ אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „בני ציון״, ווו טשלענאָוו איז דער פאָזיצער און אוסישקין — דער פאַרוואַלטער פון איר ביבליאָטעק.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווערט אוסישקין אויסגעקליבן אַלס סע־קרעטאַר פון די חובבי־ציון אין מאָסקווע און ווערט אויך דעלעגירט אַלס איינער פון די צוויי מאָסקווער דעלעגאַטן צו דער דרוזגעניקער קאָנפערענץ. אויף דער קאָנפערענץ איז ער געווען דער העבראַישער סעקרעטאַר און ווערט געלויבט דורך אַלעמען. הרב מאָהילעווער און ליליענבלום זעען אין אים איינעם פון די איבערגעגעבנסטע חובבי־ציון.

נאָך דער דרוזקעניקער קאָנפערענץ פּלאַנט אוסישקין צו געווינען די רבנים און רביים פאַר דעם ארץ־ישראל געדאַנק. ער זעט זיי, די רבנים, וועלכע שטייען אַליין אין אַ קאַמף מיט דער פרעמדקייט און אַסימילאַציע, און אין זיין האַרץ עגבערט אַ געדאַנק: ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז די רבנים זאָלן זיין קעגן שיבת־ציון? ניט אַנדערש, אַז ס'איז געשען דאָ אַ מיספאַרשטענדעניש. ער באַשליסט צו ווענדן זיך צו די רבנים און פּרווון ווירקן אויף זיי. צוערשט פאָרט ער צום קאָפּוסטער רבין ר' זלמן שניאורסאָן, וועלכער איז געווען אַן אוראייניקל פון ליאַדער רבין, דעם גרינדער פון דער חב״ד־באַוועגונג אין חסידיזם, ר' שניאור זלמן.

הרב מאָהילעווער גיט אים אַ בריוו צום קאָפּוסטער רבין, און דער נעמט אים אויף און הערט אויס אין משך פון אַ שעה זיינע רייד וועגן דער חיבת־ציון־באַוועגונג. צום סוף פאַרטראַכט זיך דער רבי און אויסשטרעקנדיק זיין האַנט צו אוסישקינען ביים געזעגענען זיך, זאָגט ער: „גיב איבער די רבנים און אַלעמען, וועלכע אַרבעטן פאַר דעם ענין, אַז אויך איך געפין אַ נישט קליינעם ווערט אין דער באַוועגונג. גיי מיט גאָטס נאָמען און זיי מצליח צו זען די פּרוכט פון דיין אַרבעט״.

דער געשפּרעך מיטן רבין איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די צייטונגען און געבראַכט אַלעמען צו ערשטוינונג. קיינער גלויבט אין דעם ניט. די חסידים פאָרן צום רבין צו דערוויסן זיך דעם אמת, און דער רבי זאָגט:

„דער סטודענט, וועלכער האָט מיט מיר גערעדט, האָט געפונען חן אין מיינע אויגן, ווייל אמתע רייד דערקענט מען".

אַזוי איז אוסישקין געגאַנגען פון שטאַפּל צו שטאַפּל, און ווען ס'איז דערהאַלטן געוואָרן די לעגאַליזאַציע — איז ער שוין געווען אַ צענטראַלע פיגור אין דער באַוועגונג.

אוסישקינס קאַמף צו פאַרברייטערן די האָריזאָנטן

ער האָט געזען די געוואַלדיקע השפעה פון דער לעגאַליזאַציע אויף די מאַסן און פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר ניט פאַרנאַכלעסיקן די געלעגנהייט. און ער האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט די אָנפירער פון די חובבי־ציון, וועלכע האָבן געוואָלט באַגרענעצן די טעטיקייט פון דער באַוועגונג אין די גרענעצן פון די לעגאַליזאַציע־תקנות. דער קאַמף האָט זיך געפירט אַרום די צוגרייטונגען צו דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט זיך געדאַרפט צוזאַמענקומען, לויט די לעגאַליזאַציע־תקנות, אין אָדעס. ליליענבלום האָט מורא געהאַט, פון איין זייט, טאָמער וועלן זיך צונויפקומען די חברים אויף וועמענס נאָמען ס'איז געגעבן געוואָרן די לעגאַליזאַציע און אויסקלייבן א ועד לויט זייער ווילן, און פון דער צווייטער זייט, האָט ער מורא געהאַט טאָמער וועלן זיך צונויפקומען אויף דער פאַרזאַמלונג דעלעגאַטן פון אגודות, וועלכע זיינען ניט אָנערקענט געוואָרן לויט די תקנות — און די לעגאַליזאַציע וועט דורך דעם געשטעלט ווערן אין סכנה. ער האָט געפּלאַנט אַריינגעמען אין צענטראַל־קאָמיטעט רייכע און אָנגעזעענע מענטשן ביי דער רעגירונג. און ווידער האָט ער מורא געקריגן, טאָמער וועלן זיך צענויפקומען צופיל דעלעגאַטן פון די פּראָווינציעלע אגודות און וועלן אויסוויילן אַ ועד, וועלכער וועט ניט זיין צוגעפּאַסט צו די אויפגאַבן. כדי אויסצומיידן דאָס אַלעס איז ליליענבלום צוגעטראָטן איבערצוציייגן די גרינדער (אויף וועמענס נאָמען ס'איז געגעבן געוואָרן די לעגאַליזאַציע) איינצושטימען אויף אַ ועד, וועלכן ער האָט זיי פאָרגעלייגט. כדי די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג זאָל ניט צעשטערן זיינע פּלענער, האָט ער זיך באַמיט ניט צו פאַרעפנטלעכן די לעגאַליזאַציע, ווי אויך געפאָדערט פון צעדערבוימען ניט אָפּצודרוקן אין זיין צייטונג „המליץ" די תקנות און ניט צו פאַרן קיין חוץ־לארץ פּראָפּאַגאַנדירן פאַר דעם חיבת־ציון־געדאַנק. ער האָט אויך געפאָדערט, אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך צוזאַמענקומען פאַר פּסח, האָפנדיק אַז דאַן וועלן ניט קומען קיין סך דעלעגאַטן פון פּראָווינץ, און די אָדעסער דעלעגאַטן וועלן אויסוויילן דעם ועד, וועלכן ער וועט זיי פאָרלייגן.

אוסישקין האָט געזען אין ליליענבלומס פּלאַן סימנים פון שוואַכקייט, וועלכע וועלן אָפּלעשן די התלהבות פון די מאַסן און וועלן אָפּשוואַכן דעם

צוזאַמענבונד צווישן די פּראָווינציעלע אגודות און דער באַוועגונג. ער ווענדעט זיך גלייך אין נאָמען פון מאָסקווער אגודה צום אָדעסער ועד מיט דער פאָדערונג אָפּצולייגן די אָפּיציעלע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג ביז איבער פסח און רופן פריער אַ צוגרייטונגס־קאָנפערענץ, וועלכע וועט באַשטימען די תקנות פון דער באַוועגונג און וועט פאַרלייגן אַ צענטראַל־קאָמיטעט פאַר דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. ליליענבלום האָט זיך דערשראָקן פון דער פאָדערונג און געבעטן אוסישקינען ער זאָל צוריקציען זיין פאָרשלאָג. אָבער אוסישקין איז געשטאַנען פעסט אויף זיין פאָדערונג און געענטפערט זייער אַ שאַרפע תשובה ליליענבלומען. ער האָט פאָרגעוואָרפן ליליענבלומען פּחדנות און געשריבן צו צעדערבוימען, ער זאָל פאַרעפנטלעכן די תקנות אין „המליץ״ און פאָרן קיין חוץ־לארץ פּראָפּאַגאַנדירן פאַר זייער אידייע. אויך מאָהילעווער, פּין און אַנדערע האָבן געשטיצט אוסישקינס שטעלונג — און ער האָט מנצח געווען. די אָפּיציעלע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז באַשטימט געוואָרן אויף ז׳ אייר און די קאָנפערענץ — אויף סוף ניסן. זיבן טעג האָט זיך געצויגן די קאָנפערענץ. צו אייר איז אַריבער דער שווערפּונקט פון דער אָפּיציעלער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט זיך געעפנט גלייך ווי די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן און האָט געדויערט נאָר דריי און אַ האַלבע שעה.

די אָדעסער קאָנפערענץ

אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט ביי פופציק דעלעגאַטן פון 26 אגודות, צווישן זיי: פּינסקער, מאָהילעווער, צעדערבוים, ליליענבלום, אוסישקין, אחד־העם און אַנדערע. די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ פאַר־זיכערן די רעכט פון די חברים און די אגודות, וועלכע געפינען זיך מחוץ אָדעס; זיי פאָדערן אָפּצוהיטן דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, צוציען די רבנים צום ציוניסטישן געדאַנק, פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ברייטע פאָלקס־שיכטן, פאַרגרעסערן די הכנסות פון דער באַ־וועגונג, שטיצן גדרה; זיי פאָדערן אויך רעאַליזירן דעם באַשלוס וועגן גרינדן אַן אויספיר־קאָמיטעט אין ארץ־ישראל. אין צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צווישן אַנדערע אויך פּינסקער, גרינבערג, אחד העם און אייזנשטאַט. די קאָנפערענץ האָט פאַרפליכטעט דעם צענטראַל־קאָמיטעט זיך באַראַטן אין יעדן ערנסטן ענין מיט די פאָלגנדע דריי חברים, וועלכע האָבן ניט געוווינט אין אָדעס: הרב מאָהילעווער, פּין און וויסאָצקי.

גאָר פייערלעך האָט אויסגעזען די אָפּיציעלע אַלגעמיינע פאַרזאַמ־לונג, וועלכע אין פאָרגעקומען ז׳ אייר מיט דער באַטייליקונג פון 162 חברים, לויט די תקנות פון דער לעגאַליזאַציע. אַזאַ גרויסע עפנטלעכע פאַרזאַמלונג

פֿאַר די אויגן פֿון דער רוסישער מאַכט איז אויסגעטייטשט געוואָרן אַלס ערשטער צייכן פֿון גאולה און קיבוץ גלויות. די קאָנפֿערענץ האָט צוגעטראָגן צעדערבוימען אַן אָנדענק־טאָפֿל, אַלס דאַנק פֿאַר זיינע באַמיאונגען צו באַקומען די לעגאַליזאַציע.

אַזוי איז אויפֿגעעפֿנט געוואָרן אַ נייער פּרק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די אמונה און התלהבות פֿון די חברים איז געוואַקסן. דער בונד צווישן די אגודות האָט זיך פֿאַרשטאַרקט, און עס האָבן אויפֿגעהערט די קליינלעכע קריגערייען און סכסוכים. אפילו פּינסקער, וועלכער איז געווען שטאַרק קראַנק און האָט ניט געקאָנט קומען צו דער קאָנפֿערענץ, האָט מסכים געווען אויסגעוויילט צו ווערן אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט אונטערן דרוק פֿון ליליענבלומען, וועלכער האָט געטענהט אַז אויב ער וועט זיך ניט שטעלן בראש פֿון קאָמיטעט, וועלן אַלע אַמאָליקע חובבי־ציון קוקן אויף דער נייער לעגאַליזירטער געזעלשאַפֿט ווי אויף אַ אינסטיטוציע, וועלכע האָט ניט קיין שום שייכות צו דער חובבי־ציון־באַוועגונג.

די באַוועגונג איז אַרויס צו נייע האָריזאָנטן. אַ נייער עליה־שטראָם האָט אָנגעהויבן צו גיין קיין ארץ־ישראל. די עולים האָבן געבראַכט צו אַ גרויסער אויפֿבוי־באַוועגונג אין לאַנד, און האָבן געשאַפֿן נייע ווערטן פֿאַרן ציוניזם און פֿאַרן ישוב.

דער נייער עליה־שטראָם

צו עפֿענען די טויערן פֿאַר דער עליה האָט זוכה געווען הרב מאָהילעווער. נאָך דער אָדעסער קאָנפֿערענץ איז ער אַרויס בראש פֿון אַ דעלעגאַציע פֿון צוועלף מאַן באַזוכן דאָס לאַנד. אין משך פֿון זעקס וואָכן האָבן זיי דורכגעשפּרייזט דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, זיי האָבן באַזוכט אַלע קאָלאָניעס און שטעט, און אומקערנדיק זיך קיין רוסלאַנד האָבן זיי געבראַכט די בשורה פֿון לאַנד. באַגייסטערטע האָבן געשטראָמט המונים זען מיט זייערע אויגן יידן, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים כותל המערבי און געזען יידן ערדאַרבעטער. הרב מאָהילעווער האָט געפֿאָדערט אין אַ מעמאָריאַל צום אָדעסער ועד צו דערמעגלעכן אַ גרויסע עליה, אויסצולייזן דעם באָדן און שאַפֿן קאַפּיטאַלן פֿאַרן בנין פֿון לאַנד.

דער אָדעסער קאָמיטעט האָט נאָך ניט באַוויזן באַשטימען זיינע פּלענער — און מאַסן יידן האָבן שוין גענומען ציען קיין ארץ־ישראל. הונדערטער מענטשן זיינען געקומען קיין אָדעס מיט זייערע הויזגעזינט, מיט זייערע פֿאַרמעגן, כדי צו זעצן זיך דאָ אויף די שיפֿן וואָס פֿאָרן אין לאַנד. פֿיל פֿון די עולים זיינען געווען שליחים פֿון שטעטלעך, קהילות און געזעלשאַפֿטן, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן אין לאַנד קויפֿן באָדן. אומ־

זיסט האָט געפּרוּווט דער אָדעסער קאָמיטעט זיי אָפּהאַלטן פון פאָרן, כדי אויסצומיידן אַ בהלה פון באָדן־קויף. זיי האָבן ניט געהערט און עולה געווען אין לאַנד. יפו (דאַן נאָך אַ קליינע שטאָט) איז פול געוואָרן מיט עולים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אין די וועגן פון לאַנד זוכן באָדן פאַר זיך און פאַר זייערע שיקער.

דער אָדעסער ועד האָט געמוזט צוטיילן זיך און באַשטימען אַן אויספיר־קאָמיטעט אין ארץ־ישראל, וועלכער זאָל רעגולירן די אַרבעט פון די חובבי־ציון. בראש פון ועד איז געשטעלט געוואָרן אַ יונגער חובב־ציון און אַ ענטוזיאַסטישער מיטגליד פון די בני משה, זאב טיאָמקין, וועלכער האָט זוכה געווען אַז די גאַנצע תקופה זאָל גערופן ווערן אויף זיין נאָמען: תקופת טיומקין. די תקופה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שווונג, קראַפט און גרויסע פּאַרמעסטונגען, מיט הערלעכע חלומות און האָפענונגען.

זאב טיאָמקין

טיאָמקין איז געבאָרן געוואָרן אין אַ רוסישער שטאָט אין אַ סביבה וואָס איז געווען פרעמד צו ידישקייט און אירע מנהגים. ער איז געוואַקסן צווישן רוסן, געלערנט אין זייערע שולן און איינגעזאַפּט זייער ליטעראַטור. ענדיקנדיק גימנאַזיע פאָרט ער קיין פּעטערבורג און דאָ לערנט ער אין אוני־ווערסיטעט. אָבער די פּאָגראָמען פון תרמ״א (1881) אַנדערשן אים איבער, און ער שטייט צו מיט זיין גאַנצן ברען צו די חובבי־ציון.

טיאָמקין אַלס פּערזענלעכקייט האָט באַזעסן וווּנדערבאַרע אייגנ־שאַפטן. פון די ידישע מנהגים און טראַדיציעס האָט ער גאָר ווייניק געוווּסט. אָבער זייער פיל מעלות האָבן איבערגעוועגט דעם גרויסן חסרון. זיין אָרנטלעכקייט און פּערזענלעכקייט האָבן באַצויבערט אַלע זיינע באַקאַנטע. צוזאַמען מיט זיין אויסערלעכער שיינקייט האָט ער באַזיצט אַן אוצר פון כשרונות, אַ כוח פון באַיינפלוסן און אַן אָרגאַניזיר־קראַפט, ליבע צו יעדן מענטש, פייער־ליבע צו ציון און אַ גרויסן רעדנער־טאַלאַנט. מיט זיינע רעדעס פלעגט ער פאַנגען די הערצער פון אַלע זיינע צוהערער.

אַ דאַנק אָט די אייגנשאַפטן איז ער אַרויסגערוקט געוואָרן צו שטיין בראש פון דער מחנה. אים האָט מען פאַרגעבן זיין פרעמדקייט צו ידישע מנהגים. אויך די בני משה האָבן אים אָנגענומען אַלס אַ חבר אין זייערע רייען ניט קוקנדיק אַז לויט די תקנות טאָר מען ניט אויפנעמען קיין חבר וועלכער קאָן ניט קיין עברית. צוליב אים איז צוגעגעבן געוואָרן אַ באַמער־קונג אין די תקנות, אַז אין אויסנאַם־פאַלן נעמט מען אָן אויסגעצייכנטע חברים וועלכע קאָנען ניט קיין עברית, בתנאי זיי זאָלן זיך אויסלערנען די שפּראַך אין משך פון דער צייט. זייענדיק אַ דעלעגאַט אין ווילנער קאָנפע־

רענץ האָט ער געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אין דער אָדעסער קאָנפערענץ איז ער שוין דערשינען אַלס אַ מנהיג פון דער באַוועגונג. פינסקער זעט אין אים דעם מענטש, וועלכער איז ראוי „צו גיין פאָרויס פאַר דער מחנה", אָבער וואָס איז די מיינונג פון הרב מאָהילעווער אויף אים? צי וועט דער רב מסכים זיין איבערצוגעבן דעם גורל פון דעם ישוב אין טיאָמקינס הענט?

טיאָמקין אין געווען איינער פון די דעלעגאַציע, וועלכע איז געפאָרן בראש פון מאָהילעווערן באַזוכן דאָס לאַנד. און ווען מאָהילעווער האָט זיך צוריקגעקערט קיין אָדעס, לייגט ער פאָר דעם אָדעסער ועד צו שטעלן טיאָמקינען בראש פון ועד־הפועל אין לאַנד!

דער ועד הפועל אין לאַנד איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון דריי מענטשן: טיאָמקין, פינעס און בן־טובים. אַלע דריי זיינען געווען חברים אין „בני משה". פינעס און בן־טובים זיינען גלייך צוגעטרעטן צו דער אַרבעט, און טיאָמקין איז געפאָרן געזעגענען זיך מיט זיין פאַמיליע. נאָך סוכות תרנ"א (1891) איז ער עולה אין לאַנד.

טיאָמקינס רייזע פון זיין שטאָט קיין א"י איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טריומף־רייזע. ער איז באַגלייט געוואָרן דעם גאַנצן וועג אין רוסלאַנד מיט התלהבותדיקע מאַסן. משה סמילאַנסקי — דאַן אַ קינד נאָך פון זעכצן יאָר — וועלכער איז געפאָרן צוזאַמען מיט טיאָמקינען דערציילט:

„די פויגל פון הימל האָבן פאַרשפרייט דעם קלאַנג, אַז ס'איז אויפ־געשטאַנען אַ נייער גואל, וועלכער פאָרט אין לאַנד אויסטרעטן דעם גאולה־וועג און אַז דער גואל פאָרט אין אַ באַן צו דער אויסגעבענקטער לאַנד. אויף יעדער באַן־סטאַנציע האָבן זיך געשטופּט צום באַן גרופּעס יידן מיט פאַר־שוואַרצטע פנימער פון דאגת פרנסה און מיט אומעטיקע און צעשראָקענע אויגן פון גלות, וועלכע האָבן אויפגעשיינט איצט זעענדיק דעם מענטשן, וועלכער ברענגט זיי גאולה און אויסלייזונג... ביסלעכווייז איז פול געוואָרן דער באַן מיט מאַסן יידן וואָס שפּאַרן זיך צו אים. ווער עס קומט הערן אים, און ווער — נאָר זען. און ער זיצט געפאַנגען אין משך פון לאַנגע שעהן, און זיין מויל הערט ניט אויף צו ריידן און זיינע אויערן הערן ניט אויף צו הערן, און דער באַצויבערנדער חן וואָס איז אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט און פאַנגט אַלע זיינע צוהערער, פאַרשווינדט ניט... און ער ענטפערט געדן אַלעמען מיטן חן אויף זיין פנים, לויטן סדר פון די פראַגן. ער דערציילט: וועגן כותל מערבי, וועגן קבר רחל, וועגן מגדל דוד און מערת המכפלה... און ער דערציילט נאָך וועגן די קאָלאָניעס, וועגן דעם נייעם יידישן ערדאַרבעטער, וועלכער אַקערט, זייט און שניידט. די פנימער פון קהל שיינען אויף אין האָפענונג. אַ ניט־געזעענע האַנט האָט אָפּגעווישט

פון זיי אויף איין מינוט דעם צער פון פרנסה און דעם טרויער פון גלות..."

און די ניט־געזעענע האַנט האָט אויך באַפּרייט טיאָמקינס נשמה פון פּרעמדקייטס־קלעם. די ברכות פון די מאַסן האָבן אויפגעוועקט אין אים גלויבן אין זיינע כוחות, און ער איז געווען מלא בטחון צוגייענדיק צו זיין אַרבעט אין יפו:

"און ווען ער גייט אין די גאַסן פון שטאָט, קוקן אַלע אויף אים מיט שטאָלץ און פאַרגעניגן: אָט איז ער אונזער אָנפירער... און אויך די אַראַבער אין די גאַסן פון שטאָט טרעטן אָפּ דעם וועג פאַר אים. די אַלטע און בכבודיקע לייט, וועלכע זיצן אין דער לענג פון גאַס, הויבן זיך אויף פאַר זיין כבוד וועגן און באַגריסן אים, און אַ שושקעריי שטייט אויף אַרום: ראס־אל־יהוד! (דער ראש פון די יידן)".

אַזוי איז ער גערופן געוואָרן אין גאַנצן לאַנד, און אויך ביי דער רעגירונג אין אָפיציעלע דאָקומענטן.

דערווייל זיינען געקומען נייע עולים, און די אַרבעט האָט זיך פאַר־ברייטערט. די ערשטע, וועלכע האָבן געהאָלפן צו דער פאַרברייטערונג, זיינען געווען די „בני משה" פון וואַרשע.

די גרינדונג פון רחובות

ז' אדר פון יאָר תר"ן (1890), צום ערשטן יאָרטאָג פון זייער עק־זיסטענץ, האָבן די בני משה געגרינדעט אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „מנוחה ונחלה" מיטן ציל צו באַזעצן אירע חברים אין לאַנד — אין אַ מושבה, וועלכע וועט אויפגעבויט ווערן מיט אייגענע מיטלען, וועט זיין פריי פון דער אַפּיטרופּסות פון דעם באַראָנס פקידים און וועט דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע. צו דעם צוועק האָבן די גרינדער באַשלאָסן שיקן דערווייל אַ קליינע גרופּע חברים, וועלכע וועלן קויפן דעם באָדן, צוגרייטן אים, פאַרזייען און פאַרפלאַנצן, ווי אויך בויען הייזער. שפּעטער, ווען די מושבה וועט זיין צוגעגרייט צו שפּייזן מיט איר פּרוכט אירע באַזעצער, וועלן עולה זיין אַלע חברים און באַזעצן זיך אין איר.

די דעלעגאַטן פון „מנוחה ונחלה" זיינען צוגעשטאַנען צו הרב מאָהי־לעווער ווען ער איז געפאָרן באַזוכן דאָס לאַנד נאָך דער אָדעסער קאָנפע־רענץ און זיינען געפאָרן אין ארץ ישראל צוזאַמען מיט אים. אין לאַנד איז געקומען זיי צו הילף יהושע חנקין, אַ יונגער מענטש, וואָס זיין שטערן האָט גענומען אויפשיינען אויפן האָריזאָנט פון ישוב. זייענדיק נאָך גאָר יונג איז ער עולה געווען צוזאַמען מיט זיין פאָטער און איז געווען צווישן די גרינדער פון ראשון־לציון. אָבער ניט וועלנדיק זיך אונטערוואַרפן אונטער די גזירות פון באַראָנס פקידים, האָט ער פאַרלאָזן די מושבה. וויסאָצקי האָט אים

באַזעצט אין גדרה צוזאַמען מיט די ביל״ויים. די קליינע מושבה איז געווען צו ענג פאַר זיינע פּלענער אויפצוטאָן גרויסע מעשים פאַרן פאָלק און לאַנד, און ער פאַרט אַריבער קיין יפו. נאָך פריער, זייענדיק אין ראשון־לציון און גדרה, האָט ער, פאַרקערנדיק מיט די אַראַבער, געלערנט זייער שפּראַך און מנהגים. איצט אין יפו האָט ער גענומען פאַרקערן צווישן די אַראַבישע שייכן און דורך דעם געוואָרן באַהאַוונט אין זייערע משפּחה־אַנגעלעגנהייטן, ירושות, נחלאות א. אַ. וו.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער עליה־שטראָם אין יאָר 1890, האָט חאַנקין גענומען פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אייניקע פון זיינע באַקאַנטע אַראַבער וועגן אָפּקויפן ביי זיי שטחים פון זייער באָדן. אין ווינטער פון יאָר 1890 איז אים געלונגען, נאָך לאַנגע שוועריקייטן, צו קויפן צען טויזנט דונאַם באָדן פון דאָרף דוראַן, צווישן נחלת־ראובן און עקרון. באַצאָלנדיק די האַנט־געלט מיט פּרוטות, וועלכע ער האָט אַליין געגעבן און אויך צונויפגעזאַמעלט צווישן זיינע חברים, טרעט ער גלייך צו צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַר אַ נייער מושבה. פּורים תר״ן (1890) זיינען אָנגעקומען באַקאַנטע, פריינט און קאָלאָניסטן פרייען זיך מיט דער נייער מושבה.

בשעת דער פייערונג האָט ישראל בעלקינד מודיע געווען דעם נאָמען פון דער מושבה: רחובות. דאָס הייסט: „כי הרחיב ה׳ לנו ופרינו בארץ״ (גאָט האָט פאַרברייטערט אונזער גרענעץ און מיר מערן זיך אין לאַנד).

אָבער צומאָרגנס נאָך דער פייערונג זיינען געקומען די וואָכעדיקע טעג. פון וואַנען וועט געשאַפן ווערן די סומע געלט פאַרן באָדן? אָט־אָט וועט אַריבער דער טערמין צו באַצאָלן די איבעריקע געלט — און דער באָדן וועט זיך אומקערן צוריק צו די אַראַבער!

און חאַנקין זוכט צווישן די נייע עולים בעלנים אויפן באָדן און גע־פינט זיי צווישן די חברים פון „מנוחה ונחלה״. זיי קויפן מיט שמחה דעם גרעסטן טייל פון באָדן און דעם איבעריקן טייל קויפן יחידים פון יפו. און אין חודש אב תר״ן ווערט דער באָדן אָפיציעל אָפּגעשריבן אויפן נאָמען פון „מנוחה ונחלה״ און די איבעריקע קויפער. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון נייעם ישוב באַקומט יעדער קויפער אַ קושאַן אויף זיין נאָמען, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיי זיינען ניט קיין טערקישע בירגער. צוזאַמען מיט די קושאַנען האָבן זיי באַקומען אַ דערלויבעניש צו בויען הייזער אויפן באָדן. די דערגרייכונגען מאַכן באַרימט חאַנקינען אין גאַנצן לאַנד. זיין גורל איז באַשטימט געוואָרן: צו ווערן דער אויסלייזער פון דעם באָדן אין ארץ־ישראל. אַזוי איז אויפגעשטעלט געוואָרן רחובות, וועלכע האָט זיך פאַרברייטערט פון יאָר צו יאָר און מקיים געווען די טרוימען פון אירע גרינדער: זי האָט ניט אויסגעשטרעקט איר האַנט צום באַראָנס שטיצע

און איז געוועזן פריי און פאַרגעשריטן. פיל מאָל, אין שווערע צייטן פאַרן ציוניזם, האָט זי געדינט אַלס שטיצפונקט פאַר די טרעגער פון ציוניסטישן אידעאַל.

די גרינדונג פון חדרה

רחובות האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר טיאָמקינען. קומענדיק אין לאַנד האָט טיאָמקין געפונען, פון איין זייט, אַן אונטערנעמונג וועלכע אַנטוויקלט זיך מיט אייגענע כוחות און, פון דער צווייטער זייט, עולים, פאַרמעגלעכע און ניט־פאַרמעגלעכע, וועלכע לעכצן באַזעצן זיך אויפן באָדן. און אַלע האָבן אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי צו אים, צו טיאָמקינען. און



חדרה אין אָנהייב.

טיאָמקין געפינט זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. ער קווענקלט זיך צי מעג ער אַרויסגיין פון די גרענעצן, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן אים דורכן ועד, צי זאָל ער נעמען אויף זיך די גרויסע אַרבעט פון גאולה וואָס די שליחים פון פאַרשיידענע שטעט און אגודות פון פוילן, ליטע און רוסלאַנד פאָדערן פון אים?

און טיאָמקין באַשליסט מקריב זיין אַלע זיינע כוחות כדי צו העלפן די שליחים פון זיין פאָלק. מען זאָגט אַז פינסקער האָט אים שטילערהייט געגעבן זיין הסכמה דערצו. ער באַשליסט קאָנצענטרירן אין זיינע הענט דעם גאַנצן באָדן־קויף אין לאַנד. כדי אָפּצוטיילן אָט די אַרבעט פון דער גע־

וויינטלעכער אַרבעט אין דעם ועד הפועל, באַשטימט ער צוויי העלפער צו זיך: יהושע אייזנשטאַט, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אין לאַנד, און יהושע חאַנקין. אויף דעם לעצטן לייגט ער אַרויף די טרחה פון קויפן באָדן און פאַרקויפן די שליחים פון די אגודות.

אין אַ קורצער צייט אַרום קויפט חאַנקין דרייסיק טויזנט דונאַם באָדן. אַזאַ גרויסער שטח איז ביז דאַן ניט געקויפט געוואָרן אין לאַנד מיט איינמאָל. עס איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דער באָדן געפינט זיך באַענט פון ים־ברעג, אַז ער איז זייער אַ פרוכטבאַרער און אַ טייך פליסט דורך אים. און קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן, אַז אַ פּאַרט וועט געבויט ווערן דאָרטן אין צוקונפט. פיל עולים איילן זיך צו פאַרשרייבן ביי טיאָמקינען כדי צו קויפן זיך אַ נחלה. דער שטח איז נאָענט פון זכרון־יעקב און האָט געהייסן אויף אַראַביש איל־אחדירה, וואָס הייסט: די גרינע, און אין מויל פון די ערשטע איינוווינער איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חדרה. און אַזוי איז פאַרבליבן דער נאָמען ביז היינט.

נאָך דעם זעלבן ווינטער תרנ״א (1891) זיינען אַרויף די ערשטע קאָלאָניסטן אויפן באָדן, זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ פאַרלאָזן אַראַביש הויז. אינעווייניק אין הויז האָבן זיי אָפגעצאַמט צימערן און באַזעצט זיך אין זיי מיט זייערע פאַמיליעס. נאָך פסח זיינען צוגעקומען נאָך קאָלאָניסטן, אַ טייל פון זיי האָבן אויפגעשטעלט געצעלטן אויף די הערלעכע בערגלעך אַרום. און אין הויז און אויף די בערגלעך האָבן קאָלאָניסטן־טרוימער געטרוימט הערלעכע טרוימען וועגן הונדערטער יידישע דערפער אין דער סביבה, וועגן אַ יידישער שטאָט מיט אַן אייגענעם פּאָרט; וועגן אַ נייער געזעלשאַפטלע־כער אָרדענונג; וועגן נייע מאָראַלישע ווערטן, וועלכע וועלן אַרויס פון ציון. און זיי האָבן ניט געוווּסט, אָט די טרוימער פון חדרה, אַז דער גורל האָט זיי געשטעלט פאַר אַ שווערן נסיון, און אַז זיי וועלן דאַרפן שליסן אַ בלוט־בונד מיטן באָדן איידער זיי וועלן אים באַהערשן.

די גרינדונג פון משמר הירדן

צווישן די עולים האָט זיך אויך געפונען אַן עולה פון אמריקע, וועל־כער האָט געוואָלט גרינדן אַ גוט פאַר זיך. ער האָט צו דעם צוועק געקויפט אַ גרויסן שטח באָדן אין גליל העליון ניט ווייט פון ירדן, נעבן בריק „בנות יעקב״, און איז צוגעטראָטן בויען אַ הויז פאַר זיך און שטאַלן פאַר די בהמות. אָבער אינגיכן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער וועט ניט קאָנען אַליין בייקומען אַלע שוועריקייטן און האָט גענומען זוכן שותפים צו זיין באָדן. בעלנים דערצו האָבן ניט געפעלט אין לאַנד. אייניקע אַרבעטער פון פאַבריק אין ראש־פינה און אייניקע רייכע עולים זיינען צוגעשטאַנען אַלס

שותפים פון באַדן און האָבן געגומען בויען זייער נייער מושבה, וועלכע איז גערופן געוואָרן: משמר הירדן.

טרוימען און טרוימער

טאָג־טעגלעך קומען אָן נייע עולים. טיאָמקין נעמט אַרום די גאַנצע וועלט מיט זיינע פּלענער, און חאַנקין וועבט זיינע חלומות וועגן דער גאולה פון באָדן. ער האָט שוין אָפּמאַכן אויף דעם באָדן פון עמק חפר און עמק זבולון. ער שטייט אין אונטערהאַנדלונגען מיט די אייגענטימער פון די ערד־שטחים אין עמק יזרעאל, וועלכע זיצן אין בירות. זיין האַרץ קוועלט פון שמחה: דער פּרוקטבאַרער עמק־יזרעאל, די פּערל פון ארץ־ישראל, וועט אויסגעלייזט און פאַרבויט ווערן דורך צענדליקער יידישע דערפער. אין זיין וויזיע זעט ער שוין, אַז ס׳איז שוין ענג געוואָרן פאַר יידן דער מערב־טייל פון ארץ־ישראל, און מען דאַרף נעמען קלערן וועגן אַריבערגיין דעם ירדן צום מזרח־טייל פון לאַנד...

צווישן די עולים האָבן זיך געפונען אויך פיל, וועלכע האָבן ניט געהאָט קיין געלט צו קויפן זיך אַ נחלה. זייער גאַנצער פאַרמעגן, וועלכן זיי האָבן געבראַכט אין לאַנד, איז געווען זייער פלאַם־פייערדיקע ליבע צו ציון. טיאָמקין האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, באַזעצט זיי אין געצעלטן און צריפים נעבן נחלת־ראובן און איינגעאָרדנט ביי דער אַרבעט אין רחובות און ראשון־לציון. אין אַ קורצער צייט האָבן זיך קאָנצענטריִרט אין נחלת־ראובן ביי אַ פינף הונדערט מאַן.

אין נחלת־ראובן האָבן זיך נאָך פון פריער געפונען אַ טייל פון דער „אגודת הפועלים״, וועלכע זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן דורך ראָטשילדס פּקידים פון ראשון־לציון און לויט ראובן לערערס איינלאַדונג האָבן זיי זיך באַזעצט אין נחלת־ראובן. בראש פון זיי איז געשטאַנען אהרון אייזנבערג, אַן ענערגישער יונגערמאַן, וועלכער האָט געהאָלפן קויפן דעם באָדן פון דוראַן (רחובות). די געזעלשאַפט און „מנוחה ונחלה״ האָט אים אויסגעקליבן אַלס אַרבעטס־לייטער אין זייער מושבה. יעדן טאָג פלעגט ער גיין צו דער אַרבעט אין רחובות און אָוונטצייט צוריק אַ היים אין נחלת־ראובן. זיין צימער איז געווען דער זאַמעלפּונקט פאַר אַלע טרוימער און אַרבעטער, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו דער „אגודת הפועלים״ און זי אויפגעלעבט.

אַ באַזונדער אָרט צווישן די נייע עולים אין נחלת־ראובן האָט פאַר־נומען מיכאל האַלפּערן, וועלכער איז צום דריטן מאָל עולה געווען אין ארץ־ישראל און דאָס מאָל האָט ער מיט זיך געבראַכט דעם רעשט פון זיין פאָטערס ירושה. אונטערן איינדרוק פון די נייע שטימונגען אין לאַנד האָט זיין שטורמישער גייסט אויפגעפלאַטערט מיט דרייסטע פאַנטאַסטישע פּלע־

נער, וועלכע ער האָט פאַרגעלייגט פאַר די אַרבעטער אין נחלת־ראובן. ער האָט געפאָדערט אויסנוצן דעם מאָמענט אין ציוניזם, כדי צו דערגרייכן פּאָליטישע דערגרייכונגען און זיך צוגרייטן איינצונעמען דאָס לאַנד מיט כוח. לויט זיין פּלאַן דאַרפן די עולים זיך אָרגאַניזירן אין אַ קערפּערשאַפט, וועלכע וועט זיך גרייטן צום פּאַסנדן מאָמענט און דערווייל פון צייט צו צייט דעמאָנסטרירן פאַר די אַראַבער זייער קראַפט, כדי אויפהויבן דעם יידישן כבוד אין זייערע אויגן. אויך אַ פּאַן דאַרף דער ישוב, האָבן אַלס צייכן פון זיין פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט און נאַציאָנאַלער איינהייט.

אונטער זיין השפּעה איז געגרינדעט געוואָרן אין רחובות אַ געהיימע אגודה, וועלכע האָט זיך גערופן „הסתדרות העשרות". איר עיקר־ציל איז געווען אַ מיליטערישער. אַלע חברים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין גרופּעס פון צען מאַן. יעדע צען גרופּעס האָבן געשאַפן אַ גדוד פון הונדערט מאַן. די אָנפירער פון די צענער־גרופּעס האָבן אויסגעקליבן די אָנפירער פון די הונדערטער און די האָבן אויסגעקליבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט און דעם הויפּט־אָנפירער פון דער אגודה. די חברים האָבן באַקומען מיליטערישע איבונגען. אויך אַ געהיימען געריכט האָבן זיי געהאַט, וועלכער האָט זיך געזען אַלס קערנדל פון דער צוקונפטיקער סנהדרין.

דערווייל האָט האַלפּערן געזאָרגט אויך פאַר דעם מאַטעריעלן צושטאַנד פון די חברים. ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצן פאַרמעגן דער אגודה. געקויפט אַ שטח באָדן פון ראובן לערער און פון די אַראַבער און איז צוגעטראָטן אויפשטעלן אַן אַרבעטער־מושבה אויף נייע געזעלשאַפטלעכע יסודות. לויט זיין פּלאַן האָט די ערד געדאַרפט צוטיילט ווערן צווישן די אַרבעטער, וועלכע וועלן בויען אַליין פאַר זיך זייערע הייזער, פלאַנצן זיך כרמים און גערטנער. דערווייל דאַרפן זיי פאַרזעצן זייער אַרבעט אין די כרמים פון ראשון־לציון און רחובות, און נאָר ווען יעדער חבר וועט דערגיין צום עלטער פון זעכציק יאָר — וועט ער זיך באַזעצן אויף זיין באָדן און לעבן אַ רואיקן לעבן אין שאָטן פון זיין גאָרטן.

און חנוכה פון יאָר תרנ"א (1891) איז געלייגט געוואָרן אין נחלת־ראובן מיט גרויס פייערלעכקייט דער גרונטשטיין פאַר דער נייער מושבה. פון אַלע מושבות און שטעט זיינען געקומען געסט מיט טיאָמקינען און די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די חובבי־ציון בראש. די פייערלעכקייטן האָבן זיך אָנגעפאַנגען אָוונטצייט פאַר דער ליכט פון אַ גרויסן שייטער. די פלאַמפייערדיקע רעדעס אַ קעגן די פלאַמען פון דעם שייטער האָבן געבראַכט די פאַרזאַמלטע צו אַ פייערלעכער שטימונג. חלוצים האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי פון פערד־פיס פון דער ווייטן, און גאַלאָפּירנדיק האָבן זיך דערנענטערט עטלעכע רייטער מיט האַלפּערנען בראש. מיט

גאָלדענע צעפלאָטערטע לאָקן, האַלטנדיק אין איין האַנט אַן אויסגעשטרעק־טע שווערד און אין דער אַנדערער — אַ בלוי־ווייסע פאָן, איז האַלפּערן אויפ־געשפּרונגען אויפן זאָטל פון פערד און האַקנדיק מיטן שווערד אויף זיין האַנט, אַזוי ווי בר־כוכבא אין זיין צייט — האָט ער אויסגערופן:

אם אשכחך, ירושלים, תשכח ימיני!...

אויפצומאַרגנס איז פאָרגעקומען דער המשך פון דער פייערונג, און דער עיקר איז געווען טיאָמקינס פלאַמפייערדיקע רעדע. משה סמילאַנסקי, וועלכער האָט אַנטייל גענומען אין די פייערלעכקייטן שרייבט, אַז „דאָס איז געווען אַ נביאישע רעדע״, וועלכע האָט עלעקטריזירט דעם גאַנצן המון. „ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז אויפגעשטאַנען איינער פון די אַמאָליקע נביאים״. אַזוי איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון דער מושבה נס ציונה — אויפן נאָמען פון דער יידישער פאָן, וועלכע איז ביי איר גרינדונג אויפגע־הויבן געוואָרן צום ערשטן מאָל אין לאַנד.

די ידיעות וועגן דער גרינדונג פון די נייע מושבות מיט די אייגענע כוחות פון די גרינדער אָן דער מיטהילף פון ראָטשילדן אָדער די חובבי־ציון — האָבן זיך פאַרשפּרייט אין חוץ־לארץ און פיל האָבן זיך גענומען גרייטן נאָכטאָן די גרינדער. די מאָסקווער בני משה האָבן מקנא געווען זייערע וואַרשעווער חברים און האָבן אויך געגרינדעט אַ געזעלשאַפט צו באַזעצן אירע חברים אין לאַנד. זיי האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר דער מושבה מחנים אין גליל העליון. ס׳האָבן זיך געפונען מומחים וואָס האָבן אויפגע־וויזן, אַז מיט קליינע געלט־מיטלען קאָן מען אויך גרינדן מושבות אין לאַנד לויטן מוסטער פון רחובות, אויב נאָר מען וועט זיך אָרגאַניזירן אין אגודות, וועלכע וועלן ציילן פיל חברים. לויט זייער פּלאַן האָבן זיך געגרינדעט אין א סך ערטער „אגודות אלף״. יעדע אגודה האָט געדאַרפט ציילן טויזנט מיטגלידער. פון די יערלעכע מיטגלידס־אָפּצאָל וועלן עולה זיין יעדעס יאָר אַ טייל פון די חברים, לויט אַ גורל, און באַזעצן זיך אויפן באָדן.

און טיאָמקין אַרבעט טאָג און נאַכט אָן רו. אָבער צי וועט ער האָבן כוח אויסהאַלטן אויף זיינע פּלייצעס די משא פון דער גאַנצער תקופה? צי ס׳איז ניטאָ קיין חשש, אַז די סטרונעס זיינען אָנגעצויגן געוואָרן צו פיל?

די ערשטע שפּאַלטן

און די ערשטע שפּאַלטן האָבן זיך באַוויזן. דער אומבאַגרענעצטער צוטרוי צו טיאָמקינען איז אונטערגעבראָכן געוואָרן, און די דערשיטערונג איז געקומען פון אינעווייניק. פינעס און בן־טובים האָבן ניט געקאָנט מוחל זיין טיאָמקינען דאָס וואָס ער האָט זיי דערווייטערט פון זיך און אויף זייער אָרט דערנענטערט אייזנשטאַטן און חאַנקינען, וועלכע לויט זייער מיינונג,

גייען אויף פאַלשע וועגן. און כדי צו פאַריכטן די פעלערן פון די צוויי־האָבן זיי אויך גענומען קויפן און פאַרקויפן באָדן. אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ אומאָרדענונג אין באָדן־קויף — און מעקלער פון אַלע מינים האָבן גענומען האַנדלען און וואַנדלען מיט די האָפענונגען פון פאָלק. שטי־לערהייט פלעגן זיי זיך ווענדן צו די אַראַבישע באָדן־אינהאַבער און פאַרלייגן זיי בעסערע תנאים, און באַהאַלטענערהייט פלעגן זיי פאַרלייגן דעם באָדן פאַר די עולים און פאַר די שליחים פון די אגודות. דער שלום־בית אין ועד־הפועל איז צעשטערט געוואָרן. די מעקלער־ספעקולאַנטן האָבן פאַר־פעסטעט די לופט. אומזיסט האָט געפּרוווט טיאָמקין מלחמה האַלטן מיט דער ספעקולאַציע און באַפוילן האַנקינען קויפן וואָס מערער באָדן. צו דעם צוועק האָט ער אים איבערגעגעבן געלטער, וועלכע זיינען איינגעלייגט געוואָרן ביי אים אַלס פּקדונות דורך פאַרשיידענע עולים. טיאָמקין האָט געהאָפט, אַז פאַרקויפנדיק דעם באָדן וועט ער קאָנען אומקערן די פּקדון־געלטער. דערוויל האָט דער קנויל זיך אַלץ מער און מער פאַרפּלאָנטערט.

אחד־העם און אוסישקין באַזוכן דאָס לאַנד

די אינטענסיווע אַרבעט און די גרויסע פּלענער האָבן געבראַכט די אָנפירער פון די חובבי־ציון צו באַזוכן דאָס לאַנד. אין אדר פון יאָר תרנ״א (1891) איז געקומען אחד־העם און שפּעטער אוסישקין. צוזאַמען מיט טיאָמ־קינען און אייזנשטאַטן האָבן זיי באַרייזט דאָס לאַנד. מיט התלהבות זיינען זיי געפאָרן פון איין אָרט צום צווייטן און געשוואָרן ניט רוען, ביז וואַנען זיי וועלן אויסלייזן דעם באָדן פון לאַנד און קודם־כל — דעם עמק יזרעאל, עמק השרון און עמק עכו. טרעפנדיק זיך שפּעטער צום פּסח־סדר אין ירושלים האָבן זיי געעפנט זייערע הערצער פאַר די צוקונפטס־טרוימען. יעדער איינער האָט אַנטפּלעקט זיין וויזיע וועגן דער צוקונפט פון פאָלק און לאַנד, און אחד־העם האָט אַריבערגעשטיגן אַלעמען...

„אמת וועגן ארץ־ישראל"

אָבער אומקערנדיק זיך נאָך פּסח צו זייערע ערטער און אויס־ניכטערנדיק זיך פון דער רייזע־שכרות האָבן זיי פאַרעפנטלעכט, יעדער איינער באַזונדער, זייערע רייזע־איינדרוקן פון לאַנד. אחד־העם׳ס אַרטיקל הייסט: אמת מארץ־ישראל. פון ליטעראַטישן שטאַנדפּונקט איז ער איינער פון די בעסטע שאַפונגען זיינע. אחד־העם געפינט ניט אין די געשאַפענע ווערטן אין לאַנד ווי אויך אין טיאָמקינס חלומות די „יענע קליינע אָבער זיכערע טריט", וועלכע ער האָט געפאָדערט פון זיינע תלמידים, נאָר אַ מעקלעריי־וואַקכאַנאַליע אַרום דעם באָדן־קויף. ער קוקט אויף דער גאַנצער

זאַך ווי אויף אַ בהלה־באַוועגונג: וויינגערטנער בהלה וועלכע איז ניט קיין ערד־אַרבעט, ווייל זי דערפילט ניט דעם ציל „להוציא לחם מן הארץ בזעת אפים“ (אַרויסקריגן ברויט פון דער ערד דורך אַרבעטס־שווייס); אַ באָדן־קויף־בהלה, וועלכע דינט פאַר אַ סך „אַלס מיטל רייך צו ווערן אויפן חשבון פון זייערע ברידערס בלוט“; אַ בהלה פון אַרבעטער, וועלכע זעען זיך „קרבנות לטובת הכלל“ און וואַרטן אַז דאָס פאָלק זאָל זיי באַצאָלן פאַר זייער אַרבעט און צוטראָגן זיי פעלדער און וויינגערטנער. און איבער אַלעס — די בהלה פון די דעלעגאַטן פון די פאַרשיידענע חובבי־ציון־אגודות, וועלכע אָנשטאָט העלפן איינער דעם צווייטן זוכט נאָר יעדער זיין אייגענע טובה. און אחד־העם וואָרנט פאַר אַ דורכפאַל, וועלכער דערנענטערט זיך. שטייענדיק פאַר דעם כותל המערבי, גיסט ער צונויף זיין געוויין מיטן געוויין פון זיינע אַלע ברידער־יידן; אָבער אין דער צייט ווען אַלע וויינען אויפן חורבן פון לאַנד, וויינט ער אויפן חורבן פון פאָלק:

„ווען אַ לאַנד ווערט חרוב און דאָס פאָלק איז נאָך פול מיט לעבנס־קראַפט — וועלן אויפשטיין זרובבל, עזרא, נחמיה און דאָס גאַנצע פאָלק מיט זיי און ווידער אים אויפבויען; אָבער ווען אַ פאָלק ווערט חרוב — ווער וועט אויפשטיין אים העלפן, און פון וואַנען וועט קומען זיין הילף?“.

אוסישקינס השגות

אויך אוסישקין האָט פאַרעפנטלעכט זיינע רייזע־איינדרוקן פון ארץ־ישראל אונטערן נאָמען: „אָן מרה שחורה“!“ אויך ער פאַראורטיילט די שעדלעכע מעשים פון די מעקלער, אָבער ער באַשולדיקט ניט דעם ועד־הפועל; פאַרקערט, ער וויל „דערפרייען די לעזער“ מיט אַ בשורה, אַז דעם ועד הפועל „איז געלונגען צו געווינען דעם צוטרוי פון די עולים“. אויך אין די אַנדערע אַרבעטס־שטחים זעט ער ניט דורך שוואַרצע ברילן. אַזוי, למשל, אין דער בהלה פון פלאַנצן וויינגערטנער זעט ער דעם איבערגאַנג פון סוחרים־שטאַנד צו ערדאַרבעט און שטעלט אַלס מוסטער די קאָלאָניסטן פון יסוד־המעלה, וועלכע לעבן פון ערדאַרבעט ווי אויך די עקרונער אכרים, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט די פקידים און לאָזן ניט פלאַנצן קיין וויינגערטנער אויף זייער באָדן. אזוי באַקעמפט אוסישקין אחד־העם׳ס שוואַרצע זעאונגען, און אָנשטאָט דעם איז ער מבשר, אַז ס׳ווערט געשאַפן אין לאַנד אַ נייער טיפּ פון יידן, וועלכע האָבן זיך גובר געווען אויפן גלות־פחד און קיינער אין לאַנד וועט ניט וואַגן זיי אָנרירן, ניט באַקומענדיק גלייך דעם געהעריקן אָפּשניט. אין ארץ־ישראל לערנען די יידן, אַז אונזער הילף הענגט אָפּ פון אונז זעלבסט און ניט פון פרעמדע.

און דעריבער קומט ער צו דער מסקנה: אין דעם דאָזיקן לאַנד

וועלן מיר לעבן. דער נסיון פון צען יאָר האָט געוויזן, אַז טראָץ אַלע שטרויכ־לונגען און פעלערן האָבן מיר געלייגט דעם יסוד פאַר אַן אייביקן בנין.

און ביידע, אחד־העם און אוסישקין, האָבן רעכט געהאַט.

דער גרויסער קריזיס

אחד־העם האָט רעכט געהאַט מיט זיין שוואַרץ־זעעריי בנוגע דער בהלהדיקער עליה. אַ שווערער קריזיס האָט זיך דערנענטערט. נאָכן גירוש מאָסקווע האָט זיך די עליה פאַרגרעסערט נאָך מער, און יפו׳ער גאַסן זיינען פול געוואָרן מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך געריסן צווישן זיך און גע־פרווט אָפנאַרן איינער דעם צווייטן. טיאָמקין האָט געפרווט באַקעמפן דעם מעקלער־פּלאָג. אַ גרויסן טייל פון די מעקלער האָט ער דערווייטערט פון מעקלעריי מיט קראַפט, און די חשובערע צווישן זיי האָט ער דערנענטערט, גלויבנדיק אַזוי אַרום צו קאָנטראָלירן און רעגולירן זייער טעטיקייט. אָבער דורך דעם האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אַליין אין אומפאַראַנטוואָרטלעכע קניות און געשטעלט אין סכנה די געלטער פון דעם ועד הפועל און די פקדונות־געלטער. אַז מ׳האָט זיך דערוווּסט דערפון, זיינען געקומען די עולים, וועלכע האָבן אים אָנגעטרויט זייער פאַרמעגן, און געפאָדערט דאָס זייעריקע. טיאָמקינס קאָסע איז געווען ליידיק און ער האָט ניט געקאָנט צוריקקערן די געלטער. ס׳איז אויסגעבראָכן אַן עפנטלעכער סקאַנדאַל. אַ טייל האָבן זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט אַן אָנקלאָגע אויף טיאָמ־קינען. אַראַבישע העצער האָבן פאַרשפּרייט העץ־מעשיות וועגן די „פאַר־דאָרבענע מידות" פון די עולים און וועגן שיפן, וועלכע ברענגען מאַסן עולים כדי צו דעראָבערן דאָס לאַנד מיט כוח.

די רעגירונג, וועלכע האָט שטענדיק געקוקט מיט אַ קרומען אויג אויפן ציוניזם, האָט געפונען דעם געהעריקן מאָמענט כדי צו באַנייען די גזירות קעגן דער עליה און קעגן דעם יידישן באָדן־קויף. די אינטערווענץ פון די אייראָפּעאישע קאָנסולן האָט פאַרלייכטערט די עליה־גזירה, די עולים זיינען אַראָפּגעלאָזן געוואָרן אויפן ברעג, אָבער זיינען געשיקט געוואָרן מיט מיליטערישער באַגלייטונג קיין ירושלים, כדי צו קאָנען דאָרט דאַוונען אין משך פון אַ מאָנאַט ביי די הייליקע ערטער, און דערנאָך האָט מען זיי געזאָלט אומקערן צו די שיפן. אָבער דער עיקר־קלאַפּ איז געווען די גזירה קעגן דעם באָדן־קויף. צענער טויזנטער פראַנקן האָנטגעלט זיינען פאַרלאָרן גע־גאַנגען.

צום אומגליק נאָך איז אויסגעבראָכן אין יפו אַ טיפוס־מגפה, צוליב די ניט־היגיענישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳האָבן געלעבט די נייע עולים אין יפו׳ער האָטעלן און באַראַקן. די בתי־חולים זיינען פול געוואָרן מיט

קראַנקע און דער בית־הקברות — מיט נייע קברים פון מענטשן, טיילווייז איינזאַמע אין לאַנד, וואָס קיינער איז ניט נאָכגעגאַנגען נאָך זייער ארון זיי באַגלייטן צו דער אייביקער רו. טיאָמקין האָט מיט אַלע כוחות מלחמה געהאַלטן מיט אַלע מלאכי חבלה. אים איז געלונגען אונטערצוקויפן די טערקישע מושלים און אַראָפּנעמען עולים אין יפו ווי אויך דורכצופירן אייניקע ערד־קניות. ער האָט אויך אויסגעגעבן גרויסע געלט־סומעס אין קאַמף קעגן דער מגפה. אָבער ער האָט ניט געקאָנט אַנטקעגנקומען די פּאָ־דערונגען פון די עולים אומצוקערן זיי די געלטער, וועלכע זיי האָבן אים אָנפאַרטרויט צו קויפן באָדן. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלה צו פאַר־לאָזן דאָס לאַנד. יעדע שיף האָט מיטגענומען מיט זיך הונדערטער עולים. דערווייל איז טיאָמקין גערופן געוואָרן קיין אָדעס כדי אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון פון זיין טעטיקייט. ער האָט זיך מער ניט אומגעקערט אין ארץ־ישראל. מיט זיין אַרויספאָר איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ קורצע תקופה פון שוווּנג און ליכטיקייט. די חשבונות האָבן געוויזן, אַז טיאָמקין האָט אַריינ־געבראַכט די חובבי־ציון אין אַ דעפיציט פון מער ווי 200.000 גאָלד־פראַנק.

די עקדה פון חדרה

אָבער אויך אוסישקין מיט זיין האָפענונגס־וויזיע וועגן דער צוקונפט פון ישוב האָט רעכט געהאַט. דער קריזיס האָט ווירקלעך צו נישט געמאַכט אַ סך שיינע חלומות. נס־ציונה האָט זיך ניט אַנטוויקלט און איז פאַרוועלקט געוואָרן אַ קורצע צייט נאָך איר גרינדונג. פון מחנים איז געבליבן נאָר דער נאָמען. עין זיתים, די איינציקע מושבה, וועלכע איז געגרינדעט גע־וואָרן דורך די אגודות האלף, איז חרוב געוואָרן. עמק יזרעאל, עמק חפר און עמק עכו זיינען נאָך צענדליקער יאָרן געבליבן ניט אויסגעלייזט. די אגודת הפועלים האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזן און פיל פון די עולים האָבן זיך אומ־געקערט אין גלות. דאָך זיינען אויפגעטאָן געוואָרן זאַכן, וועלכע האָבן עדות געזאָגט אויפן גרויסן אמת און אמתער וויזיע פון זייערע טרוימער.

אַלס באַווייז קאָן דינען חדרה, וואָס די יסורים־מגילה פון אירע ערשטע עקזיסטענץ־יאָרן ווערט געלייענט ווי אַ גבורים־לעגענדע. ניט אומ־זיסט האָבן גערופן די אַראַבער דעם אָרט: די גרינע. גרינע בלאָטעס, וועל־כע טיילן אויס פון זיך גיפטיקע פאַרפעסטעטע גאַזן, האָבן אַרומגערינגלט חדרה פון דריי זייטן. מיטן קומען פון זומער האָט די „גרינע" און „געלע" קדחת גענומען שניידן איר טויטן־שניט. צען יונגע מענטשן זיינען גע־שטאָרבן פון דער מגפה אין ערשטן זומער תרנ"א (1891), און צענדליקער האָבן זיך געוואַלגערט אין די יפו'ער און זכרון־יעקב'ער האָספּיטאַל. אין ווינטער פון יאָר תרנ"ב (1892) האָבן זיך די קאָלאָניסטן אַביסל דערמונ־

טערט און פאַרגעזעצט די אַרבעט. אויך נייע מתישבים זיינען געקומען פאַרנעמען דעם אָרט פון די געשטאָרבענע. אָבער אין זומער פון דעם יאָר האָט דער טויט ווידער געשניטן זיין שניט.

די מוראדיקע מלחמה צווישן די קאָלאָניסטן־גבורים פון חדרה און דעם טויט האָט געבראַכט די חובבי־ציון צום באַשלוס שיקן הילף די מתישבים. אין ווינטער פון יאָר תרנ״ג (1893) זיינען געשיקט געוואָרן קיין חדרה אַגראָנאָמען צו פלאַנצן אין די זומפּן עקאַליפּטוס־ביימער, וועלכע זויגן אויס די פייכטקייט פון באָדן און טריקענען זי אויס. אָבער די מגפה איז ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. די חובבי־ציון האָבן ניט געהאַט גענוג געלט־מיטלען, כדי צו באַקעמפן די וויסטעניש פון אַ סך דורות. און נאָך צענדליקער מענטשן, צווישן זיי גאַנצע פאַמיליעס, פרויען, קינדער, מענער, יונגע און אַלטע, זיינען געפאַלן פון דער קדחת־מגפה. אין חדרה, זכרון־יעקב און יפו זיינען געגראָבן געוואָרן קברים פאַר די געשטאָרבענע קאָלאָניסטן. אָפטמאָל זיינען נקבר געוואָרן קינדער, וועמענס נעמען מען האָט ניט געוווּסט, ווייל זייערע עלטערן זיינען געשטאָרבן פאַר זיי. אָבער די קאָלאָניסטן האָבן ניט פאַרלאָזן דעם אָרט. אומזיסט האָבן די אָנפירער פון ישוב, רבנים און דאָקטוירים געבעטן זיי פאַרלאָזן די קאָלאָניע. פאַרקערט, אויפן אָרט פון די געפאַלענע זיינען געקומען אַנדערע און פאַרנומען זייער אָרט...

אָבער כדי אויסצוהיילן דעם קלימאַט פון חדרה האָט מען געמוזט פריער אויסטריקענען די זומפּן און דאָס האָט געפאָדערט געלט־מיטלען אין אַ מלוכה־מאַסשטאַב. די טערקישע רעגירונג איז ניט געווען פאַראינטערע־סירט אין דעם, און נאָר ראָטשילד האָט געקאָנט העלפן. שליחים זיינען אַרויסגעפאָרן צו אים, און ער הערנדיק דעם העראָישן קאַמף פון די חדרה׳ער קאָלאָניסטן האָט באַשלאָסן אויסטריקענען דעם אָרט.

ס׳ווערט אויסגעאַרבעט אַ גראַנדיעזער פּלאַן. הונדערטער טויזנטער פראַנקן ווערן באַשטימט אים צו רעאַליזירן. צענטליקער פקידים און אינ־זשענערן ווערן געבראַכט אויפן אָרט און זיי נעמען זיך צו דער אַרבעט: אָפּפירן די וואַסער אין טייכלעך; אַקערן און פאַרפלאַנצן עקאַליפּטוסן און אַזוי אַרום אין משך פון עטלעכע יאָר באַפרייען דעם באָדן פון דער זומפּן־קללה. ראָטשילדס שליח, ד״ר הלל יפה, רופט צוזאַמען די קאָלאָניסטן, גיט זיי איבער די בשורה וועגן באַראָנס הילף און ראָט זיי פאַרלאָזן דעם אָרט אויף צוויי יאָר, ווייל בשעת דער אַנטימאַלאַרישער אַרבעט וועט די קדחת־סכנה זיין נאָך גרעסער. אָבער די איינוווינער האָבן אויך דאַסמאָל ניט גע־וואָלט הערן וועגן פאַרלאָזן דעם אָרט אפילו צייטווייליק.

און די גרויסע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. פון מצרים זיינען גע־בראַכט געוואָרן ספּעציעל נעגערס, וועלכע זיינען געוווינט צו זומפּן. אָבער

אויך זיי האָט די מאַלאַריע ניט פאַרמיטן, צענטליקער נעגערס זיינען קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. אויך צווישן די אכרים האָט די קדחת געטאָן דאָס איריקע. קברים האָבן זיך געמערט אין יפו, אין זכרון־יעקב און חדרה. אָבער די קאָלאָניסטן זיינען געבליבן פעלזן־שטאַרק ביי זייער באַשלוס: ניט צו פאַרלאָזן זייער באָדן אפילו אויף אַ קורצער צייט. און מען דערציילט וועגן איינעם אַן עולה, וועלכער איז אין יענער צייט אַראָפּ מיט זיין פאַמיליע פון שיף אין יפו. דאָ האָט ער געהערט וועגן דער מגפה, וועלכע בושעוועט אין חדרה און שניידט אויף רעכטס און אויף לינקס. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן און מיט זיין גאַנצער פאַמיליע — זעקס פערזאָנען — אַוועק קיין חדרה. „דער וואָס האָט מורא און זיין האַרץ ציטערט אין אים, קאָן ניט ווערן פאַרעכנט צווישן די בויער" — האָט ער געענטפערט די, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּהאַלטן אים פון צו פאָרן זיך באַזעצן אין מאַלאַריע־נעסט. אין משך פון צוויי יאָר זיינען געשטאָרבן פון מאַלאַריע זיין פרוי, צוויי זין און אַ טאָכטער, געבליבן איז נאָר ביים לעבן זיינער אַ קליין קינד.

און ס'האָט אויך ניט געהאָלפן ראָטשילדס פאָרשלאָג איבערצופירן די קאָלאָניסטן אויף זיין חשבון קיין קסריה, אָדער קיין יפו, אויף צוויי יאָר צייט, ביז וואַנען מען וועט אויסטריקענען די זומפּן. די קאָלאָניסטן האָבן באַשלאָסן ניט רירן זיך פון אָרט. אין אָט דעם גיגאַנטן־קאַמף צווישן חדרה'ער קאָלאָניסטן און דעם טויט — האָבן געזיגט די קאָלאָניסטן. אָבער אַ גרויסן, טייערן פרייז האָבן זיי באַצאָלט פאַר זייער נצחון. פון 540 נפשות, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין חדרה'ער בלאָטעס, זיינען אין משך פון די יאָרן מלחמה מיט די זומפּן געשטאָרבן 214 מאַן! אָבער ניט אומזיסט איז געווען זייער קרבן! חדרה'ער קרבנות דינען אַלס סימבאָל פאַר אונזער תקופה; שיבת־ציון צום דריטן מאָל!

נייע מושבות

די עקדה פון חדרה איז ניט געווען קיין אויסנאַמס־געשעעניש, ניט קיין אַוואַנטורע פון איינצעלנע גבורים, וועלכע האָבן ליב צו גיין אין סכנות. דאָס איז געווען דער גייסט פון דער תקופה, וואָס זיין ברענפּונקט איז געווען חדרה און זיינע פלאַמען האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. אָט טרעט אויס רחובות עקשנותדיק איר וועג און שטייט אין שווערע קאַמפן קעגן אירע שכנים די אַראַבער, וועלכע באַפאַלן זי טאָג און נאַכט, און אויך קעגן דער רעגירונג, וועלכע באַמיט זיך אָן אויפהער שטערן איר אַנטוויקלונג. און אָט משמר הירדן, די קליינע מושבה: די אכרים הונגערן, פאַלן פון קדחת, די אַראַבער באַפאַלן זיי, אָבער קיינער פאַרלאָזט ניט די מושבה. ענדלעך נעמט זי יק"א אונטער איר שוץ. און אָט באַזעצן זיך חובבי־

ציון פון בולגאַריע אין הרי יהודה און אַן קיינע געלט־מיטלען גרינדן זיי די מושבה הרטוב, דורך אומאויפהערלעכעליידן פון דורשט און הונגער. אַנדערע עולים באַזעצן זיך נעבן ירושלים אין מוצא, פירנדיק אַ כסדרדיקן קאַמף קעגן פאַרשיידענע נאַטור־פּלאָגן.

ראָטשילד זעצט פאָר זיין קאָלאָניזאַציע־אַרבעט

אויך ראָטשילד האָט פאָרגעזעצט זיין קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט. נעבן זכרון־יעקב גרינדעט ער צוויי נייע מושבות: בת שלמה און מאיר־שפיה, אויפן נאָמען פון זיין פעטער און זיידע. אין צפון פון לאַנד, צופוסנס פון חרמון, אין אַ געזונטן קלימאַט, קויפט ראָטשילד באָדן און הייסט באַזעצן אויף אים די אַרבעטער פון טיאָמקינס תקופה, וועלכע זיינען געבליבן אָן קיום. די נייע קאָלאָניע האָט באַקומען דעם נאָמען מתולה, אַזוי ווי דער אָרט איז גערופן געוואָרן דורך די דרוזן. ניט ווייניק האָבן די קאָלאָניסטן געמוזט אויסשטיין צרות, באַזונדערס פון זייערע שכנים די דרוזן, ביז וואַנען זיי האָבן זיך באַפעסטיקט אויף זייער באָדן.

דער באַראָן האָט אויך געחלומט אויסצולייזן דעם חורן און בשן. דערוויסנדיק זיך אַז אין חוץ־לארץ האָבן זיך געגרינדעט אגודות מיטן ציל צו באַזעצן זיך אין לאַנד, האָט ער באַשלאָסן קומען זיי צו הילף און געקויפט הונדערטע טויזנט דונאַם אין חורן. אָבער ווייניקע האָבן מסכים געווען צו באַזעצן זיך אויף אים. דעריבער האָט ער באַזעצט אויפן באָדן נאָר 25 משפחות, וועלכע האָבן גערופן זייער מושבה תפארת בנימין. די מושבה האָט לאַנג ניט עקזיסטירט. די אַראַבער האָבן פאַרשאַפט די קאָלאָניסטן אָן אויפהער צרות מיט זייערע כסדריקע איבערפאַלן. די קאָלאָניע איז פאַרלאָזט געוואָרן, און דעם באַראָנס באָדן אין חורן פוסטעוועט ביזן היינטיקן טאָג.

צווישן אַנדערע פּלענער האָט ראָטשילד זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן צו גרינדן אַ גלאָז־פאַבריק אין לאַנד, וועלכע וועט פּראָדוצירן פלאַשן פאַר זיינע וויין־קעלערס אין ראשון־לציון און זכרון־יעקב. די זאַמדן פון ארץ־ישראל־ברעג האָבן געדינט שוין אין אַלטערטום פאַר דער פאַבריקאַציע פון גלאָז, און פאַרוואָס זאָלן זיי ניט טויגן היינט פאַר דעם? ערלאַנגער שטעלט אים פאָר אַ יונגן אינזשענער, מאיר דיזענהאָף, וועלכער האָט גע־ענדיקט כעמיע אין פראַנקרייך, און ראָטשילד באַאויפטראָגט אים צו גרינדן אַ גלאָז־פאַבריק אין לאַנד. דיזענהאָף, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון די „בני־משה“, נעמט אָן מיט שמחה דעם פאָרשלאָג. אין משך פון אַ יאָר באַזוכט ער גלאָז־פאַבריקן אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, לערנט די פאַברי־קאַציע פון גלאָז און איז עולה קיין ארץ־ישראל. נאָך לאַנגע אונטערזוכונגען ווילט דיזענהאָף אויס טנטורה, אויפן ברעג ים, ניט ווייט פון זכרון־יעקב,

אַלס פּאַסנדן אָרט צו בויען די פאַבריק. גלייך ווערן געבויט הייזער און לאַבאַראַטאָריומס, ס׳ווערן אַוועקגעשטעלט טייערע אויוונס, ס׳ווערט גע־בראַכט אַ קריסטלעכער פאַכמאַן פון פּאַריז, און אַרבעטער ווערן איינגע־לאַדן. די אַרבעט הויבט זיך אָן. דריי יאָר האָט מיט גרויסע שוועריקייטן עקזיסטירט די פאַבריק. דיזענהאָף אַליין איז ניט געווען קיין מומחה אין פאַך, ווייל אין ענגלאַנד האָבן די פאַבריקאַנטן באַהאַלטן פון אים די סודות פון דער גלאָז־פאַבריקאַציע. אויך די אַרבעטער האָבן ניט געקאָנט זיך אויסלערנען גוט דעם פאַך, ווייל דער קריסטלעכער פאַכמאַן האָט גרינגע־שעצט די גאַנצע אונטערנעמונג. דיזענהאָף האָט געפּרוווט פאַרשיידענע מיטלען כדי צו פאַרמיידן די שליסונג פון דער פאַבריק. ער איז געפאָרן קיין רוסלאַנד און פראַנקרייך און געבראַכט יידישע אַרבעטער־מומחים און קריסט־לעכע פאַכמענער פון פראַנקרייך. אָבער די פאַכקענטעניש פון די יידישע אַרבעטער זיינען ניט צוגעפּאַסט געווען צו די תנאים פון לאַנד, און די קריסטלעכע מומחים האָבן ניט געוואָלט לערנען דעם פאַך די יידישע אַר־בעטער. צום אומגליק נאָך האָט זיך די מאַלאַריע פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער, צוליב דער נאָענטקייט פון די כברה׳ער בלאָטעס, און אַ העלפט פון די אַרבעטס־טעג זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען צוליב דער קראַנקהייט פון די אַרבעטער. צום סוף איז פאַרשלאָסן געוואָרן די פאַבריק, און טנטורה׳ער הייזער שטיין פוסט ביז היינט.

נאָך ראָטשילדס אַ חלום איז ניט מקוים געוואָרן: בויען ביים טנטורה׳ער ברעג אַ יידישן פּאָרט. דעם חלום האָט ער געחלומט שטילער־הייט, זעענדיק אין אים אַ וויכטיקע פּאָליטישע אונטערנעמונג. אין דער צייט, ווען די פאַבריק האָט עקזיסטירט, האָט דער באַראָן געשיקט צוויי שיפן, וועלכע האָבן אויך געטראָגן יידישע נעמען, צום טנטורה׳ער ברעג. די שיפן האָבן געדאַרפט דינען אַלס אַ יסוד פאַר אַ יידישן פּלאַט. מיט דער שליסונג פון דער פאַבריק איז אויך פאַרשוווּנדן דער חלום וועגן בויען אַ יידישע פּאָרט ביים טנטורה׳ער ברעג.

די חובבי־ציון זעצן פאָר זייער אַרבעט אין לאַנד

אויך די חובבי־ציון האָבן פאָרגעזעצט זייער טעטיקייט אין לאַנד, כאָטש אין אַ קלענערן מאַסשטאַב ווי אין טיאָמקינס צייט, ווייל זייערע געלט־קוועלן האָבן זיך פאַרקלענערט. אין כסלו תרנ״ב (סוף 1891) איז געשטאָרבן פּינסקער, און די אָנפירערשאַפט איז ווידער אַריבער צו גרינ־בערגן, וועלכער האָט ניט געהאַט זיין פאָרגענגערס שווונג און האָט זיך באַנוּגנט מיט אָן אַרבעט אין די גרענעצן פון די תקנות.

די אָנפירער פון ועד הפועל אין לאַנד נאָך טיאָמקינען זיינען אַלע

געווען מיטגלידער פון „בני־משה״, וועלכע האָבן זיך איבערגעגעבן די באַשיידענע צילן, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויף זיי אַרויפגע־לייגט. זיי האָבן געשטיצט די קאָלאָניסטן פון פאַרשיידענע מושבות און באַזונדערס פון גדרה. ביסלעכווייז האָט גדרה זיך פאַרפעסטיקט, און די אכרים האָבן געצומען זען פרוכט פון זייער באָדן. ווען אין יאָר תרנ״ד (1894) איז הרב שמואל מאָהילעווער אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר, האָבן די חובבי־ציון באַשלאָסן צו פלאַנצן אויף זיין נאָמען א אתרוגים־פּרדס, וועלכער וועט דינען צו פאַרפעסטיקן דעם ישוב אין לאַנד. אַזוי אַרום איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אַ נייעם ישוב, גן שמואל, ביי חדרה. אָבער זייער עיקר־אַרבעט האָבן די חובבי־ציון געזען אין דער גרינדונג פון באר טוביה. מיט דער גרינדונג פון דער מושבה האָבן זיי געוואָלט דערגרייכן צוויי צילן: ערשטנס, באַזעצן אויפן באָדן אַרבעטער, געניטע אין ערדאַרבעט, וועלכע וועלן זיין גרייט צו באַגנוגענען זיך מיט אַ באַשיידענעם לעבנסאָרט; צווייטנס — בויען אַ „מושבה לדוגמה״, אַ מוסטער־קאָלאָניע, וועלכע וועט זיין געשטיצט אויף פלחה (תבואה־פעלדער) און אויף דער זעלבסט־אַרבעט פון די קאָלאָניסטן. צו דעם צוועק האָט דער ועד געקויפט ביי ראָטשילדן דעם באָדן פון קוסטינה, וועלכער איז איצט גערופן געוואָרן באר טוביה, און באַזעצט אויף אים 29 משפחות. פיל מי און כוחות האָבן די חובבי־ציון אַריינגעלייגט אין דער קאָלאָניע, וועלכע האָט זיך ניט אַנטוויקלט צוליבן מאַנגל אין וואַסער צו באַוואַסערן די שטחים, צוליב די אָנפאַלן פון די אַראַבער און צוליב דעם וואָס די קאָלאָניסטן זיינען ניט געווען צוגעפּאַסט צו זייער אויפגאַבע.

צוזאַמען מיט זייער קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט האָבן די חובבי־ציון געמוזט אָפּגעבן פיל פון זייערע כוחות פאַרן קאַמף מיט זייערע קעגנער. מיט טיאָמקינס דורכפאַל האָבן זיך אָנגעהויבן אינעווייניקסטע קריגערייען צווישן די חברים. אחד־העם, וועלכער איז ניט געווען מסכים מיט דער האַנדלונג פון טיאָמקינען, ווי אויך פון פינעסן, האָט זיך אַנטזאָגט פון דער אָנפירערשאַפט פון די „בני משה״, און דער מרכז איז אַריבער קיין וואַרשע און שפּעטער קיין יפו. עס זיינען געקומען שווערע צייטן פאַר דער באַוועגונג. די ציון־קעגנער האָבן איינגעזען, אַז ס׳איז איצט אַ פּאַסיקער מאָמענט, כדי צו געבן אַ טויט־קלאַפּ דער באַוועגונג.

בן יהודה ווערט געשמידט אין קייטן

און די געלעגנהייט איז זיי געגעבן געוואָרן. חנוכה אין יאָר תרנ״ד (1893) האָט בן־יהודה פאַרעפנטלעכט אין זיין צייטונג „הצבי״ אַן אַרטיקל פון זיין שווער, ווו ער דערציילט וועגן יהודה המכבי און זיינע מלחמות און

רופט די לעזער נעמען אים אַלס ביישפּיל פאַר דער ליבע צום לאַנד און פאַר דער גרייטקייט זיך קעגנשטעלן די, וועלכע ווילן צונעמען אונזער לעבן.

די ירושלים קנאים האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אַרטיקל, איבער־געזעצט אים אויף אַראַביש און איבערגעשיקט צו דער רעגירונג, צוגעבנ־דיק אַ הסבר פון זייער זייט, אַז די כוונה פון מאמר איז רופן די יידן אויפשטיין קעגן דער רעגירונג. זיי האָבן אויך צוגעגעבן, אַז צווישן די יידן געפינט זיך אַ געהיימע געזעלשאַפט, וועלכע גרייט זיך שטעלן בראש פון דעם אויפשטאַנד. די הויפּט־רבנים האָבן זיך דערשראָקן און האָבן פאַר־עפנטלעכט אַן פּראָטעסט־דערקלערונג קעגן מאמר און זיין מחבר, ווו זיי טרייסלען זיך אָפּ פון אחריות פאַר דעם אַרטיקל און זיינען מודיע אַז זיי, ווי אַלע אַנדערע יידן, וועלכע וווינען אין טערקיי, זיינען טריי דער רעגירונג.

די טערקישע רעגירונג האָט זיך דערפרייט מיט דער געגעבענער געלעגנהייט און גלייך געשמידט אין קייטן בן־יהודה מיט זיין שווער אַלס „פּאָליטישע פאַרברעכער". אין דריי טעג אַרום זיינען זיי געשטעלט געוואָרן פאַר אַן עפנטלעכן געריכט, ווו זיי זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין העצן יידן צו אַ בונט קעגן דער רעגירונג. אַלס באַווייז זיינען געבראַכט געוואָרן די איבערזעצונג פון אַרטיקל ווי אויך די פּראָטעסט־דערקלערונג פון די רבנים. די באַשולדיקטע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ יאָר תפיסה.

די געשעעניש האָט אויפגערודערט די גאַנצע יידישע וועלט. אַלע האָבן געפאָדערט אָפּהאַקן די הענט פון די ירושלימער פּראַים, און איינמאָל פאַר אַלע מאָל ענדיקן מיט דער „חלוקה" און די כוללים. די ירושלימער קנאים האָבן זיך דערשראָקן, זעענדיק אַז זיי האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס. די ספרדים האָבן זיך אָפּגעשאָקלט אינגאַנצן פון דער מעשה, און זייער הויפּט־רב האָט מודיע געווען, אַז זיין חתימה אויף דער פּראָטעסט־מודעה האָט ער געגעבן קעגן זיין ווילן. אָבער די קנאים פון דער אשכנזישער עדה האָבן געזען, אַז זיי האָבן ניט קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר פאַרזעצן זייער מיאוסן קאַמף קעגן נייעם ישוב. זיי האָבן גענומען פאַרפּלייצן חוץ־לארץ מיט טויזנטער העץ־בריוו. זיי האָבן אויך געעפנט אין קאָוונע אַ צווייטן העץ־צענטער, וועלכער איז גערופן געוואָרן „הלשכה השחורה", און אויך פון דאָרטן זיינען אַרויס שמוץ־אַרטיקלען קעגן די חובבי־ציון.

די חובבי־ציון האָבן געענטפערט אויף דער מלחמה פון די קנאים מיט אַרטיקלען אין די צייטונגען און צירקולאַרן, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן אין אַלע יידישע צענטערס, ווו זיי האָבן אויפגעוויזן זייער אמת. אויך הרב מאָהילעווער האָט זיך געשטעלט צום דינסט פון דער באַוועגונג און אַרויס אין קאַמף קעגן די קנאים.

די ירושלימער און קאָוונער קנאים האָבן ניט געפּילט, אַז מיט זייער העץ־קאַמפּאַניע האָבן זיי פאַרשטאַרקט די באַוועגונג. די חובבי ציון זיינען אַרויס בשלום פון דעם קריזיס, די באַוועגונג האָט געלערנט פון די דורכ־פאַלן און זיך אויסגעניכטערט פון פאַנטאַזיע־פּלענער. די רדיפות פון די קנאים האָבן געוויזן די חובבי־ציון, אַז די מאַסן זיינען נאָך ווייט פון אויפ־פאַסן גרינטלעך די יסודות פון ציוניזם און מען מוז זיי לערנען און אויפ־וועקן אין זייערע הערצער דעם באַהאַלטענעם נאַציאָנאַלן געפיל. ווידער האָט אויפגעשיינט אחד העם'ס שטערן. אחד העם איז אָנערקענט געוואָרן אַלס לערער פון דור און אַלע האָבן אָנגענומען זיינע עצות. בראש פון ועד הפועל אין לאַנד זיינען געשטעלט געוואָרן ד״ר הלל יפה און יהושע אייזנ־שטאַט,ביידע מיטגליעדער פון בני־משה. זיי האָבן גענומען פאַרעפנטלעכן „בריוו פון ארץ־ישראל״, וועלכע האָבן איבערגעגעבן אמתע ידיעות פון דעם וואָס ס'געשעט אין לאַנד, און זייענדיק דורכגעדרונגען מיט טיפער אמונה אין צוקונפט פון ישוב, האָבן זיי דערנענטערט די לעזער צו דער אידייע און פאַרגרעסערט זייער ליבע צום לאַנד. כדי צו דערפילן בעסער זייער אויפגאַבע און דערציען די מאַסן, האָבן די בני משה געעפנט שולן אין לאַנד און אין חוץ־לארץ, געגרינדעט ליטעראַרישע אינסטיטוציעס און אויפגעהויבן הויך די פאַן פון דער העברעאישער קולטור. אָבער איבער אַלץ האָט די בני־משה־אגודה געדינט אַלס שולע פאַר ציוניסטישע טוער און פירער.

מיט דער דערשיינונג פון גרויסן צויבערער ד״ר הערצל האָבן זיך די „בני משה״ גלייך געשטעלט צו זיין דינסט, און די אגודה האָט זיך אויפ־געלעזט.

טז. שטרעמונגען און ווערטן

מִי יָלַד לִי אֶת אֵלֶּה? וַאֲנִי שְׁכוּלָה וְגַלְמוּדָה
גֹּלָה וְסוּרָה, וְאֵלֶּה מִי גִדֵּל?

(ישעיהו, מט)

חיבת־ציון אַלס פאָלקס־באַוועגונג

ווייניקע זיינען געווען די חובבי־ציון, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט — און געענדיקט האָבן זיי מיט מאַסן אָנהענגער. אין משך פון פינף און דרייסיק יאָר, זינט דער דערשיינונג פון קאַלישערס בוך ביזן דערשיינען פון ד״ר הערצל, איז די גאולה־אידייע אַדורך דעם לאַנגזאַמען פּראָצעס פון אַ אמונה, וואָס איז באַהאַלטן טיף אין די הערצער, — ביז צו ממשותדיקע טאַטן פון פאַרווירקלעכונג, און פון פאַרוואַנדלען די „שה פזורה ישראל״ (די צעשפּרייטע סטאַדע־שעפּסן ישראל) אין אַ אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט, וועלכע גייט לאַנגזאַם אָבער אָן אויפהער צו איר ציל. ווי אַזוי איז געשען אָט דער וווּנדער?

מען קאָן ניט צווייפלען אין דער צויבערקראַפט, מיט וועלכער ס׳האָבן משפּיע געווען אויף די מאַסן די אָנפירער פון דער באַוועגונג. קאַלישער, אַלקלעי, העס, סמאָלענסקין, בן־יהודה, מאָנטיפיאָרי, שלעזינגער, פּינסקער, ליליענבלום, מאָהילעווער, ראָטשילד, אחד־העם, אוסישקין, טיאָמקין און מיט זיי די גרינדער פון די ערשטע מושבות, די ביל״ויים, די „בני־משה״, די העלדן פון חדרה — די אַלע זיינען געווען דער ערן־שטאַב פון אָנפירער פון פאָלק. אָבער מיט קיין וווּנדער־שטעקן מאַכט מען ניט פון קיין סטאַדע אַ פאָלק. צוזאַמען מיטן ציוניסטישן טאַט האָט זיך געוועבט אין פאָלק אַ פאָלקסטימלעך געוועב פון גלויבנס און אמתן, וועלכע האָבן געדינט אַלס באַזע פאַר אַ פאַרצוויגטער פאָלקס־טעטיקייט. דאָס געוועב איז די קאָלעקטיווע שאַפונג פון די פאָלקס־אויסדערוויילטע, יעדער פאָדעם האָט געהאַט זיין וועבער, אָבער צום סוף ווען ס׳איז פאַרטיק געוואָרן די שאַפונג,

זײַנען פֿאַרגעסן געוואָרן די אײנצלנע שעפער און עס איז געוואָרן דאָס אײגנטום פֿון גאַנצן פֿאָלק.

צווערשט זײַנען געווען שטרעבונגען, פּלענער, וועלכע נעמען אַרום וועלטן און דרינגען דורך ביזן סוף פֿון אַלע דורות. ס׳איז ניטאָ קײן אַנשטאַלט אָדער אינסטיטוציע בײַ אונז, וועלכע איז ניט פֿאַרטראַכט געוואָרן דורך די חובבי־ציון; ס׳איז ניטאָ קײן חלום צווישן אונזערע חלומות, וועלכע זײ האָבן ניט געחלומט און ס׳איז ניטאָ קײן געדאַנק אין דער איצטיקער ציוניסטישער געדאַנקן־וועלט, וואָס זײ האָבן צווישן זיך ניט דיסקוטירט איבער אים.

דער אָנפֿאַנג פֿון דער באַוועגונג — אַ פּאָליטישער

הײַנט איז קלאָר אַלעמען אַז די חבת־ציון־באַוועגונג האָט געשאַפֿן דעם פּראַקטישן ציוניזם, וועלכער האָט געשריבן אויף זײַן פֿאָן רעאַלע אַרבעט אין ארץ־ישראל, ווי עליה, באָדן־קויף און התישבות. אָבער דער אור־שפּרונג פֿון דער באַוועגונג איז געווען אַ פּאָליטישער. די קנאה אין דער פּאָליטישער אויפֿלעבונג פֿון די אײראָפּעאישע פֿעלקער האָט געבראַכט קאָלי־שערן צו זײַן ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אויך דער פֿאָטער פֿון דער חיבת־ציון־באַוועגונג ד״ר פּינסקער איז געווען אַ פּאָליטישער ציוניסט. אין זײַן בראָשור „אויטאָעמאַנציפּאַציע״ איז ניטאָ קײן שום רמז אויף דעם פּראַקטישן ציוניזם, ווײַל ער גלייבט ניט אין דער הצלחה פֿון אַ קאָלאָניזאַציע, וועלכע וועט געמאַכט ווערן דורך יחידים און ניט דורך קײן נאַציאָנאַלן מלוכה׳שן אַפּאַראַט וואָס איז אָנערקענט דורך אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט. דעריבער דאַרף מען אָנפֿאַנגען די אַרבעט דורך צוזאַמענרופֿן אַ ייִדישן קאָנגרעס, וועל־כער וועט באַשליסן וועגן „באַקומען אַ באַזונדער לאַנד״, און זײַנע פֿאָרשטײער וועלן פֿירן אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם מיט די וועלט־רעגירונגען, „ווײַל איצט איז די פּאַסיקע שעה דערצו״.

און אין דער אמתן איז ניט געווען קײן מער פּאַסיקע שעה ווי דאַן. אַלע פֿעלקער פֿון אײראָפּע האָבן געוואַרט אויפֿן טויט פֿון „קראַנקן מאַן״, פֿון דער טערקישער אימפּעריע. און ענגלאַנד איז ווי באַשטימט געוואָרן פֿון דער השגחה צו ווערן דער אַפּיטראָפּוס אויף די גיטער פֿון דער אימפּעריע וואָס גוססט. דעריבער האָט די ציוניסטישע פּאָליטיק פֿאַרפּליכטעט די באַוועגונג שטײן אויף דער וואַך און צוגרײטן ענגלאַנד, אַז זי זאָל אָנערקענען דעם זכות פֿון ייִדישן פֿאָלק אויף זײַן טײל אין דער ירושה. צו דעם האָט געשטרעבט אָליפֿאַנט מיט זײַן טעטיקײט, און צו דעם איז אויך געווען געווענדעט די חתימות־פּעטיציע פֿון קאָנסטאַנטינאָווסקין. חוץ דעם האָבן די חובבי־ציון געפֿירט אַ פּאָליטישע טעטיקײט אויך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל,

מיט דער הילף פון אַליפאַנטן און אָסקאַר שטרויסן, דער אַמעריקאַנישער געזאַנדטער אין טערקיי, וועלכער איז געווען אַ הייסער ייד, און ניט איין מאָל האָט ער געמאַכט שווערע פּאָרווורפן דער טערקישער רעגירונג איבער איר באַציאונג צו דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

אויך די ביל״וּיִים־באַוועגונג איז אין איר אָנהויב געווען אַ פּאָליטישע. די ביל״ויים האָבן געשטרעבט דורך אַ „פירמאַן" פון דער טערקישער רע־גירונג צו באַקומען באַדן אין ארץ־ישראל, און צוליב דעם האָבן זיי קאָנ־צענטרירט זייער טעטיקייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און געפירט אונטער־האַנדלונגען מיט וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון דער רעגירונג מיט דער הילף פון אָליפאַנטן, שטרויסן און אַנדערע פריינד.

די ערשטע אָנפירער פון די חובבי־ציון זיינען צוגעגאַנגען לעזן די ציון־פראַגע צוערשט פון איר פּאָליטישער זייט. זיי האָבן געגלויבט אַז דורך דער טעטיקייט פון זייער באַוועגונג וועט גאַנץ ארץ־ישראל, צוזאַמען מיט אַלע הייליקע ערטער, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישע מדינה. פיל פון זייער צייט האָבן זיי אָפּגעגעבן פאַר דיסקוסיעס אויף אַזעלכע פראַגן, ווי למשל: וואָס וועט זיין דער צוקונפטיקער פּאָליטישער רעזשים אין דער יידישער ארץ־ישראל? וואָס וועט זיין אונזער באַציאונג צו די הייליקע ערטער פון די קריסטן און מוסולמענער? די ויכּוחים האָבן אָנגערירט פראַגן פון רע־ליגיעזער טאָלעראַנץ, הייליקייט פון ארץ־ישראל פאַר אַלע פעלקער און פרייהייט פון געוויסן... שוין אין יאָר תרנ״א (1891), אין יענער „סדר־נאַכט" אין ירושלים, האָבן אחד־העם, אוסישקין, טיאָמקין, אייזנשטאַט און אַנדערע דיסקוטירט איבער דער פראַגע: וואָס וועט געבויט ווערן אויפן הר־הבית נאָך דעם ווי מיר וועלן אים אויסלייזן? איינער האָט געזאָגט: אַ שול וואָס וועט זיין אַ קליין בית מקדש; דער צווייטער האָט געחלומט וועגן אַ הויך־שול, אַ בית־מקדש פאַר דער וויסנשאַפט; און אחד־העם איז אויפגעשטאַנען און געלייענט פסוקים פון שלמה המלך׳ס תפילה וואָס ער האָט מתפלל געווען ענדיקנדיק בויען דעם בית־המקדש און דערנאָך האָט ער אויסגערופן: „יאָ, אַ בית־המקדש וועט שטיין דאָ, אָבער ניט קיין בית־כנסת, ניט קיין קלויסטער, ניט קיין מעטשעט, נאָר אַ בית־תפילה פאַר אַלע פעלקער".

מיט אַ מאָל האָט דער ציוניסטיש־פּאָליטישער געדאַנק באַקומען אַ טויט־קלאַפּ. אַזוי ווי יעדער פּאָליטישער געדאַנק איז ער געווען אָפּהענגיק פון די פאַרשיידענע ענדערונגען אין דער וועלט־פּאָליטיק. דאָס יאָר 1882, וועלכער איז געווען אַ ווענדע־יאָר אין דער יידישער געשיכטע און אין דער געשיכטע פון ציוניזם, האָט אויך געבראַכט צו ענדערונגען אין דער פּאָליטיק פון נאָענטן מזרח. ענגלאַנד האָט געוואָלט באַקומען אַ פעטן חלק אין דער זיך צעפאַלנדיקער טערקישער אימפּעריע. כדי צו באַשיצן דעם

סועץ־קאַנאַל, וועלכער איז אַריבער אונטער איר הערשאַפט אַ דאַנק לאָרד ביקאָנספילד (בנימין דישראלי), האָט ענגלאַנד אַנגעהויבן צו פאָדערן באַזונדערע רעכט פאַר זיך אין מצרים, וועלכע איז דאַן געווען אַ טייל פון דער טערקישער אימפּעריע. טערקיי האָט זיך קעגנגעשטעלט די ענגלישע פאָדערונגען. אין זומער פון אויבנדערמאָנטן יאָר האָט דער ענגלישער פלאָט באָמבאַדירט אַלעקסאַנדריע, און דאָס ענגלישע מיליטער האָט פאַרנומען מצרים. טערקיי האָט גענומען דאַן קוקן מיט גרויס חשד אויף יעדן טריט פון די אייראָפּעאישע רעגירונגען, און דעריבער האָט זי זיך קעגנגעשטעלט אויך די חובבי־ציון, באַזונדערס צוליב דעם וואָס ענגלאַנדס האַנט איז געווען אין מיטן. אָליפאַנט האָט געמוזט פאַרלאָזן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און די ביל״ויים זיינען פאַרלאָזן געוואָרן אָן הילף אין זייערע פּאָליטישע שטרעבונגען.

ליליענבלום — דער נביא פון דעם פּראַקטישן ציוניזם

אָבער דערווייל זיינען אָנגעקומען אין לאַנד קבוצות עולים און געגרינדעט די ערשטע מושבות. מיט דעם איז די חיבת־ציון־באַוועגונג אַרויף אויף אַ נייעם וועג — אויפן וועג פון פּראַקטישן ציוניזם, וועמענס נביא ס׳איז געווען ליליענבלום. און ווי יעדער פאַנאַטיקער פאַר זיין אידייע האָט ליליענבלום אָנערקענט נאָר זיין וועג און מבטל געמאַכט אַלע אַנדערע וועגן. ער האָט גערעדט מיט שפּאָט וועגן פּאָליטישן ציוניזם און געלאַכט פון די וואָס חלומען וועגן אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, וועגן אויסלייזן ירושלים און דעם הר הבית. „מיר דאַרפן ניט האָבן די מויערן פון ירושלים... מיר נייטיקן זיך אין ארץ־ישראל אַלס אמתן צענטער פאַר אונז...“ אויך די אויפלעבונג פון עברית איז ביי אים ניט קיין עיקר. דער עיקר איז — אויפבויען צוריק די וויסטענישן פון אונזער פאָטערלאַנד. דער עיקר איז — אויסלייזן אַ דונאַם באָדן נאָך אַ דונאַם, פאַרגרעסערן די ווירטשאַפט פון אַן אכר אין גדרה אָדער באר־טוביה. און ווען ליליענבלום האָט זיך געשטעלט ביים רודער פון אָנפירערשאַפט, האָט ער געלייגט זיין שטעמפּל אויף דער גאַנצער באַוועגונג.

דער ענדציל — אַ מדינה

די חובבי־ציון האָבן אָנגענומען זיין וועג — אָבער ניט זיין אידייע. דעם פריערדיקן פּאָליטישן סיסטעם פון ציוניזם האָבן זיי געטיילט אויף צווייען; איין טייל האָבן זיי אָנגענומען און דעם צווייטן אָפּגעוואָרפן: זיי האָבן ניט געגלויבט אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע דורך פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען, אָבער געגלויבט אַז דער ענדציל פון דער באַוועגונג איז אַ יידישע מדינה. איינער פון די ביל״ויים שרייבט צו זיין ברודער אין חוץ־לארץ:

„צי קלערסטו באמת אַז דער ציל פון מיין קומען אַהער איז — איינצואָרדענען זיך זעלבסט? דער ענדציל מיינער, ווי פון אַ סך אונזערע איז — דעראָבערן אין משך פון דער צייט ארץ־ישראל און אומקערן דעם יידישן פאָלק זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, וועלכע איז אים פאַר־לאָרן געגאַנגען שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר״.

אויך אר״ז און דער רב עליאַשבערג האָבן געזען דעם ענדציל פון ציוניזם אין אַ זעלבסטשטענדיקער מדינה אין ארץ־ישראל. אויך הרב מאָהי־לעווער שאַצט אָפּ די פּאָליטישע אַרבעט ווי געהעריק, און ווען מ׳האָלט ביים שיקן וויסאָצקין קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיך באַמיען מבטל צו מאַכן די עליה־גזירה, איז מאָהילעווער ניט צופרידן פון דעם, טענה׳נדיק אַז וויסאָצקי איז אַ סוחר און ניט קיין פּאָליטיקער. און אפילו ראָטשילד האָט אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט געזאָגט צו משה שערטאָק:

„פון די ערשטע טעג אָן פון מיין אַרבעט פאַר ארץ־ישראל האָב איך געשטרעבט צו אַ יידישער מדינה. נאָר כ׳האָב אָנגענומען דעם כלל, וועלכן ס׳האָט אונז געלערנט איינער פון די ערשטע גרויסע פראַנצויזישע פּאָליטי־קער: קלער וועגן דעם פיל — און רייד ווייניק״.

אין דעם שיידעט זיך אונטער דער פּאָליטישער ציוניזם פון פּראַק־טישן. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געגלויבט דערגרייכן דעם ציל פון אויבן צו אונטן; די פעלקער וועלן אָנערקענען דעם יידישן פאָלק און ארץ־ישראל אַלס זיין לאַנד, און דאַן וועט פאַרקומען די שיבת־ציון אין איר גאַנצן פאַרנעם; דעריבער דאַרף מען פירן אַ פאַרצווייגטע פּאָליטישע אַרבעט צווישן די פעלקער אין דער וועלט. דער פּראַקטישער ציוניזם האָט געשטרעבט דערגרייכן דעם ציל פון אונטן צו אויבן: די יידישע מאַסן וועלן עולה זיין און באַזעצן דאָס לאַנד. זיי וועלן בויען דערפער און גרינדן אינדוסטריע און ממילא וועט אין לויף פון דער צייט ארץ־ישראל פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ יידישער מדינה.

אָבער צוויי סכנות האָבן געלויערט אויפן ציוניסטישן געדאַנק מצד דעם פּראַקטישן ציוניזם: ערשטנס, פון וואַנען זיינען מיר זיכער אַז יעדער עולה וועט האַנדלען לויט די אינטערעסן פון פאָלק און ניט לויט זיינע פּריוואַטע אינטערעסן, וועלכע זיינען אָפּטמאָל סותר די באַדערפענישן פון כלל; און צווייטנס: צי קאָן באמת די לאַנגזאַמע עליה און קאָלאָניזאַציע לעזן די ברענענדיקע יידן־פראַגע אין דער וועלט?

דער גייסטיקער ציוניזם

אָט די סכנות האָט קלאָר געזען אחד העם, וועלכער האָט געשאַפן אַ דריטע שטרעמונג אין דעם ציוניזם: דעם גייסטיקן ציוניזם. די עיקרדיקע

אויפגאַבע פון דער דאָזיקער שטרעמונג איז — דערציִען דאָס פאָלק אין נאַציאָנאַלן גייסט, כדי יעדער איינער זאָל זען קודם־כל דעם נאַציאָנאַלן אינטערעס. איידער מען וויל אָרגאַניזירן דאָס פאָלק, מוז מען אים פריער דערציִען. ער האָט מודה געווען, אַז עליה און קאָלאָניזאַציע קומען פריער און ערשט דערנאָך קומט די פּאָליטישע טעטיקייט. אָבער מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז דאָס אַלץ זיינען נאָר מיטלען צו דער אויפלעבונג פון פאָלק. דער ציל פון חיבת־ציון איז ניט נאָר די אויפלעבונג פון לאַנד — נאָר די אויפ־לעבונג פון אונזער פאָלק אין ארץ־ישראל. דעריבער מוז מען אָנהויבן מיט דער דערציִאונג פון די מאַסן. יעדער פּרט דאַרף שטענדיק האָבן פאַר זיינע אויגן די באַדערפענישן פון כלל און ניט זאָרגן נאָר פאַר זיינע פּריוואַטע אינטערעסן.

אחד העם האָט אויך געהאַלטן, אַז ארץ־ישראל וועט ניט קענען לעזן די יידן־פראַגע, ווייל דאָס לאַנד וועט ניט קאָנען אַריינעמען אַלע יידן פון דער וועלט. ארץ־ישראל איז, פון דער צווייטער זייט, אויך ניט קיין פּוסטע לאַנד, ווייל זי איז טיילווייז באַזעצט דורך אַראַבער. דעריבער טיילט ער פאַנאַנדער צווישן דער יידן־פראַגע און דער פראַגע פון יידנטום. די סכּנות וואס דראָען די יידן זיינען קלענער ווי די וואָס דראָען דער „יידישקייט“. יידן, וועלכע זיינען געדריקט אין רוסלאַנד און רומעניע, קענען עמיגרירן קיין אַמעריקע, ווו זיי געניסן פון אַלע רעכט. אַזוי אַרום קענען די יידן לעזן די פראַגע פון זייער מאַטעריעלער עקזיסטענץ אויך אין גלות, אָבער פאַר דער יידישקייט, פאַרן יידישן גייסט — איז ניטאָ קיין רעטונג מחוץ ארץ־ישראל. מיר דאַרפן דעריבער גרינדן אין לאַנד אַ ישוב, וועלכער זאָל דינען אַלס גייסטיקער צענטער (מרכז רוחני) פאַרן גאַנצן פאָלק. ער וועט זיין דער טאָנ־געבער און דער מוסטער פאַר אַלע יידן אין דער וועלט.

ערדאַרבעט אָדער אינדוסטריע און מסחר ?

אין דער רעאַלער אַרבעט פאַרן לאַנד האָבן אַלע געזען, אין ערשטן אויגנבליק, דאָס אומקערן זיך פון פאָלק צו זיין ערד, צו דער ערדאַרבעט. יעדער חובב־ציון האָט געזען דעם נייעם ייד אין לאַנד זיצן „אונטער זיין ווייַנשטאָק און פייגנבוים“. אָבער שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער באַ־וועגונג האָבן זיך געפונען חברים, וועלכע האָבן אַגיטירט פאַר דעם אויפבוי פון אַן אינדוסטריע אין לאַנד. סמאָלענסקין איז געווען איינער פון זיי. ער פאָדערט עפענען פאַבריקן, אויפשטעלן סוחרים־אגודות, ווייל די ערד וועט ניט זיין גענוג פאַרן גאַנצן פאָלק, און בלויז ערד־אַרבעט וועט ניט קענען אויפנעמען גרויסע מאַסן. אויך וויסאָצקי איז אין דער זעלבער מיינונג, און ער שענקט די ערשטע סומע פאַר אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אין לאַנד.

אין דער זעלבער פראַגע טרעט אויך אַרויס אליהו וואָלף ראַבינאָוויטש (או״ר), איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטישע שרייבער אין עברית. ער שטעלט פאַר אין שוואַרצע פאַרבן דעם מצב פון די פויערים אין דער וועלט. זיי זיינען אָפּהענגיק פון די חסדים פון דער נאַטור. אין אַ יאָר פון אומגע־רעטעניש ליידן זיי הונגער און מוזן אָנקומען צו די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע שינדן זייער הויט דורך גרויסע ציינזן. דעריבער טאָר מען ניט פאָדערן פון די יידישע אָרעמע מאַסן צו ווערן ערדאַרבעטער אין דער וויסטער לאַנד און צום סוף — אַריינפאַלן אין די הענט פון אכזריותדיקע ציינזן־נעמער.

אָבער דאָס זיינען געווען פאַראיינזאַמטע שטימען. די מערהייט איז געווען פעסט פאַר ערדאַרבעט. פינסקער אין זיין עפענונגס־רעדע אויף דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ רעדט וועגן די מעלות פון ערדאַרבעט. הרב עליאַש־בערג רימט די ערדאַרבעט אַקעגן דעם האַנדל־וואַנדל פון די יידן אין גלות. ער זעט אין איר נאָך אַ מעלה — די דערציונג צו געזעלשאַפטלעכער אחריות: „ערדאַרבעט מוז געטאָן ווערן בצבור, ווי פאַרריכטן ברינעמער, וועגן, בריקן, וואָס אַ יחיד אַליין וועט ניט קענען טאָן״.

אויף די טענות פון או״ר (א. ו. ראַבינאָוויטש) ענטפערט אים זיין חבר יהודה ליב לעווין (יהל״ל):

א. מען טאָר ניט צונויפמישן די פראַגע פון אַרבעט און קאַפּיטאַל מיט דער פראַגע פון אונזער פאָלקס־עקזיסטענץ. די פראַגע פון אַרבעט און קאַפּיטאַל איז אַ געמיינזאַמע פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, אָבער אונזער נאַציאָנאַלע פראָבלעם איז אַ ספּעציפישע. מיר זיינען אַלס פאָלק באַוווּלט קעגן אַלע פעלקער. דעריבער דאַרפן מיר זיך באַמיען ווערן אַ פאָלק גלייך מיט אַלע, און דערנאָך וועלן מיר צוגיין לייזן די פּראָבלעם פון אַרבעט און קאַפּיטאַל צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטשהייט.

ב. צוטרעטנדיק בויען אונזער אַלט־נייע לאַנד, וועלן מיר קאָנען גלייך לייגן יסודות פאַר געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט און אויסמיידן דאָס אומרעכט און די גזלה־סיסטעמען, וועלכע ס׳האָבן זיך אַנטוויקלט אין משך פון דורות ביי אַנדערע פעלקער. אונז וועט די זאַך זיין לייכטער אויסצופירן ווי אַנדערע: מיר וועלן דורכפירן אין לעבן די געזעצן פון דער תורה וועגן פראָצענט, שמיטה, יובל, לקט, שכחה, פאה און אַנדערע, און מיר וועלן ניט דערלאָזן קיין געזעלשאַפטלעכן אומרעכט לגבי די פויערים.

פּריוואַטער אָדער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל ?

די ויכוחים האָבן אַרומגענומען אַלע טעטיקייטס־געביטן. אַט, למשל, די פראַגע וועגן מאָביליזירן די געלט־מיטלען. פאַרשטייט זיך, אַז אַלעמענס מיין איז געווען קריגן די געלט־מיטלען דורך זעלבסט־באַשטייערונג. אָבער

ס'האָבן זיך געפונען קעגנער, וועלכע האָבן געטענה'ט אַז מען מוז זיך ווענדן צו די רייכע, וועלכע זאָלן אַריינלייגן זייער פאַרמעגן אויף אַ סוחרישן אופן אין דעם אויפבוי פון לאַנד. באַזונדערס האָט דאָס געפאָדערט סמאָלענסקין; אַלע געלט־זאַמלונגען צווישן די פאָלקס־מאַסן וועלן ניט זיין גענוג אויפצו־בויען אײן מושבה, נאָר די גבירים קאָנען אויפטאָן פאַרן לאַנד דורך פאַר־לייגן דאָרט זייערע געשעפטן און האַנדלס־אונטערנעמונגען. אָבער אויך די, וועלכע זיינען געווען פאַר דער פאָלקס־באַשטייערונג, האָבן פאַרשטאַנען אַז מיט די ווייניקע געלט־מיטלען קאָן מען ניט אויסלייזן קיין פּאַטערלאַנד. דאָ און דאָרט האָבן געגומען אויפשווימען געדאַנקען וועגן מאָביליזירן דעם פאָלקס־קאַפּיטאַל אין דער פאָרם פון אַ נאַציאָנאַלן פאָנד. אין די תקנות פון דער געזעלשאַפט „ציון", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך פּראָ־פעסאָר שאַפּירא אין היידעלבערג, איז שוין דאָ אַ בפירושער פונקט וועגן דער גרינדונג פון קרן קימת. אָבער זיינע צילן זיינען נאָך ניט קלאָר, אויב ער מיינט אויסצולייזן דעם באָדן אין לאַנד אָדער אויפצושטעלן אַ העברעאישן אוניווערסיטעט אין ארץ־ישראל. דער שענסטער פאָרשלאַג דאַן וועגן דער גרינדונג פון קרן קימת איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין יאָר תר"ן (1890) אין ראשון־לציון דורך אַ גרופּע אכרים און אַרבעטער, בראש פון וועלכע זיינען געשטאַנען אהרן אייזנבערג און יהודה גור (גראַזאָווסקי), ביידע מיט־גלידער פון „בני משה". דער קרן איז געגרינדעט געוואָרן, כדי „אויסצולייזן אונזער פאָטערלאַנד" און אין זיינע תקנות ווערט געזאָגט בפירוש, אַז „די געלטער וועלכע פליסן אַריין אין דער קאַסע פון דער געזעלשאַפט זיינען הייליק פאַר דער ערד־גאולה. דער אויסגעלייזטער באָדן וועט פאַרקויפט ווערן אין קליינע חלקים מיט אַ קליינעם ריוח, און די רווחים וועלן אויך אַריינ־גיין אין דער קאַסע פון דער געזעלשאַפט".

דער געדאַנק וועגן אויסלייזן דאָס לאַנד מיט דער הילף פון פאָלקס־באַשטייערונג און קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט קיינמאָל ניט ווייניקער, האָט אַזוי אַרום מקדים געווען דעם קרן קימת לישראל, אָבער איז נאָך ניט דער־גאַנגען צום געדאַנק וועגן קאָנצענטרירן דעם באָדן אין די הענט פון פאָלק. דער פאָנד האָט צונויפגעזאַמלט אין משך פון אַ קורצער צייט דריי טויזנט פראַנק און איבערגעגעבן זיי בינשטאָקן, דעם ראש פון דעם הפועל אין יפו נאָך טיאָמקינען. בינשטאָק האָט דאָס געלט אַריינגעלייגט אין אַ באַנק, אָבער מיט זיין פּלוצימדיקן טויט איז פאַרלאָרן געגאַנגען דאָס געלט.

די שטעלונג צו דער רעליגיע אין דער באַוועגונג

אויך די פראַגע פון דער שטעלונג צו דער רעליגיע האָט אַרויסגע־רופן לעבהאַפטע דיסקוסיעס. פיל פון די רבנים אין דער באַוועגונג האָבן

געפֿאָדערט, אַז אין די קאָלאָניעס זאָל הערשן אַ רעליגיעזער לעבנס־שטייגער. באַזונדערס האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די פֿאָדערונג, ווען דער הנצי״ב פֿון וואָלאָזשין איז צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג. ער האָט געפֿאָדערט אַריינזעצן אין יעדער מושבה אַ פֿרומען משגיח, וועלכער זאָל אַכטונג געבן אויף דער רעליגיעזער אויפֿפֿירונג פֿון די קאָלאָניסטן; אַרויסטרייבן די ביל״ויים פֿון גדרה און באַזעצן אויף זייער אָרט פֿרומע אַרבעטער, צום וויניקסטן אַוועקזעצן אַ פֿרומען משגיח אין גדרה, וועלכער וועט זיין אַ כהן אָדער אַ לוי און זיין פּרנסה וועט ער באַקומען פֿון מעשׂר פֿון די תּבֿואות און פּרוכט. פּינסקער האָט זיך שאַרף קעגנגעשטעלט אָט די פֿאָדערונגען, ווייל „די חובֿבֿי־ציון־באַוועגונג איז ניט געשאַפֿן געוואָרן, כּדי אַכטונג צו געבן אויף דער רעליגיעזער אויפֿפֿירונג פֿון די קאָלאָניסטן״, כאָטש ער אַליין האַלט אַז דער ישובֿ דאַרף זיך פֿירן אין רעליגיעזן גייסט, געבנדיק גלייכצייטיק רעליגיעזע פֿרייהייט יעדן איינעם.

אויך צווישן די „בני־משה״ האָבן זיך געפֿירט ויכּוחים אַרום דער שטעלונג צו דער רעליגיע. פּינעס, שפּ״ר און די ביאַליסטאָקער חבֿרים האָבן געפֿאָדערט מחייב זיין די חבֿרים פֿון די „בני משה״ צו פֿירן זיך רעליגיעז און אַזוי אַרום עפֿענען די טויערן פֿון דער באַוועגונג פֿאַר רעליגיעז־געשטימטע יידן. דאַקעגן האָבן געטענה׳ט אַנדערע, אַז דורך אַרויפֿלייגן רעליגיעזע פֿליכטן אויף די חבֿרים וועלן זיי שליסן די טירן פֿון דער באַוועגונג פֿאַר די פֿרייגעזאָנענע. די ויכּוחים האָבן זיך פֿאַרשאַרפֿט אין דער אסיפֿה פֿון די בני משה אין וואַרשע, וועלכע האָט באַשלאָסן מחייב זיין אַלע ברידער פֿון די „בני משה״ „מכבד זיין די רעליגיעזע געזעצן, לויט וועלכע ס׳פֿירן זיך אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט שוין טויזנטער יאָרן״.

חיבת־ציון — אַ ראָמאַנטישע געשטאַלט

ביסלעכווייז האָט זיך פֿון די ויכּוחים אויסגעפֿורעמט די געשטאַלט פֿון דער חיבת־ציון־באַוועגונג, אַ פֿולשטענדיק ראָמאַנטישע געשטאַלט, מיט אַ באַזונדערן אייגנטימלעכן חן. די אַלע געדאַנקען און מיינונגען, וועלכע קאָנען פֿאַרגרעסערן די ליבע צו ציון, זיינען מיט דער צייט פֿאַרוואַנדל׳ט געוואָרן אין קריסטאַליזירטע ווערטן.

צו די ווערטן, וועלכע זיינען געשאַפֿן געוואָרן דורך דער חיבת־ציון באַוועגונג, זיינען צוגעקומען נייע, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אויפֿן באָדן פֿון אונזער אויפֿלעבונג אין לאַנד און וועלכע האָבן צוגעגעבן אַ נייעם חן און גלאַנץ דער חיבת ציון. דאָס זיינען קודם־כּל די צוואַנציק קאָלאָניעס אין לאַנד, מיט די הונדערטער יידישע קאָלאָניסטן, שטאַלצע יידישע פּויערים, וועלכע טרינקען אָן זייער באָדן מיט זייער שווייס און וואַרפֿן זייער פּחד אויף

די אַרומיקע שלעכטע אַראַבישע שכנים. יידישע ערד־אַרבעטער, וועלכע זאַמלען זיך צוזאַמען, לויט דער באַדערפעניש, בילדן גדודים און שאַפן דעם יידישן כוח. אין די מושבות איז געשאַפן געוואָרן נאָך אַ וווּנדער: די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך.

בן־יהודה — דער אויפלעבער פון עברית

דעם וווּנדער האָבן געשאַפן אליעזר בן־יהודה און דער העברעאישער לערער. מיט רעכט ווערט בן־יהודה גערופן דער פאָטער פון עברית אַלס לעבעדיקער שפּראַך אין אונזער תקופה. שוין אין יאָר 1881 איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די וואָס קערן זיך אום אין ארץ־ישראל דאַרפן באַנייען אין זייער מויל די העברעאישע שפּראַך, און גלייך איז ער צוגע־טראָטן אויספירן דאָס ביי זיך אין הויז. קומענדיק מיט זיין פאַמיליע אין לאַנד האָט ער מודיע געווען זיין יונגער פרוי, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער רעדן מיט איר נאָר עברית. און ווען מיט אייניקע מאָנאַטן שפּעטער איז זיי געבאָרן געוואָרן אין ירושלים אַ זון האָט בן־יהודה זוכה געווען, אַז זיין הויז איז געוואָרן דאָס ערשטע העברעאישע הויז אין נייעם ארץ־ישראל און זיין זון איז געווען דאָס ערשטע קינד וואָס עברית איז זיין מוטער־שפּראַך. אויסערגעוויינטלעכע גבורה, עקשנות און קאָנסעקווענטקייט האָט מען געמוזט באַזיצן, כדי דורכצופירן דאָס אין לעבן, און נאָר די באַזונדערע פאַנאַטישע איבערגעגעבנקייט פון בן־יהודה צו זיין אידייע האָט אים געגעבן גייסטיקע קראַפט זי צו פאַרווירקלעכן. דער העברעאישער שפּראַך האָבן דאַן געפעלט די אַלע אייגנטימלעכקייטן פון אַ לעבעדיקער שפּראַך. זי האָט באַזעסן אַ ליטעראַטור, אַ סטיל, אַ גראַמאַטיק — אָבער ס׳האָבן איר געפעלט ווערטער. מען האָט געקאָנט באַנוצן זיך מיט איר שפּראַך־אוצר כדי צו שרייבן לידער, מען האָט געקאָנט מיט גרויס שוועריקייט אָנשרייבן אַן אַרטיקל און באַגרינדן אַ וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, אָבער מ׳האָט ניט געקאָנט רעדן אין איר איבער געוויינטלעכע זאַכן פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין גאַס און אין הויז, סהאָבן געפעלט אין איר די עלעמענטאַרסטע אויסדרוקן ווי: עתון (אַ צייטונג), שעון (אַ זייגער), רכבת (אַ באַן), משטרה (פּאָליציי) און הונדערטער ענלעכע נעמען פאַר זאַכן און באַגריפן. ווי אַזוי וועט זיך ווענדן די ערשטע העברעאישע מאַמע צו איר קינד? פיל מענטשן האָבן געלאַכט פון בן־יהודה מיט זיין „שגעון”. זיינע נאָענטסטע פריינט האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און באַוויינט זיין קינד, ווי מען באַוויינט אַ טויטן. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיין זון וועט ניט זיין גייסטיק אַנטוויקלט, ווייל ער וועט ניט האָבן קיין שפּראַך און קיין חברים, מיט וועלכע ער וועט קאָנען רעדן, און אויסוואַקסנדיק וועט ער זיין אַן אומגליקלעכער קולטורלאָזער מענטש,

ניט באַזיצנדיק קיין שפּראַך און קיין השכלה. אָבער בן־יהודה איז ניט אָפּגעטראָטן פון זיין באַשלוס. פאַרקערט: ער האָט געווירקט אויך אויף אַנדערע, וועלכע האָבן זיך מיט דער צייט איבערצייגט אין דער גערעכ־טיקייט פון זיין אידייע.

און אין וואָס פאַר אַ סביבה האָט ער געמוזט קעמפן! די ירושלימער פאַנאַטיקער האָבן געוועגדעט קעגן אים זייער גאַנצע געווער. ס׳איז ניט געווען נאָך אַ צווייטער, וועלכער זאָל אַזוי אכזריותדיק גערודפט ווערן דורך זיי ווי אליעזר בן־יהודה. זיי האָבן געלייגט אין חרם אים מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. זיי האָבן זיין נאָמען פאַרשמוצט מיט פּאַסקווילן אויף יעדער וואַנט און ביי יעדער געלעגנהייט. ווען סאיז געשטאָרבן זיין פרוי, האָבן די פאַנאַטיקער ניט געוואָלט זי מקבר זיין, און ווען סאיז געשטאָרבן זיין יונגע טאָכטער האָט בן־יהודה געמוזט אַליין גראָבן פאַר איר אַ קבר. זיי האָבן זיך אויך ניט אָפּגעהאַלטן פון מסרן אים פאַר דער רעגירונג און אַריינוואַרפן אין תפיסה.

אָבער דאָס אַלץ האָט ניט אָפּגעשוואַכט בן־יהודה אין זיין שטרעבן צו דער אויפלעבונג פון עברית. זיין אמונה איז געווען פעלזן־פעסט און האָט אָפּגעשטויסן די אַלע אַנגריפן פון די ירושלימער קנאים.

בן־יהודה האָט געזען אַז זיין אידייע איז מנצח, זיין זון וואַקסט און ער האָט אַ סך ברידער און שוועסטער, וועלכע דערציען זיך אין עברית, אָבער ספּעלט זיי אויסדרוקן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טאָר ניט בלייבן שטיין אין מיטן וועג, ער מוז פאַרזעצן די אָנגעהויבענע אַרבעט. צו דעם צוועק האָט ער גענומען שאַפן ווערטער פאַר די הויז־מעבל, כלים פון קיך, לערן־מכשירים און אַנדערע. אָבער די באַדערפעניש מערן זיך פון טאָג צו טאָג און ס׳ווייזט אויס אַז ס׳איז ניט פאַר די כוחות פון איין מענטש זיי צו דער־פילן. אָבער בן־יהודה ווערט ניט מיד. ער נעמט זוכן אין אונזער אַלטער ליטעראַטור. סאיז ניט געווען קיין ספר פון אונזערע אַלטע ספרים, פון די גאונים, רבנים, סופרים און משוררים — ער זאָל ניט דורכשטודירן אים פון אָנהויב ביזן סוף. איז דאָס נאָך געווען ווייניק — האָט ער גענומען לערנען פלייסיק אַראַביש און אַנדערע סעמיטישע שפּראַכן און געפאָרשט די לי־טעראַטור פון דעם נאָענטן מזרח, און פון אומעטום האָט ער געשעפּט אוצרות פון ווערטער און אויסדרוקן. און דאָס וואָס ער האָט ניט געפונען אין די ספרים — האָט ער געשאַפן אַליין. טויזנטער ווערטער האָט בן־יהודה גע־שאַפן און מחדש געווען. אַ טייל פון זיי זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן, ווייל זיי זיינען ניט בייגעשטאַנען די קריטיק פון דעם פאָלקס־חוש. אָבער זייער פיל ווערטער זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער שפּראַך, און היינט איז שוין שווער אונטערצושיידן צווישן זיי און די אַלטע העברעאישע אויס־

דרוקן. סאיז ניטאָ כמעט קיין איין זאַץ, וועלכן מיר זאָגן היינט אַרויס אין עברית, סזאָל אין אים ניט זיין קיין וואָרט פון די ווערטער וואָס בן־יהודה האָט מחדש געווען.

ביסלעכווייז האָט בן־יהודה צוזאַמענגעקליבן זיינע פאָרשונגען און חידושים אין דער העברעאישער שפּראַך און איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ „מלון הלשון העברית החדשה והישנה״ (ווערטערבוך פון דער נייער און אַלטער העברעאישער שפּראַך). עס איז אַ וויסנשאַפטלעכע אונטערנעמונג, וועלכע וואָלט געפאָדערט צענדליקער געלערנטע און פאָרשער ביי אַנדערע פעלקער. בן־יהודה האָט אויך געגרינדעט דעם „ועד הלשון״ אין ירושלים, די העכסטע אינסטאַנץ פאַר דער העברעאישער שפּראַך ביזן היינטיקן טאָג.

דער העברעאישער לערער

אין איין און דער זעלבער צייט האָט אויפגעבליט די העברעאישע שפּראַך אויך אין די מיילער פון די קינדער אין די מושבות און אין די אַנדערע שטעט, אויסער ירושלים. דאָס אַלץ איז געשען אומאָפּהענגיק פון בן־יהודה׳ס השפעה, ווייל ירושלים איז דאַן געווען ווייט פון צענטער פון יידישן לעבן אין נייעם ישוב, וועלכער האָט זיך קאָנצענטרירט בעיקר אַרום יפו. דאָ האָבן געווירקט אַנדערע פאַלקסטימלעכע כוחות אויף דער אויפ־לעבונג פון עברית אַלס אומגאַנג־שפּראַך: א) די אויפלעבונג פון עברית איז געווען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער אויפלעבונג פון פאָלק ישראל, און די ערשטע חובבי־ציון האָבן זי אַריינגענומען אין זייער פּראָגראַם; ב) די קאָלאָניסטן זיינען געקומען פון פאַרשיידענע לענדער און האָבן גערעדט פאַרשיידענע שפּראַכן; אין לאַנד האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן מיט די ספרדישע יידן און מיט די יידן פון די מזרח לענדער, וועלכע האָבן ניט פאַרשטאַנען די אייראָפּעאישע שפּראַכן, אָבער עברית האָבן זיי געקאָנט פון די תפילות, און דורך איר איז זיי לייכטער אָנגעקומען צו פאַרשטענדיקן זיך איינער מיטן אַנדערן. אַזוי אַרום איז עברית געוואָרן די פאַרבינד־שפּראַך צווישן די פאַרשיידענע שבטים יידן. די דערוואַקסענע איז אָנגעקומען ניט לייכט צו רעדן עברית, אָבער פאַר דעם נייעם דור איז עס געווען אַ נויטווענדיקייט.

אין אַלע מושבות האָט מען אין אָנהייב געגרינדעט „חדרים״ און „תלמוד־תורה׳ס״, אין וועלכע מען האָט געלערנט יידיש. ראָטשילד, וועלנ־דיק צוגעבן זיינע מושבות אַן אייראָפּעאישן גלאַנץ, האָט איינגעלאַדן אייניקע פון די יונגע עולים אַלס לערער און געפאָדערט מען זאָל אין די לערן־אַנשטאַלטן אויך לערנען וועלטלעכע לימודים. צווישן די איינגעלאַדענע לערער זיינען געווען יהודה גור (גראַזאָווסקי), וועלכער האָט געלערנט אין

עקרון און דוד יודעלעוויטש אין ראשון־לציון. די לערער האָבן געלייגט פיל אַכט אויפן לערנען פון תנ״ך, יידישע געשיכטע און עברית. אונטער דער השפעה פון די נייסטע פעדאַגאָגישע פאָדערונגען האָבן זיי גענומען לערנען לויטן סיסטעם: עברית בעברית, דאָס הייסט אַלע דערקלערונגען און גע־שפּרעכן אין דער לעקציע פון עברית זיינען געווען אין עברית. אזוי האָבן זיך גענומען הערן העברעאישע געשפּרעכן צווישן די שול־ווענט.

אין יענע יאָרן האָט זיך פאַרמערט דער יידישער ישוב אין יפו. די ערשטע עליה האָט אַנטוויקלט די שכונה נוה שלום, און אין יאָר 1887 איז געגרינדעט געוואָרן די נייע שכונה נוה צדק, וועלכע האָט געדאַרפט דינען אַלס מוסטער מיט איר ריינקייט און אָרדענונג. צווישן די עולים האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען אומצופרידן פון די חדרים, און אין יאָר 1890 איז געעפנט געוואָרן אין יפו די ערשטע העברעאישע פאָלקס־שול דורך מאיר בעלקינד און זיין זון ישראל בעלקינד. די שול האָט לאַנג ניט עקזיסטירט. אויף איר אָרט זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן שולן פאַר ייִנגלעך און מיידלעך אין יפו מיט דער שטיצע פון „אַליאַנס״ און חובבי־ציון. אין יאָר 1892 האָבן זיך פאַראייניקט אַלע לערער פון יפו און פון די נאָענטע מושבות אין אַ אגודה, וועלכע האָט געהייסן אספת המורים. אין די אסיפות האָבן זיך געפירט ויכוחים וועגן איינפירן עברית אַלס לערן־שפּראַך פון אַלע געגנשטאַנדן אין שול. נאָך לאַנגע און שאַרפע דיסקוסיעס איז באַשלאָסן געוואָרן צו לערנען תנ״ך אין עברית. שווערער איז געווען מיט די אַלגע־מיינע געגנשטאַנדן. די לערער האָבן געוואָלט אויך זיי לערנען אין עברית און אין אַ טייל שולן האָט מען טאַקע געפּרווט עס פאַרווירקלעכן. אָבער דאָס פעלן פון ווערטער און אויסדרוקן אין עברית האָט זייער שטאַרק געשטערט, און אחד־העם דערציילט, אַז יעדער „וועלכער הערט מיט זיינע אויערן ווי די לערער מיט די קינדער דרייען מיט זייערע צינגער, ניט האָבנדיק דעם געהעריקן ווערטער־רעזערוואַר, פילט גלייך אַז דער „דיבור״ קאָן ניט אויפוועקן קיין ליבע אָדער כבוד צו דער באַגרענעצטער שפּראַך״...

דעריבער פאָדערט ער לערנען די אַלגעמיינע לימודים אין אַ אייראָ־פּעאישער שפּראַך. מען האָט טאַקע געלערנט די אַלגעמיינע געגנשטאַנדן אין פראַנצויזיש, אָבער גלייכצייטיק גיט איבער דער פאַרוואַלטער פון אַט די שולן, אַז „עברית לערנען מיר אַלס אַ לעבעדיקע שפּראַך און די דערגרייכונ־גען זיינען וווּנדערבאַרע... אין די ערשטע דריי קלאַסן איז עברית אויך די אומגאַנגס־שפּראַך... מיר זיינען כמעט געווען געצוווּנגען אָנצונעמען די שיטה, ווייל אונזערע שילער זיינען טיילווייז אשכנזים און טיילווייז ספרדים... און ס׳איז אַ גרויסער פאַרגעניגן צו זען צוויי קינדער אַ ספרדי און אַ אשכנזי, ווי זיי זיצן צוזאַמען און רעדן אין דער שפּראַך פון אונזערע אבות״.

אָבער דער צושטאַנד האָט ניט צופרידנגעשטעלט די יעניקע לערער, וועלכע זיינען געווען מענטשן מיט אַ שוווּנג. זיי האָבן געוואָלט איינפירן עברית אַלס לערשפּראַך פאַר אַלע געגנשטאַנדן. יהודה גור, יודעלעוויטש, יצחק עפּשטיין, וועלכער איז דאַן געוואָרן אַ לערער אין צפת און שמחה ווילקאָמיטש, וועלכער האָט געלערנט אין דער שול אין רחובות, האָבן באַשלאָסן צו לערנען אין זייערע שולן אַלע לימודים אויסשליסלעך אין עברית. צו יענער צייט האָבן גענומען דערשיינען לערן־ביכער אין עברית. די התחלה אויף דעם געביט האָט געמאַכט יהודה גור (גראַזאָווסקי).

דאַן איז אויך אַרויפגעשווומען די פראַגע פון דער הברה, צי די אשכנזישע אָדער די ספרדישע. די „אספת המורים" האָט באַשלאָסן, אַז אין די אשכנזישע שולן וועלן די קינדער לערנען ביז דעם צווייטן קלאַס אין דער אשכנזישער הברה און אין די העכערע קלאַסן אויך אין דער ספרדישער הברה, און אין די שולן פון די ספרדים — פאַרקערט.

דער באַשלוס האָט ניט גענומען אין אַכט די געמישטע שולן פאַר אַשכנזישע און ספרדישע קינדער. אָבער דאָס לעבן האָט געטאָן דאָס זייניקע. עפּשטיין אין גליל העליון, ווילקאָמיטש אין רחובות און די לערער אין יפו האָבן איינגעפירט אין זייערע שולן די ספרדישע הברה, און זי איז אָנגענומען געוואָרן אין גאַנצן לאַנד.

אליעזר בן־יהודה און דער העברעאישער לערער האָבן דורכגעפירט אין אַ קורצער צייט אַ רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון עברית. פון אַ טויטער שפּראַך זייט טויזנטער יאָרן האָט זי אויפגעלעבט אַלס אַ שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן צוערשט אין די מיילער פון די שול־קינדער און לערער און שפּעטער אַלס לעבעדיקע שפּראַך פון פאָלק ישראל אין ארץ־ישראל. אַזוי איז צו די געשאַפענע ווערטן אין ציון: די גאולה פון באָדן, יידישע אַרבעט אויפן באָדן — צוגעקומען אויך די אויפלעבונג פון אונזער אַלטער שפּראַך.

ציוניסטישע ליטעראַטור

ווען די נייע ווערטן זיינען צייטיק געוואָרן, זיינען דורך דער באַוועגונג געשאַפן געוואָרן די געהעריקע ליטעראַרישע אינסטרומענטן, כּדי צו פאַרשפּרייטן די דאָזיקע ווערטן צווישן די פאָלקס־מאַסן. דער אָנפאַנגער אין דעם איז געווען שפ"ר. שוין אין יאָר 1886 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַרישן זאַמלבוך אונטערן נאָמען „כנסת ישראל", וועלכער האָט גע־לייגט די יסודות פאַר דער ציוניסטישער ליטעראַטור. אחד־העם האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1890 אַ זאַמלבוך מיטן נאָמען: „כוורת", וועלכער איז געווען דער אָרגאַן פון די בני־משה. אויפן אָרט פון כוורת איז שפּעטער

דערשינען דער „פרדס", וועלכער איז רעדאַגירט געוואָרן דורך ראַווניצקין. דער „פרדס" איז דערשינען עטלעכע יאָר און האָט דערצויגן זיינע לעזער צום ריינעם ציוניסטישן געדאַנק. ער האָט געזאַמלט אַרום זיך נייע ליטע־ראַרישע קרעפטן, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרנומען דעם אויבנאָן פון דער העברעאישער ליטעראַטור: ח. נ. ביאַליק, ש. בן־ציון, א. ל. לעווינסקי און אַנדערע. לויט אחד־העם׳ס פאָדערונג זיינען די „בני משה" אין וואַרשע צוגעטראָטן צו אַ ברייטער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. צוערשט האָבן זיי אַרויסגעגעבן ביליקע בראָשורן אין רוסיש, עברית און יידיש. אין די בראָ־שורן זיינען צום ערשטן מאָל געקומען צום אויסדרוק די נאַציאָנאַלע ווערטן פון די יידישע ימים־טובים, באַזונדערס אין דער בראָשור איבער חנוכה, וועלכע האָט געדינט אַלס מקור פאַר די ערשטע חנוכה־פייערונגען אין די נייע שולן. אין זייערע טריט איז געגאַנגען בן־אביגדור, אויך אַמיטגליד פון בני־משה, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די „ספרי האגורה" („גראָשן־ביבליאָ־טעק") אין עברית. די בראָשורן זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן און האָבן געדינט אַלס געוואַלטיקער ציוניסטישער דערציאונגס־מיטל פאַרן יוגנט. אין די בראָשורן האָט בן־אביגדור דערנענטערט דעם יונגן לערער צו דער העברעאישער ליטעראַטור בכלל, צום אויפלעבונגס־פּראָצעס אין ארץ־ישראל און באַזונדערס צו אחד־העם׳ס לערע און צו די געדאַנקן פון די בני־משה. בן־אביגדורס ערפאָלג האָט אויפגעוויזן, אַז די העברעאישע שפּראַך האָט פיל לעזער, און די בני־משה אין וואַרשע זיינען צוגעטראָטן צו דער גרינדונג פון אַ גרויסן ביכער־פאַרלאַג אונטערן נאָמען „אחיאסף". דער פאַרלאַג האָט עקזיסטירט אַ סך יאָרן און האָט באַרייכערט די העברעאישע ליטעראַטור מיט פיל ווערטפולע ביכער. צוליב אינעווייניקסטע סכסוכים איז בן־אביגדור אַרויס פון „אחיאסף"־פאַרלאַג און גע־גרינדעט אַ באַזונדערן פאַרלאַג פאַר זיך „תושיה", וועלכער האָט אויך אַרויסגעגעבן פיל וויכטיקע ספרים פאַרן העברעאישן לעזער. צוזאַמען מיט די בעלעטריסטישע ביכער, לידער און וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען האָט דער העברעאישער לעזער איינגעזאַפּט אויך גלויבן אין ציון און ציוניסטישן באַוווסטזיין.

„אַ רייזע קיין ארץ־ישראל אין יאָר ת״ת"

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע שאַפונגען, וועלכע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ערשטן „פרדס" און האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם צווישן די לע־זער, — איז געווען: מסע לארץ־ישראל בשנת ת״ת (אַ רייזע קיין ארץ־ישראל אין יאָר 2040) פון א. ל. לעווינסקי, אַ טאַלענטירטער שרייבער און אַ חבר פון בני משה. די טעמע פון דער דערציילונג איז אַ רייזע קיין ארץ־

ישראל אין יאָר ת״ת — דאָס הייסט: אין 150 יאָר שפּעטער זינט די דערציי־לונג איז געשריבן געוואָרן. אַ העברעאישער לערער פון רוסלאַנד פאַרט פאַרווײלן זיין „האָניק מאָנאַט״ אין ארץ־ישראל. די באַשרייבונג פונם לעבן אין לאַנד באַווייזט אונז, ווי די חובבי־ציון האָבן געזען זייער חלום פאַר־ווירקלעכט. אין יאָר ת״ת איז ארץ־ישראל אַ פרייע יידישע מדינה, ווו אַלע איינוווינער זיינען יידן און אַ פּרעזידענט שטייט בראש פון איר. די גרענעצן פון דער מדינה דערגרייכן ביז נהר פרת אין צפון. עבר־הירדן איז אַ אומ־טיילבאַרער חלק פון ארץ־ישראל. די הויפּט־שטאָט איז ירושלים, כאָטש ס׳האָבן זיך געפונען „צווישן אונזערע אַמאָליקע שרייבער אַזעלכע, וועלכע האָבן פון גרויס התלהבות פאַרן ישוב פאַרגעסן ירושלים און מיט זייער פוסטן ענטוזיאַזם האָבן זיי געמיינט אַז ארץ־ישראל קאָן עקזיסטירן אָן ירו־שלים... איצט איז זי דער צענטער פון ישוב, אַלץ איז אין איר און פון איר קומט אַלץ אַרויס״.

און אָט די פּאָליטישע פרייהייט איז דערגרייכט געוואָרן נאָר דורך אַרבעט און קאָלאָניזאַציע: „נישט מיט קיין שווערד און נישט דורך דיפּלאָ־מאַטישע דערגרייכונגען האָבן יידן איינגענומען דאָס לאַנד, זיי האָבן זייערע פעלדער געקויפט פאַר געלט״...

די עיקר באַשעפטיקונג פון די יידן אין לאַנד איז ערדאַרבעט: „ס׳איז נישטאָ קיין ייד אין לאַנד, וועלכער זאָל נישט קאָנען די ערדאַרבעט... די ערדאַרבעט, די איינציקע נאַטירלעכע אַרבעט פאַרן מענטשן, איז געוואָרן די אייגנשאַפט פון גאַנצן פאָלק, נישט פון איין טייל פון פאָלק נאָר פשוט פון גאַנצן פאָלק״.

די ערדאַרבעט האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס יידן־לאַנד דינט אַלס מוסטער מיט איר געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. ארץ־ישראל איז דאָס איינ־ציקע לאַנד אין דער וועלט, ווו ס׳איז נישטאָ קיין קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעטער. די ערד געהערט צום פאָלק און איז צעטיילט אין גלייכע טיילן צווישן אַלעמען. יעדע געוויינטלעכע דערשיינונג פון אומרעכט אין דער ערד־צוטיילונג ווערט בטל אין יובל־יאָר, וועלכער איז אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ מדינה־געזעץ. צוזאַמען מיט דעם געזעץ זיינען אויך איינגעפירט געוואָרן די חוקים פון לקט, שכחה, פאה און באַזונדערס דער געזעץ וואָס פאַרבאָט נעמען פּראָצענט. דורך די געזעצן איז דערגרייכט געוואָרן אַ גע־רעכטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אין לאַנד. „נישטאָ קיין אומרעכט, קיין אַרבעטער־עקספּלואַטאַציע. נישטאָ קיין רייכע און אָרעמע, נישטאָ קיין אַר־בעטער און בעלי־בתים, אַלע זיינען אַרבעטער און אַלע זיינען בעלי־בתים״.

די גערעכטע אָרדענונג, וועלכע איז איינגעפירט געוואָרן אין לאַנד אַ דאַנק די חוקים פון דער תורה, האָבן איינגעוויינט דאָס פאָלק זיין געטריי

די געזעצן פון דער תורה און די מנהגים פון דער יידישער אמונה. די אמונה און דאָס לעבן זיינען באַהעפט צוזאַמען. דער לערער פון קינדער־שול איז אויך דער רב פון דער קהילה, און דער קאָלאָניסט גיט מיט שמחה מעשר און תרומות. די יידישע מנהגים פון כשרות זיינען איינגעפירט אין אַלע רעסטאָ־ראַנען אין דער וועלט, נאָך דעם ווי די וויסנשאַפטס־מענער האָבן איינגע־פונען, אַז די יידישע חוקים פון כשרות זיינען אויך היגיעניש און היטן דעם געזונט פון מענטשן.

עברית איז די הערשנדע שפּראַך אין לאַנד. אַלע נעמען פון די איינ־וווינער זיינען ריין העבּרעאישע נעמען.

אָבער אויך מחוץ פון ארץ־ישראל וווינען מאַסן יידן אין דער גאַנצער וועלט. ס׳עקזיסטירן אויך אַנדערע יידישע מדינות מחוץ ארץ־ישראל, אָבער ארץ־ישראל דינט פאַר אַלעמען אַלס גייסטיקער צענטער, און די איבעריקע זיינען אָפּהענגיק פון איר. זי דינט אַלס מוסטער פאַר אַלע יידן אין דער וועלט, וועלכע מאַכן נאָך די ארץ־ישראלדיקע יידן אין דער קליידונג, שפּראַך און מנהגים. זיי לאַדן אויך איין לערער און פּראָפעסאָרן פון ארץ־ישראל און שיקן אַהין זייערע קינדער לערנען אין די שולן. יעדער ייד פּאָרט מיט זיין פרוי גלייך נאָך דער חתונה פאַרווײלן דעם „האָניק־מאָנאַט" אין לאַנד. אַזוי אַרום דינט די יידישע מדינה אַלס מוסטער פאַר אַלע יידן אין דער וועלט און אַלס ביישפּיל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אויך ירושלים דינט אַלס אַ שטאָט פון שלום פאַר דער גאַנצער וועלט, אין איר קומען פאָר די שלום־קאָנפערענצן פון אַלע פעלקער.

אין דער שאַפונג גיט לעווינסקי די קווינט־עסענץ פון די חלומות פון די חובבי־ציון. אָבער אין דער צייט, ווען די ציוניסטישע ליטעראַטור האָט בדרך כלל גערעדט צום שכל פון די לעזער — האָט די שאַפונג גערעדט צו זייער האַרץ. און דעריבער איז זי אַזוי פיל פאַרשפּרייט און געלעזן גע־וואָרן.

מגידים און בדחנים

אָבער די חיבת־ציון באַוועגונג האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן העב־רעאישן לעזער אַליין. מיט דער צייט האָט זי ביודעים און בלא יודעים גע־שאַפן מיטלען, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט די ליבע צו ציון אין יעדן יידיש הויז. ביודעים — דורך פּראָפּאַגאַנדע, און בלא יודעים — דורך די פאַרשיי־דענע אָנגעגומענע מנהגים ביים פאָלק.

אַ גרויסע השפעה אויף די פאָלקס־מאַסן האָבן געהאַט די מגידים. זיי פלעגן דערשיינען אין די בתי־מדרשים און פון דער בימה דרשנען פאַר די פאַרזאַמלטע. דער געבוי פון דער דרשה איז געווען אַ רעליגיעזער און

פאָלקסטימלעכער און דעריבער האָט זי שטאַרק אויסגענומען ביים פאָלק. אָבער די ליבע צו ציון, וועלכע איז געווען דורכגעוועבט אין די אַלע דרשות, האָט אויפגעהויבן די מגידים צו דער מדרגה פון פאָלקס־מנהיגים. אין זייערע דרשות פלעגן זיי שוועבן אויף די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע, און אין געוויסע מאָמענטן פון שילדערונגען פון נייעם לעבן אין לאַנד פלעגן זיי איבערגיין אין אַ זינגענדיקן טאָן. דער געזאַנג און די שילדערונגען פון נייעם לעבן אין לאַנד פלעגן מיטרייסן די מאַסן און אָנפילן זייערע הערצער מיט האָפנונגס־טוי. די בתי־מדרשים פלעגן ווערן איבערפולט, ווען אַ באַוווסטער מגיד פלעגט דאַרפן האַלטן זיין דרשה. לאַנגע שעה׳ן פלעגט דער קהל זיצן באַהערשט דורך דער דרשה־קונסט, דורכגעזאַפט מיט התלהבות, אמונה און האָפנונג. פיל פלעגן וויינען בשעת דער דרשה. נאָך דער דרשה פלעגט דער קהל, און אפילו די אָרעמסטע צווישן זיי, מנדב זיין פאַרן ישוב פון ארץ־ישראל.

שותפים צו די מגידים זיינען געווען די בדחנים, וועלכע פלעגן דערשיינען אויף די חתונות, און פאַר דער חופה פלעגן זיי באַזינגען אין גראַמען פאַרשיידענע סיטואַציעס פון מענטשנס לעבן. פיל פון זיי פלעגן אַריינפלעכטן פערזן וועגן ארץ־ישראל און דער אויפלעבונג פון פאָלק און לאַנד. אָפטמאָל פלעגט טרעפן אַז אַ געלונגענע ליד וועגן ציון, וואָס אַ בדחן האָט פאַרפאַסט אויף אַ חתונה, פלעגט אָנגענומען ווערן און פאַרשפּרייט ווערן אין ברייטע פאָלקס־שיכטן.

אין דער גרויסער השפעה פון די מגידים און בדחנים קאָן מען זיך איבערצייגן פון לעוואַנדעס ווערטער, וועלכער האָט געשריבן פּינסקערן אין יאָר 1886: „מיר דאַרפן כמעט נישט פירן פּראָפּאַגאַנדע דורך די צייטונגען. די בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן איצט זיינען די פילע מגידים און באַזונדערס די בדחנים, וועלכע זינגען און פאַרפאַסן לידער אויף די יידישע חתונות נאָר וועגן דעם ארץ־ישראל געדאַנק. זיי באַזיצן שוין אַ גאַנצע ליטעראַטור איבער דעם אין פּראָזע און פערזן״.

די חיבת־ציון מנהגים

אויך די נייע מנהגים, וועלכע ס׳האָבן איינגעפירט די חובבי־ציון, האָבן געשאַפן אַ דערציונגס־שטימונג פאַר ארץ־ישראל. אין משך פון דער צייט האָבן אָנגעהויבן די חובבי־ציון מנדב זיין זייערע נדבות ביי קריאת־התורה פאַר ארץ־ישראל. אין אַ סך ערטער פלעגן די חובבי־ציון גרינדן באַזונדערע „מנינים״ אין די שבתים און ימים־טובים, ווו די גאַנצע הכנסה איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר ארץ־ישראל. אין אַ טייל ערטער זיינען אויך אויפגעשטעלט געוואָרן באַזונדערע בתי־מדרשים, וועלכע האָבן געדינט אַלס

קולטורעלע צענטערס און אַלס הכנסה־קוואַלן פאַר ארץ־ישראל. דאָס אַלץ האָט געהאָלפן איינפלאַנצן דעם ציוניסטישן געדאַנק אין דעם לעבן פון דער יידישער קהילה, פאַרהייליקן אים אַלס מנהג צווישן אַנדערע אָנגענומענע מנהגים און אַזוי דערנענטערן אים צו די פאָלקס־מאַסן.

באַזונדערס האָט משפיע געווען דער מנהג פון די קערות ערב יום־כפור. שוין פון ערשטע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ פלעגן די חובבי־ציון אוועקשטעלן קערות אין די בתי־מדרשים ערב יום־כפור, און יעדער ייד וואָס פלעגט קומען דאַוונען האָט תורם געווען פאַר ארץ־ישראל. אין יאָר 1887 האָבן די דריי רבנים: דער נצי״ב פון וואָלאָזשין, הרב מאָהילעווער און הרב עליאַשבערג אַרויסגעגעבן אַ קול־קורא צו די יידישע קהילות אַוועק־שטעלן קערות אין די שולן ערב יום־כפור. אַזוי אַרום איז פאַרהייליקט גע־וואָרן דער מנהג, און אין די שעת רצון פון ערב יום־כפור פלעגט דאָס יידי־שע האַרץ, באַזונדערס פון יונגען דור, זיך עפענען פאַר ציון.

אַ גרויסע השפעה האָבן אויך געהאַט די בילדער פון מאָנטיפיאָרין און אַנדערע, וועלכע די חובבי־ציון האָבן פאַרשפרייט, און מיט דער צייט זיינען זיי אַריינגעדרונגען כמעט אין יעדעס יידיש הויז און געשאַפן דאָרט אַן ארץ־ישראל־ווינקל.

די ציוניסטישע דערציילונג

מער פון אַלץ האָט משפיע געווען אויפן יונגן יידישן לעזער די ציוניסטישע דערציילונג. „אהבת ציון״ פון אברהם מאַפו האָט צוגעשמידט דעם לעזער מיט ליבע־קייטן צו ציון. די דערציילונגען פון בוקי בן יגלי: „בין אדני השדה״, „שירת הזמיר״ און אַנדערע האָבן אויפגעוועקט ביי דעם יידישן לעזער בענקעניש צו דער ערד און צו די נאַטור־יום־טובים פון אונ־זערע אַמאָליקע עלטערן, ווי חג הבכורים. אויך אין ארץ־ישראל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון דערציילער, ווי יהושע אייזנשטאַט, ז. יעבץ און אַנדערע. זייערע דערציילונגען און באַשרייבונגען איבער ארץ־ישראל האָבן געפאַנגען די האַרץ פון דעם יידן אין חוץ־לארץ.

דאָס ציוניסטישע ליד

אָבער מער פון די דערציילונגען האָבן משפיע געווען די לידער פון די חובבי־ציון. זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין אַלע יידישע הייזער און דער־גאַנגען צו אַלע יידישע קיבוצים און דערגרונטעוועט ביז צו די טיפענישן פון יידישן האַרץ. מיר וועלן נישט זינדיקן צום אמת אויב מיר וועלן פעסט־שטעלן, אַז אויב מיר וועלן אַרויפלייגן אויף איין וואָגשאָל אַלע דערציאונגס־מיטלען פון די חובבי־ציון און אויף דער אַנדערער וואָגשאָל דאָס ציוניס־טישע ליד — וועט דאָס ליד אַראָפּוועגן אַלע צוזאַמען.

דער זכות פון לייגן דעם יסוד פאַר דאָס ליד פון די חובבי־ציון גע־הערט דעם פאָלקס־דיכטער אליקום צונזער. ער איז געווען אַ בדחן און אַ זינגער אויף חתונות, אָבער זיין גרויסער טאַלאַנט האָט אים דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ פאָלקס־דיכטער. אין זיין צייט איז ער געווען באַוווסט איבער גאַנץ רוסלאַנד. ער אליין פלעגט פאַרפאַסן די מאָטיוון פאַר זיינע לידער און אַליין זינגען זיי פאַרן קהל. ער איז געבאָרן אין ווילנע און דער־צויגן געוואָרן אין דעם גייסט פון בית־מדרש און השכלה און די שטרע־בונגען פון יונגן יידישן דור זיינען אים געווען נאָענט. גלייך מיטן דער־שיינען פון דער חיבת־ציון באַוועגונג פאַרפאַסט ער דאָס ליד „השושנה״ (די רויז), וועלכעס איז געזונגען געוואָרן אין משך פון צענדליקער יאָרן:

עַל אֵם הַדֶּרֶךְ שָׁמָּה מִתְגּוֹלֶלֶת
שׁוֹשַׁנָּה חַכְלִילַת עֵינָיִם,
נֶהְדֶּפֶת מִסַּעַר, עָלֶהָ נוֹבֶלֶת,
שׁוֹכֶבֶת פֹּה מְיוּמָיִם.

וְהִיא מִתְחַנֶּנֶת לְכָל נוֹסֵעַ:
אָנָּא, אִישִׁים, חָנּוּנִי!
שִׁמְרוּ צַעֲדֵיכֶם אוֹתִי מִנְּגֹעַ,
פֶּן בְּרַגְלֵיכֶם תִּרְמְסוּנִי!

אָנָּא, חָנּוּנִי!
מֵעָפָר הֲרִימוּנִי,
פֶּן אֶהְיֶה לְמִרְמַס רַגְלָיִם;
בְּיֶדְכֶם שָׂאוּנִי
אֶל עֵדֶן גַּנִּי,
אֶל גַּן מַחְמַד עֵינָיִם.

„השושנה״ איז נישט געווען דאָס איינציקע ציוניסטישע ליד וואָס אליקום צונזער האָט פאַרפאַסט. אויך זיין ליד „במחרשתי״ („אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה״ אז״וו) און אַנדערע לידער זיינען געזונגען און דעקלאַ־מירט געוואָרן יאָרן־לאַנג.

אויך גרויסע דיכטער פון יענער תקופה האָבן געזונגען ציון־לידער. צווישן זיי: מאַנע, לעטעריס און יל״ג. אויך אין ארץ־ישראל זיינען פאַר־פאַסט געוואָרן און געזונגען געוואָרן לידער. י. מ. פינעס האָט מחבר געווען אַ ליד, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער יידישער וועלט אַלס דאָס ביל״ויים־ליד:

חוּשׁוּ, אַחִים, חוּשׁוּ!
נָרִימָה פְּעָמֵינוּ,
טוּשׁוּ, אַחִים, טוּשׁוּ
לְאֶרֶץ אֲבוֹתֵינוּ!

לֹא לָנוּ הַמְּנוּחָה,
לֹא לָנוּ הַמַּרְגּוֹעַ,
בְּאֶרֶץ הַקְּרוּחָה
מִשִּׁלְטוֹן הָאֶזְרוֹעַ.

און אַ יונגער דיכטער, נפתלי הערץ אימבער פון ראשון־לציון, האָט דאָן געשריבן אַ ליד וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער גאַנצער יידישער וועלט. דער נאָמען פונם ליד איז „התקוה״:

כָּל עוֹד בַּלֵּבָב פְּנִימָה
נֶפֶשׁ יְהוּדִי הוֹמִיָּה,
וּלְפַאֲתֵי מִזְרָח קָדִימָה
עַיִן לְצִיּוֹן צוֹפִיָּה —

עוֹד לֹא אָבְדָה תִּקְוָתֵנוּ,
הַתִּקְוָה הַנּוֹשָׁנָה,
לָשׁוּב לְאֶרֶץ אֲבוֹתֵינוּ,
לְעִיר בָּהּ דָּוִד חָנָה.

אַ קאָלאָניסט פון ראשון־לציון האָט צוגעפּאַסט אַ ניגון צום ליד, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אַלס הימנון פון פאָלק.

וואָס צונזער איז געווען פאַר די פאָלקס־מאַסן, איז שמעון שמואל פרוג געווען פאַר די משכילישע שיכטן פון די חובבי־ציון, באַזונדערס פאַר דער יוגנט, וועלכע האָט זיך דערצויגן אין די רוסישע גימנאַזיעס און אוני־ווערסיטעטן. פרוג האָט געגעבן אין דער רוסישער שפּראַך אַן אויסדרוק פאַר די שטרעבונגען און זוכענישן פון דער יידישער נאַציאָנאַל־געשטימטער יוגנט. צו די ערשטע שאַפונגען זיינע געהערט דאָס ליד: „די לעגענדע פון בעכער־טרערן״, וועלכע דערציילט אַז אַ בעכער שטייט פאַרן כסא הכבוד און זאַמלט די טרערן פון די יידן, און ווען דער בעכער וועט פול ווערן, וועט קומען אַ סוף צום גלות, און דאָס יידישע פאָלק וועט אויסגעלייזט ווערן. דאָס קינד, וואָס הערט די לעגענדע פון זיין מוטערס מויל, פרעגט זי: ווען, מוטער, וועט דער הימל־בעכער פול ווערן מיט טרערן? אפשר ווערן די טרערן אויסגעטריקנט? און אפשר איז דער בעכער געלעכערט?

אַ באַזונדערע שכינה האָבן די לידער פון די חובבי־ציון איבערגע־לאָזט אויף די פאָלקס־מאַסן. זיי האָבן פאַרזייט זייערע קערנדלעך טיף־טיף אין די הערצער, און מיט דער צייט איז אויפגעגאַנגען די דערוואַרטעטע פרוכט. אין יאָר 1891 איז דערשינען פאַר אחד־העם׳ען אַ יונגער שעמעוו־



יצחק לויתן

שבי ציון

דיקער יונגערמאַן, און דערלאַנגט אים אַן ערשטע ליד פון זיינע שאַפונגען. דאָס האָט געהייסן „אל הצפור", און דער יונגער דיכטער איז געווען — חיים נחמן ביאליק. ווי אַ שליח צבור, וועלכער וויס דעם ווילן פון זיינע שיקער, רופט ער אויס אין נאָמען פון זיין פאָלק:

מִי יִתֵּן לִי אֵבֶר וְעָפְתִּי אֶל אֶרֶץ
בָּהּ יָנֵץ הַשָּׁקֵד, הַתָּמָר!

(ווער וועט מיר געבן פליגלען, — און איך וועל פליען אין לאַנד, וואו עס בליט דער מאַנדלבוים און די פאַלמע).

דאָס פאָלק איז גרייט! זיין נשמה לעכצט צו אויסלייזונג. ווער וועט קומען און געבן פליגלען דעם פאָלק וואָס בענקט צו זיין פאָטערלאַנד? און ער איז געקומען: בנימין זאב הערצל. און גלייך זיינען אויסגעוואַקסן פליגלען ביים פאָלק, און המונים דורכגעדרונגענע מיט בענקעניש און ליבע צום לאַנד פון זייערע עלטערן האָבן זיך אויפגעהויבן אַקעגן דעם פרימאָרגן, וועלכער האָט גענומען אויפגיין אויף די בערג פון ציון.

אויסגאבן פון דער מחלקת „החלוץ" אין יידיש

יסודות

א סעריע פון גרונט־ביכער

ביז איצט דערשינען:

1. **די הסתדרות** —
זאמעלבוך, ערשטער באנד, רעדאקטירט פון צ. ראזענשטיין

2. **אויסגעוויילטע שריפטן פון א. ד. גארדאן** —
לויט דער רעדאקציע פון נ. תרדיון

3. **די געשיכטע פון דער יידישער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל** —
פון א. ביין

4. **די געשיכטע פון ציוניזם** —
פון ד״ר ברוך בן־יהודה

«פארן החלוץ»

ביז איצט דערשינען:

1. וואס איז אזוינס די הסתדרות? פון צ. ראזענשטיין
2. די צווייטע עליה פון ד. קלעי
3. די דריטע עליה פון י. רעזניטשענקא
4. די כנסת ישראל פון ד. בר־רב־האי
5. אין אנהויב (זאמלונג פון זכרונות און דערציילונגען פון ארץ־ישראלדיקן לעבן)
6. די ביל״ויים פון ש. בן־ציון
7. די ציוניסטישע קאנגרעסן פון ג. קרעסעל
8. ערד (זאמלונג פון דערציילונגען און בילדער)
9. דער נגב פון י. בראסלאווסקי
10. ישראל אין קאמף (זאמלונג פון שילדערונגען און רעפארטאזשן פון דער יידיש־אראבישער מלחמה)

«דפים למדריך בגולה»

ביז איצט דערשינען:

העפט א׳, חודש אייר: דעד ערשטער מאי — י. ח. ברענער — ל״ג בעומר.

העפט ב׳—ג׳, סיון—תמוז: חג השבועות — ט. הערצל — ח. נ. ביאליק

העפט ד׳, אב: תשעה באב — ב. קאצענעלסאן

העפט ה׳—ו׳, אלול—תשרי: עמק יזרעאל — ימים נוראים — חג הסוכות — ש. טשערניכאווסקי

העפט ז׳, חשון: באלפור־דעקלאראציע — צ. ה. קאלישער

העפט ח׳, כסלו: י. ל. פינסקער — חנוכה — די הסתדרות

העפט ט׳, טבת: אחד־העם — א. רופין

העפט י׳, שבט: י. ויתקין — א. ד. גורדון — ט״ו בשבט

העפט י״א—י״ב, אדר—ניסן: י. טרומפעלדאר — י״א אדר, — משה העס

העפט י״ג: ב. באראכאוו — ח. ארלאזאראוו